STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08160

IN SHTENDIKN GERANGL

L. Lasavin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

[illegible] 1977

ל. לאסאווין

אין שטענדיקן געראנגל

נאוועלע

פאַרלאַג „ניי לעבן"
רחוב אלנבי 85, תל־אביב, ישראל
תשכ"י — 1970

Copyright 1970 by L. Lasavin
900 — 6th. St. Miami Beach,
Fla. U. S. A.
Printed in Israel

נדפס בישראל

דפוס „אור" בע"מ
לבנדה 36 — טל. 36910
תל־אביב

L. LASAVIN

IN CONSTANT STRUGGLE

NOVEL

פונם זעלביקן מחבר :

„צו דער זון"

„אַ חתונה אויפן באַרג לבנון"

„אויסגעוואָרצלטע מענטשן"

אויף פּראָבע

פֿאַר אליעזר גרינוואַלדן איז יענער נאָכמיטיק, ווען ער איז געפֿאָרן אויף פּראָבע אין אַ שול אין האַרלעם, געבליבן איינגע־קריצט אין געדעכעניש. ער איז געווען אין דער בחינה פֿון אַ פֿויגל וואָס פּרוווט אויס דאָס ערשטע מאָל זײַנע פֿליגל. ס׳האָט אים, גרינוואַלדן, אי געשראָקן, אי ער איז געווען אַרומגעכאַפּט פֿון אַ וואַגנדיקן געפֿיל צו באַווייזן זיך און אַנדערע די אייגענע כוחות...

אַ צאָל יונגעלייט האָט פֿאַרענדיקט דעם פּעדאַגאָגישן קורס אין יידישן לערער־סעמינאַר און האָט געדאַרפֿט צעשיקט ווערן אין דער דעמאָלט אַלץ וואַקסנדיקער נעץ פֿון וועלטלעכע פֿאָלקס־שולן. ס׳איז דעמאָלט, צווישן ביידע וועלט־מלחמות, בכלל פֿאַר־געקומען אַ גייסטיקע תקומה ביים יידישן מיעוט דאָ אין לאַנד. מ׳האָט עס געמערקט אויף אַ סך געביטן, אָבער צום בולטסטן אינעם פּרעכטיקן פֿאַנאַנדערבלי פֿון יידיש־שעפֿערישן וואָרט אין אַלע זײַנע התגלותן. פֿון אַלע עטנישע גרופּן דאָ־הי האָט בלויז די יידישע באַוויזן אַזאַ אויפֿטו. ס׳האָט זיך בשעתו געדאַכט, אַז אויך די יידישע שול וועט האָבן דעם זעלביקן מזל. עס האָבן זי אַרומגערינגלט עדהס יידן, וועלכע האָבן איר אַוועקגעגעבן אַ סך מי און צײַט און גאָר אָפֿט זייער שווער־פֿאַרהאָרעוועטן פֿאַר־דינסט, און אַ יונגע לערערשאַפֿט, וואָס האָט איר קעגנגעטראָגן איר גלויבן און די שווערסטע קרבנות.

גרינוואַלד איז געזעסן אינעם „על״־וואַגאָן שטאַרק פֿאַרחושט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז נישט ער טראָגט זיך איבער דער דריטער עוועניו, פֿאַרביי גרויע און פֿינצטערע געביידעס און דע־כער, נייערט אין די ווייטע הויכן פֿון אַן אויסגעטרוימט לאַנד. אַפֿילו דאָס ביסל מענטשן אַרום אים האָט איצט אויסגעזען ניי

און פרעמדלענדיש און דאָך אַזוי משפּחהדיק־אייגן, באַזונדערס יענע, וועלכע האָבן אַריינגעקוקט אין צייטונגען מיט אותיות־מרובעות. און ווען אויף אַ סטאַנציע האָט זיך פּלוצים אַריינגע־ריסן אַ טומלדיקע כאַפּטע קליינוואַרג מיט ביכלעך אויפן וועג פון „סקול״ אַהיים, האָט דער יונגערמאַן זי באַגעגנט מיט אַן אינע־ווייניקסטן ציטער, גלייך ער וואָלט שוין געווען איר לערער און מדריך...

די קינדער האָבן אים, פאַרשטייט זיך נישט געמערקט. ער האָט חשק געהאַט צוצוגיין צו זיי און זיך פאַרשטעלן, אָבער ער האָט גלייך פאַרוואָרפן דעם געדאַנק, דער אַטעסטאַט אין בוזעם־קעשענע גיט אים נאָך נישט אַזאַ רעכט, האָט ער יוגנטלעך־נאַאיוו רעזאָנירט. ערשט ווען ער וועט דורכגיין די קלאַס־אַרבעט ביים עלטערן און מער דערפאַרענעם לערער, לאַזאָווסקי, ערשט דע־מאָלט — זיינע טונקל־בלויע אויגן האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ רויכל. די מעגלעכקייט פון אַ דורכפאַל האָט אים שטאַרק מצער געווען. ער וואָלט אויף ס׳ביי אויפגעהויבן קעגן זיךביידע משפּחות, זיינע און שושנהס בוידער, שוואָגערס, פעטערס, רייכע הויז־קאָנ־טראַקטאָרס און „ריעל־עסטייט״ לייט, וועלכע האָבן לכתחילה באַ־טראַכט זיין אויסגעקליבענע פּראָפעסיע מיט גרינגשעצונג, אויב נישט מיט חוזק, און זיי וועלן אים ווידער פּרווון אַריינציען אין זייערע געשעפטן און אַ סוף מאַכן ווי זיי רופן עס, פון זיינע „יינגל־שע פאַנטאַזיעס״...

סאָניאַ, זיין פרוי, איז געווען אויף דער צייט. זי, וואָס איז געווינט געווען צו אַ באַקוועם לעבן, הן ביים פאָטער, דעם פּאָד־ריאַטשיק אין מינסק, הן ביי די ברידער דאָ־הי, האָט שטילערהייט, געהאָפט, אַז דער פאַרחלומטער יונג מיטן צעכוואַליעטן קאָפּ האָר, צוליב וועמען זי האָט איבערגעריסן מיט איר בן־עיר, סאָלאָמאָן וואָלפסאָן, אַן איינגעאָרדנטער ציין־טעכניקער מיט אַן אייגענער לאַבאָראַטאָריע, וועט זיך לסוף באַזינען. ווען זי האָט אָבער איינ־געזען, אַז זי האָט דאָ צו טאָן מיט אַן אומהיילבאַרן עקשן, האָט זי זיך לפנים אונטערגעגעבן. די יונגע פרוי מיטן ווייכן שמייכל אויף די פולע ליפּן איז נישט געווען ווינציקער איינגעשפּאַרט ווי איר מאַן. זי האָט זיך, אונטער יענע אומשטענדן, נישט געקענט באַגנו־גענען מיט די קאַרגע פאַרדינסטן פון זיינע אָפּט זיך בייטנדיקע

טואונגעז, און זי האָט אָן זיין וויסן, „אויסגעבאַרגט" אויף חיונה ביי די אייגענע...

יענעם נאָכמיטיק, ווען גרינוואַלד האָט פאַרלאָזן דאָס אייגן דירהלע אין ברוקלין, האָט זי אים אַרויסבאַגלייט מיט האַרציקע ווונטשן און ברכות, נאָר בעת דאָס מויל האָט אַזוי שיין גערעדט, האָט דאָס איידל־אויסגעצערטע פּנים אויסגעדריקט אומגלויבן און ספקות. ווי אַ געטרייע און איבערגעגעבענע פרוי איז זי זיכער געווען, אַז אָט דאָס איבערגעוואַקסן ייִנגל איז נישט נאָר פּעאיק מדריך צו זיין אַנדערע, נאָר ער אַליין נויטיקט זיך נאָך אין אַ פּאַסיקער השגחה.

גרינוואַלד האָט עס באַמערקט און אים איז געגאַנגען אין אַמביציע איר צו דערווייזן דאָס פאַרקערטע. אָבער וואָס נאָענטער דער צוג איז געקומען צו זיין סטאַנציע, אַלץ שווערער איז געוואָרן זיין געמיט. ס׳איז געווען אַ דבר ידוע אין די לערערישע קרייזן, אַז לאַזאָווסקי וואַרפט אָפּט דורך לערער־קאַנדידאַטן ביי די פּראָבעס. איינער האָט נישט נושא חן געווען מיטן אויסזען, אַדער מיט זיין באַנעמונג, אַן אַנדערן האָט געפעלט אַ קלאָרע דיקציע, אַ דריטער איז געווען צו שטרענג, אַ פערטער...

לאַזאָווסקי אַליין האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט, לויט זיין איי־גענעם פאַרשריפט, דעם אידעאַלן טיפּ דערציער. ער איז געווען אָנגענעם אויפן בליק. זיין הויכער לומדישער שטערן האָט אים צוגעגעבן חשיבות, און די דורכדרינגעדיקע אויגן האָבן אי גע־גלעט, אי אַרויסגערופן דרך־ארץ. ער האָט געשמט פאַר אַן ערודיט און פאַר אַ מבין אויף מענטשן, אָבער נישט שטענדיק האָט זיך זיין קריטעריום באַרעכטיקט. ס׳האָבן זיך געפונען, דעמאָלט און אויך שפּעטער, לערער אָן די דערמאָנטע מעלות, אַפילו בעלי־מומים, וועלכע האָבן זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אין זייער אַרבעט און געוווּנען לויב און באַוווּנדערונג סיי ביים קליינוואַרג, סיי ביי די עלטערן. נאָר לאַזאָווסקי איז באַשטאַנען אויף זיינס, אַז בלויז אַ לערער, לפי דעתו, קען ווירקן און האָבן אַ פּעולה אין דער יידישער שול, מחמת אונדזער שול, האָט ער געטענהט, האָט נאָך נישט דעם אָרעאָל פון טראַדיציע. און אוודאי נישט דעם צוואַנג זי צו באַזוכן, און איר עיקר קיום איז אָפּהענגיק אין דער פּערזענ־לעכקייט פון איר מורה־דרך...

ווען גרינוואַלד האָט מיט אַ ציטערדיק האַרץ אָנגעקלאַפּט אין לאַזאָווסקיס טיר און קיינער האָט נישט געענטפערט, האָט ער אָפּגעוואַרט אַ רגע־צוויי און זי אַן עפן־געטאָן אויף אייגענעם באַראָט. ער האָט אַוועקגעלייגט זיינע אידענטיפיקאַציע־פּאַפּירן אויף יענעמס שרייב־טיש און זיך אַוועקגעזעצט.

לאַזאָווסקי איז געווען איצט פאַררייזט אין בבל. ער האָט געשילדערט פאַר זיין יונגער אוידיטאָריע דאָס יידישע לעבן צווישן די טייכן חידקל און פרת. ס'איז אָבער געווען אַ ספק, צי זיינע תלמידים הערן אים. דעם פרעמדנס אָנוועזנהייט האָט געשטערט. זיי האָבן אים נייגעריק באַטראַכט, אים געפאָרשט, געוואָלט דערגיין ווער דער סוביעקט איז און וואָס ער איז אויסן...

דער בעל־דרשן האָט פלוצים איבערגעריסן דעם שיעור און זיך פאַרקוקט אין די דאָקומענטן. ער האָט געלאָסן זיך געגלעט די הויכע זילבערנע שעוועליורע און אויפגעהויבן די בליקן צום גאַסט.

— און איר ווילט, הייסט עס, זיין אַ לערער ביי יידן, האַ? —

און ס'איז שווער געווען אויף דער רגע צו כאַפּן, צי מיינט ער, אַז דער יונגערמאַן איז נישט ראוי פאַר אַזאַ שליחות, אָדער ער באַ־דויערט זיין אויסוואַל...

— יאָ, אַזוי הייסט עס!... — האָט גרינוואַלד טראָציק געענט־פערט. אים האָט זיך ביטער געטראַכט: טאָמער פעלן אים צווייפלער און קאַלט־וואַסער־גיסער אין דער משפחה, איז איצט אים צוגעקומען נאָך איינער...

— און וואָס פאַרא קוואַליפיקאַציעס באַזיצט איר? — האָט דער עלטערער לערער געשטעלט אַ נייע קלאָץ־קשיא.

ס'האָט זיך גרינוואַלדן מיט אַמאָל דערמאָנט אין די שווערי־קייטן און אין די האַרבע התחייבותן, וועלכע מען דאַרף על פי הנהגה, דערציילן דעם גוי, וואָס וויל זיך אָנשליסן אין ברית אברהם אבינו, און ער האָט געוואָלט ענטפערן דעם „אינקוויזיטאָר" מיט אַ שאַרף וואָרט. ער האָט זיך אָבער באַרעכנט און געזאָגט:

— דאָס דאַרפט א י ר אויסגעפינען, חבר לאַזאָווסקי!...

לאַזאָווסקי האָט דיין געשמייכלט. — דעם יונגנמאַנס האַרבקייט, זיין אומדרך־ארץ פאַר אויטאָריטעט, איז אים גראָד געפעלן גע־וואָרן. ער האָט איצט ביי אים אויך געוואָלט אָנטאַפּן דעם גשמיות־דיקן דופק:

— פאַרוואָס זאָל א יונגערמאַן פון אייער גלייכן זיך נעמען פאַר אַזאַ אָרעמאַנסקער פּרנסה?

— באַרוף איז נישט קיין ענין פון פּרנסה!... — האָט זיך יענער אַזש באַליידיקט.

— באַ־רוף! — האָט לאַזאָווסקי אויסגערופן, צוהערנדיק זיך צום קלאַנג פון די צוויי זילבן, ווי אַ חזן צו זיין קאַמערטאָן — באַ־רוף?

— ווען די תלמידים האָבן דערזען, אַז זייער לערער האָט זיך אַריינגעלאָזט מיטן פרעמדן אין אַ שמועס, אַ זאַך, וואָס ער האָט זעלטן געטאָן בעתן לערנען, האָבן זיי אויך געלאָזט הערן זייער קול, און וואָס ווייטער, אַלץ העכער און טומלדיקער. לאַזאָווסקי האָט זיך פּלוצים אויפגעהויבן פון אָרט און געזאָגט צום „באָוואָ־בראַניעץ״:

— נעמט איבער, גרינוואַלד, איכל באַלד זיין צוריק! — און איז אַרויס פון שול־צימער, טראַכטנדיק דערביי, אדרבא, לאָמיר טאַקע זען, ווי ער וועט זיך איצט ספּראַווען מיטן קליינוואַרג. און ער האָט אויפן אָרט באַשלאָסן, אויב דעם יונג וועט נישט געלונגען איינצושטעלן אָרדענונג אין קלאַס וועט ער אים, נישט געקוקט אויף זיינע אַנדערע מעלות, צוריקווייזן. ער האָט זיך היפּשלעך געזאָמט, לאַזאָווסקי, און ווען ער האָט זיך ענדלעך צוריקגעקערט, האָט ער צו זיין איבעררעַשונג, דערשפּירט נאָך אין קאָרידאָר די אומגלויב־לעכע שטילקייט אויף יענער זייט טיר...

ער איז אַריין אויף די שפּיץ־פינגער און זיך אָוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל הינטער גרינוואַלדס רוקן. ער האָט פון דאָרטן באַ־טראַכט זיין חברה קליינוואַרג. זי האָט זיך אַ באַרואיקטע צוגע־הערט צום נייעם לערער. יענער האָט מיט אַ מעלאָדישער שטים אימפּראָוויזירט פאַר איר אַ מעשה, און איז, קאָנטיק, אַליין פאַרכאַפּט געוואָרן פון איר אינהאַלט. ווען די שעה האָט זיך פאַרענדיקט, האָט מען נאָך נישט געוווּסט איר סוף, האָט זיך ס׳רוב קונדסים פאַר־האַלטן אויף די ערטער און — געוואַרט...

גרינוואַלד האָט געוואָרפן אַ פאַרשולדיקטן בליק אויף זיין בעל־דעה, און דער לעצטער האָט מיט אַ ווונק מרמז געווען, ער זאָל וואָס גיכער מאַכן אַן עק פון דער מעשה...

די אַנדערע כיתה האָט שוין דער יונגער לערער אַליין אָנגע־

פירט. לאַזאָווסקי האָט פון זיין שרייב־טיש בלויז צוגעקוקט. פאַרן צעלאָזן דעם קלאַס, האָט ער זיך אַ ווײַלע געעסקט מיט די שריפט־לעכע אָנפראַגעס פון „פאָלקס אָרדן״, צו וועמען די שולן געהערן, און ער האָט דעם פאַרמאַכטן בויגן דערלאַנגט גרינוואַלדן.

דער יונג האָט אים מיט רוגזה אַרײַנגעשטופּט אין קעשענע און איז, אָן אַ „זײַ געזונט״ אַרויס פון טיר.

אויפן וועג אַהיים, האָט ער זיך געקליגט צו געפינען עפּעס אַ תירוץ פאַר זיין דורכפאַל און נישט געקענט. שוין גייענדיק אויף די טרעפּ האָט ער געעפנט דעם גורלדיקן דאָקומענט און איז געבליבן געפּלעפט. אויף אַלע אָנפראַגעס, האָט דער שטרענגער שופט געענטפערט אַפירמאַטיוו.

גרינוואַלד האָט איבערגעגעבן סאָניאַן דאָס פּאַפּיר, ווי מען גיט אַ שטייגער איבער אַ זעלטענע מתנה, וואָס נויטיקט זיך אין אַ מבין, און ביידע האָבן זיך צעשמייכלט. בעת ביים לערער איז עס געווען אַ שמייכל פון נצחון, האָט זיך ביי דער יונגער פרוי געמערקט אַ שאָטן פון אַנטוישונג...

דער ערשטער אַרויספּאָר

דער בין־השמשות האָט זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט אויף דער גרויסער שטאָט, געבראַכט פון ערגעץ דעם אָפּהילך פון שווערע משא־וועגן, דעם גערויש פון אַרומלויפנדיקע און פאַרשטיפּטע קינדער אין גאַס, וועלכע האָבן דערמאָנט מיט זייער פאַרנאַכטלעכער האַוועניש אין מחנות פייגעלעך ביי געדיכטעביימער, בעת זייער גרייטן זיך אויף נאַכטלעגער.

דער יונגער לערער אליעזר גרינוואַלד, איז געלעגן אין דער האַלב־טונקלקייט און זיך צוגעהערט. דאָס קינדיש ווערטל האָט אים, זינט ער געדענקט זיך, שטענדיק אינטריגירט און פאַרכאַפּט. ער האָט זיך אָפט אַרומגעטראָגן מיט פּלענער וועגן קינדער־קאָלאָניעס, ווו דאָס קליינוואַרג לערנט און אַרבעט אונטער דער השגחה פון לערער און דערציער און עס האָט אַ מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען די אייגענע נטיות און פעאיקייטן. ער איז געווען באַקאַנט מיט די אוטאָפּיסטישע לערעס פון טאָמאַס מאָר, שאַרל פוריע, סען־סימאָן און ראָבערט אוען, נאָר דעם שטאַרקסטן איינדרוק האָט אויף אים געמאַכט דער איטאַליענער קאַמפּאַנעלאַ מיט זיין ווערק „די שטאָט פון דער זון". אמת, ער האָט שוין דעמאָלט פאַרשטאַנען, אַז אָט די עקסטראַוואַגאַנטע אידייען לאָזן זיך נישט דורכפירן ביי די באַגרענעצטע מיטלען אין דער יידישער סביבה. ס'איז אים, לכל־הפחות, געווען אַנגענעם צו טראַכטן און טרוימען וועגן זיי.

גרינוואַלד איז באַשטימט געוואָרן צו זיין ערשטער לערער־שטעלע פון דעם „פּאַלקס־אָרדן", וועלכער האָט אָנגעפירט מיט אַ נעץ שולן אין ניו־יאָרק און איבערן לאַנד. זיין פרוי, סאָניאַ, איז נישט געווען צופרידן צו פאַרלאָזן די גרויסע שטאָט, ווו זי האָט געהאַט אַ פאַרצווייגטע משפּחה. דערצו האָט זי זיך יעדן טאָג גע־קליבן אין קימפּעט. און היות ווי ס'איז געווען איר ערשט קינד,

האָט זי זיך געשראָקן, אַז דער שינוי־מקום זאָל, חלילה, האָבן אַ שלעכטע ווירקונג אויפן דערוואַרטעטן עופהלע.

ס'איז דעמאָלט געווען אָנהויב אויגוסט און די שולן דערעפענען זיך, כידוע, נאָך „לייבאָר־דעי", איז די שרעק, פאַרשטייט זיך, גע־ווען אַן אומזיסטע. ס'איז אָבער געווען אַ נייגונג ביי דער יונגער פרוי אַלץ פאַראויסצוזען אין אַ טונקעלן ליכט. און האָט דער כאַראַק־טער־שטריך האָט אָפט גורם געווען צו אומאָנגענעמלעכקייטן און אַפילו צו עגמת־נפש.

נאָך לאַנג פאַרן געבורט פונעם קינד, האָט דער קינפּטיקער פּאָטער אויסגעאַרבעט פאַר דעם אַ מין „מאָדוס וויווענדי", און ווי דער סאַמע עיקר איז געווען די תקנה, נעמלעך, מען זאָל מיטן קומענדיקן נפשל רעדן נאָר און בלויז יידיש. און כדי עס צו פאַר־היטן, כאָטש אין די קנאָספּע־יאָרן, פון דרויסנדיקע איינפלוסן, האָט גרינוואַלד שוין באַצייטנס באַשלאָסן עס נישט צו שיקן אין אַלגע־מיינעם „קינדער־גאָרטן" (אויף יידיש איז נאָך אַזאַ לערן־אָרט דע־מאָלט נישט געווען בנמצא). ס'איז געלעגן אודאי אַ היפּש ביסל נאַאיוויטעט אין אַזאַ טראַכטן און פּלאַנירן. דער יונגערמאַן האָט, ווי אַ סך פון זיין גלייכן, געגלויבט בשעתו, אַז בלויז מיט אַזאַ הדרכה וועט דער יונגער יידישער דור אין אַמעריקע האָבן אַ תקומה.

— מוזן מיר זיך טאַקע פאַרקלייבן אין יענעם עק? — האָט סאָניאַ איבערגעריסן די שטילקייט. איר קול האָט געקלונגען מיט שטיקלעך פאַרדרוס. זי איז געזעסן לעבן אים אין אַ ווייכער און ברייטער שטול. איר אָנגעקוואָלן לייב אינעם ווייסן שטוב־קלייד האָט זיך געליכטיקט אין דער גרויקייט פון פאַרנאַכט.

— נאַרעלע, ווי ווייט איז עס דען פון ניו־יאָרק? — האָט גרינוואַלד יידישלעך צוריקגעפרעגט. — לערער פאָרן אין ווייטערע מקומות.

— אָבער ווי פאַרלאָזט מען עס אַ שטאָט מיט אייגענע? — האָט די יונגע פרוי נישט געקענט פאַרשטיין. — איכל דאָך דאָרטן אויסגיין פון אומעט.

מיט אַ קינד אויף די הענט און מיט מיר ביי דער זייט? — האָט ער געקושט אירע שפּיץ־פינגער. — ס'וועט גאָרנישט שאָטן צו לעבן אַ ביסעלע ווייטער פון די אייגענע. אדרבא, ס'וועט נאָך זיין פאַר אונדז אַ טובה. — האָט ער געקנעלט מיט איר אַ כזית

משפחה־סטראַטעגיע. — מיר זענען שוין ראוי צו שטיין אויף די אייגענע פיס.

— די פאַמיליע האָט אונדז בלויז גוטס געטאָן!... — האָט זי פּראָטעסטירט. טרערן האָבן זי געשטיקט. — ווען דו וואָלסט זיך נאָר צוגעהערט צו מיר.

גרינוואַלד האָט אָנגעהויבן צו פאַרלירן דאָס געדולד. אים האָבן נישט אינטערעסירט מענטשן — מעגן זיי זיין קרובים, אויב ער האָט נישט קיין געמיינזאַמעס מיט זיי. זייער הילף, ווי זייער דעה, האָבן אים דענערווירט און אַפילו באַליידיקט. דערצו איז שוין פאַר אים צייט געווען צו גיין אין פאַבריק. פאַר די לעצטע עטלעכע חדשים איז ער אַריבער אויף נאַכט־אַרבעט. מ׳האָט דאָרטן אויסגעפאַרטיקט אַ געוויסן שפּייז־פּראָדוקט פאַר דער אַרמיי, און אירע מאַשינען האָבן פונקציאָנירט דעם פולן מעת־לעת. ער האָט פאַרדינט מער, נאָר ער איז ס׳רוב געווען מיד און נישט אויסגעשלאָפן. ער האָט זיך, צוליב די נייע אומשטענדן, דערווייטערט פון זיינע פריינט, פון געזעלשאַפט, אַפילו זעלטן באַזוכט דעם קינאָ אויפן ראָג גאַס. ס׳איז געווען אַ שווער שטיקל צייט פאַרן יונגן בעל־חלום, וואָס איז נישט געווען געוווינט צו פיזישער אַרבעט. אים האָט אָבער געוואַרעמט די האָפענונג, אַז אין גיכן וועט זיך אַלץ ענדערן. ער האָט אָפט געהאַט ס׳געפיל, אַז ער געפינט זיך אין פּרוזדור פון אַ ווונדערלעכן היכל, און באַלד וועלן זיך די טירן אויפפּראַלן און אים פאַרבעטן אין זייער מיט.

— נישט געזאָרגט, סאָניאַ! — האָט ער זי געטרייסט. — ס׳וועט נאָך זיין גוט... ס׳וועט... — ער האָט נישט געענדיקט, און זיך שנעל אָפּגעטראָגן פון הויז.

אין מיטן אויגוסט האָט סאָניאַ געבוירן אַ מיידעלע. זי האָט עס אַ נאָמען געגעבן נאָך איר מוטער, לאה. ווען זי האָט זיך, מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, אומגעקערט אַהיים פון שפּיטאָל, האָט גרינוואַלד זי קוים דערקאַנט. ער האָט, צו זיין חידוש און צער, באַמערקט אַ שטאַרקן איבערבייט אין איר. זי איז געווען אַרומגענומען פון אַן אומפאַרשטענדלעכן פּחד און זאָרג פאַרן גורל פון איר ערשטלינג, גלייך עס וואָלט געקומען אויף דער וועלט, רחמנא־לצלן, מיט אַן אומהיילעוודיקן מום. ס׳איז געווען פּאַטעטיש צו זען, ווי זי פּלאַטערט אַרום דעם קינד און געפינט אַלע מאָל נייע חולאתן.

דער דאָקטאָר האָט גוטמוטיק געשמייכלט און זי געזוכט צו באַרו־
איקן. ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפן. זי איז געווען לגמרי פאַר־
שלונגען פונעם נייעם נפשל. קיינער האָט איר מער נישט אינטע־
רעסירט, אַפילו נישט דער מאַן. זיין אָנוועזנהייט איז גאָר אָפט
געווען פאַר איר אַ שטער, אַ לאַסט...

גרינוואַלד האָט מער נישט געהאַט קיין מנוחה. ער האָט געליטן
און געשוויגן. ער איז זיכער געווען, ס׳איז ביי איר אַ פאַרבייגייענ־
דיקער מיחוש, אַז אין דער נייער סביבה וועט זיך דאָס לעבן איינ־
שטעלן, און זי וועט צוריק געפינען איר רו און גלייכוואָג.

אין צוויי וואָכן אַרום האָט מען אים ענדלעך מודיע־געווען פון
„שול־צענטער״, ער זאָל צופאָרן צום באַשטימטן שטעטל, אַ שטונ־
דיקע רייזע מיט דער באַן, אויף אַ זיצונג מיט די דאָרטיקע שול־
טוער. ער האָט אַהין געדאַרפט אָנקומען אַכט אין אָוונט, אָבער
דער לערער האָט שוין מיט שעהן פריער אַרומגעשפּאַנט, אַן אומ־
רואיקער, אַ נערוועזער, איבער „גרענד־סענטראַל״. ער איז געווען
פול מיט דערוואַרטונג. אַ ניי קאַפּיטל האַלט זיך אין אויפמישן
פאַר אים, און ס׳פינקלט שוין באַצייטנס מיט פריידיקע צוזאָגן און
הבטחות...

ער האָט איינגעשטיגן אינעם כמעט ליידיקן וואַגאָן, און ערשט
אַצינד דערשפירט די גאַנצע מידקייט פון טאָג. דאָס ריטמישע קלאַפּן
פון די רעדער האָט אים איינגעוויגט, און אינעם האַלב־דרעמלדיקן
צושטאַנד האָבן זיך פאַר אים, ווי ס׳טרעפט אָפט, געגומען מיט
אַמאָל שפּינען, ווי אויף אַ קאַנווע, שטיקלעך זכרונות פון זיין
היים אין דער ווייטער אוקראַינע, פון חדר, שול און הויכשול, פון
זיין הייראַט מיט סאָניאַן און פונעם איידלמוטיקן און פריינדלעכן,
אורי לעווינאָוו מיטן בלייכן, סענסיטיוון פּנים, וואָס פירט אָן מיטן
דערציערישן אַפּטייל פון „פאָלקס־אָרדן״, און אויף וועמענס אויפ־
טראַג ער מאַכט אַצינד זיין קליינע נסיעה. ער האָט געהאַט נאָך
פריער געהערט און געלייענט וועגן אים, אָבער ערשט פון זיינע
באַזוכן ביי יענעם אין אָפיס, שעהן אָפּגעשפּאָרטע פון זיין רו־צייט,
האָט ער זיך מיט אים נענטער באַקענט און אים ליב באַקומען.

אויפן וואָקזאַל האָבן אים אָפּגעוואַרט אַ פּאָר שול־מענטשן.
זיי האָבן זיך שטאַרק דערפרייט מיט אים, גלייך זיי וואָלטן באַ־
געגנט אַ לייבלעכן קרוב פון אַ ווייט לאַנד. זיי האָבן אים באַזעצט

אין זייער אויסגעפּאָרענעם אויטאָ און אים אַוועקגעפירט אין שול־לאָקאַל, ווו ס׳איז געווען פאַרקליבן אַ גרויסער עולם. ס׳האָט זיך געדוכט, דאָס גאַנצע שטעטל יידן איז אים געקומען מקבל־פּנים זיין. פון אַלע זייטן האָבן זיך געשטרעקט הענט צו אים מיט ביי־געריקע בליקן און וואַרעמע אויסרופן, און ווען מען האָט אים שפּע־טער פאָרגעשטעלט, ווי ס׳פירט זיך, פאַר דער עדה יידן, איז דער יונגערמאַן בלייך געוואָרן. די קני האָבן אים גענומען ציטערן און ס׳האַרץ האָט זיך נישט געוואָלט איינשטילן. ער האָט נאָך דעמאָלט נישט געוווסט, אַז אויך עפנטלעכע אַרויסטריטן געהערן צו זיינע לערערישע התחייבותן. ער קען זיך נישט דערמאָנען, וואָס אַזוינס ער האָט דעמאָלט געזאָגט, נאָר ס׳איז אים געבליבן אין געדעכע־ניש דער שטילער טרויער, וואָס האָט באַגלייט זיינע ווערטער, און ס׳האָט אים איינצייטיק געמאַטערט דער אומהיימלעכער געדאַנק, אַז זיין גאַנצע לערערישע קאַריערע איז אָפּהענגיק אין דער דעה פון אָט די מענטשן...

גרינוואַלד האָט, נישט געקוקט אויף זיין שרעק און אָראַטאָ־רישער אומגעניטקייט, זיך שטאַרק פאַררעדט און האָט, משמעות, אויסגעלייגט פאַר זיין שטעטלשער אוידיטאָריע זיין פולן לערן־פּראָגראַם. מען האָט דעם יונגנמאַן באַטראַכט מיט גרויס חידוש און שטוינונג, ווי ער וואָלט אַראָפּגעקומען פון אַן אַנדער פּלאַנעט. ס׳איז די לייט, הפּנים געווען פרעמד און אומפאַרשטענדלעך די הויכע געפליגלטע רייד, און זייערע אויערן זענען געבליבן טויב צו זיינע, פון ביכער אַרויסגעלייענטע טעאָריעס. דער עולם איז זיך צו ביסלעך צעגאַנגען און איבערגעלאָזן דעם ניו־יאָרקער גאַסט אין די הענט פון די געציילטע שול־טוער.

דער יונגער לערער האָט געדולדיק געוואַרט. ער האָט געוואָלט אַרויסדרינגען פון זייער באַנעמונג, פונעם פּנים־אויסדרוק, פון די זייטיקע רייד מיט אים, ווי ער האַלט מיט זיי, און נישט געקענט. ס׳איז שוין געווען, לויט די שטעטלשע באַגריפן, גאַנץ שפּעטלעך, ווען מען האָט גענומען רעדן מיט אים תכלית. ס׳האָט זיך גיך אַרויסגעשטעלט, אַז זיינע „פּיתום ורעמססדיקע״ פּלענער, ווי אייבער האָט זיך אויסגעדריקט, זענען גאָר אַ מעלה.

— ער זאָל אַפילו אויספירן אַ דריטל פון זיי, — האָט יענער

לייכטמוטיק געשמייכלט — וועט נאָך אַלץ בלייבן געגוג וואָס צו טאָן אין און אַרום דער שול.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט זיך גרינוואַלד אומגעקערט צו דער באַן־סטאַנציע. די גאַנצע פּלאַטפאָרמע איז געווען פאַרגאָסן פון אַ בלוילעכער פאָספאָר־ליכט. איבער אים, אין די ווייטע אויסגעלייטערטע הייכן, האָט זיך קוים באַוויגן אַ פולע לבֿנה. ער האָט אַרויפגעקוקט צו איר מיט אינערלעכער אויפרעגונג און אַנטציקונג, גלייך ער וואָלט זי קיינמאָל נישט געזען אַזאַ בלענדיק־צאַרטע און בלייכע. זי האָט אַצינד דערמאָנט אין אַ יונגער כּלה אין דער נאַכט פון איר חופּה, פאַרפּוצט אין איר ווייס־זיידן טיולן־קלייד און לופטיק־דורכזיכטיקן שלייער. און אים האָט זיך געדאַכט, אַז איר צנועהדיק־געצוימטע פרייד גיסט זיך האַרמאָניש צונויף מיט דער וווּנדערלעכער שטילקייט, וואָס הויערט איבער שטעטל. ער האָט זיך אַן אויסגעשעפּטער אַראָפּגעלאָזט אויף אַ באַנק און געהאַט דאָס מערקווירדיקע געפיל, אַז דאָס האָט זיין פריינד, אורי לעווינאָוו, אַרויסגעפירט פאַר אים די לבֿנה צו באַלויכטן זיין נייעם וועג...

אין אַ שטעטעלע אין יו. עס. עי.

פון „מעין־סטריט" זענען זיך צעלאָפן גאַסן און געסלעך, ווי ריטשקעלעך, באַרג־אַראָפּ. איינע האָט דערגרייכט „עפּל־בלאָסאָם". פאַרוואָס גראָד די גאַס האָט זוכה־געווען צו אַזאַ געהויבענעם נאָמען, איז שווער צו באַשטימען, וואָרום נישט נאָר איז דאָרטן נישט געווען קיין סימן פון אַ קווייט, נאָר דער איינציקער בוים אויפן ראָג, האָט אַפילו געהאַט אין מיטן זומער, ווינציק בלעטער. ער האָט שוין געדאַרפט זיין זייער אַלט, דער בוים, מחמת זיינע אַרויסגעסטאַרטשעטע, קנאָכיקע וואָרצלען האָבן זיך געצויגן אָפּגעדעקטע ביי זיין שטאַם און האָבן דערמאָנט אין געשוואָלענע פוס־אָדערן ביי רעוומאַטיש־קראַנקע...

נישט ווייט פונעם זקן־בוים האָט זיך געהויבן אַ צוויי־שטאָקיק ציגעלנע הויז און האָט מיט גרויסע שויבן־אויגן אַריינגעקוקט אין דער שטילער, אומעטיקער גאַס אַריין, ווי עס וואָלט געזוכט כאָטש אַ בליק פון אַ פאַרבייגייער. ס׳האָט צומאָל געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן עלנטן און פאַרקוקטן מענטשן, און נאָך אָפּטער, ווי אומגלויבלעך ס׳זאָל נישט קלינגען, אין אַ צאָרנדיק־באַטריבטער פרוי, וועמעס שאַרפע גלוסטן און פאַרלאַנגען זענען געבליבן אומבאַפרידיקט...

איין טאָג האָט זיך פאַר דער טיר אָפּגעשטעלט אַ טאַקסי, און פון דאָרטן איז אַרויס אַ יונג פּאָרפאָלק. ער האָט, מיט דער הילף פונעם שאָפער, אַריינגעבראַכט דעם באַגאַזש, און זי — דאָס איינגעשלאָפן צוויי־וואָכיק עופהלע. די באַלעבאָסטע, מרס. שטערן, האָט זיי גערן אויפגענומען און זיי געוויזן די צוגעגרייטע מעבלירטע צימערן אויפן צווייטן שטאָק. זי האָט שוין געטראָפן דעם יונגנמאַן אויף זיין ערשטן באַזוך אין שטעטל און האָט, פאַרשטייט זיך, געוווסט, אַז ער איז דער נייער לערער, אליעזר גרינוואַלד, פאַר וועמען די

שול־טוער האָבן באַזאָרגט ביי איר אַ דערוויילִיקע דירה, ביז ער וועט געפינען אַן אַנדערע, לויט זיין אייגענעם געשמאַק.

ס׳האָט גענומען אַ היפּשע צייט ביז די גרינוואַלדס האָבן אויס־געפּאַקט זייערע וואַליזעס, און איינגעשטעלט כאָטש אַ מינימום אָרדענונג אין די לאַנג נישט באַוווינטע חדרים. און בעת־מעשה האָט אונטן דער טעלעפאָן, מיט קליינע הפסקות, נישט אויפגעהערט צו קלינגען. און פון די שטיקלעך און ברעקלעך אויפגעכאַפּטע ווער־טער איז קלאָר געוואָרן, אַז דער מדובר ביי אַלעמען איז געווען וועגן די ערשט־געקומענע. ס׳איז אין די רייד נישט געווען קיין שמץ פון לשון הרע, אדרבא, נאָר ביים פּאָרל איז געבליבן אַ פּריק־רער נאָך־טעם...

— האָסט עס נייטיק געדאַרפט האָבן, האַ? — האָט די יונגע פרוי געזאָגט מיט פאָרוואורף. — יעדע קלייניקייט ביי אונדז וועט גלייך צעפּויקט ווערן איבערן גאַנצן שטעטל.

— דאַרף מען טאָקע זיין פאָרזיכטיק, סאָניאַ, — האָט גרינוואַלד געענטפערט, און איז באַלד פאַרטאָן געוואָרן אין לערערישע מחש־בות: עס זענען געבליבן געציילטע טעג ביז דער שול־דערעפנונג, מען וועט זיך דאַרפן דורכשמועסן מיט די טוער וועגן געוויסע אויס־בעסערונגען אין שול־צימער. מעיין־זיין די טעקסט־ביכלעך און זיך צוגרייטן פאַר די ערשטע לעקציעס.

ביים אָוונט־מאָלצייט, וואָס מ׳האָט געגעסן ביים זעלביקן טיש מיט די באַלעבאַטים, האָט זיך דער לערער נעענטער באַקאָנט מיט די שטערנס און מיט זייערע צוויי קינדער, דעם זיבן־יאָריקן יודזשין, און מיט דער אַ ביסל עלטערער, מאַלי. זיי זענען געזעסן פון ביידע זייטן פונעם פאָטער און זיך שטיל צוגעהערט צום שמועס.

סעם שטערן, אַ דאַר־אויסגעטריקנט מענטשל מיט ליכטיק־בלויע, שטיפערישע אויגן, האָט געכאַפּט דעם אָנבליק פון אַ ייִנגל, וואָס איז אויף שפּאַס אַריין אין טאַטנס הויזן און איז אין זיי שוין פאַרבליבן. ער האָט געהאַלטן אַ פליישׂ־געשעפט אין אַ גויאישער געגנט, בשותפות מיט זיין עלטערן ברודער. ער האָט אָבער געוויכט פון האַק און מעסער. און, אגב, קיינמאָל נישט טועם־געווען פון אַ פליישיקן מאכל. זיין עיקר עובדה איז געווען אין צעפירן די באַשטעלונגען אין די רעסטאָראַנען און צו רייניקן דעם אַרבעטס־קלאָץ, ווי דעם שאָפּ בכלל.

די באַלעבאָסטע, איוואַ שטערן, האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם היפוך פון מאַן. זי איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער פון אים. אויף אירע באַקן האָט געשפּילט אַ פּראָסטיק־רויטלעכע פאַרב, גלייך זי וואָלט ערשט אַריין אין הויז פון אַ קאַלט־ווינטערדיקן דרויסן. און ווען נישט דער אומרואיק־זוכנדיקער בליק און די שטאָטישע בגדים, וואָלט מען זי געקאָנט אָננעמען פאַר אַן אוקראַינער דאָרף־שיקסל...

זי האָט מיט אַ חוזק־שמייכעלע אויסגעשטעלט פאַרן מאַן דעם גאַנצן מאַלצייט אויפן טיש: גרינצייג, פּרוכט און מילכיקע שפּייזן, און יענער האָט מיט פּעדאַנטישער רעגלמעסיקייט פאַרזוכט פון יעדן טעלער, לויט דער ריי, ביז ער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן עסן.

מ׳האָט נישט געדאַרפט זיין קיין געוואַלדיקער בר־דעת אייננ־צוזען, אַז קיין גרויס שלום־בית הערשט נישט אין אָט דעם הויז. די מרס. שטערן האָט עטוואָס געהונקען, און זי האָט אָפּט אַרויפגע־לייגט די שטוביקע פּליכטן אויפן בלאָס־בלאָנדן טעכטערל, וועלכע האָט געירשנט איר אומהיימלעכן געמיט.

— מלכהלע, — האָט זיך דער לערער פּלוצים געווענדט צום מיידעלע — אין וועלכן קלאַס גייסטו אין דער יידישער שול?

— אין צווייטן — האָט דאָס קינד קורץ אָפּגעהאַקט און זיך מאָדנע אָנגעבלאָזן.

— קיינער רופט דיך נישט ביי דיין יידישן נאָמען? — האָט זיך גרינוואַלד גלייך אָנגעשטויסן אויף איר אומצופרידנקייט.

— ניין...

— מאָלט אייך, רופן, רופט מען זי יאַ, נאָר געפעלן, געפעלט עס איר נישט. — האָט דער פאָטער זיך געפילט שולדיק פאַר זיין טעכטערל, — און אָט דער, — האָט ער אָנגעוויזן אויפן ייִנגערן, — הייסט ביי אונדז נאָכן גרויסן דעבס. — עס איז נישט געווען קיין באַרימעריי. ער האָט בלויז געוואָלט פאַרהיטן דעם לערער פון אַ נייער פאַרלעגנהייט. און ווי ער וואָלט וועלן אַראָפּוואַרפן פון זיך אַ צווייטן חטא, האָט ער גלייך צוגעגעבן: — מיר רעדן מיט די קינדער יידיש, נאָר זיי ענטפערן, ליידער, אויף דער לאַנד־שפּראַך.

ווי יונג און אומגעניט גרינוואַלד איז געווען, האָט ער פאַר־

שטאַנען, אַז מיט מוסר־זאָגן וועט ער קנאַפּ אויפטאָן, און ער האָט שטיל באַמערקט:

— נו, עס זענען ביי אונדז געווען אַפילו אמוראים, וועלכע האָבן געטראָגן נישט־יידישע נעמען, — האָט ער נאָכגעגעבן, לפי דעתו, דאָס מינדערוויכטיקע, כדי צו באַשטיין אויפן מער וואָגיקן, — וואָס ס׳איז שייך, אָבער, שפּראַך, איז מיט אַ ביסל עקשנות קאָן מען עס, גלויב איך, דערגרייכן.

— מיר האַלטן נישט פון צוואַנג! — האָט זיך אַריינגעמישט מרס. שטערן — זי האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן לערערס פרוי און באַמערקט ביי יענער ווייבערישע איינשטימיקייט. איבעריקנס, איז סאָניאַ נישט שטאַרק אָנגעגאַנגען דער גאַנצער ענין, און זי האָט באַלד אַרויפגעאיילט צו איר קינד אין שלאָפצימער.

— צוואַנג איז נישט אַלע מאָל שעדלעך! — האָט גרינוואַלד געזאָגט מיט יוגנטלעכער זיכערקייט. — אַ סימן האָט איר, דער היגער שול־סיסטעם איז אָוועקגעשטעלט אויף אָט דעם פּרינציפּ. איך האָב באמת אין זינען עפּעס אַנדערש, נעמלעך, קינדער נעמען איבער ביי עלטערן אַ סך געוווינהייטן. אַפילו די געוווינהייט צו רעדן יידיש! — האָט ער מוסיף געווען מיט אַ לייכטער איראָניע...

דער ערשטער טאָג אין שול האָט מער געדינט פּאַר קענענזיי־טיקער באַקאַנטשאַפט. די 50 תלמידים, איינגעטיילט אין פיר קלאַסן, האָבן אַרויסגעוויזן, ווי געוויינלעך קונדסים, ווען זיי באַגעגענען אַ נייעם מענטשן, בפרט אַ לערער, אַן אומנאַטירלעכע באַנעמונג. ווער ס׳האָט זיך געזוכט אויסצופּיינען, און ווער ס׳איז געווען אײַ־בערטריבן שקאַציש. טייל האָט באַטראַכט מיט גרויס נייגער דעם נייעם סוביעקט, און אַנדערע האָבן זיך אינגאַנצן נישט אומגעקוקט אויף אים. די צוויי שטערן־קינדער, הגם אין באַזונדערע קלאַסן, האָבן זיך געהאַלטן, ווי אָפּגערעדט, היימיש־פאַמיליאַר מיטן לערער שוין אַ ביסעלע צו פאַמיליאַר און צו היימיש. און גרינוואַלד האָט באַשלאָסן ביי זיך, אַז די בעסטע תרופה דערצו איז צו בייטן די דירה...

אין אָוונט האָט זיך צו די שטערנס פאַרקליבן אַ צאָל שול־טוער מיטן פאָרזיצער, בען טשערנאָוו בראש. געוויר צו ווערן ווי ס׳איז צוגעגאַנגען דעם נייעם לערער דאָס לערנען. טשערנאָוו איז געווען אַ הויכער מאַנצביל אין די אָנהייב פערציקער, מיט אַן

איידעלן אויסזען און רואיקער האַלטונג. ער האָט געהאַט אַ מעבל־געשעפט אויף „מעין־סטריט״. און כאָטש ער איז געווען פאַררעכנט פאַר אַ גביר, האָט ער געפירט אַ שטיל און באַשיידן פאַמיליע־לעבן.

זיין פרוי ליזאַ און איוואַ שטערן האָבן מיידלווייז געאַרבעט אינעם זעלביקן שניידער־שאָפּ און ווי דער לערער האָט זיך שפּע־טער דערוווּסט, זענען ביידע געווען פאַרליבּט אינעם שלאַנקן יונגנ־מאַן. דער לעצטער איז נאָך דעמאָלט געווען אַ פאַבריק־אַרבעטער און ווי ס׳רוב אימיגראַנטן, געהערט צום „פאָלקס־אָרדן״, וועלכער האָט אויך דאַ־הי געהאַט זיינע צווייגן. איוואַ האָט נאָך פאַר דער חברטעס חתונה געוואָלט עוקר־זיין פון שטעטל און נישט געקענט. זי איז געווען צו נידערגעשלאָגן און צעבראָכן און געזען אין איר מ ו ם די הויפּט־סיבה פון איר צעשטערטן גליק. זי האָט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן און בענקען נאָך יענעם. אַלע האָבן עס געוווּסט, און מער פון אַלעמען, איר אייגענער מאַן...

צווישן די פאַרוואַלטער האָט זיך אויך געפונען טשאַרלי ספּעק (פאַרקירצט פון ספּעקטאָר), אַן אַלטער בחור מיטן אָנבליק פון אַ ציגיינער. זיינע שטאַרק־שוואַרצע אויגן האָבן געהאַט אַן אומ־היימלעכן אויסדרוק, און די שוואַרצע „פּאַעטישע״ קודלעס האָבן אויסגעזען ווי פאַרבלאָנדזשעטע אויף זיין גרויסן קאָפּ. הגם ער איז געווען אַן אָפּטער אַריינגייער ביי די שול־טוער, האָט קיינער נישט געוווּסט באַשטימט פון וואָס ער ציט חיונה. דער דאָזיקער גראָטעס־קער יונג איז געווען איבערגעגעבן בלב־ונפש דער שול. ער פלעגט קומען יעדן טאָג, פאַרן לערנען, און ברענגען דאָס צימער אין אָרדענונג. די שול האָט ביי אים פאַרנומען דאָס אָרט פון היים, פון משפּחה. ער האָט אַרויפגעקוקט מיט יראת־הכבוד צום לערער, ווי אַ פרומער ייד צום רבי. ס׳איז געווען אַ ביסל קאָמיש צו זען, ווי ער כאַפּט זיך אויף פון אָרט ביים לערערס אַריינקום. די עסקנים האָבן גוטמוטיק געשמייכלט, אָבער זיין תמימות האָט גערירט, און ווען מען האָט פאַרהאַנדלט אַ שול־ענין, האָט מען זיך גערעכנט ערנסט מיט זיין מיינונג.

— נו, ווי איז עס עפּעס היינט צוגעגאַנגען? — האָט דער פאָרזיצער געפרעגט גרינוואַלדן.

— וועדליק דעם ערשטן טאָג. — האָט זיך דער לערער אַרויס־

געדרייט פון אַ דירעקטן ענטפער. ער האָט איבערגעגעבן אַ צעטל מיט נעמען פון נייע פּראָספּעקטן, וואָס ער האָט צונויפגעקליבן צווישן זיינע תּלמידים, און האָט אָנגעוויזן אויף אַ צאָל קליינוואַרג, פאַר וועמען מ׳וואָלט געדאַרפט שאַפן אַ „קינדער־גאָרטן״, אַן ענין, איבער וועלכן מ׳האָט זיך דעמאָלט אַ סך געחקירהט אין די חינוך־קרייזן. ער האָט אויך גערעדט וועגן דערנענטערן די עלטערן צו דער שול־אַרבעט און וועגן ענלעכע פּראָיעקטן, און הגם די מענטשן האָבן עס שוין געהערט אַ סך מאָל פון אַנדערע לערער, האָבן אָבער גרינוואַלדס יוגנטלעכע התעוררות און טיפער ערנסט געלאָזן אויף זיי אַ שטאַרקן רושם...

די באַלעבאָסטע האָט געשטעלט כּיבוד און באַלד איז דער שמועס אַריבער אויף לייכטערע רעלסן. מען האָט געזען באַשיימפּערלעך, אַז די פריינדשאַפט פון אָט דער מסיבה איז נישט קיין געקינצלטע, נאָר אַן אויפריכטיקע און ערלעכע. און ס׳איז אָן ספק אַ פּועל־יוצא פון בשותּפותדיקע שול־אינטערעסן. און ווען די לייט האָבן זיך פלוצים צעזונגען: „מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד״, האָט גרינוואַלד האַרציק מיטגעזונגען...

צו דער מרס שטערן פלעגט אָפט אַריינקומען, אין די נאָכמיטיקן, אירע אַ ווייטע קרובה, אַן אלמנה, מיטן נאָמען בערטאַ שטאָק. די קינדער זענען אין יענע שעהן געווען אין „סקול״, און דעם לערערס פרוי, פאַרהאַוועט מיט לאהלען אין איר דירה. בערטאַ האָט געהאַט אַ געוויסע־הייט אַראָפּצושרייבן לידער און מעשיות פון די יידישע צייטונגען, זיי אַ ביסל ענדערן און זיי אָנגעבן ווי אייגענע. ס׳איז געווען ביי איר אַ מין מיטל צו פאַראינטערעסירן מענטשן אין זיך. איר האָט נישט געאַרט, אויב מ׳האָט זי געכאַפּט אויפן פּלאַגיאַט. זי האָט געלעבט אויף אַ קליינעם איינקונפט, וואָס דער מאַן האָט איר געלאָזט, און האָט געהאַט אַ סך צייט פאַר אירע „שרייבערייען״. — פאַרוואָס זאָלסטו נישט פאַרלייענען אָט די סחורה פאַר טשאַרלי ספּעקן? — האָט איוואַ זי איינמאָל געפרעגט מיט אַ פינטל פון אויג...

די קרובה אין די שפּעטע דרייסיקער, וועלכע איז, אגב, געווען שטאַרק ענלעך אויפן יונג, האָט עס שוין לאַנג געפּרוווט. זי האָט שטיל אַ זיפץ געטאָן:

—ער האָט טויבע אויערן פאַר אַזוינע זאַכן...

איוואַ האָט גלייך דערשנאַפּט, אַז איר באַרעדעוודיקע קרובה פאַרשווייגט עפּעס פון איר. זי האָט מער נישט איבערגעפרעגט. ווער איז נאָך מער געווען מסוגל יענער מיטצופילן אין אַזאַ דעלי־קאַטן ענין, ווי זי, איוואַ אַליין? און די יונגע פרוי האָט זיך אונ־טערגענומען צו פאַרשדכנען די אלמנה פאַר ספּעקטן, און ווען זי האָט זיך איבערצייגט, אַז אַלע ווייבערשע פאָרטעלן ווירקן נישט אויפן בחור, האָט זי גענומען צורעדן בערטאַן, זי זאָל זוכן הילף ביי גרינוואַלדן, וואָרום דער יונג האָט גרויס אָפּשיי פאַרן לערער.

איין טאָג איז בערטאַ שטאָק אַרויף אין שול אַ פּאָר שעה פאַרן לערנען. זי איז געווען זיכער, אַז אין אָט דער צייט וועט איר קיינער נישט שטערן. זי האָט געבראַכט איר פּאָרטפעל מיט די פאַרשריבענע העפטן ווי אַן אויסרייד, און אַזוי ביסלעכווייז צוקומען צו איר דילעמא.

— אין אַ קליין שטעטל! — האָט זי אָנגעהויבן — איז אַפילו נישטאָ מיט וועמען זיך צו באַראַטן וועגן...

דער יונגערמאַן האָט זי געבעטן זיצן. ער איז שוין געווען גע־ווינט מ׳זאָל זיך ווענדן צו אים אויך וועגן נישט־לערערישע עסקים. בערטאַ, דערמוטיקט פון זיין פריינדלעכקייט, האָט זיך צוגערוקט נעענטער און אים געוויזן אירע „כתבים״ און נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן זיי, ווי זי וואָלט זיך לחלוטין פאַרגעסן וועגן דעם צוועק פון איר באַזוך. ס׳האָט, משמעות, פאָרט געשטעקט ערגעץ אין איר אַ גלגול פון אַ שרייבער...

גרינוואַלד האָט זיך פאַרטיפט אין די געשריפטן, און וואָס ווייטער ער האָט געלייענט, אַלץ זיכערער איז ער געוואָרן, אַז ער ווערט גענאַרט, אַז ער האָט שוין ערגעץ־ווו געטראָפן די מעשיות. ער האָט זיך געדאַרפט שטאַרק באַהערשן, נישט צו ווייזן איר די טיר.

בערטאַ האָט באַמערקט דעם לערערס צערודערונג. זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דער שטול און גענומען נערוועז אַרומשפּאַנען איבערן צימער און ווי אַ שול־מיידל געוואַרט אויף איר פאַרדיקטער שטראָף. פּלוצים האָבן זיך אין קאָרידאָר דערהערט באַקאַנטע טריט. בערטאַ האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן און האָט זיך אָוועקגעיאָגט צוריק צו איר אָרט, און האָט, אין צעטומלעניש, זיך אַראָפּגעלאָזן

אויף — גרינוואַלדס קני, און אָנשטאָט זיך גלייך אויפצוהייבן, איז די אומגעלומפּערטע מויד געבליבן ווייטער זיצן...

אינעם אַרייגאַנג איז געשטאַנען ספק מיטן בעזים אין דער האַנט. ער איז געקומען, ווי אַלע טאָג, אויפרוימען די שול, און איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן אויף דער סאַמע שוועל. ער האָט אַצינד געכאַפּט דעם אָנבליק פון אַ הילצערנעם אינדיאַנער ביי די אַמאָ־ליקע ציגאַר־קראָמען. בלויז די גרויסע, אויפגעריסענע ציגיינער־אויגן, געווענדט גלייך און דירעקט אויפן לערער, האָבן אויסגע־דריקט שרעק, אַנטוישונג, און אוממענטשלעכע פאַרצווייפלונג, ווי מען וואָלט צעשטערט דאָס סאַמע טייערסטע אין זיין לעבן.

ער האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעריסן פון אָרט, און איז מיטן גאַנג פון אַן אָבל אַרויס פון דער טיר. גרינוואַלד האָט געשפּירט מיט אַלע חושים, אַז דער היינטיקער אינצידענט וועט אים קיין גוטס נישט ברענגען...

דער משפט

טשאַרלי ספּעקן איז נישט געווען צו דערקענען. ער האָט זיך אומגעטראָגן, ווי אַ נישט־גוטער איבערן שטעטל און געזייט אומצוטרוי און שנאה צום לערער ביי די מיטגלידער פון „פאָלקס־אָרדן", צו וועמען די שול האָט געהערט, און אוודאי ביי די שול־טוער.

גרינוואַלד האָט עס דערשפּירט, נאָך דעם זעלביקן אָוונט ביי זיין צוריקקער פון שול, אין דער באַלעבאָסטעס ענטפער אויף זיין „גוט אָוונט". ער איז אַ מידער, אַן אויסגעשעפּטער אַרויף צו זיך אין דער וווינונג און געטראָפן סאָניאַן זיצן ביים בעטעלע פונעם איינגעשלאָפענעם קינד. די יונגע פרוי, אַ שטאַרק געביטענע, ווי שוין דערמאָנט, זייט לאַהלעס געבורט, איז געווען אינגאַנצן פאַר־שלונגען מיטן עופהלעס ווילזיין, און האָט בכן, מיט קיינעם נישט געהאַט קיין מגע־ומשא, אַפילו נישט מיטן מאַן, האָט איצט פלוצים אויפגעהויבן אויף אים אירע ברוינלעכע אויגן און פאַרחידושט געפרעגט:

— וואָס רעדט מען עפּעס אויף דיר אין שטעטל האַ? — און ס'איז שווער געווען אויף דער רגע צו באַשטימען, צי פשוטער נייגער האָט זי ענדלעך אַרויסגעריסן פון איר איזאָלירטקייט, צי אַ פונקעלע אייפערזוכט.

— און אַז מען רעדט איז וואָס? — איז גרינוואַלד געווען צערייצט. ער האָט זיך נישט געקענט פאַרשטעלן, אַז צוליב אַזאַ... אַזאַ... שטות זאָל ווערן אַ בהלה. אוודאי וואָלט די נאַרישע מויד, בערטאַ שטאָק, עס געקענט גרינג אויפקלערן, נאָר זי האָט מאָדנע און עקשנותדיק געשוויגן. זי איז מיט איר אומגעלומפּערטער האַנד־לונג, געבאָרגט מסתמא פון קינאָ־פילמס, נישט אַזוי אויסן געווען צו שעדיקן גרינוואַלדן, ווי אויפצוּוועקן אַ ביסעלע אינטערעס צו זיך

מצד דעם מגושמדיקן ספעקן, און היות ווי ס׳איז איר נישט גע־לונגען, האָט זי געהאַט אַ משונהדיקע הנאה, וואָס מען דערמאָנט כאָטש איר נאָמען אין איין אָטעם מיטן לערערס.

— און ווו איז דיין פּאַרזיכטיקייט, נישט אַריינצופאַלן אין פרעמדע מיילער? — האָט סאָניאַ נישט פאַרגעסן אין זיין ערשטן פאַרזאָג.

— ווי קען מען פאַראויסזען אַזוינע זאַכן? — האָט ער זיך נישט אויפגעהערט צו ערגערן. — וואָס איז, איך האָב געשיקט נאָך איר? — און ער האָט איר געגנוי איבערגעגעבן וואָס ס׳איז פאָר־געקומען.

מיט אַ וואָך שפּעטער, האָט אים אין דער נאַכט אויפגעוועקט אַ דין־שפּיזלדיק און נאָכאַנאַנדיק געוויין. ער איז, אַ צעשראָקענער, אַראָפּ פון געלעגער און באַמערקט אין דער פינצטערניש זיין פרוי זיצן אויפן קעגנאיבערדיקן בעט.

— וואָס איז געשען? וואָס וויינסטו?

— ווי האָסטו געקענט אַזוינס דערלאָזן?! — האָט זי גערעדט מיט ביטערניש. — האָסט דאָך מיך פאַרשעמט פאַר אַלעמען אין די אויגן...

גרינוואַלד איז געוועזן דערשטוינט. — הגם, ער האָט שוין גע־ווּסט, צו יענער צייט, אַז ביי סאָניאַן רופט דער מינדעסטער מכשול אַרויס אַ גוזמאדיקע שרעק, פאַרלוירנקייט און אַפילו פאַרצווייפלונג, האָט ער זיך אָבער אויף אַזעלכע דיבורים נישט געריכט. ער האָט זי צערטלעך אַרומגענומען און זי געוואָלט באַרואיקן:

— קינד! איך האָב דיר שוין אַלץ דערציילט, איז עס דען אַזוי שווער צו פאַרשטיין? — האָט ער זיך ביי איר געבעטן.

— אָבער ספּעק האָט דאָך פאָרט זי געפונען זיצן אויף דיין... — האָט זי זיך געהאַלטן ביי אירס.

— און מיין וואָרט — האָט אים אַ שפּאַר געטאָן דער כעס. — איז קאַרג פאַר דיר? — ער האָט גיך אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם שלאָפראָק און ער איז אַרויס פון צימער, פילנדיק, אַז ווייטערדיקע רייד קענען נאָך פירן צו אַ סקאַנדאַל...

ער איז אַראָפּ אין אויפנאַם־צימער און זיך דאָרט אַראָפּגע־לאָזן אין אַ פאָטעל. ער האָט געציטערט פון קעלט. אַ שניי האָט זיך פויל געקרייזלט פאַרן פענצטער און שאַרפער געמאַכט דעם

פֿאַרדראָס איבער דעם איבערגעריסענעם שלאָף. פֿון ערגעץ האָט זיך דערטראָגן אַ נאָגנדיק בילן פֿון אַ הונט, אַ פֿייפֿן פֿון אַ לאָקאָ־מאָטיוו און אַ שווער געקלאַפּ פֿון רעדער. ער האָט געהאַט אַ שאַרפֿן פֿאַרלאַנג צו זיין איצט אויף יענעם צוג און זיך יאָגן אין די מרחקים אָן אַ ציל, אָן אַ צוועק, ווייט אַוועק פֿון שטעטל...

גרינוואַלד האָט איינגעדרימלט. און ווי דער שר־החלומות וואָלט דערפֿילט זיין ווונטש, דערזעט זיך דער לערער מיטאַמאָל אין אַ וואַ־גאָן פֿול געפּאַקט מיט מענטשן. די באַן שניידט זיך אין דער נאַכט מיט אַ ווילדן אימפּעט. זי טראָגט זיך איבער פֿליינען און בערג, דורך וועלדער און טונעלן, ביז זי בלייבט פּלוצים שטיין אין אַ פֿרעמד לאַנד. — אויפֿן וואָקזאַל וואַרטן אָפּ די פּאַסאַזשירן זייערע איי־גענע און נאָענטע. נאָר ער, גרינוואַלד, דרייט זיך אַרום אַליין צווישן דעם פֿרעמדן עולם. אַ טיפֿער עלנט דריקט אים. ער נעמט פֿאַר־צווייפֿלט רופֿן לאהלען, סאַניאַן, און עס וואַקסט אויס פֿאַר אים אַ טונקעלער פֿאַרשוין, באַדעקט מיט אַש, ווי דער קוימען־קערער פֿון זיין שטעטל, וועמען ער געדענקט פֿון זיין קינדהייט. יענער האַלט אין די הענט צוויי לאַנגע, שוואַרצע באַרשטן, וועלכע זענען באַ־האָפֿטן ביי די שפּיצן, און ער מאַנעווורירט מיט זיי אַזוי, ער זאָל אים קענען אַריינכאַפּן אין אַ קלעם...

גרינוואַלד עפֿנט די אויגן און קוקט זיך מטושטש אַרום. פֿונעם שכנישן צימער, ווו די שטערנס שלאָפֿן, קומט אַ בייז געמורמל, עס ווערט אים גיך קלאָר, אַז דער געשפּרעך איז וועגן אים. דער דראָבנינקער סעם שטעלט זיך איין פֿאַר אים, און ער כריפּעט, ווי אַ נישט־דערקוילעטע הענדל: אַז ער וועט נישט דערלאָזן, מ׳זאָל דעם לערער אומזיסט און אומנישט מבייש זיין. אָבער איוואַ, זיין ווייב, גיט גערעכט ספּעקן.

— מיין קרובה — פֿאַרזיכערט זי — וואָלט קיינמאָל אַזוינס נישט געטאָן אָן דעם לערערס דערמוטיקונג, וואָרום זי, בערטאַ, איז פֿאַרקאָכט אינעם שוואַרצן יונג איבער די אויערן...

עס שטילט זיך איין אויף אַ ווילע די מחלוקה. אָבער באַלד קריגט זי נייעם אימפּעט. דער מרס שטערן קלעמט און ערגערט, וואָס דאָס קליין מענטשעלע אַנטקעגן, לאַ־די וואָס ער איז מאַנצביליש אַ קנאַפּער אויפֿטוער, האָט ער נאָך די העזה זי צו ווידערשפּעניקן.

און די גאַנצע צייט פֿונעם איבערררייד טרעט נישט אָפּ פֿון איר

דאָס געשטאַלט פונעם הויכוווקסיקן און קרעפטיקן טשערנאָוו, צו וועמען איר אויסגעהונגערטער גוף בענקט אַפילו דעמאָלט, אָדער ערשט דעמאָלט, ווען זי איז אינטים מיט איר מאַן...

— איכל זיך נאָך מאָרגן פאַרנעמען פון דאַנען! — צישעט זי אין דער פינצטער. — און טראָג זיך דיר דעם עול פונעם הויז און די קינדער אויף דיין אייגן קעפעלע.

סעם שטערן שמייכלט רואיק אין קישן. ער ווייס, אַז צו ווייט וועט זי נישט דערגיין מיט איר קרום פיסל. און אגב, הערט ער שוין נישט דאָס ערשטע מאָל דעם דאָזיקן סטראַשונעק. דערצו איז ער ביי זיך זיכער, כל זמן דער מעבל־פאַבריקאַנט איז אַ היגער תושב, האָט ער נישט וואָס צו דאגהן...

טעג און וואָכן גייען פאַרביי. עס פאַלן אָפּ קינדער. דער לערער איז אויסער זיך. ער שרייבט בריוו צו די עלטערן. ער קלינגט צו זיי אויפן טעלעפאָן. ביי די שול־מסיבות שפירט זיך אַן אָנגע־שטרענגקייט, הגם קיינער דערמאָנט נישט דעם „אינצידענט״ איז אָבער דער „אינצידענט״ ביי אַלעמען אויפן געדאַנק.

אין מיטן מאַי קומט אָן אַן אָנפראַגע פונעם „שול־צענטער״, צי דער לערער ווערט אָנגעשטעלט אויף ווייטער. די פאַרוואַלטונג פאַררופט אַ ספּעציעלע זיצונג וועגן דעם ענין. זי טוט עס, לויטן איינפיר, יעדן סוף שול־יאָר. — אָבער היינטיקס מאָל טראָגט די זיצונג אַן אַנדער כאַראַקטער. עס איז אין אַ געוויסן זין אַ משפט, כאָטש דער „בעל הויב״ ווערט נישט גערופן. און, ווי ביי יעדן משפט, זענען אויך דאָ פאַראַן צדדים. בראש פון איין צד שטייט דער קטיגור ספּעק, און דער קלייניקער סעם שטערן נעמט אויף זיך די שווערע ראָלע פון אַ סניגור...

אינעם שול־צימער איז אַן אויפרודערונג. די טוערס שפּאַרן זיך, פירן וויכוחים. פאַר אַ סך פון זיי איז דער היינטיקער אָוונט אַ מין ספּעקטאַקל, וואָס נישט אָפט זעען זיי אַזוינס אין זייער סביבה. דערצו שמייכלט זיי געשטעלט צו ווערן אין דער בחינה פון שופ־טים, אין וועמעס הענט עס ליגט דער גורל, אויב נישט פון אַ מענטשנס לעבן, איז, לכל־הפחות, פון זיין מקור־חיונה.

דער חידוש דערביי איז, וואָס די זעלביקע לייט, וועלכע ווילן ענדערן דעם סדר העולם און שטעלן זיך אַרויס פאַר פאַרזאָרגערס פון מענטש און וועלט, ווערן גלייך תקיפים ביי זיך, נוצן די אייגענע

מעטאָדן און דעם זעלביקן לשון, ווי אַ היינטצייטיקער מושל, ווי נאָר זיי קריגן אַריין אַפילו אַ ביסעלע מאַכט...

דער פּאָרזיצער, טשערנאָוו, פּרוווט צוימען די צעפּלאָמטע געמיטער. דער אמת איז, אַז די גאַנצע זיצונג איז אים נישט צום האַרצן. ס׳איז אונטער זיין ווערדע, דעם סאָלידן געשעפטסמאַן, בייצוזיין אַן אַסיפה פון אַזאַ תוכן, — אַ פּשיטא זי אָנצופירן. אָבער אויך ער איז נישט פריי פון דער אַלגעמיינער אויפרעגונג. דערצו דיקטירט אים זיין פליכט־געפיל נישט אָפּצושטיין פון די אַנדערע. ער איז ביי זיך זיכער, אַז דער לערער איז אַ קרבן פון ספּעקס אויסדוכטענישן און קאַפּריזן. ביים אַלטן בחור נעמט נישט לאַנג צו ווערן פון אַ הייסן חסיד — אַ נוקם ונוטר...

פונדעסטוועגן האַלט זיך טשערנאָוו פּאָרזיכטיק אין אַ זייט. זיין פּראַקטישער חוש זאָגט אים אונטער, אַז גרינוואַלד איז בלויז אַן אָנגעשטעלטער. לערערס קומען און גייען, אָבער מיט די היגע יידן דאַרף ער, טשערנאָוו, ווייטער לעבן אין דער זעלביקער סביבה.

ווען דער פּאָרזיצער זעט איין, אַז צו די רייד נעמט נישט קיין סוף, לייגט ער פאָר, מ׳זאָל דעם גורלדיקן ענין אָנטשיידן דורך שטימען. ס׳רוב מיטגלידער זענען מיט אים מסכים.

טשאַרלי ספּעק שפּרינגט פּולצים אויף פון אָרט און בעט נאָך אַמאָל דאָס „וואָרט”. ער דערציילט אויפסניי די געשעעניש ביז די קלענסטע פּרטים, און ער פאַרענדיקט מיט אַ ברייטער פּראַגע:

— צי ווען מיר דערלאָזן אַזאַ איינעם צו זיין דער דערציער פון אונדזערע קינדער? — די ווערטער קלינגען ווי פּרעמדע און איינגעחזרטע אין ספּעקס מויל. און זיינע גרויסע ציגיינערישע אויגן וואַרפן בעת־מעשה מיט וואָרנעוודיקע פונקען...

סעם שטערן קען קוים אויסזיצן ספּעקס לאַנגן מענה־לשון. זיין דין־מאָגער, יינגליש פּנים איז איצט אַזש גרין פון זאָרג און יסורים. ער וואָלט שוין לאַנג יענעם איבערגעריסן, ווען נישט איוואַס אָפּהאַלטנדיקע האַנט.

— די גאַנצע זאַך — שרייט סעם שטערן ענדלעך אויס מיט האַרץ — איז אַ ווילדער טעות, עפּעס אַ מיספאַרשטענדעניש! הערט אַ מעשה — פאַרכאַפּט אים אַזש דער אָטעם. — ס׳קומט צו פאָרן צו אונדז אַ יונגערמאַן מיט זיין פאַמיליע. ער גיט אַוועק זיין גאַנצע

צייט פאַר אונדזער שול, פאַר אונדזערע קינדער, און ווי אַזוי באַ־לוינען מיר אים, האַ? זאָגט, מיט בלבולים! מיט לשון הרע! מיט... מיט... דער טייוול ווייסט וואָס! — און ס׳פעלן דעם קליינעם סעמען אויס ווערטער ווייטער צו רעדן.

דער פאָרזיצער מאַכט נישט קיין שהיות — ער נעמט ציילן די שטימען. און עס ווייזט זיך גיך אַרויס, אַז דעם לערערס קעגנער האָבן די אויבערהאַנט.

מיט אַמאָל גיבן זיך אַלעמענס בליקן אַ וואָרף מיט איבער־ראַשונג צו דער טיר. ס׳קומט אַריין בערטאַ שטאָק. דער עולם באַמערקט, צום ווייפילטן מאָל, ווי מאָדנע ענלעך זי איז צו ספּעקן. זי גייט צו מיט דער׳שראָקענע טריט צום פאָרזיצער און ברעכט אויס אין אַ געוויין...

מען קוקט זיך שטום איבער, וואָרום וואָס קענען דען ווערטער מער זאָגן? אָבער דעם אָפּגעטועמעם שאָדן קען מען שוין נישט פאַרריכטן.

דער לערער האָט מיט אַ מאָנאַט שפּעטער, געמוזט פאַרלאָזן דאָס שטעטל...

„איך האָב געבעטן גאָט פאַר אייך!"

הגם אליעזר גרינוואַלד האָט געקראָגן אַן אַנדערע לערער־שטעלע, און אויך דאָס מאָל לויט זיין ווונטש, אויף דער פּראָווינץ, איז זיין יוגנטלעכער שטאָלץ געווען פאַרווונדיקט. ס'איז אים אַפילו נישט איינגעגאַנגען דער מוידס חרטה און אירע מיזערנע טרערן. ער האָט זיך געשעמט פאַר דער משפחה, פאַר די חברים לערער, וואָס זיין ערשטער פּרווו האָט זיך געענדיקט מיט אַזאַ פיאַסקאָ.

סאָניאַ האָט אַצינד געזען אַ שעת־הכושר זיך אומצוקערן צו דער פאַמיליע קיין ניו־יאָרק. דער לערער אָבער איז געווען איינגעשפּאַרט און איז האַרטנעקיק באַשטאַנען מ'זאָל די זומער־חדשים פאַרברענגען ביים ניו־דזשוירזער ים־ברעג, ביז ער וועט איבערנעמען די נייע שול.

די גרינוואַלד'ס האָבן זיך, נאָך לאַנגע מחזקות, איינגעקליבן אין אַ קליינעם קאָטעדזש אין פּ—ן, ווו זיי האָבן געפונען שטאָטישע באַקוועמלעכקייטן און דאָרפישע מנוחה. לאהלע, וואָס איז שוין דע־מאָלט אומגעגאַנגען מיט ציטערדיק־אומזיכערע טריט, האָט זיך לאַנגע שעהן געשפּילט אונטער דער אויפזיכט פון פאָטער, אין שאָטן פון די הויכע טאָפּאָלן, וועלכע האָבן אַרומגערינגלט דאָס שטיבל און איר קינדיש קולעכל האָט זיך אומגעטראָגן, ווי אַ מעלאָדיש גלעקעלע אין דער אַרומיקער שטילקייט.

דער לערער האָט אַצינד געהאָט מער צייט זיך אָפּצוגעבן מיט זיין טעכטערל. זי האָט שוין געקאָנט אַ סך לידלעך און גראַמען, וואָס ער האָט אויפגעקליבן אין די קינדער־זשורנאַלן און אַ צאָל אַליין פאַרפאַסט פאַר איר. זי איז געוואַקסן גלייכמאָסיק, פּראָפּאָר־ציאָנעל און קרעפטיק, ווי אַ בלימעלע אויף אַ געזונטער ערד. אירע טונקעלע אויגן האָבן געלויכטן מיט פאַרשטענדעניש און מיט אַ נישט־קינדישן אומעט. איר מאַמעס איבערגעלאָדענע געטריישאַפט

האָט, משמעות, פּאָרט געהאַט אַ פּעולה אויף איר פּיזישער אַנט־וויקלונג, אָבער באַריעכטיקן אַזאַ הנהגה האָט מען פון דעסטוועגן נישט געקענט.

גרינוואַלד איז, ווי אַ לערער, צוגעטראָטן אַ סך פּאָרזיכטיקער צו זיינע דערציערישע פליכטן. ער האָט קודם־כל געזוכט צו פאַר־שטיין אינעם קינד די פאַרבאָרגענע נייגונגען און נטיות, וועלכע ווייזן זיך אַפילו אין די קנאָספּע־יאָרן. ער געדענקט, ווי לאהלען האָט אַרומגעכאַפּט אַ דין־ציטערדיקע פרייד, ווען ער האָט זי צו־געפירט צו אַ בייט בלומען, צי ווען ער האָט איר אָנגעוויזן אויף אַ מחנה שפּערלעך, אָדער שוואַלבן זיך טראָגן אין די הויכן.

— זע, פּאַ, פּאַ, שוואַ־בן! שפּער־עך! — לאָזט זי אויס די „למדן" און רייסט דאָס קעפּל און די הענטלעך אַרויף.

— לאהלע! שוואַלבן, שפּערלעך! — פאַרריכט איר דער פאָ־טער.

דאָס מיידעלע פאַרענטפערט זיך: — דו ווייסט דאָך, פּאַ, אַז איך קען קיין „יאַמעד" נישט זאָגן...

סאָניאַ רייסט זיך אָפּ פון אירע שטוביקע טואונגען און איילט אַרויס אין דרויסן. זי געפינט שטענדיק אַ געפּאָר ערגעץ לויערן. אָט וויגט זיך, למשל, גרינוואַלד מיט לאהלען אויף דער הוידעלקע, קאָן דאָך טרעפן, דער שטריק זאָל נאָכלאָזן און ס׳קינד זאָל זיך, חלילה, אַרויסגליטשן פון זיץ...

— זיי פאָרזיכטיק... עס קאָן נאָך... די שעה זאָל נישט זיין...

אירע ענדלאָזע וויזיטן דענערווירן דעם לערער, און ער לאָזט זיך טיילמאָל מיט לאהלען אין דערבייאיקן וועלדל קליבן יאַגע־דעס. עס גייען נישט אַוועק קיין צען מינוט, ווי די יונגע פרוי לויפט אָן אַ צעשראָקענע. אירע אַפּלען שפּאַרן אַרויס פון די נעסטן און שרייען, דאַכט זיך, העכער ווי איר צונג:

— וואָס האָסטו פאַרשלעפּט דאָס קינד, נעבעך, אין אַזאַ וויל־דעניש ?...

אין די סוף וואָכן קומט צו פאָרן פון ניו־יאָרק סאָניאַס יינג־סטער ברודער, אַרנאָלד. אויך ער האָט ווידערשפּעניקט אין זיין גבירישער משפּחה און האָט זיך געפונען זיין אייגענעם דרך. אַנ־שטאָט הייזער־בוי, אַרבעט ער איז אַ שניידער־שאָפּ. אַזאַ עובדה איז מער אין הסכם מיט זיין אידעאָלאָגישן איינשטעל. ער האָט

זיך אָבער דאָרטן לאַנג נישט געהאַלטן און איז אַריבער צו פּעדלערײַ, אַ לעגיטימע, לויט זײַן דעה, פּראָלעטאַרישע מלאכה.

דער חידוש דערבײַ איז, וואָס ער האָט גראָד דאָ־הי געגומען בלינד דינען די רויטע עבודה זרה, פאַרגעסנדיק אָפּנים, ווי די דאָרטיקע מושלים האָבן אין מינסק בדלות־געשטעלט זײַן טאַטן. קאָנפיסקירט בײַ אים די הײַזער און ברײַזער, און אים געלאָזן, ווי ס׳ווערטל גייט, נקי. און ער, אַרנאָלד, איז קוים מיטן לעבן אַרויס. ער האָט געזוכט, ווי ס׳רוב פון זײַן גלײַכן, צו פאַרגלעטן די דאָר־טיקע מעשי־תעתועים און נאָך אַרײַנגעטײַטשט אין זיי הויכע כוונות.

— זעט! — האָט דער יונג אַ שלאָג־פּאַרטיקן ענטפער פאַר יעדן קריטיקער פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד — וועלכע מלוכה, זאָגט, אדרבה, וואָלט עס אָפּגעגעבן אַ שטיק פון איר טעריטאָריע פאַר יידן? אפשר ענגלאַנד? — קוקט ער מיט שטעכיקער איראָניע אויף גרינוואַלדן.

— פון טהור־רײנעם הומאַניזם, פאַרשטייט זיך!... — וואַרפט אַרײַן דער לערער זײַטיק אַ וואָרט, און ס׳איז שווער אויף דער רגע צו וויסן, צי ער שטיצט דעם שוואָגער, צי ער חוזקט פון אים.

דער שמועס קומט פאַר אין אַ זונטיק נאָך מיטאָג אויפן זאַמ־דיקן ים־ברעג, ווו גרינוואַלד און זײַנע שכנים־דאַטשניקעס זענען פאַרקליבן.

— זאָגט מיר, איך בעט אײַך, פאַרוואָס זאָל אַ ייד וועלן פאַר־לאָזן מאָסקווע און לעגינגראַד, קיעוו און אָדעס און וועלן דווקא פאַרקריכן אין יענעם עק? — פרעגט תמימותדיק דניאל שאָר, אַ שול־טוער, בײַ אַרנאָלדן.

— צוליב נאַציאָנאַל־יידישע מאָטיוון! — מישט זיך ווידער אַרײַן גרינוואַלד. ער איז טיף ערנסט, נאָר די אויגן זײַנע האַלט ער פונדעסטוועגן צו די שטילע וואַסערן, וועלכע קנייטשן און קאָר־טשען זיך, פאַלדעווען און רונצלען זיך, ווי אַ זויג־קינד פאַר אַ טרערן־אויסברוך, כדי מ׳זאָל נישט זען די שטיקלעך שפּאָט אומ־טאַנצן אין זיי...

— אויך צוליב סאָוויעטישע סיבות! — איז זיך מודה דער אינשורענס־אַגענט, מאַקס צעלניק, — דאָס לאַנד איז פּוסט און וויסט, אַ קרקע־בתולה, — דערמאָנט זיך דער לינקער בר־נש אין

אַ וואָרט פון חדר. — און איז אין געפאַר אַנעקסירט צו ווערן פון אַ פיינטלעכער מאַכט... און...

— דאַרף מען אַ יידישע פּאַדפּאַרע!... — שלאָגט אים איבער דער לערער. —וואָס איז דאָ נישט צו פאַרשטיין?

אַרנאָלד פאַרלירט ענדלעך זיין טאָלעראַנטע שטעלונג, וואָס איז דעמאָלט שטאַרק אין דער מאָדע אין זיינע קרייזן:

— געגנוג זיך געחכמעט! — באַפעלט ער אַזש מיט רוגזה. — אויב די סאָוויעטן זאָרגן פאַר יעדן פאָלק און שבט און פאַרן מינ־דעסטן שטאַם, פאַרוואָס צווייפלען אין אירע כוונות בנוגע יידן?

— מיר איז אַ חידוש אויף אייך, חבר גרינוואַלד, אַז איר זאָלט אַזוינס זאָגן, — איגנאָרירט דער שול־טוער אַרנאָלדס רייד, און קערט זיך אום צום לערערס אַ פריערדיקע באַמערקונג — וואָס הייסט צוליב נאַציאָנאַלע מאָטיוון? ווו וועט איר געפינען ביי די סאָוויעטן אַ יידישע יוגנט, וואָס זאָל זיך וועלן איינשטעלן פאַר זיי?

— און די דאָרטיקע פאָלקס־ און מיטל־שולן! — קוקט גרינ־וואַלד אויף אים מיט שטילן טרויער.

דער נאַאיווער שאָר, וועלכער נעמט אויף דעם לערערס יעדעס וואָרט פשוטו־כמשמעו, שרייט אויס מיט האַרץ:

— אין זייערע שולן איז מען דאָך מענדעלען און פרצן נישט טועם. די יידישע היסטאָריע איז דאָרטן — טאַבו! און אונדזערע ימים־טובים און טראַדיציעס — לא יזכר ולא יפקד!...

ס'רוב צוהערער שווייגן, נאָר פון זייערע שפּיציקע בליקן אין שאָרס און נאָך מער אין לערערס זייט, ווערט קלאָר, צו וועלכן חדר די מסיבה געהערט...

גרינוואַלדן איז מיט אַמאָל מיאוס געוואָרן דער גאַנצער וויכוח. ער הויבט זיך אויף און לאָזט זיך מיט פאַרקלערטע טריט צום וואַסער. שוין שווימענדיק דערטראָגן זיך צו אים הויכע און רימע־רישע עפּיטעטן אויפן אַדרעס פונעם „אַרבעטערס פאָטערלאַנד”, גלייך זיין נישט־ווערן וואָלט ביי די געבליבענע אויפגעבונדן די צינגער.

דער לערער פאַטשט איילִיק אָוועק פון ברעג. דאָס וואַסער איז קיל און אָנגענעם. אויפן האָריזאָנט שניידט אַ שיף די מרחקים און דערציילט מיט שוואַרצע היעראָגליפן וועגן איר געהיימנישפולער גורלדיקער נסיעה. דער הימל איז קלאָר, בלויז די זון איז פאַרצויגן

מיט אַ פּאַרדעכטיקט וואַלקנדל, וואָס ווערט מיט יעדער רגע שווע־רער און גרעסער, און אָט איז שוין דער לעצטער בלויער שפּור פֿאַרשוווּנדן. דער ים ווערט אומרואיק און שוימיק און פֿון זיינע טיפֿענישן קומט אָן אומהיימלעך ברומען, ווי ער וואָלט אימיצן אויף עפּעס געוואָרנט...

גרינוואַלד פּרוּווט זיך אומקערן און — קען נישט! וואָס שטאַרקער ער ציט און רייסט זיך צום ברעג, אַלץ מער דערווייטערט ער זיך פֿון אים, גלייך פֿאַרבאָרגענע כּוחות וואָלטן געפֿירט מיט אים אַ להכעיס־שפּיל. ערשט זענען געווען אַרום אים מענטשן און ראַפּטום זענען זיי ווי אויסגערונען, און דאָס ביסל באָדער אויפֿן זאַמד ווערט אויך שיטערער. ער ראַנגלט זיך פֿאַרצווייפֿלט מיט די אַלץ־וואַקסנדיקע כוואַליעס, וועלכע כאַפּן אָפּט דעם אָנבליק פֿון מאָנסטערס מיט שוימיקע גריוועס און שטשירנדיקע ציין. אַן אָפּ־געשוואַכטער נעמט ער רופֿן נאָך הילף, נאָר זיין קול ווערט פֿאַר־לוירן אין גערויש פֿון שטורעמדיקן ים און פֿון ברילנדיקן ווינט...

פּלוצים באַווייזט זיך פֿאַר זיינע מיד־אויסגעקוקטע אויגן, דניאל שאָר. דער אויסגעשעפּטער לערער איז זיכער, אַז ס'איז אַן אויס־דוכטעניש. אַ מיראַזש, אַ שפּיצל פֿון זיין כּוח־הדמיון. און ווען יענער קומט נענטער, שטעלט זיך אַרויס, אַז אויך זיין מלאך־הגואל איז אַריינגעפֿאַלן אינעם זעלביקן אונטערשטראָם און קען זיך קעגן אים נישט ווערן. היות אָבער, ווי ער איז נאָך ביי זיינע כּוחות, מונטערט ער און באַרואיקט זיין פֿריינד, אַז אַ רעטונגס־שיפֿל איז אויפֿן וועג, וואָרום איידער ער איז אַריין אין וואַסער האָט ער וועגן אים אַלאַרמירט. אמת, דער „לייף־גאַרד" האָט נאָך מיט אַ שעה פֿריער פֿאַרלאָזן דאָס ביידל, דאָך איז הילף זיכער אויפֿן וועג...

אין די ווערטער דערפֿילן מיטאַמאָל ביידע, צו זייער שטוינונג, באָדן אונטער די פֿיס. דער שטראָם האָט זיי, קאָנטיק, פֿאַרטראָגן צו נידעריקע וואַסערן. שאָר נעמט אונטערן אָרעם דעם אָפּגעשוואַכטן לערער און פֿירט אים אַנטקעגן די צעצונדענע פֿייערלעך אויפֿן ברעג.

דאָרטן עסקן זיך פֿרעמדע לייט מיט אַ שיפֿל. אַן אָנגעלאָפֿענער רעפּאָרטער פֿון דער שטעטלשער צייטונג פֿרעגט עפּעס ביי גרינ־וואַלדן. סאָניאַ שטופּט זיך דורך מיט לאַהלען דורכן אָנגעקליבענעם עולם און פֿאַלט צו אים צו מיט אַ געוויין...

פונעם „באָרדוואָק״ הערן זיך באַקאַנטע שטימען. דאָס זענען דעם לערערס שכנים, אָפּגעגעסענע און איבערגעטאָענע, ממשיך די הייסע דיסקוסיע. אין פאַרנאַכטיקן דרויסן דערטראָגן זיך צו אים אָפּגעריסענע רייד וועגן „פרייהייט״, וועגן „ברידערלעכקייט״, וועגן „ראַטעווען דעם אַרבעטס־מענטש פון...״.

אין אַ זייט זיצט אַן עלטערע פרוי. איין האַנט ציטערט ביי איר פון אויפרעגונג. זי זאָגט שטיל צום יונגנמאַן:

— איך האָב אייך געזען זיך ראַנגלען דאָרטן אויפן וואַסער, און איך האָב געבעטן גאָט פאַר אייך!

לאהלע

לאהלען גייט דאָס דריטע יאָר. זי איז פול אין אַלע ווינקעלעך פון דער גרויסער דירה. מען הערט אירע קינדישע טריט אויף די טרעפּ, אין הייפּעלע, אומעטום! פאַרן מיידעלע איז טיש און שטול, בוים און קוסט און אַוודאי די ליאַלקעס איין גרויסע משפּחה, אַלע זענען אירע לייבלעכע קרובים. זי רעדט צו זיי, גלעט און שטראָפט זיי — און פרייט זיך איבער זיי...

לאהלע אַנטדעקט יעדן טאָג נייע וווּנדער. אָבער דער גרעסטער ווונדער בלייבט פאַר איר אָט דער גרויסער מאַן, וועמען זי רופט „פּאַ". שוין גאַנץ פרי לויערט זי אויף אים פון איר בעטעלע. איר אומקלאָר, ווייך טשעבעטשען דערמאָנט אינעם וואָרקען פון די טויבן פאַרן פענצטער. נישט זעלטן דאַכט זיך גרינוואַלדן, אַז דאָס קינד מאַכט נאָך די זילבער־גרויע ברואימלעך און אָפּט פאַרקערט, אַז יענע אימיטירן זיין קליין טעכטערל...

ווען דאָס מיידעלע דערשנאַפּט, אַז דער פאָטער איז וואַך, כאַפּט זי זיך אַריין צו אים אויף זיין געלעגער. דער לערער באַטראַכט אָט די פרייע מאָרגן־שעהן פאַר די סאַמע אַנגענעמסטע און שלווהדיק־סטע. דעם קינדס נאָענטקייט פאַרטרייבט פון אים די זאָרגן פון פאַרגאַנגענעם און פאָרשטייענדיקן טאָג. ער קלערט אויס פאַר איר מעשהלעך און שפּילערייען, איינע אויסטערלישער פון דער אַנדע־רער, און בעת־מעשה זוכט ער אין אירע שטילע, אומעטיקע אייגע־לעך, אויף איר איידל־געפורעמט פּנימל, אין אירע מינעס און העוויהלעך, ירושה־שפּורן, צייכנס פון אַרבשאַפט.

אויפן קעגנאיבערדיקן בעט ליגט סאָניאַ כלומרשט פאַרזונקען אין שלאָף און פאָלגט נאָך מיט אַ האַלב־אָפן אויג לאהלעס מאָרגנ־דיקע וויזיטן צום פאָטער. זי כאַפּט זיך ענדלעך אַראָפּ און נעמט אַוועק ס'מיידעלע פון אים מיטן שטענדיקן תירוץ, אַז ס'איז שוין

צייט פאַר איר צו עסן פרישטיק, און דערביי שפּירט זי אַן אומ־פאַרשטענדלעכן שאָדן־פרייד אויף דער צעשטערטער אידיליע...

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן האָט זיך אויף לאהלעס הויט באַוויזן אַ ראָזלעכער אויסשיט. די צעשראָקענע מאַמע האָט גלייך גערופן דעם דאָקטאָר, און יענער האָט פאַרזיכערט, אַז ס׳איז מאָזלען. ער האָט געוואָרנט, אויב די קראַנקהייט וועט אָננעמען שאַרפערע פאָר־מען וועט ער שטעלן דאָס הויז אונטער קאַראַנטין, און דעם בלאָס־געוואָרענעם לערער האָט ער פאַראָרדנט, ער זאָל זיך וואָס גיכער אָפּטראָגן פון שטוב:

— עס וועט זיין געזינטער פאַר אַלעמען, אויב איר וועט אויף עטלעכע וואָכן זיך געפינען ערגעץ אַנדערש.

צום גליק איז היינט שבת און ער דאַרף נישט קומען אין קאָנטאַקט מיט די שול־קינדער. סאָניאַ פּאַקט אים איין זיינע ביי־טיקסטע זאַכן און פרעגט אַ צעשטרייטע:

— וווּ וועסטו זיך אַהינטאָן אַזאַ לאַנגע צייט? וווּ וועסטו עסן? — עס פילט זיך נישט אין אירע רייד קיין אמתע זאָרג, צי אַפילו אַ באַדויערן. זי איז שוין אינגאַנצן פאַרכאַפּט פונעם קינדס קראַנקהייט.

— עס פעלן אין שטאָט רעסטאָראַנען און... — ער בלייבט אַ רגע שטיין אויפן שוועל פון שלאָפצימער, וווּ לאהלע ליגט אין גרויסער היץ און אָטעמט שווער. באַלד קומט ער צו אויף די שפּיץ־פינגער און טוט איר אַ גלעט איבערן קעפּל. זי עפנט די פיבערדיקע אייגעלעך און זאָגט:

— זעסט, פּאַ, מיין מיידע־ע — לאָזט זי אויס, ווי געווייגלעך, דעם „למד״ — איז אויך קראַנק — און זי ווייזט אויף איר ליאַלקע לעבן זיך.

— יאָ, מיין קינד, אַלע זענען מיר איצט קראַנק... — און ער לאָזט זיך צו דער טיר.

— וועסט אָפּרופן? — הערט ער סאָניאַס דערשלאָגן קול.

— פאַרשטייט זיך!...

דאָס צימער, וואָס גרינוואַלד האָט געדונגען אין איינעם פון די גאַסט־הייזער, איז נישט איבעריק גרויס און גאַנץ פינצטערלעך. דאָס איינציקע פענצטער גייט אַרויס צו אַ וואַנט. עס ברענט דאָרטן דאָס עלעקטרישע ליכט אַפילו בייטאָג. הגם אויבן־אויף איז ריין

און ציכטיק, פילט זיך פון יעדן שטיק מעבל אַלטקייט, שימל און טוכלעקייט. ער וואָלט, מסתמא, געקאָנט קריגן אַ בעסער צימער, נאָר אויף דעם האָט אים שוין אויסגעפּעלט געדולד און חשק ווייטער צו זוכן, און אפשר איז זיין איצטיקע האַנדלונג אין הסכם מיט זיין געדריקטן געמיט. ער איז געלעגן אויפן בעט אין די קליידער און געפּרוווט לייענען, נאָר לאהלעס פיבערדיק געשטאַלט איז נישט אָפּגעטראָטן פון אים. ער איז אַרויס אין קאָרידאָר און האָט אָפּגערופן סאָניאַן אויפן הויז־טעלעפאָן, וויסנדיק פאָראויס, אַז קיין בייעס קען זי אים נישט זאָגן.

— וואָס רופסטו, ביסט דאָך ערשט אַוועק פון דער היים?

— ווילסטו דאָך, מסתמא וויסן — פּלאָנטערט ער זיך — ווי איך געפין זיך?

— יאָ, יאָ, געוויס, געוויס!

אין אַ שעה אַרום דערהערט זיך אַ קלאַפּן אין דער טיר, און נאָך איידער ער באַוויזט זי צו עפענען, שטייט שוין די באַלעבאָסטע, מרס. סמיט, אין אַריינגאַנג מיט אַ דיקן רעגיסטריר־בוך אין האַנט.

— איר האָט זיך נאָך נישט פאַרשריבן, מיסטער... מיסטער?

— גרינוואַלד.

— ווי לאַנג רעכנט איר דאָ צו זיין?

— ס׳איז שווער צו זאָגן... אפשר אַ מאָנאַט, מעגלעך וויניציקער...

די מיטליאָריקע פרוי באַטראַכט אים מיט נייגער. געסט פון זיין מין פאַרבלאָנדזשען זעלטן צו איר. ס׳רוב זענען זיי רעסטאָראַן־אַרבעטער, פעדלער, שאָפערן. מענטשן שטאַרק־פאַרהאַוועטע, מיט נישט קיין פּאָלירטער שפּראַך און מאַניערן. מיט יענע לייט ווייסט זי בעסער ווי אומצוגיין.

— מיך אַרט נישט ווי לאַנג איר פאַרבלייבט דאָ — רעדט זי צעוואָרפענע רייד — נאָר וויסן זאָלט איר, אַז ביי מיר איז אַן אָפּגעהיט „רומינג־הויז". איר קענט נישט אַרויפנעמען קיין פרויען און...

— איך האָב נישט בדעה צו טאָן אַזאַ זאַך! — קוקט ער אויף איר מיט שטוינונג. און ווערט, מיטאַמאָל, רויט איבער די אויערן, ווי אַ שול־ייִנגל...

— אַלע זאָגן זיי אַזוי! — זעצט זי זיך צו. איר געפעלט זיין

פאַרלוירנקייט, זיין יוגנטלעכע תמימות. זי כאַפּט זיך אָבער גלייך, אַז זי צערייבט צופיל צייט אויף אים, הייבט זי אויף איר שווערן גוף פון דער שטול, טוט פאַרשייט אַ גלעט די בלאָנד־געפאַרבטע האָר און גיט אַ זאָג שוין האַלטנדיק די קליאַמקע: — שווער אָנ־צופירן מיט אַ „רומיגג־הויז" אָן אַ מאַן...

— יאָ, — איז ער מסכים, און איז צופרידן, וואָס ער ווערט פון איר פּטור.

— וואָס האָט איר געזאָגט — דערטראַגט זיך צו אים ווידער איר קול — וואָס איז אייער טוּאונג?

— כ'בין אַ יידישער לערער.

— קיינמאָל נישט געהערט פון אַזאַ איינעם — קנייטשט זי מיט די אַקסלען. — אַ לערער? איר'ט מיר דאַרפן אויסלערנען אַ זאַך אָדער צוויי...

אויף מאָרגן, זונטיק, ווען גרינוואַלד פּאַרטיקט זיך אָפּ מיטן לערנען און בייסט איבער אין רעסטאָראַן, איילט ער אַוועק מיט זייטיקע גאַסן צו זיין צימער. ער איז נישט גערן זיך צו טרעפן מיט באַקאַנטע און זיי אָפּגעבן, ווי עס פּירט זיך, אַ „באַריכט" פון זיין פאַמיליע. עס דאַרף זיך נאָר איינער דערוויסן וועגן דעם כאַ־ראַקטער פון זיין קינדס חולאת, און די עלטערן אַרום דער שול וועלן אַריינפאַלן אין אַ פּאַניק. עס וועלן נישט העלפן קיין שום דערקלערונגען, אַז ער איז איזאָלירט פון די בני־בית, וואָרום דער פּחד איז, כידוע, שטאַרקער פאַרן שכל־הישר...

ער שלייכט זיך ענדלעך אַריין אין זיין צימער און לאָזט זיך אַראָפּ אַ מידער, אַן אויסגעשעפּטער אויפן געלעגער. ער קען אָבער לאַנג נישט איינליגן. ס'האַרץ נאָגט און בענקט נאָכן בת־יחידהלע. דער שמועס מיט זיין פרוי אין דער פרי האָט אים נאָך מער צע־רודערט. דאָס קינד האָט געהאַט אַ וואָכע נאַכט, און ס'איז פאַראַן אַ געפאַר פאַר נייע קאָמפּליקאַציעס...

פּלוצים עפנט זיך די טיר און ס'קומט אַריין מרס. סמיט. זונ־טיקדיק אויסגעטראַצלט. אַ העל קלייד נעמט שטייף אַרום איר ברייט געשטאַלט. אויף איר גרויסן קאָפּ סטאַרטשעס אַרויס אַ פּאַפּירענע רויז, און אַ פריקרער ריח פון אַלקאָהאָל און פּאַרפום טראָגט זיך פון איר. זי מאַכט דעם איינדרוק, ווי זי וואָלט ערשט געקומען פון אַ הוליאַנקע.

אין איין אויגנבליק איז דער לערער אויף די פיס.

— ווי וואַגט איר זיך אַריינצורייסן אַהער? — שפּריצן פונקען פון זיינע אויגן. ער איז צעווייטיקט און דערדריקט. ער זעט נאָך אין דמיון זיין פיבערדיק־אָפּגעשוואַכט טעכטערל, און ער פילט זיך באַליידיקט פאַר איר. — גייט פון דאַנען!

— נאָר נישט אַזוי אויפגערעגט, יונגערמאַן! — איז די פרוי נישט נתפּעל פון זיין צאָרן. — ס'איז היינט מיין געבוירנטאָג און איך האָב נישט מיט וועמען אויסצוטרינקען אַ גלעזל שנאַפּס פאַר אַ ביסל בעסער מזל. — און זי שטעלט אַוועק א פלאַש מיט קאָ־לירטער פליסיקייט אויפן טיש.

— איך בין נישט קיין טרינקער, און איך בין נישט אין דער שטימונג פאַר אַזוינע זאַכן!

און פלוצים טוט אים נאָך שטאַרקער אַ שפּאַר דער כעס:

— וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף מיר, איר האָט נישט קיין אַנדערע אין אייער הויז?

— איר ווילט איך זאָל, אין אָט דעם וויכטיקסטן טאָג פון יאָר זיך משמח־זיין מיט יענער חברה? — ווייזט זי מיטן בליק אויף דער וואַנט. — נאָו סער! איך האָב געהאַט אַן אַנשטענדיקן טאַטן — קלאַפּט זי זיך, ווי אַ מאַנסביל אין דער ברוסט — און ער האָט מיך געלערנט זיך נאָר צו חברן מיט איידעלע לייט...

זי האָט נאָך לאַנג געברייעט און זופּנדיק פון פלאַש אויסדער־ציילט שטיקלעך פון איר לעבן, און נישט געפינענדיק קיין רעאַקציע ביים אומעטיק־שווייגנדיקן יונג, האָט זי זיך ראַפּטום אויפגעכאַפּט פון אָרט און איז אַרויס פון צימער.

ווען גרינוואַלד האָט זיך, מיטן דאָקטאָרס דערלויבעניש לסוף אומגעקערט אַהיים, האָט אים סאָניאַ אויפגענומען ווי אייגעם, וואָס האָט, צוליב עפּעס אַ סיבה, אָנגעווירן די חזקה אויפן הויז און אויפן הויזגעזינד, נאָר לאהלע מיט איר צעשטראָלט פּנימל און ציטערנדיק־אויסגעשטרעקטע הענטעלעך, האָט פאַרטריבן אַלע ספּ־קות. ער האָט זי געהאַלטן איינגעקלאַמערט אין זיינע אָרעמס און זיך געפילט געטרייסט און באַרואיקט...

צ י ט אַ

הגם דאָס קאַפּיטל איז געווען, על־פּי־טעות, געדרוקט
אין פריערדיקן בוך, געהערט עס אָבער אַהער.

שטיל און סודותדיק איז ציטאַ געווען, ווי די נעכט אין אלול אויף די אַלעגייני־בערג, אין פּענסילוואַניע. אין אירע גרויסע, גרינע אויגן האָט מען געזען דעם ווייטן שימער פון די שטערן. אַרום איר שיין־געפורעמטן האַלדז האָבן זיך געוויקלט שנירלעך פּערל און דערגרייכט פּאָרנט צו די שפּיצן פונעם איינשניט אויפן טונקעלן קלייד, און די איבעריקע זענען געבליבן פאַרהוילן אין דער געדיכטעניש פון אירע לאַנגע קאַשטאַנען־האָר.

אליעזר גרינוואַלדן האָבן אירע פּערל שטענדיק דערמאָנט אי־נעם בלאַסן ליכט פון די לאַמטערנעס אויף די עיגולדיקע גאַסן, וואָס ציען זיך פונעם שטאָט־גאָרטן אין דער נידער ביז די וואַלדיקע טעראַסן אין דער הויך, ווו ס׳געפינען זיך די לוקסוס־היימען און פּאַלאַצן פון די קוילן־מאַגנאַטן.

אין ציטאַס הויז זענען אַלע אומגעגאַנגען מיט אַ ווייכן שטעק־שוך־טראָט. איר פאָטער, דער חזן זיסקינד לעף, אַ צאַרט־געבויטער מאַנסביל מיט אַ ווייסער הויט, מיט אַ קורץ־געשוירן קמץ־בערדל און מילדע, שמייכלענדיקע בליקן, האָט אַלעמען באַגריסט מיט אַן איידעלן האַנט־דרוק. ער האָט ליב געהאַט מענטשן, און זיין טיר איז, פיגוראַטיוו־גערעדט, תמיד געווען אָפן פאַר געסט. די פרוי לעף האָט זיי גערן און אַפילו גרויסמוטיק אויפגענומען, זיי מהנה־געווען מיט טיי און מיט אייגן־געבאַקענע שטרודל און קיכלעך, און זיי דערציילט וועגן דעם לעבן פון דער פאַמיליע אין טשע־כאָסלאָוואַקיע, פון וואַנען די לעפס זענען מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געקומען.

דער חזן האָט ווייניק גערעדט. ער האָט זיך געהיט אָנצור־

שטרענגען זיינע שטים־בענדער. ער האָט געזופּט טיי מיט האָניק, און ווען נישט ווען, אויסגעפּרוווט זיין קול, אַרויסלאָזנדיק דערביי אַ פּאָר הויכע טענער. זיי האָבן געקלונגען קאָמיש, די טענער, אָבער קיינער האָט נישט געלאַכט, ווי אַלע וואָלטן זיי אָנגענומען פאַר אַ געוויינטלעכן חזנישן חנדל. און די מסיבות האָבן זיך ס׳רוב פאַרענדיקט מיט אַ פּאָר אַריעס, וואָס לעף האָט געזונגען אין דער באַגלייטונג פון זיין טאָכטער אויף דער פּיאַנע.

דער חזן האָט אין די שבתים און יום־טובים געדאַוונט פאַרן עמוד פון אַ קאָנסערוואַטיווער סינאַגאָגע, און אין די זונטיקן אָנגע־פירט מיטן קינדער־כאָר אין דער פאָלקס־שול, וואָרום מ׳האָט דאָרטן קיין פאַסיקן געזאַנג־אינסטרוקטאָר נישט געקענט געפינען.

גרינוואַלד האָט געהאַט אַ סך שוועריקייטן מיטן חזן. דער לעצטער האָט „געשפּראָכן דאַטש" און ערנסט געמיינט, אַז ער רעדט מאַמע־לשון. ס׳איז געווען טשיקאַווע צו זען, ווי ער שטודירט אייַן מיט די קינדער אַ יידיש ליד, ווי ער פּלאָנטערט זיך צווישן די „קמצן" און פּתחן", צווישן די „וואָוון" און „חיריקן". ס׳איז אויף אים געווען אַ גאָטס־רחמנות, ווען ער האָט געזונגען מיטן קליינ־וואַרג דעם „אינטערנאַציאָנאַל", וואָס איז דעמאָלט געווען שטאַרק אין דער מאָדע ביים ראַדיקאַלן עולם.

די שווערע „עברי" פונעם הימן האָט אים מיד געמאַכט, אָבער ער איז פאָרט אויסגעשטאַנען ווי, להבדיל, ביי שמונה עשרה, ביזן סוף. דער גוטהאַרציקער חזן האָט, בעת־מעשה, געכאַפּט דעם אָנ־בליק פון עפּעס אַ יידישן אָפּערעטן־העלד אין זיין פראַק און הויכער חזנישער יאַרמעלקע, דיריגירנדיק מיט זיין ווייַנער שפּאַציר־שטע־קעלע. און, ווי אומעטום ביי אַזוינע געלעגנהייטן, איז ציטאַ געזעסן ביי דער פּיאַנע און מיט אירע דינע, לאַנגע פינגער אַרויסגעצויגן פון דאָרטן די פאַרלאַנגטע מוזיק. אירע גרויסע, אומעטיקע אויגן זענען, ווי שטענדיק, געווען פאַרוואָלקנט און געטראָגן אין זיך איר פאַרשטיקטן געוויין, אירע נישט־אויסגעוויינטע טרערן...

ציטאַן איז געווען באַזונדערס שווער זיך איבערצופּלאַנצן אי־נעם נייעם לאַנד. די כמעט דריי יאָרצענדליקער אויף אירע שמאָלע אַקסלען האָבן זי נישט געלאָזט פאַרגעסן אינעם נאָענטן עבר. זי האָט געבענקט נאָך איר געבוירן־שטאָט, פּראַג, נאָך איר קרייז פריינד, נאָך די יונגע לייט, וועלכע האָבן זיך געפירט, אויפן ווינער

שטייגער, גאַלאַנט און פראַנטיש, געקושט די הענט ביי די דאַמען, נוצנדיק די העפלעכסטע עפּיטעטן.

אמת, ווען דאָס מיידל האָט פאַרלאָזן די שטאָט, איז שוין דער־מאָלט ווייניק וואָס פאַרבליבן פון דער אַמאָליקער עלעגאַנץ. אָבער אין דער נייער אומפאַסיקער סביבה פון פאַרהייראַטע און מיטל־יאָריקע לייט, האָבן זיך גראָד אָט די פליטערלעך געדענקט, נישט אַזוי צוליב זייער וויכטיקייט, נייערט די זכרונות האָבן געהויבן איר אָנזען אין אירע אייגענע אויגן...

ווען ציטאַן האָט אָבער שטאַרקער צוגעדריקט דער היים־ווײ, די נאָסטאַלגיע נאָך די אַוועקגעגאַנגענע יאָרן, איז זי געוואָרן אומ־רואיק און צערייצט. זי האָט אין יענע טעג אויסגעמיטן מענטשן, זי האָט אָפּגעפּטרט אויף גיך אירע פּריוואַטע פּיאַנע־לעקציעס און זיך פאַרשפּאַרט אין איר צימער. און הגם די עלטערן האָבן זי נישט באַלעסטיקט מיט זייטיקע פראַגן, האָט זי זיי געהאַלטן פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר איר צערודערט לעבן...

אָבער צום שטאַרקסטן האָט דאָס מיידל דעמאָלט אַרויסגעוויזן איר אומצופרידנקייט צום לערער. ער האָט עס נישט געמערקט, צי נישט געוואָלט מערקן. ער פלעגט יעדן שבת אָוונט קומען צו די לעפּס שפּילן שאָך מיטן חזן. גרינוואַלד האָט אין דעם רואיקן און געמיטלעכן הויז זיך אָפּט פאַרגעסן אין די טעגלעכע זאָרגן און קלעמענישן, וואָס די שול און היים האָבן גורם געווען. די שעהן האָבן זיך שנעל און אָנגענעם גערוקט. די צוויי מאַנסבילן זענען געזעסן אין עס־צימער, פאַרטיפט אינעם שאַך־ברעט און האָבן עק־שנותדיק געשוויגן. דער פיל עלטערער לעף האָט זיך געריבן דאָס בלאָנדע קמץ־בערדל, און ער איז געווען זיכער, אַז דאָס מאָל וועט ער אַריינטרייבן זיין יונגן אָפּאָנענט אין אַ טעמפּן ווינקל און ער וועט אים געבן מאַט. אָבער אין פאַרלויף פונעם שפּיל האָט זיך זיין התלהבות געלאָשן. ער האָט, ווי פריער, איינגעזען, אַז זיין גאַנצע סטראַטעגיע גייט לאיבוד. די פּרוי לעף, וואָס איז געווען אַ ביסל באַהאַוונט אין דעם ענין, האָט אים געווישט דעם שווייס פון זיין ווייסן שטערן און אים געטרייסט, אַז גאָר אין גיכן וועט ער זיך, אי״ה, אויסגלייכן מיטן לערער, וואָרום ער נעמט איבער ביי אים זיינע מעטאָדן און טעכניק. אַ סימן, מיט יעדן שבת ווערט

דעם הער גרינוואַלד אַלץ שווערער אים צו באַזיגן. זי ווייסט עס, זי קוקט אויפן זייגער...

דער גאַסט שמייכלט און ער גיט געדעכט דער באַלעבאָסטע. באַלד גייט דער מדובר אַריבער אויף דער מאָרגנדיקער געזעגנ־לעקציע. גרינוואַלד קלייבט אָפּ די פּאַסיקע לידער, און ער לייענט מיטן חזן דעם טעקסט. ער איז זיך שואל־עצה מיט אים וועגן דעם עפנטלעכן אַרויסטריט פון די שול־קינדער, וואָס קומט פאָר, ווי געוויינלעך, פאַר, צי בעת, אַ יידישן יום־טוב.

די פרוי לעף דערלאַנגט כיבוד און וואַרפט פאַרדראָסיקע בליקן אויף דער פאַרמאַכטער טיר פונעם אויפנעם־זאַל, פון וואַנען עס טראָגט זיך, די גאַנצע צייט, דער ברויזנדיקער שטורעם פון וואַג־נערס געצנדינערישער „וואַלקיריע”. עס שאַפט זיך דער מאָדנער איינדרוק, אַז די פאַרשפאַרטע ציטאַ דריקט אויס, אויף אַזאַ אופן, איר נעגאַציע צום גאַסט. אָבער שפּעטער, ווען ער האַלט ביים אַוועקגיין, דערהערן זיך פון דאָרטן שטיל־גלעטנדיקע, מינאָרע טענער, פול מיט הכנעה און רעזיגנאַציע, גלייך זי וואָלט געבעטן ביי אים, ער זאָל בלייבן...

די מוטער באַמערקט אָפּט:

— אַזאַ באַגאָבט קינד! ווען עס וואָלט זיך נאָר געפונען אַ פּאַ־סיקער יונגערמאַן...

דעם חזן טוען ווי די דאָזיקע ווערטער, באַזונדערס, ווען זיי ווערן געזאָגט אינעם לערערס אָנוועזנהייט.

די פרוי פאַרענטפערט זיך:

— דער הער לערער קומט דאָך אין קאָנטאַקט מיט אַזוי פיל מענטשן!

איינמאָל, אין אַ שבת־אָוונט, האָט גרינוואַלד נישט געטראָפן, צו זיין חידוש, די לעפס אין הויז. ציטאַ האָט אים געעפנט די טיר און אים דערציילט אויפן אָרט, אַז אירע עלטערן זענען אַוועק באַ־זוכן אַ קראַנקן פריינד און זיי וועלן זיך אַזוי גיך נישט אומקערן. זי איז געווען אומגעדולדיק, ווי זי וואָלט וועלן וואָס שנעלער פּטור ווערן פונעם לערער.

גרינוואַלד האָט זיך געלאָזט אַהיימגיין, אָבער ער האָט באַלד חרטה געהאַט. דעם מיידלס אומהעפלעכע באַנעמונג האָט אים לעצטנס געוומען דענערווירן, אויפרעגן, און ער האָט באַשלאָסן

איר צו געבן אַ גאָב, אַפּילו ווען ער זאָל צוליב דעם ריזיקירן מיטן חזנס פריינדשאַפט. ער האָט לאַנג געדאַרפט קלינגען, ביז ציטאַ האָט זיך ווידער באַוויזן. עס איז זי, אויף דער רגע, שווער געווען צו דערקענען. די שטענדיק נעט־פאַרקאַמטע האָר זענען געווען צעשויבערט. אין אירע אויגן, גרויסע און אומעטיקע, האָבן זיך איצט געצונדן פייערלעך. זי האָט מיט רוגזה אַ פרעג געטאָן:

— יאָ! יאָ! יאָ!

אָנשטאָט כעס, איז דעם לערער באַפאַלן אַן אומרואיקייט, ווי ער וואָלט דערפילט אַן אומגליק אָנקומען אויף דעם הויז. ער האָט דאָס מיידל, אַן צערעמאָניעס, אָפּגעשטופּט אַן אַ זייט, און ווי געטריבן פון אַ פרעמדן כוח, איז ער אַריין אינעווייניק. ער האָט דערזען צו זיין שטוינונג, אין עס־צימער אַ צונויפגעשטעלטע „פּיראַמידע", און אין דער סאַמע הויך, אויף אַ שטול, ליגן אַ בינטל שטריק און אַ האַקן...

אין איין אויגנבליק, איז אים, פאַרשטייט זיך, קלאָר געוואָרן וואָס זי האָט זיך געקליבן צו טאָן. ער האָט, אָן ווערטער, צענומען דעם אימפּראָוויזירטן „עשאַפאָט", און גיך געבראַכט דאָס צימער אין אָרדענונג. דאָס מיידל האָט אים נישט געשטערט. זי האָט געקוקט אויף אים מיט אַ פאַרווירטן און צעמישטן בליק. ס'איז געווען שווער צו וויסן, צי זי איז בייז אויף אים פאַר דער מניעה, צי פאַרקערט. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן, האָט ער שטיל געזאָגט:

— פריילין לעף! איר וואָלט, חלילה, אומגעבראַכט נישט איין לעבן, נאָר אויף וויפל איך קען אייערע עלטערן, גאַנצע דריי! גאָט זאָל אייך אויסהיטן פון אַזוינע זאַכן!...

— איר האָט נישט קיין רעכט — האָט זי זיך צעכליפּעט — זיך צו מישן אין פרעמדע עסקים.

— איר זענט גערעכט, איך האָב נישט!

— וואָס וועל איך איצט טאָן? — האָט זי פאַרצווייפלט געבראָכן די פינגער, גלייך גרינוואַלד וואָלט מיט זיין האַנדלונג פאַרטריבן אויף שטענדיק איר זעלבסטמאָרד־שגעון...

— איר וועט לערנען מענטשן פּיאַנאָ שפּילן! — האָט ער ערנסט געזאָגט. — איר וועט לערנען אונדזערע קינדער ליב צו האָבן יידישע לידער...

זי האָט אים באַטראַכט מיט חשד און געפרעגט:

— איר לאַכט פון מיר?

— חלילה, מיר צו לאַכן פון אייך? — איז ער אַזש פאַרצי־טערט געוואָרן. — איך האַלט אייך פאַר אַ נוצלעכן און טאַלאַנ־טירטן מענטש!

זי האָט דורכגעשפּאַנט אַ פּאָר מאָל דאָס צימער, און זי האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן שפּיגל. זי האָט לאַנג געקעמט און געגלעט די האָר. זי האָט אָפּגעווישט די לעצטע טרערן און באַפּודערט דאָס נעזל:

— איך צווייפל — האָט זי צוגעוואָרפן פון דאָרטן — צי איר באַמערקט מיך אַפילו...

— נישט בלויז איך — האָט ער זיך געמאַכט פאַרהערן דעם אינטימען אָנווונק. — נאָר אַלע אין דער פאַרוואַלטונג שאַצן אָפּ אייער אַרבעט.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און זיך פאַרטראַכט. זי האָט עס באַמערקט און מיט פאַרדרוס אויסגערופן:

—גייט אַהיים! שרעקט אייך נישט! כ׳וועל אַזאַ נאַרישקייט מער נישט באַגיין. — זי האָט געלייענט זיינע געדאַנקען, און זעענ־דיק, אַז ער רירט זיך נישט פון אָרט, האָט זי זיך צעשריען: — גייט! גייט און צעפּויקט אומעטום, אַז איר האָט געראַטעוועט דעם חזנס טאָכטער פון דער פּעטליע!...

— פאַרוואָס זאָלט איר אַזוינס טאָן, פרייליין לעף? — איז דער לערער געוואָרן אויסער זיך. — איך שווער אייך, איך וועל אַפילו פאַר מיין פרוי נישט דערמאָנען...

זי האָט אַ צייט געשוויגן. די אויפרעגונג האָט נאָכגעלאָזט. זי האָט שטיל גערעדט:

— פאַרגיט מיר, איך בעט אייך! כ׳האָב זיך היינט אויפגעע־פירט זייער שלעכט — האָט זי זיך מודה געווען און האָט צוגעע־געבן: — אויב איר ווילט, וועל איך עפּעס שפּילן פאַר אייך.

באַלד האָט זיך איבערן זעלביקן צימער, ווו ס׳האָט זיך, מיט עטלעכע מינוט פריער געפילט דער אָטעם פון טויט, צעטראָגן, ווי אַ ליכטיקע בשורה, טשייקאָווסקיס „וואַלס פון די בלומען”. דעם לערער האָט זיך ווי־מוטיק געטראַכט דער באַרג־אַלטער געדאַנק, ווי אַב־סורדיש־שמאָל עס איז די גרענעץ צווישן לעבן און טויט, צווישן פרייד און טרויער, צווישן...

פלוצים זענען אומבאַמערקט אַריין די עלטערן. זיי זענען פאַר־וווּנדערטע געבליבן שטיין אויף דער שוועל און האָבן אָפּגעוואַרט ביז די טאָכטער האָט געענדיקט. זיי האָבן זיך אַנטשולדיקט פאַרן לערער און אים געדאַנקט פאַר זיין קומען...

גרינוואַלד איז געווען העכסט גליקלעך מיטן אויסגאַנג פונעם אָוונט. ער האָט זיך האַרציק געזעגנט מיט זיינע פריינד און ער האָט אַוועקגעטראָגן פון זייער היים אַ פעקעלע, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען די שטריק און דער האַקן, און אַפילו די שטוי־בעלעך, וואָס ער האָט צונויפגעקליבן פון דיל...

די אַוואַנטורע

דער שם־טוב וואָס די פֿאָלקס־שול האָט זיך, מיט דער צייט, דערוואָרבן אין ל״ן, האָט זיך גיך פֿאַרשפּרייט אין די אַרומיקע שטעטלעך מיט אַ יידיש־אימיגראַנטישער באַפּעלקערונג. מען איז זיך מתקנא געווען און מ׳האָט זיך פֿאַרנומען אויך ביי זיך אויפֿצו־שטעלן אַזאַ לערן־אַנשטאַלט. אמת, ס׳איז נישט געווען אינגאַנצן לשמה, נייערט, אַ מיטל, ווי געוויסע פּאַרטיי־לייט האָבן דעמאָלט געמיינט, אויף צו לאָזן נאָך זיך אַ נאָכוווקס, יורשים...

בען אָלינסקי, דער פֿאָרשטייער פֿונעם „פֿאָלקס־אָרדן״ אין פּענסילוואַניע, האָט עס באַטראַכט פֿאַר זיין העכסטער פֿליכט צו דערפֿילן דעם ווונטש פֿון די דאָרטיקע טוער. דערצו וואָלט דער אויפֿטו געהויבן זיין אָנזען הן אין „צענטער״, הן אין אייגענעם קרייז. ער האָט זיך איבערגעשריבן מיט די פֿאַראינטערעסירטע צדדים און ס׳איז געבליבן דער ערשטער פּרווו זאָל געמאַכט ווערן אין סאַמאָקין.

אין אַ זונטיק אין דער פֿרי איז אָפּגעפֿאָרן פֿונעם שול־בנין אַן אויטאָ־קאַראַוואַן מיט אַ צוויי צענדליק תּלמידים פֿון די העכערע קלאַסן, וואָרום וואָס קען נאָך זיין, לויט זיין מיינונג, אַ בעסערע ראיה־לדבר, ווי אַן עפֿנטלעכער אַרויסטריט פֿון שול־קינדער מיטן יידישן וואָרט און יידישן ליד אויף די ליפּן?

אין די אויטאָס האָבן זיך אויך געפֿונען שול־טוער און, פֿאַר־שטייט זיך, דער לערער גרינוואַלד, דער חזן לעף און זיין טאָכטער ציטאַ. דאָס מיידל איז געוואָרן נאָכן פֿאַטאַלן זעלבסטמאָרד־פּאַרזוך, נאָך שטילער און איינגעשלאָסענער. זי האָט מיטגענומען מיט זיך אַ תּהילימל און געהאַלטן אירע אומעטיקע בליקן צוגעקלעפּט צו די אָפּענע בלעטלעך. און די ליפּן, דינע און בלייכע, האָבן קאָנ־ווולסיוו געציטערט...

אַלינסקי, וואָס איז געזעסן האַרט לעבן איר, האָט זי זייטיק אָבסערווירט און נישט געקענט באַשליסן ביי זיך, צי די מויד מאַכט אָנשטעלן, צי זי איז טאַקע אַזוי פאַרטאָן אין ספרל. ער האָט נישט אויסגעהאַלטן און לאַקאָניש אַ פרעג געטאָן:

— ס'מוז זיין אַ שטאַרק־אינטערעסאַנטער ראָמאַן, נישט אמת?

— ס'איז! — האָט ציטאַ קורץ אָפּגעשניטן, זיך אַפילו נישט אומקוקנדיק אויף אים.

אַלינסקי האָט געוווסט, אַז נישט פאַר נחת האָט מען אָנגע־שטעלט דעם חזן פאַרן געזאַנג־לערער, אָבער זי, די טאָכטער, אַ היינטצייטיק מיידל, זאָל אַזוי „אָפן" אַרויסווייזן אירע רעליגיעזע נטיות, און ווו? צווישן זיין קלאַס מענטשן, אויף דעם האָט ער זיך נישט גערעכנט. דערצו האָט אים, דעם שיין־געשטאַלטיקטן מאַנספאַר־שוין פשוט פאַרדראָסן, וואָס אַ מיטגליד פונעם צווייטן געשלעכט זיצט לעבן אים מיט אַזאַ גלייכגילט.

בען אַליסקי איז געווען פאַרהייראַט און האָט געהאַט צוויי קינדער אין שול. אָבער ביי די פרוי, סיי דאָס קליינוואַרג זענען געבליבן אין דער היים. ער האָט זיי בכלל זעלטן מיטגענומען מיט זיך. ער האָט איצט, ווי אומגערן, אָנגערירט ציטאָס קני, כדי זי אַ ביסל צו שאָקירן. דאָס מיידל האָט זיך פלוצים אָפּגערופן צום פאָטער:

— איז נישט ביים פענצטער אַ סך קילער, טאַטע?

— געוויס, מיין קינד! — האָט דער חזן דורכגעלאָזט די טאָכ־טער צו זיין אָרט. — האָסט עס געדאַרפט גלייך טאָן ביים אַריינ־שטייגן. — האָט ער מוסיף־געווען, ווי ער וואָלט באַנומען די סיבה פונעם שינוי־מקום...

דער שטעטלשער דאָן זשואַן, וואָס האָט אַלעמען אויסגעזעצט און געמיינט, ער וועט האָבן אַרום זיך אָנגענעמע שכנים, איז געווען אַנטוישט. דער חזן האָט אַראָפּגערוקט זיין הוט איבער דעם שטערן און געפרווט איינדרעמלען — פאַרנט, ביים רעדל, האָט בייטן שטיין, דער שול־סעקרעטאַר, שטיל געשמועסט מיט זיין פרוי. דער לערער, ביי איר זייט, האָט נערוועז נאָכגעפּאַלגט די שמאַלע און געדרייטע באַרג־וועגן און זיך געערגערט. ער האָט זיך נישט געקענט מוחל זיין, וואָס ער האָט צוגעשטימט צום אַרויספאָר. אומעטום האָט גע־לויערט געפאַר. ביי יעדן אָפּשטעל איז ער אַרויס פון אויטאָ און

איז אַוועק באַזוכן זיינע תּלמידים. די ווייסע חברה האָט, ווי געוויינלעך, גאָרנישט געזאָרגט. זי האָט זיך געלאָזט ווילגיין פון די געבראַכטע פעקלעך שפּייז און געטראַנקען, און דאָס פריידיק־קינדיש געלעכטער האָט אָפּגעהילכט אינעם באַרגיקן אַרום...

— וואָס זייט איר אַזוי פאַרדאגהט, חבר גרינוואַלד? — האָט אַלינסקי זיך געוווּנדערט.

דער לערער האָט נישט באַלד געענטפערט. ער האָט פאַרטראַכט געקוקט ווי די פרילינג־זון גיסט איר שפע גאָלד אויף די ערשט־אויפגעוואַכטע וועלדער, וועלכע רייסן זיך צו די בערג־שפּיצן, ווי טשאַטעס פייגל קרייזן אין די בלויע הויכן, ווי פון דער האַרטער ערד קומט אויף אַ ניי־לעבן, און זיין האַרץ איז געווען באַשווערט.

— מיר פירן צוואַנציק קינדער אויף אַ געפערלעכן וועג! — האָט ער שטיל געזאָגט — ס׳איז אַ גרויס אחריות, חבר אַלינסקי!...

— איר האָט, אַפּנים, ווינציק צוטרוי צו אייערע פאַרוואַלטער, האָט יענער אים אַ שטאָך געטאָן. — מיר פאָרן נישט דאָס ערשטע מאָל אין דער געגנט.

— ס׳איז נישט קיין ענין פון צוטרוי — האָט גרינוואַלד זיך פאַרענטפערט. — עס גייט דאָך דאָ אין עפּעס אַנדערש.

— דער לערער איז גערעכט! — האָט זיך אַריינגעמישט שטיין.

— די פראַגע איז, צי דער געהאָפטער געווינס אין שאַמאָקין איז ווערט דעם איינשטעל?

— ס׳איז ווערט! — האָט אַלינסקי געפּסקנט. — איר קענט זיך כאָטש פאָרשטעלן דעם עפעקט, וואָס אונדזער אַריינפאָר וועט מאַכן אויף די דאָרטיקע יידן? — האָט פון אים אַרויסגערעדט דער היימישער אַגיטאַטאָר.

דער סעקרעטאַר האָט געשוויגן. עס איז נישט געווען קיין אייניקייט צווישן די צוויי. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט ווייטער צו פירן דעם וויכוח, בפרט ווען די זאַך איז שוין אָפּגעטאָן. ער איז ביי דער שול־זיצונג געווען צווישן דער מינדערהייט, און האָט זיך אונטערגעוואָרפן דעם פּסק־דין...

נייטן שטיין האָט געשטאַמט פון אַ קליין שטעטל אין טיף רוסלאַנד. ער האָט אין זיין היים זעלטן געהערט אַ יידיש וואָרט. זיין פאָטער, אַ סוחר מיט אַן ערשטער גילדיע, האָט ביים בעסטן ווילן, נישט געקענט געבן זיינע דריי קינדער אַ יידישע דערציאונג

אין יענעם עק. נאַטאַן, ווי ער האָט זיך דעמאָלט גערופן, איז פּאָרט שפּעטער אַוועק שטודירן אינעם קיעווער אוניווערסיטעט און באַ־געגנט זיך דאָרטן מיט יידישע סטודענטן פון תחום־המושב. ער ווערט באַאיינפלוסט פון דער בונדישער אידעאָלאָגיע, און אין יאָרן אַרום, ווען ער קומט קיין אַמעריקע מיט זיין פרוי, וועלכע איז, אגב, זיינע אַ בת־עיר, שליסן זיך ביידע אָן אין די בויער פון דער יידיש־וועלטלעכער שול. און הגם שטיין האָט געקענט דערגרייכן, אַ דאַנק זיין בילדונג, אַ העכערן עקאָנאָמישן מעמד, ווערט ער, אַ רייזנדער־אַגענט אין זיין שוואָגערס הורטאָוונע־געשעפט פון עלעקטרישע מכשירים. ער געווינט שנעל דעם צוטרוי פון זיינע קונים. ער באַ־שטימט אין וועלכע אַרטיקלען זיי נייטיקן זיך און אָן וועלכע זיי קענען זיך דערוויל באַגיין. און ס'האָט נישט איינמאָל געטראָפן, אַז שטיין זאָל אַרויס פון אַ קונה, נאָכן איבערקוקן זיין אינווענטאַר, מיט ליידיקע הענט.

אַלינסקי איז געווען גערעכט. דער אָנקום פון די שול־קינדער מיט זייערע באַגלייטער פון דער שכניש־גרעסערער שטאָט, האָבן געמאַכט אַ רושם. דער געדונגענער זאָל, איז געווען איבערגעפּאַקט. און כאָטש געציילטע האָבן געוווסט דעם צוועק פון דער אַסיפה, האָט זיך אָבער געדאַכט, אַז ס'גאַנצע שטעטל יידן האָט זיך פאַר־קליבן בייצוווינען די גרויסע געשעעניש. און ווען אַלינסקי האָט גלייך ביים אָנהייב גענומען שילדערן, אויף זיין געפליגלטן לשון, די אומגערעכטע יסודות, אויף וועלכע אונדזער געזעלשאַפט איז געבויט, און האָט אויסגערעכנט אירע חטאים — זעלטן אָדער אפשר קיינמאָל נישט געהערטע אין אָט דעם פאַרוואָרפענעם ווינקל, האָבן אייניקע באַלד דערשמעקט „קראָמאָלע" און זיך געלאָזט צום אַרויס־גאַנג. די צאָל אַנטרינענע וואָלט זיך אַוודאי פאַרגרעסערט, נאָר דעם חזנס אימפּאָזאַנטע פיגור אין שוואַרצן פראַק מיטן איידל־אַריסטאָ־קראַטישן בערדל אין זיידענער יאַרמעלקע האָט אָפּגעהאַלטן...

נאָר אָט האָבן זיך פּלוצים אַ טראָג געטאָן די אַרויסרופעריש טענער פון „אינטערנאַציאָנאַל" און די שטעטלשע יידן האָבן, צו זייער גרויסן חידוש, דערזען דעם חזן דיריגירן מיט זיין שטעקעלע דעם קינדער־כאָר, און נאָך איידער דאָס „פּראָוואָצירנדיקע" ליד איז געווען פאַרענדיקט, איז שוין אין זאָל געוואָרן שיטערלעך, און וואָלט לעף ממשיך געווען מיט די שילער די צוגעגרייטע פּראָגראַם,

וואָלט נאָך פאַרן געבליבענעם עולם געווען צו דערליידן, נאָר אָלינסקי האָט אים מיט אַ ווונק אָפּגעשטעלט און פאַרבעטן אַנדערע רעדנער, וועלכע האָבן מזכה־געווען מיט דרשות, ענלעך צו זיינע...

אומזיסט האָבן דער לערער און שול־סעקרעטאַר זיך געאַמפּערט מיט אָלינסקין מ׳זאָל זיך רעכענען מיט דער סביבה און מיט דער מענטאַליטעט פון די צוהערער און אויסמיידן אויפרייצנדיקע אויס־דרוקן און באַמערקונגען, און אַז גישט די טוער, נאָר די תלמי־דים זאָלן זיך צוערשט ווייזן און באַווייזן וואָס זיי קאָנען. און ווען מ׳האָט זיך, ענדלעך, דערמאָנט אין די קינדער, איז שוין דער גרוי־סער זאַל געווען כמעט ליידיק.

מאָדנע עלנט און פאַרלוירן האָבן געקלונגען „מאָטל פּייסיס״ רייד פון דער אימפּראָוויזירטער בינע. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז שלום עליכמס באַהאַרצט יינגעלע איז איצט נאָך מער פאַריתומט, און אַפילו די קלוגע שפּיצלעך און שקאָצערייען, וואָס ער און זיינע חברימלעך טוען אָפּ און רופן תמיד אַרויס פריידיקן געלעכ־טער, האָבן געלאָזן ס׳ביסל יידן קיל און גלייכגילטיק. דאָס נעמלעכע האָט געטראָפן מיט מאַני לייבס „יינגל צינגל כוואַט״. אָט דאָס וווּנ־דערלעך קינד האָט מיט זיינע זעלטענע בריהשקייטן נישט געפונען דעם מינדעסטן אָפּקלאַנג ביי זיינע נעכטיקע לאַנדסלייט...

מען האָט, ווי עס איז, פאַרענדיקט די קינדער־פאָרשטעלונג, אָפּגעכאַפּט אין איילעניש דעם צובייסן, וואָס די פרויען פונעם דאָר־טיקן „צווייג״ האָבן צוגעגרייט, און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

ס׳איז שוין געווען נאַכט. איבערן באַרג־שטעטל האָט געהויערט אַ געדיכטע פינצטערניש, אַן אומהיימלעכע שטילקייט. מ׳האָט געהאַט דעם איינדרוק, ווי מען איז פלוצים אַרויסגעריסן געוואָרן פון די היימישע דלד־אמות און געבליבן שטעקן אין אַ פרעמדער, באַרגיקער וועלט, און דער אָפּטער לאָקאָמאָטיוו־פייפן האָט נאָך שאַרפער גע־מאַכט דאָס געפיל פון פאַרוואָרפנקייט. די שול־מענטשן האָבן זיך געשאַרט מיט אַבל־טריט צו די קאַרס און זיך געשעמט איינער פאַרן אַנדערן. דאָס קליינוואַרג האָט שטום נאָכגעפאָלגט, ווי פאַרלוירענע שעפעלעך, און גאָרנישט לויט זייער מידה, געשוויגן, גלייך ווי זיי וואָלטן געטיילט די שולד פון די גרויסע אינעם מיאוסן דורכפאַל...
אָלינסקי האָט ווידער אַלעמען אויסגעזעצט, ער האָט אָבער אויסגע־

מאַרקירט, אַז אַן אַנדערער זאָל פאַרנעמען זיין אָרט אין שטיינס אויטאָ....

דער לערער האָט אויף ס'ניי געהאַלטן געשפּאַנט זיינע בליקן אויף די וועגן, וועלכע האָבן זיך אָט געוואָרפן אין טיפן אָפּגרונט, אָט זיך געדראַפּעט צו די סאַמע באַרג־שפּיצן. ס'רוב האָבן זיי זיך בלינד געדרייט ווי אין אַ וואַנזיניקן קאַראַהאָד, און די צוויי אויטאָ־ליכטער האָבן דערמאָנט אין די הונגער־ברענענדיקע אויגן פון אַ וואָלף, וואָס יאָגט זיך צו זיין אייגענעם אומקום.

גרינוואַלד האָט פרייער אָפּגעאָטעמט, ווען מען איז אַריין אין שטעטל, און ער האָט זיך באַרואיקט ווען דאָס לעצטע קינד האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר. מיטאַמאָל איז אויסגעוואַקסן לעבן אים אָלינסקי.

— ווי איר זעט, חבר גרינוואַלד — האָט ער פריינדלעך געזאָגט — איז אייער שרעק געווען אַן אומזיסטע, — מען האָט אָבער גע־קענט זען, אַז ער פילט זיך אומבאַקוועם, אַפילו געקרענקט. און ווען דער לערער האָט נישט גלייך געענטפערט, האָט ער שפּאַסיק צוגע־געבן: — אייערע תלמידים וועלן שוין האָבן גענוג מאַטעריאַל אויף אָנצושרייבן די לענגסטע קאָמפּאָזיציעס וועגן זייער אַוואַנטורע קיין סאַמאָקין...

— איך צווייפל שטאַרק — האָט גרינוואַלד אומעטיק געשמייכלט, — צי איר וואָלט הנאה געהאַט פון דער קאָמפּאָזיציע. קינדער זענען אָכט בעסערע מבינים, ווי מיר, די דערוואַקסענע... אַ גוטע נאַכט! — און ער איז אַוועק מיט אייליקע טריט אַהיים...

ווי אַ פלאַטערל אַרום פייער

דער פרילינג איז, דאַכט זיך, אָנגעקומען איבער נאַכט. ס׳האָט זיך דערפילט אין דער לופטן אַ שטיל־אומפאַרשטענדלעכער אומעט, אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט. אין די פאַרנאַכטן איז דער הימל געווען ס׳רוב בלאַס־פאַרקלערט. בייטאָג זענען די וואָלקנס געהאָנגען שווע־רע, און אָנגעשוואָלענע.

פון דער מעוברתדיקער ערד האָבן געשפּאַרט גרינע צינגלעך. אויף די נאַקעטע, גראָטעסק־צעשפרייטע צווייגן האָבן זיך געפּיקט שנעבלעך־קנאָספּן. דער „רויט־בריסטל״ איז אומגעלאָפן, אויף זיין קאָמישן אופן, די עטלעכע טריט און איז שטיין געבליבן, ווי ער וואָלט פלוצים דערהערט דאָס קריכן פון אַ וואָרעם, אָדער אים וואָלט פאַרהאַלטן דער צויבער פון די רויטע טולפּעס, וועלכע האָבן זיך פרי צעבליט אויף די לאָנקעס.

אליעזר גרינוואַלד איז אומגעגאַנגען אין יענע טעג ווי אין אַ טראַנס. נייע אומגעאַנטע כוחות האָבן זיך געוועקט אין אים. ער האָט אַנטפּלעקט אין זיך כשרונות, וועגן וועלכע ער האָט אַפילו חלומען זיך גישט דערוועגט. ער, וואָס איז געווען אין די ייִנגלישע יאָרן אַ ביישן און בלעגט אויסמיידן מענטשן, איז איצט אַרויסגעטראָטן אָפּט אין דער עפנטלעכקייט. אמת, ער האָט אַ סך געאַרבעט איבער זיך. ער פלעגט אָפּזיצן שעהן־לאַנג אין דער ביבליאָטעק, געלייענט, געפּאָרשט, זיך געגריבלט, אין ווי אַ פּועל־יוצא דערפון, איז דער אַרויסגעזאָגטער געדאַנק אַרויסגעקומען קלאָר, פאַרשטענדלעך. דאָס לשון — פּרעציזער, וואַרעמער, פאַרביקער. אָפּט האָט זיך זיין וואָרט דערהויבן צו התעוררות. מען האָט אים גערן געהערט, אים פאַרבעטן אין שכנישע שטעט אויף פאָרלעזונגען. איינע אַזאַ אייב־לאַדונג האָט אים באַזונדערס געפרייט. ס׳איז געווען פונעם לערער פּסח אָרנשטיין און זיין פרוי, סימאַ, מיט וועלכע ער האָט זיך באַ־

קאָנט אויף אַ שול־קאָנפערענץ. אָרנשטיין איז אַליין געווען אַ געי ניטער בעל־דברן און אַ מוזיקער. ער האָט אָנגעפירט מיט אַ שול אין אַ רעזאָרט־שטעטל, אַ זיבעציק מייל פון ניו־יאָרק, ווו ס׳רוב קינדער איז רעקרוטירט געוואָרן פון די אַרומיקע יידישע פאַרמערס. ער, ווי בכלל לערער אויף דער פראָווינץ, איז געווען אויסגעבענקט נאָך אַן אייגענעם מענטשן. ער איז באַשטאַנען אין די בריוו, אַז גרינוואַלד זאָל זיין גאַסט, כאָטש אויף אַ פּאָר טעג.

גרינוואַלד איז אָנגעקומען צו זיינע פריינד אין אַ פּרייטיק. דאָס פּאָרל האָט אים אָפּגעוואַרט אויפן וואָקזאַל. אַ טעקסי האָט זיי געפירט דורך שמאָלע, געדרייטע וועגן אַלץ העכער צום שטעטל. אויף יענער זייט האָדסאָן, האָבן זיך געהויבן און געטורעמט פּונקט אַזוינע בערג־קייטן ווי דאָרטן, אין פּענסילוואַניע, פון וואַנען ער איז ערשט געקומען. אַלץ האָט דאָ אויסגעזען היימיש־באַקאַנט און באַקאַנט, און דאָך איז ער געווען אַרומגענומען פון אַ שטילן, ליכטיקן געפיל און פון אַ שווייגן, וואָס האָט נישט געוואָלט געשטערט ווערן...

— איר טראַכט שוין אַוודאי מיט וואָס איר וועט מהנה זיין דעם עולם זונטיק אָוונט, האַ? — האָט אָרנשטיין שפּאַסיק געפרעגט.

גרינוואַלד האָט געשמייכלט. ער האָט אין דער רגע זיך לחלוטין פאַרגעסן אינעם צוועק פון זיין באַזוך. ער האָט באַטראַכט מיט אינ־טערעס זיין מכניס־אורח. ס׳איז געלעגן עפּעס אַ געצווימטער אומרו אין זיין באַנעמונג. די טונקעלע אויגן האָבן אויסגעדריקט הכנעה און גלייכצייטיק איידעלן שטאָלץ. ער האָט מער נישט גערעדט, נאָר געוואָרפן צעשטרייטע בליקן אויף זיין פרוי.

— וואָס מאַכט די משפּחה? — איז אים סימאַ געקומען צו הילף.

— ווי גייט צו די אַרבעט אין שול?

— מיין טעכטערל וואַקסט און ווערט מיט יעדן טאָג שענער. — האָט ביים גאַסט אַ ציטער געטאָן דאָס קול. — און די שול איז — ווי אומעטום. איר זייט דאָך לערער, ווייסט איר... — האָט ער נישט געענדיקט.

דאָס שטיבל, וואָס די אָרנשטיינס האָבן באַוווינט, האָט אויי־סערלעך דערמאָנט אין אַ טויבנשלאַק. ס׳האָט זיך געפונען אויפן צווייטן שטאָק פון אַ ברייטן און פלאַכן דאַך. די דריי צימערן זענען געווען ציכטיק אויפגערוימט און לייכטפוסיק מעבלירט. נישט געקוקט אויפן נאָך קילן דרויסן, איז סימאַ אומגעגאַנגען אין קורצע

הייזלעך מיט אַ לייכטער בלוזקע. איר קליינע פיגור איז געווען פּיקאַנט, גלייכמאָסיק און האָט פאַרמאָגט אַ סך ווייבלעכן חן. נאָך דעם שטאַרקסטן איינדרוק האָבן געמאַכט אירע גרויסע, לויכטנדיקע אויגן. דאָס, וואָס אירע סענסיטיווע ליפּן האָבן געפּרווט פאַרבאָרגן, האָבן זיי מגלה־געווען.

נאָכן איבערבייס האָט זיך אָרנשטיין גענומען פאַר דער טשעלאָ. סימאָ האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער קאָלירטער סאָפע און האָט אָנגעשפּאַרט איר קעפּל אויף גרינוואַלדס אָרעם. דער גאַסט, נישט געוווינט צו אַזאַ פאַמיליאַרקייט, האָט זיך דערפילט אומבאַקוועם און אַפילו אַ ביסל שולדיק קעגן זיין קאָלעגע...

דער מוזיקער האָט עס, קאָנטיק, נישט געמערקט. איבעריקנס, האָט אים זיין פרוי קאָמפּענסירט מיט אַזוינע דאַנקפולע און באַגייסטערטע בליקן, אַז ס׳איז נישט געבליבן דער מינדעסטער ספק צו וועמען עס געהערט איר גאַנץ לייב־און־לעבן...

אין אָוונט האָבן די דריי שפּאַצירט איבער די שטילע רעזאָרט־גאַסן פון שטעטל. ס׳איז שווער געווען צו גלויבן, אַז אין געציילטע חדשים אַרום וועט די גאַנצע געגנט פאַרפלייצט ווערן פון אַ ליאַרעמדיקן עולם פאַרגעניגן־זוכערס. די הויכע טאָפּאָלן־ביימער פון ביידע זייטן האָבן דערמאָנט אין נאַכט־שומרים און צווישן זייערע געדיכטע קעפּ האָבן רואיק און פרידלעך אַראָפּגעקוקט די שטערן, ווי עדות, אַז ערגעץ זענען פאַראַן וועלטן, וווּ מען ווייסט נישט פון צער און יסורים, פון קריג און חורבן...

די יונגע פרוי איז געגאַנגען אין מיטן און געהאַלטן אירע צוויי באַגלייטערס אונטער די אָרעמס, און זייערע טריט האָבן ריטמיש אָפּגעהילכט אין דער פינצטער. גרינוואַלד האָט שוין לאַנג נישט איבערגעלעבט אַזוינע מינוטן פון עלית־נשמה. פאַר די לעצטע פאָר חדשים, זייט דער ברוינער משחית האָט איבערגענומען די ממשלה אין דייטשלאַנד, און די לופט איז פול געוואָרן מיט מלחמה־שמועות און מיט געפּלאָגטע יידן־גזירות, איז דער יונגערמאַן געווען באַ־הערשט פון אַ טיפער אבלות. ווי דער לויערנדיקער אומגליק וואָלט געווען געוועבדט אויף אים פערזענלעך. ער האָט איצט געהאַט אַ פאַרלאַנג וואָס לענגער צו ווײַלן מיט די צוויי ליבע מענטשן, נאָר סימאָ האָט זיך פּלוצים אָפּגערופן צו איר מאַן:

— פּסח, אויב דו ביסט מיד, וועל איך אַרויפגיין און דיר מאַכן

דאָס געלעגער. — און נישט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער, איז זי נישט געוואָרן.

אַרנשטיין האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיטן גאַסט אויף אַ באַנק לעבן הויז. דער לעצטער איז געווען אין אַ פּאַרלעגנהייט. די גלייכסטע זאַך וואָלט געווען נאָכצופּאָלגן זיין פריינד און גיין שלאָפן, און בעת ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, האָט זיך ווידער באַוויזן די יונגע פרוי. גרינוואַלד האָט באַמערקט, אַז זי האָט צוגעגעבן פאַרב צו די ליפּן, פּודער צום נעזל. אַ קאָלירטע שאַל האָט איידל אַרומגענומען אירע שמאָלע, קינדערשע אַקסלען.

— אַ גוטע נאַכט! — האָט זי געזאָגט צו איר מאַן, און יענער האָט פאָלגעוודיק פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

דאָס פּאָרל האָט זיך געלאָזט ווייטער שפּאַצירן. גרינוואַלד איז געווען דערשטוינט פון איר האַנדלונג. ער האָט אַ פּאָר מאָל געפּרוווט אַ רעד טאָן וועגן דעם ענין, נאָר סימאַ האָט, טוליענדיק זיך צו אים, אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויף זיינע ליפּן און אים אָנגעקוקט מיט שטילן פאַרוואורף. דער יונגערמאַן איז זיכער געווען, אַז מיט איר פלירט באַשטראָפט זי אוודאי איר מאַן פאַר עפּעס אַן אָפּגעטוענער עוולה, און אים האָט זיך נישט געוואָלט פאַרמישט ווערן אין אַ פאַמיליע־סכסוך, האָט ער לסוף האַרב באַמערקט:

— וואָס דאַרף דאָרטן קלערן אַרנשטיין? כ׳מיין... — האָט אַרויסגערעדט פון אים דאָס שולד־געפיל. — פאַרוואָס האָט איר אים אַוועקגעשיקט?

— יאָ, וואָס דאַרף ער טאַקע קלערן? — זאָגט איר גרינוואַלד.

— האָט זי טראָציק פאַרוואָרפן דאָס קעפּל אַרויף.

מיט איינמאָל ווערט דעם לערער קלאָר, אַז זיין קומען אַהער איז גיכער געווען דער ווונטש פון אָט דער קליינער און מאָדנער פרוי, ווי פון אימיצן אַנדערש. איר שיין־געפורעמט מויל האָט ווי אַ רויטע רויז געגליט אין דער פינצטער און געלאָקט צו זיך, אָבער ווען ער האָט זיך איינגעבויגן עס צו באַרירן, האָט זי זיך קונציק אַוועקגעדרייט און געלאָזט פאַלן:

— נו, איצט איז שוין טאַקע צייט זיך אומצוקערן אַהיים...

אויף מאָרגן, שבת, ביים פרישטיק, האָט זיך נישט געפילט קיין אָנגעשטרענגטקייט. סימאַ איז געווען ליבלעך און צוגעלאָזן צוביידע מענער, זי האָט זיך נאָכגעפרעגט ביים גאַסט, ווי ס׳האָט זיך אים

געשלאָפֿן אויפֿן נייעם געלעגער. אָרנשטיין האָט אויסגעקוקט אויס־געמוט און אין אַ געהויבענעם געמיט, גלייך די יונגע פֿרוי וואָלט אים פֿאַרגיטיקט פֿאַר איר לאַנגן שפּאַציר מיט אַ פֿרעמדן מאַנס־פֿאַרשוין...

— ווּעסט עפּעס שפּילן פֿאַר אונדז, פּסח?

פּסח האָט זיך נישט געלאָזט בעטן. ער האָט געשפּילט פֿאַר זיינע צוויי צוהערער באַכס סאָנאַטע. ס'איז מער ישט געווען דאָס הכנעה־דיק און נאָכגעביק מענטשל, וואָס רופֿט אַרויס מיטלייד צו זיך, נייערט אַ שטאָלצער מוזיקער פֿון גרויסן פֿאַרנעם. דער שינוי איז פֿאָרגעקומען אין אים אַזוי גיך, ווי ער האָט אַ פֿיר געטאָן מיטן בויגן איבערן האַרץ פֿון דער טשעלאָ. ער האָט אַרויסגעכישופֿט פֿון דאָרטן טענער, וועלכע האָבן טיף גערירט, פֿאַרכאַפּט און אַנטציקט. ווען ער האָט געענדיקט דעם נומער, טוט ער פּלוצים אַ זאָג צום גאַסט:

— זעצט זיך בעסער איבער אויף דער סאָפֿע, דאָרטן וועט אייך זיין באַקוועמער...

גרינוואַלד האָט זיך אַ פֿאַרחידושטער אויפֿגעהויבן פֿון זיין שטול אין ווינקל צימער און געביטן זיין אָרט. ביי סימאָן האָט זיך צעשפּילט אַ קוים־מערקנדיקער שמייכל. זי האָט אַוועקגעלייגט אַ פֿאַרביק קישעלע אויף זיינע קני און האָט אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ.

אין אָוונט האָט זיך איבערגעחזרט די נעכטיקע געשעעניש. די יונגע פֿרוי האָט אַוועקגעשיקט איר מאַן פֿרי שלאָפֿן און איז אַרומ־געגאַנגען מיט גרינוואַלדן ביז שפּעט איבער די גאַסן. זי האָט זיך געקלאַמערט אין זיין אָרעם, געחנדלט. זי איז געווען פֿול מיט צערטלעכקייט, מיט פֿאַרטייעטע צוזאָגן און פֿאַרלאַנגען, דערמאָנט אין אַ נאַכט־פֿלאַטערל אַרום אַ פֿייער, וואָס שפּירט די לויערנדיקע געפֿאַר, אָבער קען זיך נישט קעגנשטעלן דעם נאַטירלעכן טריב...

די זונטיקדיקע נאַכט איז גרינוואַלד שלעכט געשלאָפֿן, נישט נאָר ווייל ער האָט איבערגעלעבט אויפֿסניי אין געדאַנק דעם אויפֿ־טריט פֿאַרן שטעטלשן עולם, נאָר ער האָט זיך געשראָקן צו פֿאַר־שפּעטיקן דעם צוג, וועלכער גייט אָפּ זעקס פֿאַרטאָג און דאַרף אים ברענגען אין צייט צום לערנען. אַ שפּראָץ אויף טאָג איז אויסגע־וואַקסן סימאָ און גענומען צוגרייטן פֿרישטיק פֿאַר אים. זי האָט זיך פֿלינק אומגעטראָגן אין אַ לייכטער קימאָנע און ווייכע לאַטשן,

און נאָך איידער ער האָט פֿאַרענדיקט עסן, איז זי שוין געווען אי־בערגעטאָן, גרייט אים צו באַגלייטן צו דער באַן.

— סימאַ, גאָט איז מיט אייך! אַזוי פרי וועט איר זיך אַרויס־לאָזן אין גאַס? גייט בעסער צוריק אין בעט אַריין...

— פרי, צי שפּעט, אַזוי פיר איך זיך. איך באַגלייט אַרויס די געסט...

— ווי אָפּט קומען זיי צו אייך?

— וואָס הייסט ווי אָפּט? — האָט זי אים אָנגעקוקט מיט פֿאַר־וווּנדערונג — יעדן סוף־וואָך. און די געסט זענען לויט מיין אויס־וואַל — זענען אירע בליקן געבליבן הענגען סודותדיק אויף אים...

איידער די באַן האָט זיך גערירט, האָט זי אים דערלאַנגט איר קליינע האַנט און געזאָגט:

— פֿאָרט געזונט און קומט אַמאָל ווידער צו אונדז. — און איז, ווי אַ פלאַטערל, פֿאַרשוווּנדן פון אויג...

דער שול־אינספּעקטאָר

דער בילדונגס־אָפּטייל פונעם „פּאָלקס־אָרדן״ פלעגט אַרויסשיקן פון צייט צו צייט זיינע מענטשן צו באַזוכן די שולן. בעת פאַר די גרויסע שטעט זענען ס׳רוב אינספּעקטאָרן געווען פאַכלייט, יודע־ספר, האָט מען זיך באַגנוגנט פאַר די קלענערע יידישע ישובים מיט אַ בר־נש פון דער באַוועגונג, וואָס האָט געדאַרפט פאַר אייגוועגס, העלפן שאַפן אַ נייעם „צווייג״; אויסגלעטן אַ סכסוך, צי איינמאָנען חובות פאַר אַ קרובהשער צייט־שריפט. אַזאַ איינער איז אַריינגעקומען אין קלאַס ווי אַ נכנע, האָט זיך, מיט אָפּשיי, אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און האָט זיך שווייגנדיק צוגעקוקט ווי דער לערער פירט־אָן מיט לימוד. און ווען ער האָט זיך יאָ „אָדוואַזשעט״ עפּעס צו פרעגן, האָט אים, מערסטנס, אינטערעסירט, צי דער תלמיד ווייסט דעם נאָמען פונעם „אָרדן״, צו ווען די שול געהערט און צי די טערמינען „יוניאָן״ און „סטרייק״ וכדומה זענען אים באַקאַנט, און ווען דער לעצטער האָט געענטפערט אַפירמאַטיוו, האָט זיך דער גאַסט פאַרכלינעט פון גרויס התפעלות...

מיטן אָנקומען פונעם שריפטשטעלער און לעקטאָר, א. דאָרן, אין אַמעריקע, האָט מען בהדרגהדיק אַנולירט די זייטיקע און צופעליקע משגיחים, און ער איז געוואָרן דער איינציק־אָנערקענטער שול־אינספּעקטאָר. אמת, אויך ער האָט געדאַרפט אויספירן אַנדערע פונקציעס פון פריער־באַשטימטע, נעמלעך, מהנה־זיין די באַזוכטע שטעט און שטעטלעך מיט פאָרטראַגן איבער ליטעראַטור, צי וועגן עניני־דיומא. יידן, איבערהויפּט אויף דער פּראָווינץ, האָבן אים אָפּגעוואַרט מיט נייגער, אַפילו מיט פרייד. ער האָט זיך באַוויזן פאַר זיי, פיגוראַטיוו גערעדט, מיט פולע קעשענעס נייעס. ער איז געזעסן מיט זיי, פאַר־און־נאָך די לעקציעס. אין זייערע באַקוועמע היימען ביי טישן מיט יום טובדיקן כיבוד און, ווי דער אַמאָליקער

מדינה־גייער אין צאַרישן תהום־המושב אויסדערציילט די וואונדיירים, די פּלאַי־פּלים פּונעם יידיש שרייבערישן און אַקטיאָרישן וועלטל אין ניו־יאָרק, מיט וועלכע ער איז געווען געקניפּט און געבונדן. דער גאַסט, וועמענס אמתער נאָמען איז געווען באַקאַנט, דאַכט זיך, בלויז זלמן רייזענס לעקסיקאָן, האָט זיך גערופן אין דער עפּנטלעכ־קייט אויפן נאָמען פון זיין היימשטאָט, ווילנע, און האָט זיך אַזוי געחתמעט אויף זיינע אומצאָליקע מאמרים אין דער פּעריאָדישער פּרעסע. אָבער זיין באַליבטער פּסעוודאָנים איז געווען „אַ דאָרן״. ער האָט זיך באַנוצט מיט אים דער עיקר, ווען ער האָט געדאַרפט אַריינזאָגן אין אַ פּעליעטאָן ס׳זאָל יענעם טרעפן, ווי ס׳ווערטל גייט, אין דער זיבעטער ריפּ אַריין...

ווילנער האָט מיט זיך בכלל פאָרגעשטעלט אַ מערקווירדיקן טיפּ. הגם פון געבוירן — אַ בעל מום (ער האָט נאָכגעשלעפּט אַ פוס און האָט געטראָגן דיקע ברילן אויף זיינע שטאַרק־קורצזיכטיקע אויגן), האָט ער מיט זיין פענאָמענאַלער עקשנות דערגרייכט, אין גרויס אָרעמקייט, אַ הויכע בילדונג. ער איז געווען, אַ ווילדלערנער, ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ שאַרפן זכרון און מיט דער פעאי־קייט מסביר צו זיין אַ שווערן ענין. ווען ער האָט רעפערירט האָט מען פאַרגעסן אין זיינע פיזישע דעפעקטן. מען האָט מער נישט געזען פאַר זיך אַ צעשוווּמענע געשטאַלט מיט אַ געבויגענעם רוקן און מיט אַ שטעקשוך אויפן קראַנקן פוס. דער מער פאַרשטענדיקער צו־הערער איז געזעסן צוגעשמידט צום אָרט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און מיט אַ וואַרעמען געפיל אין האַרצן...

ס׳האָבן זיך פונדעסטוועגן, נישט איינמאָל פאַרלאָפן קאָמישע אינצידענטן נאָך אַ רעפעראַט, ווען אַ פראַגע־שטעלער, ריכטיקער, אַ פראַגע־שטעלערין, האָט געוואָלט מ׳זאָל איר עפּעס אויפקלערן, האָט ווילנער, ווי אַ סאַמאָראָדנער דזשענטלמען, צוערשט פאַר־וואָרפן, אויפן אַמעריקאַנישן שטייגער אַ קאָמפּלימענט אויף איר אַד־רעס וועגן איר חן און גראַציע, בעת פאַר זיינע האַלב־בלינדע קו־קערס איז געשטאַנען דער סאַמע היפוך דערפון... אָט דער אָפּטישער טעות האָט, פאַרשטייט זיך, אָפּט אַרויסגערופן געלעכטער. אָבער דעם איינגעשפּאַרטן רעפערענט האָט עס נישט אָפּגעהאַלטן אויך אויף ווייטער צו טאָן דאָס זעלביקע...

ווילנער האָט געליטן וואָס עס איז היינט באַקאַנט אין דער

פסיכיאַטריע, פון אַ געשפּאָלטענער פּערזענלעכקייט, אָדער ווי מען רופט עס אויפן הויכן לשון — סכיזאָפרעניע. מ׳האָט עס אויך אַרויס־געזען אין זיין באַציאונג צו די לערערס. ער, וואָס איז געווען, בדרך־כלל, פריינדלעך און צוגעלאָזן צו די שול־טוער, צו די אָרדן־מיטגלידער האָט פאַר די ערשטע זעלטן געהאַט אַ גוט וואָרט. און איז אַ לערער אַריינגעפאַלן ביי אים אין אומגענאָד, האָט מען זיך וועגן דעם דערוווּסט נישט נאָר אין „צענטער", נייערט — אומעטום, ווו זיין לאָמער פּוס האָט באַטראָטן, און ער האָט דעמאָלט, מיט סאַדיסטישער הנאה, גענומען וועבן אַרום זיין קרבן די משונה־ווילדסטע מעשיות...

אליעזר גרינוואַלד האָט, נישט געקוקט אויף זיין יונגקייט און אומגעניטקייט, גיך דערשנאַפּט אין אים אָט דעם דואַליזם. ס׳איז אים געווען פריקרע און דערווידער יענעמס אָפּטע ירידה. ערשט האָט ער אויפגערודערט דעם עולם מיט זיין טיפער מחשבה און עלאָקווענץ, און אָט זיצט ער אַ וואָכעדיקער אַרומגערינגלט מיט אַ רכילות־דורשטיקער חבריה און פון זיין גלאָט צינגל טריפן צי־נישע אָנצוהערענישן אויפן חשבון פון אַ באַקאַנטער און אָפט הויך־געאַכטער פּערזאָן...

אַריינקומענדיק אין קלאַס האָט ווילנער פאַרנומען דעם אויבנאָן. זיינע קורצזיכטיקע בליקן האָבן לאַנג אומגעבלאָנקעט איבער די ווענט, באַצירט מיט בילדער פון יידישע שריפטשטעלער, איבערן נייגעריק־אויפגעראַמטן קליינוואַרג, און זיי זענען לסוף געבליבן הענגען אויפן שווייגנדיקן און אַ ביסל דערשראָקענעם לערער.

— פון וועלכער געגנט שטאַמט איר? — האָט ער כמעט־פראָקוראָריש, פלוצים, אַ פרעג געטאָן.

גרינוואַלד האָט אים געזאָגט. ווילנערס פּרצוף־פּנים האָט זיך פאַרקרימט. עס איז געווען באַקאַנט אין די לערערישע קרייזן, אַז דער שטרענגער אינספּעקטאָר פאַוואָריזירט געוויסע שטעט אין דער אַלטער היים, ווי צ. ב. ווילנע, און אַ סך אַנדערע זענען ביי אים אין אומחן. ער האָט נאָך געדענקט די מוטווויליקע צונעמענישן, מיט וועלכער דער המון האָט זיי באַצייכנט, און איינער, וועלכער איז אַרויסגעקומען פון יענע „ערי־נידחת", איז ביי אים געווען פון קנאַפּער חשיבות...

— פֿון כערסאָנער גובערניע...

— און פֿון דאָרטן האָט איר עמיגרירט קיין אַמעריקע? — האָט ער נישט אָפּגעלאָזן.

— ניין, איך האָב אַ געוויסע צייט געלעבט אין ארץ־ישראל.

— אין ארץ — אין פּאַלעסטינע? — האָט אים ווילנער פֿאַר־ריכט און האָט אויסגעסטאַרטשעט זיין גאַנצע קורצזיכטיקייט אויף גרינוואַלדן, גלייך יענער וואָלט מיטן איינעם וואָרט געפּסלט זיין לערערישן באַרוף.

— דער אָרדן איז נישט קיין סדום־בעטל — האָט גרינוואַלד זיך צוריקגעפֿונען. — מיר האָבן צווישן אונדז אַ סך, וועלכע...

— אָט דאָס איז טאַקע דער אומגליק — האָט אים ווילנער אי־בערגעריסן און איז אָפּגעגאַנגען אין אַ זייט. ער האָט אַרויסגע־שלעפּט פֿון בוזעם־קעשענע אַ נאָטיץ־ביכל און עפּעס פֿאַרצייכנט און דערביי געקנייטשט דעם שטערן.

דעם קליינוואַרג האָט זיך גיך איבערגעגעבן די אָנגעצויגנהייט פֿון די צוויי מענער. ס'איז געוואָרן אומרואיק, אומפּאַלגעוודיק. אַפֿילו די פּעאיקע און געראָטענע, האָבן שלאַבעריק געלייענט, טראָציק אָפּגעענטפֿערט דעם לערער, אים געזוכט אויפֿצורייצן, אַנטאַגאָניזירן...

דער יונגער לערער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. ער איז גע־שטאַנען פֿאַר זיינע תלמידים, אויסערלעך, געלאַסן און באַהערשט. ער האָט מיט אַ שמייכל זיי באַטראַכט, און זיין קול האָט זיך געטראָגן אומגעבראָכן, געדולדיק, ווי קיין זייטיקער וואָלט אין קלאַס נישט געווען, ביז די קינדערשע געמיטער האָבן זיך, צום גרויסן חידוש פֿון אינספּעקטאָר, גענומען איינשטילן, באַרויקן...

איינמאָל אין אַן אָוונט, ווען די חברהלייט פֿונעם לעצטן קלאַס האָבן געהאַלטן ביים פֿאַרלאָזן דאָס שול־צימער, האָט זיך פּלוצים אַריינגעשטעלט בען אַלינסקי, דער אָנפֿירנדיקער גייסט פֿון דער פֿאַר־וואַלטונג און פֿונעם אַרטיקן „צווייג", באַגלייט פֿון אַן אומבאַקאַנטן באַגלייטער. אַלינסקי האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ שטול קעגן דעם לערער. ער איז געווען אַ ביסל אין אַ פֿאַרלעגנהייט.

— וואָס, אַזוי שפּעט זייט איר נאָך אין שול?

— שפּעט? איך האָב ערשט געענדיקט לערנען.

— איך האָב אַ שטיקל אַרבעט דורכצופֿירן — האָט אַלינסקי גע־רעדט מיט באַדויערן — וואָס איז מיר נישט צום האַרצן...

— איר קלײַבט זיך צו באַרויבן אַ באַנק? — האָט זיך דער מידער לערער שוואַך געוויצלט.

— עפּעס ענלעכעס צו דעם... — האָט יענער אַ זיפץ געטאָן.

גרינוואַלד האָט אים אָנגעקוקט מיט שטױנונג.

— ס׳איז גאָרנישט אַזוי גרינג עס צו דערקלערן — האָט אָלינסקי אָנגעהויבן. — ווי איר ווייסט, צאָלן מיר דאָ אַ הויכן „רענט", נישט לויט אונדזערע כוחות, — בקיצור, מיר האָבן געפונען אַ ביליקערן לאָקאַל, אָבער אַרויסגיין אָפּן פון דאַנען קענען מיר אויך נישט, ווייל מיר זענען שולדיק פּאַר דריי מאָנאַטן דירה־געלט, מוזן מיר עס טאָן בשתיקה, דאָס הייסט, ביינאַכט און טאַקע היינט...

— נישט געגוג וואָס דער אייגנטימער האָט אייך געטרויט דריי חדשים — איז דער לערער געוואָרן אויסער זיך — ווילט איר נאָך אָפּטאָן אַזאַ...

— איר האָט אַ בעסערע עצה? — האָט אים אָלינסקי געפרעגט שוין מיט אַ בייזלעכן טאָן.

ניין, ער האָט נישט געהאַט קיין בעסערס פּאָרצולייגן, אַ חוץ, פּאַרשטייט זיך, צו דערציילן דעם באַלעבאָס דעם אמת, אָבער וועגן דעם האָט יענער אַפילו הערן נישט געוואָלט.

דער לערער האָט זיך שנעל אָפּגעזעגנט און איז אַרויס. אים האָט איצט געקוועלט אַ דאָפּלטער פּאַרדרוס, אי אויפן ערשט־געהערטן אי וואָס מ׳האָט זיך מיט אים אַפילו נישט מיישב־געווען, נאָר אים צופעליק איבערגעגעבן אַ פּאַרטיקן באַשלוס, גלייך דער ענין וואָלט מיט אים קיין שייכות נישט געהאַט.

אָנהייב וואָך איז שוין די שול געווען אין אַ נייער דירה. דער סעקרעטאַר, נייטען שטיין, האָט דורך בריוו געלאָזט וויסן די עלטערן וועגן דעם שינוי־מקום. אויף דער זיצונג האָט גרינוואַלד געוואָלט רעאַגירן אויף דער אָפּגעטועגער נבלה, נאָר אים האָט דערוואָרט אַ פּיל ערגערע. ס׳האָט זיך, נעמלעך, אַרויסגעשטעלט, אַז די שול־עקאָנאָמיע גייט נישט בלויז אויפן ווינאָרט, נייערט אויף דעם לערערס־שכירות. די ביטערע פּיל איז געווען איינגעוויקלט אין אַ שיינעם צוזאָג: „ווען די צייט וועט זיך פּאַרבעסערן, וועט מען גוטמאַכן דעם לערער די אבדה"...

גרינוואַלד האָט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און האָט פּאַר־לוירן געשמייכלט. אים האָט נישט, אַזוי געאַרט דער לוין־שניט, ווי

דער פֿאַקט, וואָס ער איז געקומען גלייך נאָך דער שול־אינספּעקציע. ער האָט געזען אין אָט דער האַנדלונג אַ טיפֿע באַליידיקונג פֿאַר זיך...

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט נייטן שטיינס פֿאַרדראָסיק קול:

— איך בין געווען פֿריער און בין אויך איצט קעגן אַזאַ עקאָנאָמיע... איך —

דער פֿאָרזיצער, אָרנשטיין, האָט אַ דונער געטאָן:

— מיר האָבן אַ באַשלוס, צי נישט?!

— אַ באַשלוס קען מען בייטן!

קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופֿן אויף זיין פֿאַרלאַנג, און ס׳איז געבליבן מ׳זאָל רעדוצירן דעם לערערס געהאַלט אויף צוואַנציק פּראָצענט, ביז —

דער סעקרעטאַר איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון אָרט:

— איך פֿאַרצייכן אין פּראָטאָקאָל מיין פּראָטעסט קעגן אַזאַ פּירונג...

גרינוואַלד האָט זיך שטיל אַרויסגעשאַרט אין דרויסן. גייענדיק אַהיים אַ מידער, אַן אויסגעשעפּטער, איז אים, אפֿשר ס׳ערשטע מאָל איינגעפֿאַלן דער פֿיינלעכער געדאַנק, ווי אומזיכער, נישט פֿאַרלעסלעך און וואַקלדיק די יידישע שול איז און אויך אַזוי דעם לערערס מערכה...

אין דיקסילאַנד

זינט דער פֿיינלעכער זיצונג, ווען מען האָט דורכגעפֿירט דעם לויף־שניט, האָבן זיך די באַציאונגען צווישן דעם לערער און ס׳רוב פֿאַרוואַלטער פֿאַרערגערט, און ביים סוף פֿונעם גורלדיקן מאָנאָט מאַי, איז פֿאַר אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז גרינוואַלד פֿאַרלאָזט די שטעלע.

זיין פֿרוי, סאָניאַ, וועלכע האָט שוין געהאַט אויפֿגעשטעלט אַ שטיקל ווירטשאַפֿט, און האָט זיך שוין געהאַט איינגעשאַפֿט, אויב נישט קיין פֿריינד, איז לכל הפּחות, אַ צאָל באַקאַנטע אין שטעטל, און האָט, דוכט זיך, געוויזן סימנים, אַז זי האָט שלום געמאַכט מיט איר דאָליע — זי האָט זיך מיטאַמאָל, ווי אויפֿגעכאַפּט פֿון אַ לעטאַר־גישן שלאָף, און גענומען פֿאָדערן אויף דאָס ניי, אַז מען זאָל זיך אומקערן צו די אייגענע, אין ניו־יאָרק, און אַ סוף מאַכן צו דעם אַרומשלעפּעניש אין דער פֿרעמד.

דער יונגערמאַן איז געווען פֿאַרעקשנט. די דריי אַראָפּגעלאָפֿענע יאָרן האָבן אים איבערצייגט, אַז הגם זיין מאַטעריעלע לאַגע איז געווען און איז פֿאַרבליבן אַן אומזיכערע, איז אָבער זיין מי נישט געגאַנגען לאיבוד. עס האָט זיך פֿאַר דער צייט, נישט נאָר פֿאַרגרע־סערט די צאָל תּלמידים, נייערט דאָס קליינוואַרג האָט זיך דערוואָרבן מער יידישע ידיעות און קענטענישן. און אויך אויף די לייט אַרום דער שול, האָט דער לערער געהאַט אַ השפּעה. אויף זיין איניציאַטיוו האָבן זיך געשאַפֿן אַ כאָר, אַ דראַמאַטישע סטודיאַ, אַ לייען־קרייז. ער האָט אַליין רעפּערירט פֿאַר זיי און אויך פֿאַרבעטן אַנדערע לעקטאָרן. קורץ, עס האָט זיך געפֿילט אין יענער סביבה אַ מונטערקייט, אַן אויפֿלעבונג.

עס איז דעם יונגן לערער אוודאי געווען אַ שאָד זיך צו שיידן מיט אָט די אויפֿטואונגען זיינע, אָבער צוגעהאָלפֿן אין זיין באַשלוס האָט גראָד דער צענטער אין ניו־יאָרק, וואָס האָט דעמאָלט, נישט גע־

קוקט אויפן אינספּעקטאָרס איינוועגדונגען, אים באַשטימט אין אַ שול אין דעם ווייטן דרום. דאָס איז געווען אַ שול, וועגן וועלכער מען האָט אָפּט געשריבן און גערימט פֿאַר איר גרויסצוגיקן פֿאַרנעם, פֿאַר אירע דערציִעריִשע דערגרייכונגען און פֿאַר דער טריישאַפֿט פֿון אירע טוערס.

גרינוואַלדס ערשטער אימפּולס בשעתו איז געווען זיך אָפּצוזאָגן פֿון אַזאַ פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, אָבער באַלד האָט זיך ביי אים אַ צעשפּיל געטאָן די אַמביציע דווקא אָנצונעמען דעם „טשאַלענדזש״. דעם אַרויסרוף, און באַווייזן, אַז גערעכט איז דער בילדונגס־דירעקטאָר, אורי לעווינאָוו, מיט זיין לערערישן אויסוואַל. און נישט דער לשון־הרעדיקער אינספּעקטאָר. ווען גרינוואַלד האָט מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איבערגעגעבן סאָניאָן זיין באַשלוס און איר דערציילט מיט וואָס פֿאַר אַ פּרעסטיזש די שטעלע איז פֿאַרבונדן, איז די יונגע פֿרוי אַזש בלייך געוואָרן פֿון אויפֿרעגונג. זי האָט אים באַטראַכט מיט אַ פּאָר שטאַרע בליקן און עמפּאַטיש אַ וואָרף געטאָן:

— דו קאָנסט אים נעמען דעם גאַנצן פּרעסטיזש פֿאַר זיך! איך מיטן קינד פֿאָרן אַהיים.

גרינוואַלד האָט דערזען די סכנה פֿון אָפּפֿרעמדונג, אויב נישט נאָך ערגערס. ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי עס לוינט זיך צו ריזיקירן מיט דעם אַזוי אויך שוואַכן שלום־בית צוליב אַ שטעלע. ער האָט אָבער אויך פֿאַרשטאַנען, אַז לאַנג צעשיידט וועט זי נישט קענען בלייבן, מחמת די עטלעכע יאָר אויף דער פּראָווינץ האָבן זי אָפּגעוווינט פֿונעם גרויס־שטאָטישן אַרט לעבן. דערצו וועלן אירע אייגענע שוין זאָרגן, אַז זי זאָל, צוליב פֿאַרשטענדלעכע טעמים, זיך אומקערן וואָס גיכער צו איר מאַן.

— טו ווי דו פֿאַרשטייסט! — האָט ער געענטפֿערט טרוקן, — אין אונדזערע אַלטע ספֿרים ווערט אָבער געשריבן, אַז אַ פֿרוי דאַרף פֿאַרלאָזן אירע לייבלעכע און נאָענטע און נאָכפֿאָלגן איר מאַן אומעטום, וווּ נאָר ער געפֿינט זיין מקור חיונה.

— נו, ווערט געשריבן — האָט זי קורץ אָפּגעהאַקט.

מיט אַ שווער געמיט האָט גרינוואַלד באַשטיגן די באַן, וועלכע האָט אים געדאַרפֿט פֿירן קיין וו—ן, אין סאַמע האַרץ פֿון דיקסילאַנד. צו יענער צייט האָט נאָך דער נאָמען פֿון דער שטאָט געקלונגען ווייט־לעך־פֿרעמד אין אַ יידישן אויער, און האָט, בעיקר, מרמז געווען

אויף די גרויליקע פּאַרפּאָלגונגען פונעם שוואַרצן מענטשן. עס איז דעמאָלט נאָך אויך נישט געווען איגנאַנצן פאַרווישט דער אימה־דיקער רושם, וואָס די „לינטשינג״ פונעם יידישן יונגערמאַן פראַנק, האָט געהאַט געלאָזן אויפן יידישן עולם, באַזונדערס טאַקע אין די דרום־שטאַטן. און דאָך איז יענע געגנט געווען איינגעהילט פאַרן יונגן בעל־חלום אין אַ שלייער פון עקזאָטישקייט, מיט וועלכער עס האָט זיך אים געוואָלט באַקענען.

ווען דער צוג איז אַרויף אויף דער געל־ליימיקער ערד פון די קאַראָליינאַס, האָבן זיך געוונומען אַנטפּלעקן שמאָלע, אומציכטיקע, נישט־ברוקירטע געסלעך מיט האַלב־חרובע שטיבלעך און קאָנורעס פון די שוואַרצע איינוווינער. ס׳איז געווען פריקרע און דערנידערנדיק צו זען געזעמלעך פון אָפּגעריסענע נעגערשע יונגען זיך וואַלגערן ביי די פאַרוואָרפענע קליינע באַן־סטאַנציעס און פויל פּרעפּלען אויף זייער צעצויגענעם און זינגעוודיקן לשון.

דער צוג האָט פּלוצים אָנגעווירן זיין אימפּעט. ער איז, ווי די דאָרטיקע תושבים, געקראָכן פּאַמעלעך און שלאָבערדיק דורך גרויע, אָרעמלאָזע דערפער און שטעטלעך, איבער וועלכע עס האָבן זיך געטורעמט, ווו־נישט ווו, דין־לאַנגע און קליין־קעפּלדיקע בערדיקע פּאַלמעס. עס איז פאַרשווונדן דער „אינדיאַנער זומער״, מיט זיין בונט־פאַרביקן בלעטער־געמיש, מיט די ריחות פונעם זאַטן תבואה־שניט און פון דער גאָרטן־שפּע. מען האָט מער נישט געשפּירט דעם זיס־טערפּקן און שאַרף־קאַלטן אָטעם פונעם האַרבסט. אַ תמוזדיקע היץ, געפּאָרט מיט רויך, האָט אַריינגעפּלייצט אין די אָפענע פענצטער. עס האָט זיך אָציינד אויך באַוויזן אַן אַנדער מין פּאַסאַזשיר, וואָס האָט מיט זיין שפּראַך און פירונג שטאַרק דערמאָנט אינעם נעגער, אויף וועלכן ער קוקט אַראָפּ און קעגן וועמען ער דיסקרימינירט.

גרינוואַלדן האָט זיך וויי־מוטיק געטראַכט, אַז אין די מזרח־שטאַטן, ווו דעם שוואַרצן לעבט זיך פרייער, וואַרפן זיך אין די אויגן שאַרפער זיינע דעפעקטן, אָבער דאָ קלעמט דאָס האַרץ אויף זיין רעכטלאָזיקייט און אויף זיין נידעריקן מעמד.

אַ מידער פון די איינדרוקן איז ער אויפגעשטאַנען און זיך אַוועקגעלאָזט איבער דער גאַנצער לענג פון די וואַגאָנען. באַענט פונעם לאָקאָמאָטיוו האָט זיך געפונען די נעגערשע „מלוכה״. ווען ער האָט אָן עפן געטאָן די טיר, האָבן אים באַגעגנט נייגעריק־פיינט־

לעכע בליקן. זיי האָבן שנעל אַוועקגעדרייט זייערע קעפּ, גלייך אַ שונא וואָלט אַריינגעדרונגען אין זייער מיט. ער האָט זיך פאַרלוירן אַרומגעקוקט. די בענק זענען געווען געדיכט באַזעצט און באַלאָדן מיט פּעקלעך און זעק. ער איז שטיין געבליבן ביי אַ פאַרפּאַלק אַרומגערינגלט מיט קליינוואַרג, און נאָך איידער ער האָט באַוויזן אַרויסצוברענגען אַ וואָרט, איז אויסגעוואַקסן דער קאָנדוקטאָר צו רעווידירן די בילעטן.

— וואָס טוט איר דאָ? — האָט יענער אים באַטראַכט מיט פאַרדאַכט.

— איז פאַרווערט צו רעדן מיט מענטשן?

— איר האָט קאַרג מענטשן אין די אַנדערע וואַגאָנען?

— איר ווילט מיר דיקטירן מיט וועמען צו רעדן? — האָט זיך גרינוואַלד נישט פאַרלוירן.

— נישט דיקטירן, יונגערמאַן, — האָט דער קאָנדוקטאָר אים געשעפּטשעט אין אויער אַריין — נאָר עצהן, זיי זענען נישט אייער גלייכן! אָדער מאַך איך אַ טעות?

אַ סך חוזק איז געלעגן אין אָט דער קורצער פראַגע. עס איז גאָר קיין ספק נישט געווען, אַז דער קאָנדוקטאָר האָט אין גרינוואַלדן דערקענט אַ „ווייסן נעגער", ווי אַן אונדזעריקער ווערט גערופן אַבּסורדיש אין געוויסע ערטער אין דער „סאוטה" (דרום).

אינעם איבעררייד האָט מען גרינג דערשנאַפּט, מיט וועמען די „קאָלירטע" האַלטן. זיי האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט, ווען דער אומגעבעטענער גאַסט איז פאַרשוווּנדן. דאָס זעלביקע געפיל האָט אויך גרינוואַלד געהאַט. זייער אומבאַהאָלפנקייט און שיפלות האָבן אים דענערווירט און באַליידיקט. עס האָבן אים לאַנג פאַרפאָלגט דער אַנגסט און דער פּחד, וואָס האָבן אַרויסגעפינצטערט פון די גרויסע, אויפגעריסענע אויגן ביי די קינדער.

ער האָט זיך אומגעקערט צו זיין אָרט. די לאָמפּן האָבן שוואַך באַלויכטן די וואַגאָנען. פּאַסאַזשירן האָבן זיך געשטופּט פון און צום „דיינער" וואַגאָן־רעסטאָראַן, וועו עס איז געזעסן ביי אייגן־געבראַכטע פּעקלעך און געגעסן. טייל האָבן אין די קליידער געכאַפּט אַ דרימל. אַנדערע האָבן זיך געגרייט צום נאַכטלעגער.

דאָס ריטמישע קלאַפּן פון די רעדער האָט אים שנעל איינגע־

וויגט. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף. די גאַנצע נאַכט האָבן זיך אים געפּלאָנטערט שוואַרץ־געקרייזטע קינדערשע קעפּלעך. זיי האָבן זיך געטראָגן אויף אים פון אַלע זייטן. געמאָנט, געפאָדערט, זיך באַקלאָגט.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ שפּראָץ אויף טאָג. ער איז געווען דורכגענומען פון אַ שאַרפער קעלט. אינעם שוואַכן ליכט פון באַגינען האָבן זיך געהורבעט מענטשלעכע גופים, איינגעקאָרטשעטע אין די ענגע זיץ־פּלעצער. עס האָט זיך געהערט אַ כראָפּען, אַ זיפצן, אַ קינדעריש געוויין. אים האָט מיט אַמאָל אַרומגעכאַפּט אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט נאָך לאהלען. עס האָט אים געמאַטערט אַ חרטה־געפיל, וואָס ער האָט נאָכגעגעבן זיין לערערישער אַמביציע, און וואָלט ער געהאַט די מעגלעכקייט וואָלט ער זיך אומגעקערט אַהיים. אָבער איינצייטיק מיט אָט דער עמאָציאָנעלער אויפרעגונג האָבן אים אויך נישט צורו געלאָזט דער נייגער, די דערוואַרטונג, וואָס אַ נייע שטאָט און נייע מענטשן רופן אַרויס ביי אונדז.

אין אַ פּאָר שעה אַרום איז דער צוג אָנגעקומען אין וו—ן. אויפן וואָקזאַל האָבן אים אָפּגעוואַרט דער שול־טוער, יוסף לאַנדוי, מיט זיינע צוויי טעכטערלעך, תּלמידות פון דער פאָלקס־שול.

— באַקאָנט זיך, דאָס איז גאָלדעלע, — האָט לאַנדוי געזאָגט אַ שטאָלצער — און די עלטערע הייסט פּערל. דאָס איז מיין אוצר, וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט אין אַמעריקע.

פון לאַנדויס קליינער פיגור האָט געוויעט מיט היימישקייט און פּשטות. עס האָט זיך עפּעס באַלד איינגעשטעלט אַ וואַרעמע באַציאונג צווישן די צוויי. כאָטש דער גאַסט איז געווען מיט אַ דריי צענדליק יאָר ייִנגער. און אוודאי האָבן געמאַכט אויפן לערער אַן אָנגענעמען איינדרוק די צוויי מיידלעך מיט זייער נאַטירלעכער האַלטונג און שטילער באַנעמונג. עס האָט זיך שטאַרק געמערקט זייער צוגעבונדנקייט און דרך־ארץ צום פאָטער. גאָלדעלע איז דעמאָלט געווען אַ יאָר דרייצן און פּערל אַ ביסל עלטער. לאַנדוי האָט באַזונדערס זיינע פאַרשוינען אין זיין אַלטן, אויסגעפּאָרענעם אויטאָ און איז פאַרפאָרן אין „שוואַרצן” געגנט און גיך איז ער שטיין געבליבן פאַר אַ קעלער־קראָם.

— דאָ וועלן מיר אויסשטייגן — האָט ער אַ ביסל אַ שולדיקער

באַמערקט. ער האָט אַריינגעפירט דעם לערער אין דער „גראָסערי״ (שפּייזקראָם) און אים פאָרגעשטעלט פאַר זיסל זאַלצמאַנען.

— אויב איר וועט אויסנעמען אין דעם הויז, וועט איר נושא חן זיין ביי דער גאַנצער פאַרוואַלטונג.

לאַנדוי האָט עס געזאָגט אין אַ טאָן, אַז עס איז שווער געווען צו וויסן, צי ער מיינט עס ערנסט, צי ער שפּאַסט. ער האָט זיך שנעל אָפּגעזעגנט און איז אַרויס מיט זיינע מיידלעך.

— נאָך אַ יונגער מענטש! — האָט זאַלצמאַן אויפגעהויבן אויפן לערער זיינע באַברילטע בליקן, און בעת מעשה אַרומגעשמייעט פון איין קונה צום אַנדערן און פון דער וויטנס זיך נאָכגעפרעגט ביי זיין פרוי: — וואָס זאָגסטו, סטעלאַ?

סטעלאַ, אויך אַ פאַרהאָרעוועטע מיט קונדן, האָט איילִיק באַ־טראַכט דעם סוביעקט און האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן צעשויבערטן קאָפּ, אַז זי איז מסכים.

גרינוואַלד איז געשטאַנען אין מיטן פון דער קויטיקער און אָנגע־פּראָפּטער קראָם, מיט דער וואַליזע אין דער האַנט, און געזוכט נאָך אַמאָל אויפצוכאַפּן דעם קרעמערס בליק.

— איר וועט מיר אפשר אָנווייזן אויף אַ נאָענטן האָטעל? — האָט גרינוואַלד נישט אויסגעהאַלטן און געפרעגט.

— גייט אַריבער די גאַס, — האָט ער דערהערט זאַלצמאַנס קול

— מיר וווינען פּונקט קעגנאיבער. דאָס איבעריקע וועט איר דער־ליידיקן מאָרגן, צי אַן אַנדער טאָג.

דער יונגערמאַן האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון קראָם, ווי אַן אונ־טערגעשאָסענער. ער האָט אָנגעקלונגען אינעם באַשטימטן הויז. אַ הויכע, ברייט־פּלייציקע זקנה האָט געעפנט די טיר.

— אָ, דאָס דאַרף אוודאי זיין דער נייער לערער! — האָט זי אים דורכגענומען מיט אירע שאַרפע, גרויע אייגעלעך — איך בין דאָבע שיינקין, מרס. זאַלצמאַנס מוטער. — און זי האָט גרינוואַלדן געהייסן אַריינטראָגן זיין באַגאַזש אין אַ דערבייאיקן צימער.

גרינוואַלד האָט טיף אָפּגעזיפצט. דאָס הויז, די קראָם און די באַלעבאַטים האָבן באַשווערט זיין געמיט, פאַרטריבן די ליכטיקע איינדרוקן, וואָס די לאַנדויס האָבן ביי אים געלאָזן. ער האָט נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט גענוי, וואָס פאַר אַן אָרט דער קרעמער פאַרנעמט אין דער אָליגאַרכיע פונעם אָרדן און פון דער שול־פאַר־

וואַלטונג. אָבער ער האָט שוין באַצייטנס באַשלאָסן אים ווי ווייט מעגלעך אויסצומיידן און צו ווייכן פון אָט דעם גרויען און אומ־היימלעכן הויז...

דער „הויף"

מאיר שיינקין איז נאָך געווען אַ תקיף אין זיין וואָלינער שטעטל. שוין אין זיין גאַנג האָט מען דערקענט דעם בר־נש. ער איז ס׳רוב געגאַנגען אין דער ברייט, ווי אים וואָלט געפעלט רוים און רחבות פאַר זיין שווערן גוף. ער איז דאָרטן געווען גבאי און בעל־קורא אין דער שניידער שול און ער האָט געשמט פאַר בקי אין די שוואַרצע פינטעלעך. זיין יחוס איז אים נאָכגעפאָרן אַזש קיין „ווו״, ווו ער האָט זיך באַזעצט מיט זיין קליינער פאַמיליע אין אָנהויב פון יאָרהונדערט. זיין הויז איז גיך געוואָרן דער צענטראַלער פונקט פון דער אימיגראַנטישער קאָלאָניע, און דאָס ביסל געזעלשאַפטלעכע עסקנות איז געטאָן געוואָרן לויט זיין דעה און לויט זיין ווילן...

שיינקין האָט אויך געהאַלטן אין זיינע הענט די עקאָנאָמישע לייצעס פון דער עדה יידן. דאָס רוב — גראָסעריליייט אינעם „שוואַרצן גאַרטל״, ווי די נעגערשע געגנט האָט דעמאָלט געהייסן. די קרעמער זענען אָפט אָנגעקומען צו אים, דעם אָפּטאָוניק, נאָך קרעדיט, נאָך אַ הלוואה. ס׳איז נישט געווען אַזוי גרינג צו קריגן ביי אים אָט די אַרטיקלען. דער פיפיקער סוחר האָט גערעכנט, אַז מיט אַ ביסל שווערקייטן וועט דער נצרך בעסער אָפּשאַצן זיין בעל־טובה...

מ׳האָט דעריבער געדאַרפט צוערשט זיך באַוואָרענען מיט אַ שטיקל פּראָטעקציע ביי זיין איידעם, זיסל זאַלצמאַן, צי ביי סטעלאַן, ביי שיינקינס טאָכטער. וועגן אַרויסקליאַנטשען אַ גוט וואָרט ביי זיין פרוי, ביי דאָבען, איז דעם גראָסערימאַן אַפילו נישט איינגעפאַלן. אָט די הויכע, צוואָקסענע אשה, מיט איר האַרב געזיכט און מיטן פינצ־טערן קסאַנטיפּאַ־בליק, האָט, ווי איר גרויס און אומהיימלעך הויז, אָנגעוואָרפן אַן אימה אויפן באַזוכער. און די דאָרטיקע יידן האָבן גערופן צווישן זיך שיינקינס וווינונג „דער הויף״, ווי דאָס וואָלט געווען רחמנא לצלן, די רעזידענץ פון אַ צאַרישן מושל...

דערפאַר האָבן אָבער יידישע פּען־מענטשן, לעקטאָרן, און בכלל לייט מיט אַ הויכן סטאַזש, געפונען אין שיינקינען, ווי אין זיינע בני־בית, אַ ליבנסווירדיקן מכניס אורח. מ׳האָט די געסט אויפ־גענומען בסבר פנים יפות; מ׳האָט זיי אָפּגעגעבן דאָס שענסטע צי־מער, און זיי מהנה געווען מיט כל טוב. מ׳האָט געשטעלט צו זייער דינסט דעם אויטאָמאָביל און זיי געוויזן די שטאָטישע חידושים, און די געסט האָבן אַוועקגעפירט פונעם הויז און פון די באַלעבאַטים די אָנגענעמסטע איינדרוקן...

ווען דער לערער, אליעזר גרינוואַלד איז אָנגעקומען קיין „ור״, האָט ער שוין שיינקינען נישט געפונען. איבער דעם „הויף״, ווי איבער די קרעמער, האָט איצט געוועלטיקט זיסל זאַלצמאַן. און ווי מ׳האָט דערציילט, איז ער געגאַנגען אין די דרכים פונעם פאַרשטאָר־בענעם שווער, גערעדט מיטן שווערס קול און זיך געהאַלטן מיט תקיפות. און ווען אַן ענין האָט זיך אים נישט געלוינט, צי זיך נישט געלייגט אויפן שכל, האָט ער אים גיך אָפּגעפּטרט מיטן לאַקאָנישן זאָגעלע:

— ביי אונדז אין דובראָוונע, האָט מען וועגן דעם, צי אַזוינס, נישט געהערט.

גרינוואַלד איז איבערגעשלאָפן די נאַכט ביי די זאַלצמאַנס. אויף מאָרגן האָט ער זיך אָפּגעזוכט אַ צימער אין דער שכנהשאַפט פון דער שול און ער איז געקומען נעמען זיין וואַליזע.

— וואָס? אַזוי שנעל? — האָט זיך דער באַלעבאָס געוווּנדערט — אַנדערע לערערס זענען ביי אונדז געשטאַנען אַ וואָך און מער, ביז זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט. — און ער האָט געפּאָרשט דעם לערער, צי ער האָט נישט קיין חרטה אויף זיין שריט.

— נו, — האָט גרינוואַלד גערעדט געלאַסן — ביי אייך איז דאָך נישט קיין אכסניא און קיין ישיבה־בחור בין איך נישט. אָבער איך דאַנק אייך אַלצאיינס פאַר אייער גאַסטפריינדלעכקייט.

זאַלצמאַנען, ווי יעדן בעל־דעה, האָט געררייצט די שטאָלצע סטרונע, וואָס ער האָט דערשנאַפּט ביים לערער. ער האָט זיך פאַר־קוקט אויף אים מיט אַ מינע, גלייך, ווי ער וואָלט אים איצט דערזען צום ערשטן מאָל.

— אָבער „סאַפּער״ (וועטשערע) וועט איר דאָך עסן מיט

אונדז? — האָט זיך אַריינגעמישט סטעלאַ. זי האָט געשמייכלט, אָבער די גרויסע געלבלעכע אַפּלען, ווי ביי אַ סאָווע, זענען געבליבן שטרענג און מוטנע.

גרינוואַלד האָט געפונען אין „וו" אַ גוט־איינגעשטעלטע שול. ס'איז געווען אָנגענעם צו זען, ווי דאָס קליינוואַרג באַציט זיך ערנסט צו די לימודים. דאָס יידיש פון די שילער האָט געהאַט אין זיך דעם דרומדיקן קלאַנג, די שלעפּערדיקע צעצויגנקייט. ס'האָט זיך אָפּט געדאַכט, אַז זייערע רייד זענען אויסגעגאָסן אין כסדרדיקע פּראַגן. אין פאַרגלייך מיט אַנדערע שולן זענען די תלמידים געווען מער אָוואַנסירט הן אין לשון, הן אין יידישער געשיכטע און ליטעראַטור.

אַ באַזונדערן נחת־רוח האָט דער לערער געהאַט פונעם לעצטן קלאַס. דאָרטן האָט זיך געפונען אַ גרופּע יונגוואַרג אין די יאָרן צווישן זעכצן און אַכצן. די דאָזיקע גרופּע איז געווען, ס'רוב, פאַרכאַפּט, גאַרנישט לויטן שטייגער פון די הי־געבוירענע, אין יידישע פּראָבלעמען. די סטודענטן האָבן מיט התמדה געלייענט יידישע ביכער, און פון זייערע יונגע ליפּן האָבן זיך אָפּט געהערט די נעמען פון אונדזערע עלטערע און יינגערע שאַפערס.

אמת, יענע שול איז געווען איינע פון די ערשטע אין לאַנד. און אירע לערער — דאָס סאַמע זעמל־מעל פון דער פּראָפעסיע. דער עיקר האָט זיך אויסגעצייכנט דער לעצטער, ירחמיאל עלקין. ער האָט אָוועקגעגעבן דער שול זיין גאַנצע מי און ענערגיע. ער האָט מיט זיין איבערגעגעבנקייט און מסירת־נפש אַרויסגערופן צו איר דרך־ארץ און פּיעטעט, נישט נאָר ביי די עלטערן, נייערט אַפילו ביי די קינדער. אָבער אויך ער, ווי די פריערדיקע לערערס, האָט געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט אַן אַנטוישטער און פאַרביטערטער, צוליב דער זאַלצמאַן־פאַמיליע, וועלכע האָט זיך גערימט מיט דער שולעס דערגרייכונגען און זיי צוגעשריבן אויף איר קרעדיט. און פאַרן מינדעסטן טעות, שוין אָפּגערעדט פון דורכפאַל, האָט מען געוואָרפן די שולד אויף די לערער...

ביים אַרויסגיין פון לערנען, ווען גרינוואַלד האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי ער זאָל דערפילן סטעלאָס פאַרלאַנג, איז אונטערגעקומען איר עלטסטע טעכטערל, אסתר, און צו אים שטיל געזאָגט:

— לערער, איך וויל אייך דערמאָנען, אַז איר זייט פאַרבעטן צו אונדז אויף אָוונטברויט.

ער איז געווען געריירט. דאָס מיידל איז לחלוטין נישט געווען ענלעך צו אירע אייגענע. זי איז געגאַנגען ביי זיין זייט און גערעדט מיט קינדערשער פאַרכּלינעטקייט וועגן דער שול און וועגן דעם לערער עלקין. זי האָט אים באַשאָנקען מיט אַזוי פיל שמייכלענדיקע קאָמפּלימענטן, אַז עס האָט זיך אַזש אויפגעוועקט ביי גרינוואַלדן אַ ביסעלע קנאה צו זיין קאָלעגע.

— פאַרוואָס־זשע האָט איר, חברה, אים געלאָזט אַוועקגיין? — האָט ער געוואָלט הערן איר מיינונג.

— לערער, איר זאָלט עס פרעגן? — האָט זי זיך געוווּנדערט. — ס׳איז דען געווען געוועגדט אין אונדז? — זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, גלייך זי וואָלט זיך געשראָקן, אַז ווייטערדיקע רייד וועלן אַרויס־געבן איר סוד.

ווען ער האָט געעפנט די טיר, האָט אים באַגעגנט דער אַלטערס וואָרטשען:

— ס׳קאָצל קומט! — אָט איז ער דאָך יאָ...

דער לערער האָט זי גוטמוטיק באַגריסט:

— אַ גוט אָוונט, באָבע! איך האָב אייך אָפּגעבראַכט אייער אייניקל!

— איך האָב פיינט, אַז מען רופט מיך באָבע! — האָט זי דער־ווידערט. — איך האָב „בוכאַשעם״ אַ נאָמען. — און זי האָט פאַר־נומען איר אָרט אויבן אָן, לעבן דעם איידעם.

— זעצט זיך צום טיש! — האָט אים סטעלאַ אָנגעוויזן אויף אַ שטול צווישן דעם ייִנגערן מיידל, סוזי און איר מוטער.

הגם גרינוואַלד איז געווען הונגעריק, האָט ער קוים געקענט אַראָפּשלינגען דעם ביסן. ס׳האָט געפעלט די היימלעכקייט און פריינדלעכקייט, מיט וועלכער מ׳נעמט געוויינלעך אויף אַ גאַסט. דער מדובר האָט זיך געדרייט אַרום די פריערדיקע לערערס. יעדן איינעם פון זיי האָט דער דריילינג מזכה־געווען מיט אַ שטעכווערטל, אַזוי ווי קיין זייטיקער וואָלטביים טיש נישט געווען.

גרינוואַלד האָט צופעליק געוואָרפן אַ בליק אויף אסתרן און באַמערקט, ווי די רייד דענערווירן זי, פאַרשאַפן איר צער. זי האָט

געגעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. זי האָט זיך געשעמט פאַרן לע־רער. און ווען דער פאָטער האָט אויסגעזוכט אַ נייעם חטא אויף עלקינען, איז דאָס מיידל ווייס געוואָרן, ווי דאָס טישטוך, און האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

— דו דאַרפסט אַזוי נישט רעדן וועגן אים, פּאַ! — און זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אָרט, און זיך געלאָזט צו איר צימער.

— „גאָו בעק טו יור סיט!" (גיי צוריק צו דיין שטול!) — איז די מוטער אויסגעוואַקסן לעבן איר. און זי האָט באַפּעלעריש געהאַלטן אויסגעצויגן איר פינגער צו דער טאָכטערס שטול: „בעק"!

פאַר דער דאָזיקער יונגער פרוי האָט זיך געבויגן נישט נאָר איר מאַן, נאָר אַפילו די אַלטע. זי האָט געהאַט אין זיך אַ ניצוץ פון איר פאָטער. זי, להיפּוך צו די אַנדערע אין שטוב, איז גראָד געווען אַ שווייגנדיקע און אַ פאַרשלאָסענע, און האָט זי שוין עפּעס געזאָגט, איז עס דווקא געווען אויף ענגליש, כדי צו דערמאָנען די אַרומיקע, און דער עיקר איר זיסלען, אַז זי איז די איינציקע הי־געבוירענע צווישן זיי אַלע. אַן אַמעריקאַנערין מלידה, הייסט־עס...

אסתר האָט זיך אומגעקערט צום טיש, אָבער געגעסן האָט זי נישט. דער שמועס האָט זיך באַנייט, ווי גאָרנישט וואָלט געשען. ביי דער קליינער סוזי וועלכע איז געווען, אגב, שטאַרק ענלעך אויף איר מוטער, האָט זיך צעשפּילט אויף די דינע, שיינע ליפּלעך אַ שמייכל, ווי די סצענע מיט איר שוועסטער וואָלט איר שטאַרק הנאה געטאָן.

גרינוואַלד איז געווען שאָקירט און אויפגערעגט. ער האָט אָנ־געווענדט אַלע כוחות זיך נישט אַרויסצוכאַפּן מיט אַ שאַרף וואָרט, וואָס וואָלט אים קאַליע געמאַכט, גלייך ביים אָנהויב, זיין לערערישע דאָליע.

פּלוצים האָט זיך צעקלונגען דאָס טיר־גלעקל, און עס זענען אַריין יוסף לאַנדוי מיט זיין פרוי.

— לערער! — האָט אים לאַנדוי האַרציק באַגריסט. — מיינע מיידלעך האָט איר שוין געטראָפן און איצט באַקענט זיך, ווי דאָס ווערטל גייט, מיט מיין בעסערער העלפט!

— די אַנדערע העלפט איז אויך נישט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט! — האָט גרינוואַלד געענטפערט אינעם זעלביקן טאָן. און ער דערפילט, ווי די אָנגעקליבענע שווערקייט לאָזט נאָך. די מרס. לאַנדוי

האָט מיט הסכמה צוגעשאָקלט מיט איר ווייסן קאָפּ. דער לערער האָט נישט געקענט אָוועקרייסן די בליקן פון איר. איר איידל־מוטערלעך פּנים האָט זיך ווי געבעטן מ׳זאָל קוקן אויף איר. זי האָט אים טאַקע ווי אַ מאַמע, געגומען אויספרעגן, און זיך אינטערעסירט מיט יעדער קלייניקייט:

— לערער! אויב איר נויטיקט זיך אין עפּעס, לאָזט אונדז וויסן, שעמט זיך נישט!...

— איך גלויב קוים, — האָט זיך אָפּגערופן זאַלצמאַן סאַרקאַס־טיש — צי ער איז אַ שעמעוודיקער. און ער איז ווידער אַריבער אויפן פריערדיקן שמועס. די לאַנדויס האָבן געשוויגן. זיי האָבן זיך צוגעהערט מיט אַ באַזונדערן אָפּשיי. מ׳האָט געקענט מערקן, אַז אויך עפּעס אַ מורא איז פאַרמישט אין זייער באַציאונג מיט אים. און ווי דער לערער האָט זיך שפּעטער דערוווּסט, האָבן אויך אַנדערע פונעם גראָסערי־פאַך געטיילט אַזאַ געפיל...

דער יונגערמאַן איז קוים איינגעזעסן. און ווען ביים באַלעבאָס האָבן זיך, ענדלעך, אויסגעלאָזט די רייד, האָט ער זיך וואַרעם אָפּגע־זעגנט מיט אַלעמען, און האָט אַ זאָג געטאָן פיל־באַדייטנדיק צום תקיף:

— טאָמער פעלט אייך איצט אויס אַ טעמע, שטעלט מיין נאָמען אַריין אין רייסטער...

און ער איז אַרויס פון הויז.

שפרה קאָרן

דער עלטער־אונטערשייד צווישן דעם לערער גרינוואַלד און זיינע תלמידים פון דער העכסטער כיתה איז געווען, לויט די אָנגענומענע באַגריפן, אַ קליינער. ער איז בסך־הכל געווען געררוקט פון זיי מיט אַ יאָר זעקס־זיבן. די בחורים האָבן אין אים געזען נישט בלויז דעם מדריך, נאָר אויך אַ חבר, מיט וועמען מ׳קען אַ שפּאַס און אַ שפּיל־טאָן אין באַל. נישט אַזוי די מיידלעך. זיי זענען געקומען אין קלאַס אין בגדי יום־טוב און האָבן געזוכט צו איבערשטייגן איינע די אַנדערע אין פּוץ, אין קאָסמעטישע איינפאַלן. אוודאי זענען געווען אויסנאַמען, ווי למשל, די שוועסטער לאַנדוי, אסתר זאַלצמאַן, שולמית שאַליט.

דעם יונגן לערער האָט אי געשמייכלט, אי געשראָקן דער מיידלשער אינטערעס אין אים. ער האָט, בעת און נאָכן לערנען, אויסגעמיטן אַ צו שטאַרקע נאָענטקייט. און ווען איינע פון זיי האָט אים ביים פאַרלאָזן די שול, מעשה דאַמע, גענומען אונטערן אָרעם, האָט ער זיך געפּרוווט אַרויסדריייען מיטן כמעט זעלביקן תירוץ:

„איך האָב דאָך שוין אַ טאָכטער באַלד אין דיין עלטער!"

דאָס מיידל האָט אים דעמאָלט צוגעוואָרפן אַ שעלמישן בליק, ווי זי וואָלט זיך פאַרשטאַנען אויף אַזוינע המצאות, און זי האָט זיך ווייטער געטוליעט צו אים...

ווען ס׳איז אָבער אויסגעוואַקסן ביים לערערס זייט שפרה קאָרן, און זי האָט אים אַ גלעט געטאָן מיט אירע שטילע, ווי אין אַ תפילה פאַרטיפטע אויגן, האָט גרינוואַלד נישט דערווידערט. ער האָט אָנגעשטעלט אויף איר זיין פאַרגאַפטן בליק, גלייך ס׳וואָלט זיך פּלוצים אַנטפּלעקט פאַר אים אַ זעלטענע דערשיינונג פון אַן אַנדער וועלט. אים האָט אָפט געוווּנדערט: פון וועמען האָט דאָס זיבעצן־יאָריקע

קינד געירשנט אַזוינע איידעלע געזיכט־שטריכן? אַזאַ שטאַטנע פי־
גור? אַזאַ דיסטינקציע?

גרינוואַלד האָט גוט געקענט אירע עלטערן, די פאַרהאַרעוועטע גראָסערי־לייט. בייביידן האָבן געפעלט די דערמאָנטע אייגנשאַפטן. אוית ביי די בני־בית האָט מען נישט געקענט געפינען קיין ענלעכ־קייט אויף שפרהן.

דאָס מיידל האָט אָפּגעצויגן דעם לערער פונעם געזעמל תלמידים צו איר ספּאָרט־אויטאָ, וואָס איז נאָך צו יענער צייט געווען אַ נאָוינע ביים יונגן עולם, און אים אָפּגעפירט צו זיין וווינונג. ביים אַרויס־שטייגן אים אַריינגעשטעקט אַ בינטל פינגער אין דער האַנט אַריין, און איז נישט געוואָרן.

איינמאָל, אין אַן אָוונט, האָט שפרה, אָנשטאָט אַהיים, זיך אָוועק־געטראָגן מיטן לערער, אויסער דער שטאָט, אין אַן אומבאַקאַנטער געגנט. גרינוואַלד האָט זיך פאַרחידושט:

— וווהין פאָרסטו, שפרה?

— כ׳האָב געהערט, אַז ס׳האָט זיך געעפנט אַ נייער קאַפע־רעס־טאָראַן — האָט זי גערעדט צו די רוישיקע גאַסן, צו די צעצונדענע לאַמטערנס — מען סערווירט דאָרטן אונטערן אָפענעם הימל, און עס שפּילט דאָרט אַ פיינער אָרקעסטער. — פלעקן ליכט האָבן זיך אַריינגעריסן אין דעם אויטאָ, אַנטפּלעקט אויף אַ רגע איר שטערן, אַ שפּיץ נעזל, אַ לעפל פון איר קליין אויערל.

דער לערער איז געזעסן אין צווייטן ווינקל און נישט אַראָפּ־גענומען די אויגן פון איר. ער איז געווען מיד, אויסגעשעפּט. ס׳איז געווען די צייט פאַר זיין אָוונט־מאָלצייט. ער האָט געפרעגט:

— נו, אַז אַ נייער רעסטאָראַן האָט זיך געעפנט, איז וואָס?

— איך וויל דאָרטן טרינקען אַ טעפעלע קאַווע מיט אייך. — האָט זי אויסגעדרייט איר קעפל צו אים. — איז עס אַן עוולה?

— דיינע עלטערן וועלן נישט איבערקלערן, שפרה?

— איר האַלט מיך פאַר אַ קליין מיידעלע, נישט אמת? — האָט זי זיך באַליידיקט.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז דער אויטאָ פאַרפאָרן פאַר אַ נייעם בנין. הינטער אַ צוים פון שיטערע קוסטעס האָבן זיך געמערקט טישלעך מיט פאַראַפינענע ליכט, אַרומגענומען פון אַ הויך גלאָז,

כדי דער ווינט זאָל זיי נישט אויסלעשן. די שטולן זענען געווען געדיכט באַזעצט פון אַ יום־טובדיקן עולם. אין דער אויסגעשטערנ־טער אַפּריל־נאַכט האָבן זיך געטראָגן פאַרבענקטע טענער פון יאָהאַן שטראַוסעס „בלויער דונאַי".

דער קעלנער האָט אָפּגעזוכט פאַרן פּאָרל אַן אָרט און באַקומען די באַשטעלונג.

בעתן עסן, רופט זיך שפרה פלוצים אָפּ צו גרינוואַלדן:

— איר ווייסט, לערער, איך קען זיך עפּעס נישט פאָרשטעלן אייך אין דער ראָלע פון אַ פאַרהייראַטן מאַן און פאָטער.

— פאַרוואָס נישט? — האָט ער פאַרטראַכט געפרעגט. דעם מיידלס באַמערקונג האָט אויפגעוועקט אין אים פאַרהוילענע ווונדן. ער האָט זיך ווידער דערפילט שולדיק קעגן לאהלען. אַ שאַרפע בענ־קעניש האָט אים אַרומגעכאַפּט צו איר. ער האָט אַרויסגענומען אַ בילדל און עס געוויזן שפרהן:

— מיין טעכטערל, לאהלע!

שפרה האָט אַ צייט געקוקט אויפן קינד מיטן גלאָקט קעפּל און אויפגעריסענע אייגעלעך, און האָט צוריקגעקערט דאָס בילדל אָן ווערטער, גלייך ווי דאָס אומבאַקאַנטע באַשעפעניש וואָלט געשטאַנען ווי אַ מחיצה צווישן אים און איר. מיט אַמאָל האָט זי אויסגערופן:

— איך בין אין כעס אויף אייך!

— פאַרוואָס ביסטו אין כעס אויף מיר, שפרה?

— איך ווייס נישט! — האָט זי אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ — און דאָס בילדל ווייזט מיר מער נישט!

— איז דען לאהלע נישט קיין שיין קינד? — האָט ער זי געפרעגט.

דאָס מיידל האָט אויפגעהויבן אויף אים אַ פּאָר פייכטע אויגן:

— זי איז זייער שיין! — האָבן די טרערן זי געשטיקט.

— פאַרוואָס וויינסטו, שפרה? — האָט זיך גרינוואַלד פאַרלוירן.

— איר... איר... האָט מיך נישט ליב...

— דו מאַכסט אַ טעות, שפרה! — האָט זיך ביי אים אַרויס־געכאַפּט. — איך מיין...

אין איין רגע איז ביי איר נישט געבליבן קיין סימן פון טרערן.

זי האָט זיך איבערגעבויגן צו אים איבערן טישל, אין דער האַלבֿ־טונקלקייט, און אים באַפוילן:

— גיט מיר אַ קוש, גרינוואַלד!

דער יונגערמאַן האָט זי מטושטש באַטראַכט. די פיין־געפורעמטע ליפּן האָבן זיך איצט קינדיש־קאַפּריזנע צונויפגעלייגט אין אַ בער־כערל און אומגעדולדיק געוואַרט. ער האָט זיך אומגעלומפּערט אַ הויב געטאָן, באַרירט מיט זיין מויל איר שטערן און האָט אַוועק־געקוקט אין אַ זייט.

שפרה האָט זיך צעלאַכט מיט אַ חוזק־געלעכטערל און זיך אויפגעשטעלט.

זיי זענען שווייגנדיק צוריקגעפאָרן אין שטאָט אַריין. דעם מיידלס מיניאַטור־פּנימל איז געווען אָנגעבלוזט און פאַרוואָלקנט. ביים לע־רערס וווינונג איז זי געבליבן שטיין. ער איז אַרויס פון אויטאָ און איר דערלאַנגט די האַנט. זי האָט זיך אַ ווײַלע געקווענקלט, און זי ענדלעך אָנגענומען.

— ביסט אַ טייער קינד, שפרהלע! — האָט גרינוואַלד געזאָגט.

— איר זענט אַ טייער טאַטעלע! — האָט זי געענטפערט אינעם זעלביקן טאָן.

— דו לאַכסט פון מיר?

— יאָ! — זי האָט האַסטיק אַ דרוק געטאָן אויפן פּעדאַל פון אויטאָ און זי איז פאַרשוווּנדן.

גרינוואַלד האָט זיך אַ שטיק נאַכט געוואָרפן אויף זיין געלעגער. ער האָט נישט געקענט איינשלאָפן. אין אים האָבן זיך געראַנגלט די לערערישע פליכטן מיט זיינע געפילן צום מיידל. „מ'האָט אים פאַרטרויט אַ שול מיט יונגוואַרג", האָט דער יונגער בעל־חלום גע־ריסן פאַסן פון זיך, „נישט בלויז צו שטאָפּן איר מיט 'תורה', נאָר אויך צו זיין אַ מוסטער פאַר איר מיט זיין אייגענער פּערזאָן, מיט זיין אייגן לעבן. צום סוף איז ער פאַר זיינע שילערינס געוואָרן עפּעס אַ מין „פראַנט" פון אַ קליין־שטעטלדיקער נאָוועלע"...

דער יונגערמאַן האָט זיך נישט געשוינט. ער האָט מערערע מאָל, אין זיין פאַרצווייפלונג, באַשלאָסן זיך צו דערווייטערן פון שפרהן און איינשטעלן אַן אַנדער באַציאונג מיט זיינע פאַרערערינס, אָבער

ווי נאָר דעם מיידלס געשטאַלט האָט אַ שוועב געטאָן פאַר אים, זענען אַלע שטרענגע באַשלוסן צערונען.

אויף צומאָרגנס, ווען גרינוואַלד איז נאָכן לערנען אַרויס פון שול, האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיט שפרהן ביי דער טיר.

— שפרהלע! — האָט ער זי קינדיש פאַרצויגן — האָסט גע־מאַכט אַ טעות, היינט איז נישט דיין לערן־טאָג.

— און אַז נישט, טאָר איך נישט אַריינגיין?... — זי האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן קלאַס־צימער, און האָט אומהיימלעך געשוויגן.

גרינוואַלד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ביים שרייב־טיש און גענומען כלומרשט לייענען. ער האָט באַמערקט, אַז זי איז געווען בלאַס און דערשראָקן. זי האָט געוואָרפן צעשטרייטע בליקן צום פענצטער.

— וואָס האָט געטראָפן, שפרהלע?

— קומט, איך בעט אייך, לאָמיר פון דאַנען אַרויסגיין...

אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן זיי זיך געלאָזט מיט דעם אויטאָ אין דער ריכטונג פון דער נייער קאַפּע. אויפן וועג האָבן זיי חרטה געהאַט און זיך אָפּגעשטעלט אין שטאָטישן פּאַרק. זיי האָבן דאָרט לאַנג שפּאַצירט, איינגעקלאַמערט איינער אין צווייטן. צום סוף האָט דער לערער נישט אויסגעהאַלטן און האָט ווידער געפרעגט:

— זאָג מיר, וואָס איז געשען?

— שפּעטער! — האָט זי אים אַרומגענומען און צוגעדריקט אירע ליפּן צו זיינע. דער פּאַרק איז געווען פול מיט באַוועגונג. אויטאָס האָבן זיך אומגעיאָגט ווי די שדים, און געשטאָכן די פינצ־טערניש מיט זייערע מגושמדיקע ליכטער. פון דער געדיכטעניש זע־נען געקומען אָפּגעריסענע קלאַנגען, געלעכטערס.

דאָס יונג פּאָרל האָט גאָרנישט געמערקט, קיינעם נישט גע־הערט. ס׳איז געווען פאַרכאַפּט פון אַ צערטלעכקייט־שגעון, ווי אַלע פאַרשלאָסענע קוואַלן וואָלטן זיך פּלוצים אויפגעפּראַלט ביי זיי.

מיטאַמאָל האָט גרינוואַלדן ווידער אַ פּיק געטאָן אין מוח.

— האָסט דאָך מיר געדאַרפט עפּעס דערציילן...

— האַ? — האָט דאָס מיידל אים אָנגעקוקט מיט דערשטוינונג. זי איז נאָך געווען אונטער דער ווירקונג פונעם עמאָציאָנעלן אויפ־ברויז. -- אָט דאָס ווילט איר איצט וויסן? — האָט זי אים נישט פאַרשטאַנען. — נו, גוט! גייענדיק פריער אין שול אַריין, האָב איך

באַגעגנט די אַלטע מכשפה, דאָבע שײנקין. זי האָט מיך באַטראַכט מיט אַזוינע מיאוסע בליקן, אַז ס׳איז מיר אײנגעפאַלן ס׳האַרץ. אָבער איצט לאַך איך פון איר, איך לאַך פונעם גאַנצן „הויף״! — **און זי** האָט זיך שטאַרקער צוגעדריקט צו אים.

אָבער דעם יונגנמאַן האָט זיך שוין גאָרנישט געלאַכט. אין קעגנטייל: אים איז באַפאַלן אַן אומעט, אַן אומרואיקייט. ער האָט אויפסניי איבערגעלעבט דעם אומזיסטן עגמת־נפש פונעם שוין אַמאָל דערמאָנטן „משפט״, וועלכער איז פאָרגעקומען איבער אַ מינדער־וויכטיקער און לעכערלעכער געשעעניש... און פאָרנדיק מיט שפרהן אַהיים, האָט ער נישט אויפגעהערט צו טראַכטן ווי אַזוי ער זאָל זיך אַרויסדרייען פונעם פּלאָנטער. נאָר גאָר אײנגיכן האָט זיך די האַרבע דילעמאַ אַליין געלייזט אויף אַן אומגעריכטן אופן...

איין טאָג האָט גרינוואַלד באַקומען אַ בריוו פון סאָניאַן, אין וועלכן זי האָט אים מיטגעטיילט, אַז זי קלייבט זיך מיטן קינד אין וועג אַרײַן. ער זאָל בכן, צוגרייטן אַ פּאַסיקע דירה און אײַנקויפן דאָס נייטיק מעבל. דער בריוו איז געווען אַ לאַנגער מיט אַ סך פּרטים, גאָרנישט ענלעך צו די פריערדיקע. ס׳האָבן זיך דאָרטן אויך געפונען רמזים אויף איר און לאַהלעס בענקשאַפט צו אים. ער האָט אויך דערשנאַפּט צווישן די שורות, אַז ס׳איז צו איר דערגאַנגען וועגן זײַנע פאַרהעלטענישן מיטן מיידל. נאָך שטאַרקער איז ביי אים געוואָרן אָט דער אײַנדרוק, ווען די אַלטע שײנקין, אויף וועמעס אַדרעס ער פלעגט באַקומען די פּאָסט, האָט אים דערלאַנגט דעם בריוו. לויטן מינעלע אויף איר צעפאָרענעם פּרצוף־פּנים, איז ער נישט נאָר געווען זיכער, אַז די אַלטע האָט אים געלייענט, נאָר אַז זי האָט עס מגלה־געווען צו סאָניען דעם סוד...

נאָכן אָנקום פון זײַן פרוי און קינד, האָט שפרה געגומען אים אויסמיידן. זי האָט אַפילו אויפגעהערט צו באַזוכן די שול. אויך אויף די אַנדערע „פאַרערערינס״ זײַנע האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַ סבל־נות, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט פּשוטער גלייכגילטיקייט...

„אונדזער גאָלד און פּערל״

יוסף לאַנדויס טעכטערלעך, גאָלדעלע און פּערל, זענען נישט געווען די איינציק־געראָטענע תּלמידות אינעם העכסטן קלאַס פון דער פֿאָלקס־שול. אויך אַנדערע יוגנטלעכע האָבן זיך דאָרטן אויס־געצייכנט, נאָר מחמת די נעמען פון אָט די צוויי מיידלעך האָבן אַזוי סימבאָליש אָפּגעשפּיגלט זייערע פיזישע און גייסטיקע מעלות, האָבן די עלטערן, ווי די שול־טוערס, גערופן פֿאַרצערטלט די גאַנצע חברה פון יענער כּיתּה: „אונדזער גאָלד און פּערל!״...

דער לערער, אליעזר גרינוואַלד, האָט זיך שטאַרק געגרייט צו אָט דעם קלאַס. ער האָט געזאָרגט, אַז יעדע מינוט פון דער וווּנדער־לעכער שעה, וואָס דאָס יונגוואַרג, סטודענטן פון „הײַ־סקול״ און קאָלעדזש, גייט אַוועק, זאָל נישט גיין לאיבוד. ער האָט אָפּט איבער־געלעבט דעם פּאַרכטיקן ציטער פונעם פרומען שליח־ציבור, בעת ער טרעט אַרויס פאַר זיין עדה. ביים יונגן לערער האָט געטליעט אַ האָפענונג, אַז דאָס דערוויייל שיטער יידיש־וועלדל, פֿאַרפלאַנצט אויף דער האַרטער, אומפרייינדלעכער, צו עטנישע מינדערהייטן, אַמע־ריקאַנער ערד, וועט פֿאַרט לאָזן וואָרצלען, וועט זיך דאָך אַמאָל צעגרינען...

למען האמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די גרופּע יוגנטלעכע האָט בשעתו אַרויסגערופן גרויס אויפזען אַפילו אין קרייז, ווו יידיש איז נישט געווען שטאַרק אָנגעלייגט, אַ פּשיטא נאָך ביי חברים, בחורים און מיידלעך פונעם זעלביקן עלטער. יענע האָבן זיך גענר־מען לערנען אונדזער לשון מיט יוגנטלעכער התלהבות. אַפילו טייל תּלמוד־תּורהס אין שטאָט האָט זיך מתקנא געווען אינעם וווּקס פון דער פֿאָלקס־שול און האָט איינגעשלאָסן אין איר קוריקולום דעם יידיש־לימוד...

גרינוואַלד האָט אויך געזוכט אַ באַגעגעניש מיט יונגוואַרג פון אַנדערע לאַגערן. זיינע עמיסאַרן זענען געווען די עלטערע תּלמידים. צווישן זיי האָבן זיך געפונען אַזוינע, וועלכע האָבן געקענט, ווי דאָס ווערטל גייט, עפענען אַ מויל, אָנפירן אַ דיסקוסיע, פּאָרלייענען. זייער יידיש איז געווען אַ נאַטירלעכער. אין זייערע היימען האָט מען נאָך, צו יענער צייט, קיין אַנדער לשון נישט גערעדט. גאָלדעלע און פּערל האָבן אַפילו אַריינגעוואָרפן דער מאַמעס אַ גלייכווערטל אין זייערע שמועסן מיט די קלאַס־חברים.

די מניעה אינעם צונויפקום איז נישט געקומען מצד דעם יונג־וואַרג; אדרבא, זי איז געווען נייגעריק זיך צו טרעפן מיט איר גלייכן. די שולד איז גיכער געפאַלן אויף די אַפּוטרופּסים, אויף די שטאָטישע רעדל־פירערס פון די לאַנד־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן דאָ אויך געהאַט זייערע אָפּטיילונגען. זיי האָבן געוואָלט אָנהאַלטן זייער השפּעה אויפן יונגוואַרג — און אויב אַזאַ מין אַסיפה איז נוצלעך, האָבן זיי געטענהט, וועלן מיר זי פאַררופן...

עס האָט דעם לערער גענומען געגוג צייט און מי צו איבערצייגן יענע לייט, אַז די גאַנצע שול־ און דערציאונגס־אַרבעט וועט זיין אַרויסגעוואָרפן, אויב מ'וועט אָנהאַלטן באַזונדערע קלייזלעך און נישט געבן דער אונטערגעוואַקסענער חברה אַ סביבה, ווו זי זאָל זיך קענען געזעלשאַפטלעך אויסלעבן און געפינען אַ געמיינזאַמען אינטערעס.

ס'איז גרינוואַלדן געלונגען צו געווינען אויף זיין זייט דעם דירעקטאָר פון דער אָרטיקער יידישער „וואַי", לוי בערגער, אַ יונ־גערמאַן מיט יידיש־נאַציאָנאַלע נטיות. ער האָט אָפּגעגעבן אַ צימער אין יענעם פאָלקס־בנין פאַר דעם ערשט־דערמאָנטן צוועק. און אָט דער „נייטראַלער" טרעף־פּונקט האָט איינגעשטילט אַ ביסל די גע־מיטער ביי די אייפערדיקע מנהיגים, אָבער נישט אויף לאַנג...

אליעזר גרינוואַלד וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן די ערשטע פאַרזאַמלונג פון די עלטערע שול־תּלמידים מיט זייערע נייע פריינד. די הויכלעכע פּערל, מיט דער מאַמעס גוטסקייט און געדולדיקייט, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ פעאיקער פאָרזיצערין. זי האָט מיט איר שטיל און אָנגענעם קול צעגלידערט פאַר איר יונגער אודיטאָריע די צילן און פּלענער פון דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט, מיט

וועלכער ס׳האָט זיך דעמאָלט געטומלט אין די גרויסע שטעט אי־בערן לאַנד.

דאָס יונגוואַרג האָט נישט איינגערוט, זיך געהיצט, זיך געריסן צום וואָרט, אַרויסגעבראַכט מיינונגען און געדאַנקען, וועלכע האָבן געקענט מיט זייער לאָגיק און אָבסערוואַציע פאַרשעמען אַ סך פון די דערוואַקסענע. דאָ און דאָרט האָט מען טאַקע געמערקט אַ בר־נש פּגעם עלטערן דור האַלטן אַ וואַכזאַם אויג אויף די „שנעקעס", אַז זיי זאָלן, חלילה, נישט אַראָפּ פונעם פּאַרטייאישן דרך הישר...

דער לערער איז געזעסן אָן אַ זייט און זיך צוגעהערט. ער איז געווען שטאָלץ אויף זיינע תלמידים. באַזונדערס האָט אויסגענומען שולמית שאַליט, דאָס זיבעצן יאָריקע מיידל מיט איר ערנסטקייט און האַלטונג האָט אַרויסגערופן אַפּשיי צו זיך. זי איז געווען זשיטלאָווסקיס אַ „חסידה", זי האָט געקענט ציטירן פון אויסנווייניק גאַנצע פּאַראַ־גראַפן פון זיין חיבור „ייד און מענטש". איר שפּראַך איז געווען, להיפּוך צו די שוועסטער לאַנדוי, אַ ליטעראַרישע, אַ בוך־לשון, נאָר מיט יענעם אומגעריכטן חן, ווען די דאָזיקע שפּראַך טראָגט זיך פון די ליפּן פון אַ הי־געבוירן קינד.

שולמית איז אַרויסגעקומען פון אַ צעבראָכענער היים. איר מו־טער האָט איבערגעריסן מיט איר פאָטער ווען זי איז קוים זעקס יאָר אַלט געווען. דאָס מיידל האָט מיטגענומען מיט זיך, ווי איר האָט זיך געדאַכט, דעם גאַנצן צער און עלנט פונעם טאַטן. זיין געשטאַלט האָט זיך איינגעקריצט אין איר זכרון אינאיינעם מיטן גרויען, ביור־יאָרקער ווינטערדיקן באַגינען, ווען די פאַרעקשנטע מאַמע איז בשתיקה אַוועק אין די מרחקים מיט אַן אַנדער מאַן. וואָס עלטער דאָס מיידל איז געוואָרן, אַלץ שטאַרקער האָט זיך געוועקט אין איר דער פאַרלאַנג זיך אומצוקערן צום אַליין־געבליבענעם טאַטן, גלייך ווי אויך זי וואָלט שולדיק געווען אינעם אָפּגעטועטענעם אומרעכט...

— מיר זענען היינט עדות פון אַ גרויסער היסטאָרישער גע־שעעניש! — האָט די יונגע שולמית גערעדט מיט אַ טאָן פון אַ דערוואַקסענער — אויב אונדז זאָל געלינגען, וועלן אַנדערע שטעט אונדז נאָכטאָן. איר קענט זיך פאָרשטעלן, חברים, וואָס פאַראַ ווירק־קונג דאָס וועט האָבן אויף אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן דאָ אין לאַנד?

און אירע גרויסע אויגן האָבן זיך צעלויכטן מיט יוגנטלעכער התלהבות.

צווישן דעם שול־יונגוואַרג האָט אויך געמאַכט אַ שטאַרקן רושם בעני צאַלקין מיט זיינע בלאָנד־געקרייזלטע קוטשערן. ער האָט שטודירט מוזיק אין אַ קאָנסערוואַטאָריע, און האָט געחלומט צו פאַר־פאַסן אַן אָפּערע אויפֿן סוזשעט פֿון לייוויקס „גולם". ער איז געווען ס׳רוב אַ שווייגער, און ווען ער האָט יאָ אַמאָל עפּעס געזאָגט, איז אַרום אים מאָדנע שטיל געוואָרן, ווי פֿון אים וואָלט מען דערוואַרט אַ וואָגיק און דורכגעטראַכט וואָרט.

— דער מוזיקער בלאָך — האָט זיך דערהערט צאַלקינס קול — איז מיר אַ סך נאָענטער, ווי הענדעל און אַפּילו באַך, מיט זייערע קריסטלעכע מאָטיוון. און אוודאי רעדן מער צו מיין געמיט פּרץ און לייוויק, ווי סינקלער לואיס און העמינגוועי. — און באַמערקנדיק דעם חידוש ביי די צוהערער, האָט ער צוגעגעבן: — ווי יידישע קינדער, דאַרף אייך נישט וווּנדערן אויף אַזוינע געפילן.

אַ סך האָבן זיך טאַקע יאָ געוווּנדערט, און זיי האָבן שטאַרק דערווידערט קעגן די „סעפּעראַטיסטישע" נייגונגען פֿונעם רעדנער. זיי זענען, אגב, אַ ביסל מיד געוואָרן פֿון דער הויכער רעטאָריק, און זיי האָבן חשק געהאַט בעסער אַ זינג און טאַנץ צו טאָן. די יונגעלייט האָבן געוואָרפֿן שעלמישע און פֿאַרבענקטע בליקן אויף שפרה קאָרן, וועלכע איז געווען דאָס שענסטע מיידל אין דער שול־גרופּע. אירע טונקעלע אויגן האָבן אין זיך געהאַט אַ סודותדיקן שימער, און זיי האָבן געמאַכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן תפילה געטאָן בלחש. דער לערער האָט זיך נישט איינמאָל געכאַפּט ביים לערנען, אַז הגם זיינע רייד זענען געווענדעט צו אַלעמען, זעט ער אָבער דאָס דאָזיקע מיידל אַליין פֿאַר זיך. אין יענע נאַאיווע יאָרן האָט שפרה פֿאַנטאַזירט פֿון אַן אַרטיסטישער קאַריערע אויף דער יידישער בינע. זי האָט אַ סך געאַרבעט אויף זיך צו פּערפֿעקטירן איר דיקציע, איר חיתוך־הדיבור. — ס׳איז באמת געווען אַ נחת־רוח זי צו הערן פֿאַרלייענען און רעציטירן.

שפרה האָט זיך נישט וויסנדיק געמאַכט פֿון דער בחורישער נייגעריקייט אַרום זיך. זי האָט זיך מיט אינטערעס צוגעהערט צו איר קלאַס־חבר, סעמי ברוקס, צום פֿלייסיקסטן זאַמלער פֿון יידישע

ווערטלעך, רעדנסאַרטן, רעטענישן און וויצן. ער האָט בריהש באַ־וויזן, אַז מיט אַזאַ עבודה באַרייכערט מען זיך נישט בלויז שפּראַכ־לעך, נייערט מ׳עפנט אויך אויף אַ טירעלע צו די טיפעניש פון דער פאָלק־נשמה.

סעמי האָט דערמאָנט מיט זיינע קורץ־געשוירענע, שטייענדיקע האָר, אין אַ יאַזשיק. ער איז געווען אַן איילנדיקע באַטור, סיי אין רעדן, סיי אין זיינע מעשים. ער האָט גענומען פרי אַרויסהעלפן זיינע עלטערן אין דער גראָסערי־קראָם, און ער איז ווייטער פון דער „פּאָבליק סקול״ נישט דערגאַנגען. אָבער אין דער יידישער שול האָט ער זעלטן פאַרפעלט. ער איז אַריינגעפאַלן אַהין אַ פאַר־שוויצטער, אַ פאַרשטויבטער. נאָכן פאַנאַנדערפירן די פּעקלעך שפּייז צו די קונים. ער האָט אָפט אונטערגעדרעמלט ביים לערנען, און זיך שפּעטער פאַרענטפערט פאַרן לערער:

— אַז מ׳איז פאַריאָגט און פאַרהאָרעוועט — האָט ער גערעדט דעם טאַטנס רייד — מיט דאגות־פּרנסה...

דאָס בחורל איז געשטאַנען אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דער סעקציע פון „ייוואָ״, פון דער פאַרמלחמהדיקער ווילנע, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיטן פריער־דערמאָנטן זשאַנער. ער האָט איר רעגל־מעסיק איבערגעשיקט דעם אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל.

פון אָט די אויסגערעכנטע און פון אַנדערע פעאיקע און באַ־גאַבטע תלמידים איז דעמאָלט באַשטאַנען דער עלטסטער קלאַס פון דער פאָלקס־שול. זיי האָבן זיך שטאַרק אָנגעזען אויף דער קאָנ־פערענץ, און זיי האָבן געווירקט, אַז מ׳זאָל זיך, ווי אַ קאָלעקטיוו, אָנשליסן אין דער געזעלשאַפט. עס האָט זיך גערעדט, אַז מ׳האָט ענדלעך געפונען אַ מיטל, ווי אַזוי איינצוהאַלטן דאָס שול־יונגוואַרג, זי זאָל זיך נישט צעקריכן, נאָר זאָל ווייטער ציען איר יניקה פונעם אייגענעם קוואַל. אין יענער צייט האָט פּלוצים אָנגעטראָגן אין שטאָט דעם שול־אינספּעקטאָר, אַ דאָרן, המכונה א. ווילנער. ער האָט זיך נאָך אונטערוועגנס דערוווּסט פון דער „נבלה״, און ער האָט גענומען דעם לערער, ביי אַ שול־זיצונג, אויפן צימבל:

— ווער האָט עס אייך געגעבן די מאָראַלישע רעכט אָוועקצופירן אונדזערע קינדער צו די יאַהודים?

ווילנער איז געווען אויסער זיך. אין אים האָבן זיך איצט

אַפּגערופן אויף פריערדיקע קריוודעס צום לערער. זיינע שטאַרק קורצזיכטיקע אויגן האָבן געזוכט דורך די דיקע גלעזער נאָך שולדיקע...

זיסל זאַלצמאַן, דער כל־ולך פון דער פאַרוואַלטונג, האָט זיך תיכף אַרויפגעכאַפּט אויף יענעמס פערדל, כאָטש ער האָט צוגלייך מיט אַנדערע שול־טוער געשטימט לטובת דער קאָנפערענץ און דעם אָנגעצייכנטן אַרט.

— מיר דאַרפן זוכן פרעמדע גערטנער?! — האָט ער דעמאַ־גאָגיש געדריקט אויפן „מיר“ — ס׳האָט אונדז אָפּגעקאָסט אַ מטמון מיט געלט צו דערציען אַ יוגנט, וועלן מיר זי איצט איבערגעבן אין פרעמדע הענט?

גרינוואַלד האָט זיך פאַרלוירן אַרומגעקוקט. ער האָט געזען, ווי דער עולם שלינגט קנעכטיש אַראָפּ יענעמס שקרים. ס׳איז אים געווען פריקרע צו דערמאָנען די לייט וועגן זייער פריערדיקער שטעלונג, אָדער צו דערווייזן, אַז די כלומרשטע „יאַהודים“ האָבן אַזוי פיל צו טאָן מיט זיין פראָיעקט, ווי זיסל זאַלצמאַן מיט אויפ־ריכטיקייט. ער האָט שטיל באַמערקט:

— איך זע באמת נישט איין פון וואָס איר מאַכט אַזאַ וועזן, איך...

— איר זעט נישט? — האָט אים ווילנער איבערגעשלאָגן — אָבער מיר...

— ביז היינט האָבן די „מיר“ אויך נישט געזען — האָט אים גרינוואַלד אויך איבערגעריסן און זיך צעשמייכלט מיט אַ חוזק־שמייכעלע. — צי איז עס טאַקע אין אונדזערע אינטערעסן, אַז ביי אונדז זאָלן זיין אַזוי פיל קלייזלעך?

ביי די געטרייע פּאַרטיי־לייט האָבן אַזוינע דיבורים געלונגען אומפאַרגעבלעך־נאַאיוו, אויב נישט נאָך ערגער. דעם לערערס ווייַ־טערדיקע טענות זענען שוין געפאַלן אויף טויבע אויערן. און הגם מ׳האָט נישט אָנגענומען, צוליב געוויסע אויסרעכענונגען, קיין שום באַשלוסן, זענען אָבער די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען ביי יענער אַסיפה דערגאַנגען צו די אַנדערע צדדים. און די אַלטע קעגנער־שאַפט האָט געקראָגן אַ נייעם אָנשפּאַר, וואָס האָט אַ סוף געמאַכט פונעם ערשטן פּרוּוו צו שאַפן אין ווייטן דרום אַ יוגנט־צווייג פון

דער „יידישער קולטור־געזעלשאַפט”. און אויב דאָס איז געווען ווייניק, איז נאָך ביי די מנהיגים געבליבן אַ געפיל פון חשד און אומצוטרוי צו זיין איניציאַטאָר...

צוגאַסט ביי די לאַנדויס

די לאַנדויס האָבן געוווינט אַ מייל צוואַנציק פון דער שטאָט. דאָס הויז איז געשטאַנען על פרשת־דרכים. דער הויפּט־וועג האָט זיך געצויגן קיין מייקאָן, און דער זאַמדיקער שאָסיי — צו צע־וואָרפענע שטיבלעך, צו פאַרמערטע ישובים.

אין פאָדערשטן טייל פונעם הילצערנעם געביי האָט זיך גע־פונען די גראָסערי־קראָם, און פון דאָרטן האָט אַ טיר געפירט צו דער דירה. די חדרים זענען געווען אַלטמאָדיש מעבלירט מיט שווערע דעמבענע טישן, שטולן און בעטן. פון די ווענט האָבן אַראָפּגעקוקט פאָטאָגראַפיעס פון פאַרגאַנגענע דורות — ס'רוב פון זיי מיט בערד און פיאות, מיט שטערנטיכלעך און פאַטשיילעס, פאָטאָגראַפיעס אַריבערגעבראַכט, ווי אַ טייערן אוצר, פון דער אַמאָליקער היים, אין דער ליטע. זיי האָבן זיך אָנגעקערט מיט דער עקרת־הבית, נחמה לאַנדוי. אַפילו ווען מ'וואָלט עס נישט געוווסט, וואָלט מען עס זיך געקענט לייכט אָנשטויסן. דער שלשלת־ה־יוחסין האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף איר לויטער געשטאַלט אינעם בליק פון אירע אויגן, אין איר שמייכל...

אמת, ס'זענען דאָרטן אויך געהאָנגען בילדער, וואָס האָבן אויפגעקוקט ווי פרעמדע און פאַרבלאָנדזשעטע, פון פאַרשוינען אין מיליטערישע שינעלן, מיט היטלען און קאָקאַרדעס, מיט פּיזיאַ־נאָמעיס, אין וועלכע ס'האָט זיך קוים געמערקט דער צלם־ייד. יוסף לאַנדוי איז געווען אַ זון פון אַ ניקאָלאַיעווער סאָלדאָט. אויב מ'האָט עס נישט דערקענט אין זיין אויסזען, האָט מען עס זיכער דערשנאַפּט אין זיין חיתוך־הדיבור. ער איז אין אַלגעמיין געווען איידל און פריינדלעך אין זיין אומגאַנג מיט מענטשן — אָבער ווי נאָר ער האָט געמאַכט אַן איבעריקע כוסה, האָט ער זיך אין

גאַנצן פאַרלוירן און זיך גענומען זידלען, אַפילו שלאָגן. נחמה האָט געדאַרפט אָנווענדן פאַרשידענע פאָרטעלן אים צו האַלטן אין צוים. דער עיקר, ווען געסט זענען געקומען, צי ווען מ׳איז געגאַנגען אויף באַזוך. איבעריקנס, האָט מען שוין געוווסט פון זיין „שוואַכ־קייט״, און מ׳האָט קיין שאַרפע משקאות נישט דערלאַנגט צום טיש.

איינמאָל אין אַ זונטיק האָבן די לאַנדויס פאַרבעטן אויף מיטאָג דעם לערער און זיין נישט־לאַנג צוריק אַריבערגעקומענער משפחה. שפעטער האָבן זיך געוויזן נאָך געסט: שול־טוער און מיטגלידער פון אָרדן. דער שמועס האָט זיך געדרייט אַרום שול און גראָסעריי ענינים. און איז גיך אַריבער צו דער אומפאַרמיידלעכער און, בשעתו אַקטועלער, נעגער־פראַגע, און ביי איר איז מען שוין געבליבן לענגער, גלייך זי וואָלט געווען ביי אָט די לייט אַ כראָנישע חולאת. הגם מ׳האָט געצויגן חיונה פונעם שוואַרצן, האָט מען געהאָט צו אים אַ סך תרעומות פאַר זיין אומפאַרלעסלעכקייט, אָפּגעלאָזנקייט און שפלות...

— ווי קען מען האָבן צוטרוי צו אים — האָט געטענהט דער קורץ־וווקסיקער באַרני ברוקס. — אַז ס׳איז נישטאָ קיין וואָר וואָרט אין זיין מויל. באַרגט אָן פראָדוקטן און ווערט נישט. — ער האָט פאַרצווייפלט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — און גיי זוך דעם ווינט אין פעלד!...

— פונדעסטוועגן מאַכט איר אַ לעבן פון אים! — האָט אַריינ־געשטעלט סעם סימקין. — מיר מאַכן אַלע אַ לעבן פון אים!

מ׳האָט אים באַטראַכט מיט חידוש. מ׳האָט געוווסט, אַז די „שחורים״, ווי יידן רופן די שוואַרצע צווישן זיך, האָבן אים שוין אַ פּאָר מאָל באַרויבט און צעממיתט. ער איז אַפילו אָפּגעלעגן אַ פּאָר טעג אין שפּיטאָל.

— וואָס קוקט איר מיך אָן, ווי אַ נעכטיקן? — האָט ער זיך אויפגערעגט. — אַלע שחורים האָבן ביי אייך איין פּרצוף? — און ער האָט אַזש פאַרענדיקט מיט אַ גראַם: „האיש אחד יחטא ועל כל העדה תקצוף?״

יעדער פון די גראָסערי־לייט האָט עס אַליין אויך געוווסט, אַז מ׳קען נישט באַשולדיקן די גאַנצע נעגערישע באַפעלקערונג פאַר

די זינד פון געציילטע. נאָך מער — מ׳האָט מיטגעפילט און מיט־געליטן מיט איר, ווען מ׳האָט געהערט, אַז קלעניקעס האָבן דורכ־געפירט אַ לינטשינג אויף אַ שוואַרצן. און ווען די נעגער האָבן זיך ערגעץ־ווו דערוואָרבן אַ ביסל מער רעכט, האָבן זיך יידישע הער־צער געפרייט...

אליעזר גרינוואַלד האָט זיך אַ צייט צוגעהערט צום שמועס, און איז דערנאָך אַריין צו די מיידלעך אין צימער. דאָרט האָט גע־הערשט לחלוטין אַן אַנדער „קלימאַט״: די ווענט זענען געווען באַצירט מיט ביכער־שענק, טייל פון זיי יידישע. ס׳האָבן זיך גע־וואָרפן אין די אויגן צייכענונגען, אייגן־געמאַכטע און רעפּראָדוק־ציעס. די שוועסטער האָבן שטודירט מאָלעריי און האָבן אַרויסגע־וויזן גוטן געשמאַק און אַ טיפע פאַרשטענדעניש פאַר זייער אַרבעט. גאָלדעלע האָט אונטערגערוקט דעם לערער אַ שטול. פּערל האָט געפאָרשט זיין יעדע מימיק, באַוועגונג, בעת ער האָט באַטראַכט די צייכענונגען. נאָך אַ לענגערער פּויזע האָט זי געפרעגט:

— איר מיינט, עס האָט עפּעס אַ ווערט?...

— אין אַ גרעסערער שטאָט וואָלט איר געהאַט אַ בעסערע געלעגנהייט. — צי האָט איר אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם, מיידלעך?

— מיר האָבן געטראַכט, — האָט זיך ווידער אָפּגערופן די עלטערע. — נאָר אין הויז טראַכט מען אַנדערש.

אין דער טיר האָט זיך אַריינגעשטעלט דעם לערערס טעכטערל, לאהלע. די מיידלעך האָבן זיך אַרומגעכאַפּט מיט איר, זי באַזעצט אין מיטן צימער און זי באַוואָרפן מיט רייד.

פּערל איז אָפּגעטראָטן צו איר טישל, אַ ווילע באַטראַכט דאָס קינדעריש געלאָקט קעפּל, און באַלד האָט זיך עס גענומען אַנט־פּלעקן אויף אַ ווייס בייגעלע פּאַפּיר. ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן, האָט זי עס אונטערגעטראָגן גרינוואַלדן.

— האָסט טאַלאַנט, פּערל!

— הלוואי וואָלט דער טאַטע אַזוי געטראַכט.

ווען גרינוואַלד האָט זיך צוריקגעקערט אין זאַל, איז דאָרט דער מדובר שוין געווען וועגן דער שווערער לאַגע אין זייער פאַך. מ׳האָט זיך געקלאָגט, אַז דער אַפּטאָוניק, זיסל זאַלצמאַן, האָט אויפגעהערט צו געבן סחורה אויף קרעדיט און סטראַשעט מיט גע־

ריכט, אויב מ׳וועט נישט גוט־מאַכן די קורץ־טערמיניקע וועקסלען. ס׳האָט זיך אָנגעקליבן אַ סך בייז בלוט און קריוודעס קעגן יענעם. מ׳האָט פאַרגעסן, אַז אַ זייטיקער מענטש געפינט זיך אין הויז, און אפשר האָט מען שוין דערשנאַפּט, אַז אויך ער האָט נישט קיין געהויבענע מיינונג וועגן דעם בעל־הבית. איינס איז קלאָר געווען, די לייט טרויען זיך און ווילן זיך כאַטש מיט רייד פאַרגרינגערן דאָס געמיט...

ס׳האָט זיך דערהערט אַ שטאַרק קלינגען און ס׳איז אַריין זאַלצמאַן מיט זיינע צוויי שטענדיקע באַגלייטערינס, נעמלעך, פרוי און שוויגער. אין הויז האָט זיך גלייך דערפילט אַ קלימאַטישער איבערבייט. מען האָט ווייטער געשמועסט, אָבער אַ סך שטילער און איינגעהאַלטענער. דער אַפּטאָוניק האָט אָנגעבלאָזן די ליפּן און גענומען אומפירן זיינע אַפלאַכערישע בליקן פון איינעם אויפן צווייטן, ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטויסן, אַז מ׳האָט אים דאָ ערשט, פאַרן אריינקומען, ריעכט, צעטרייבערט. ער האָט פאַרצויגן אַ גערייד, ווי זיין מידה איז געווען צווישן מענטשן, נישט וועגן געשעפטלעכע, נייערט וועגן געזעלשאַפטלעכע ענינים. אַ שטייגער וועגן די הכנות צום ערשטן מאַי, וועלכער האָט זיך דערנעענטערט.

— מ׳וועט דאַרפן צוגרייטן די קינדער פאַר דער פייערונג. מ׳וועט דאַרפן...

דער לערער האָט נערוועז אומגעשפּרייזט איבערן צימער און איז פּלוצים שטיין געבליבן אַנטקעגן לאַנדוי.

— איר ווייסט, חבר לאַנדוי, — האָט ער געזאָגט אַן ערנס־טער. — אייערע מיידלעך ווייזן אַרויס טאַלאַנט אין זייער מאָלן. זיי האָבן עס נישט געטאָרט פאַרנאַכלעסיקן.

מ׳האָט אים אָנגעקוקט מיט שטוינונג, און מער פון אַלעמען, זאַלצמאַן. דעם לערערס חוצפּה זיך אַריינצורייסן אין זיינע רייד האָבן אים אַרויסגעבראַכט פון די כלים. און אויב דאָס איז געווען ווייניק, האָט נאָך גרינוואַלד אַרויסגעזאָגט די השערה, אַז די מייד־לעך האָבן געירשנט זייערע קינסטלערישע נייגונגען פונעם פאָטער.

— אויב אַזוי, מיינע פריינד — האָט זיך זאַלצמאַן קרום צע־שמייכלט. — איז דאָך טאַקע אַ מצוה צו מאַכן אַ „לחיים״. איר הערט דאָך, דער לערער אַליין „מאינד יו״, האָט געמאַכט די וויכ־

טיקע אַנטדעקונג. — איז ער געוואָן פול מיט גיפטיקע רמזים...

די מרס. לאַנדוי איז בלייך געוואָרן. אירע אויגן האָבן זיך מיט געבעט אומגעטראָגן צווישן אים און איר מאַן און זי האָט זיך נישט געקענט אַנטשיידן וואָס צו טאָן.

— נו, דאָבע, דערלאַנג דעם גראַפינטשיק מיט די קעלישקע־לעך — האָט דער באַלעבאָס אויסגערופן אַן אויפגעראַמטער.

דאָבע האָט זיך געמאַכט כלא־יודע און אַריינגעטראָגן אַ פלאַש ראַזשינקע־וויין, וואָס איז געבליבן פון די פסחדיקע סדרים.

— דאָס איז פאַר די ווייבער! — איז לאַנדוי שוין געווען אין זיין מיליע. — נעם אַרויס דעם רעכטן־געדעכטן. הערסט דאָך, אַז היינט איז אַ שמחה!...

די פרוי האָט זיך אַוועקגעשאַרט צום פאַרשלאָסענעם שאַפקעלע, ווו דער מאַן האָט געהאַלטן זיין באַליבטן „ברען” און געבראַכט צום טיש.

— יוסף! — האָט זי זיך ביי אים מוטערלעך געבעטן — מיט אַ מאָס!

— אוודאי מיט אַ מאָס! — האָט ער אָנגעפילט די גלעזלעך פאַר אַלעמען און גלייך איבערגעקערט איינעם אין האַלדז אַריין — טרינקט! לחיים!

— נאָר מיט אַ חשבון, מיין פריינד — האָט זיך אָפּגערופן כלומרשט באַזאָרגט זאַלצמאַן. דאָבע האָט אים צוגעשיקט אַ דאַנק־באַרן בליק. נאָר יענער האָט גלייך מוסיף־געווען: — איין כוסה פאַר פערלען און איינע פאַר גאָלדעלען!

— יישר כוח, חבר זאַלצמאַן! — ער האָט אים מיט פאַרגע־ניגן געפאָלגט און געפאָדערט אַלע זאָלן אים נאָכטאָן. — יישר כוח אייך אַלעמען! — האָט שוין לאַנדוי אַ שטאַרק באַרוישטער ווייטער געגאָסן אין זיך. ס׳פּנים האָט זיך ביי אים צעפלאַמט. די אויגן האָבן זיך געריסן פון די נעסטן, און די צונג האָט אים שוין מער נישט געדינט: — ל־ח־יים ברי־רי־דער, ח־ב־ר־רי־ים, גו־טע פר־ריינט!...

דאָבע האָט זיך געשושקעט מיט די מיידלעך. די לעצטע האָבן געפּרווט אַ רעד טאָן מיטן פאָטער, און ווען זיי האָבן איינגעזען, אַז ס׳העלפט נישט, האָבן זיי זיך, פאַרשעמטע, אָפּגעטראָגן אין זייער צימער און פאַרשלאָסן די טיר.

די געסט האָבן זיך גענומען איינציקווייז אַרויסרוקן פון שטוב. לאַנדוי איז געשטאַנען אין מיטן צימער מיט אַ צעפּראַלט העמד און זיך געשלאָגן, אויפן רוסישן שטייגער, אין האַרצן אריין, און פון זיין מויל האָבן זיך געריסן אָפּגעהאַקטע רוסישע קללות. אָבער ווי בגילופינדיק ער איז געווען, האָט זיך ביי אים נישט אַרויסגעכאַפּט קיין איין האַרב וואָרט קעגן דעם גראָסערי־מושל. ער האָט אָפּגעשטופּט פון זיך דאָס כליפּענדיק ווייב, זיך מיטאַמאָל פאַרטשעפּעט אין טיש און איז געפאַלן. דאָבע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים. מ׳האָט אים אַרומגערינגלט, געפּרוווט אויפהייבן, העלפן...

זאַלצמאַן האָט אָפּגעמאָסטן דעם לערער מיט אַ שפּאָטישן בליק און איז אַרויס פון הויז.

דער רעוואָלט קעגן דעם „הויף"

די סצענע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין לאַנדויס הויז, איז פון זיינע געסט נישט פאַרגעסן געוואָרן. אמת, מ'האָט דערפון, עפנטלעך, נישט גערעדט, אָבער יעדער פון זיי האָט געוווּסט ווער עס האָט פּראָוואָצירט צו איר, און צוליב וועלכן צוועק...

יוסף לאַנדוי איז נאָך יענעם אינצידענט אומגעגאַנגען אַ דער־שלאָגענער, אַ שולדיקער. ער האָט זיך נישט געקענט מוחל־זיין פאַר פאַרשאַפן אַזוי פיל צער און בושה זיין פרוי און קינדער. ער האָט זיך געשעמט ווייזן פאַר לייט. איבערהויפּט האָט אים געקלעמט און געערגערט, וואָס דער לערער האָט בייגעוווינט די חרפּהדיקע געשעענישׂ...

ער האָט, פּונקט ווי די אַנדערע, דעמאָלט באַנומען די בייזע כוונה פון זיסל זאַלצמאַנס פּלוצימדיקער משקה־אָנבאָט. ער האָט אָבער נישט געפונען אין זיך גענוג כוח בייצושטיין דעם נסיון, און עס איז ביי אים געבליבן אַ הילפלאָזער כעס קעגן דעם גראָסערי־האַר און געביטער.

לאַנדוי האָט געהערט צו יענעם מין מענטשן, וועמען גאָטס־גאָב קומט אָן, ווי אין פּסוק שטייט: „בזעת אפּיך..." און נישט נאָר אין שייכות צו פּרנסה. נאָך יינגלווייז האָט ער זיך געדאַרפט אויסשטיין פאַרשיידענע נגישות פונעם פאָטער, דעם ניקאָלאַיער סאָלדאַט, ביז ער האָט זיך ענדלעך באַפרייט פון זיין רשות. ער האָט פאַרלאָזט די עכט־רוסישע שטאָט ביים דאָן, און איז אַוועקגעפאָרן צו זיינעם אַ קרוב אין אַמעריקע. דאָ איז ער אַריינ־געפאַלן אין אַ פרום יידיש הויז, ווו ער האָט, אגב, זיך באַגעגנט מיט זיין קינפטיקער פרוי, נחמה. צוערשט איז די נייע סביבה פאַר אים געווען אויסטערליש־אינטערעסאַנט און אַנגעלייגט, אָבער מיט דער צייט, האָט זי אים גענומען דריקן מיט די אומציילקע

הומרות און איסורים, פאַר וועלכע ער איז נישט געווען צוגעגרייט. ער האָט לסוף געפונען דעם וועג צו די יידיש־ראַדיקאַלע פּאַרטייען, וועלכע האָבן דעמאָלט פאַרכאַפּט, באַגייסטערט און מיטגעריסן גרוי־סע טיילן פון די יידישע אימיגראַנטן...

און הגם יוסף לאַנדוי האָט שוין אַ לאַנגע צייט געלעבט ווייט פונעם גרויסן, רוישיקן ניו־יאָרק האָט ער, ווי זיינס גלייכן, באַ־קומען פון דאָרטן „זיין" יידישע צייטונג, וועלכע האָט איצט, פּונקט ווי בשעתו, זיך איינגעשטעלט פאַרן אַרבעטנדיקן מענטשן. און אים האָט געפרייט, וואָס דער יידישער אימיגראַנט האָט זיך דער־וואָרבן אַ בעסערן עקאָנאָמיש־געזעלשאַפטלעכן מעמד. און ווען אימיצער איז אַרויסגעטראָטן ערגעץ פאַר רעכט און יושר, פאַר גלייכהייט און שלום, האָט ער, ווי זיינע פריינד, אים באַטראַכט, פיגוראַטיוו גערעדט, אויך פאַר זיין שליח־ציבור. און אויב אַזאַ איינער האָט זיך אָפּגעזוכט אין זיין מיט, האָט ער אוודאי געוווּנען זיין צוטרוי און באַוווּנדערונג...

איינמאָל אין אַ שנייאיק־קאַלטן טאָג, אַ זעלטנהייט אין אָט דעם טייל פון לאַנד, האָט דער שאָפער פונעם שול־אָמניבוס געלאָזט וויסן דעם לערער, אַז ער וועט נישט קענען ברענגען דאָס קליינ־וואַרג אין שול, מחמת דער מאָטאָר איז פּלוצים קאַליע געוואָרן און לויט דעם מעכאַניקערס מיינונג, וועט נעמען אַ וואָך, ביז מ'וועט אים פאַרריכטן. היות ווי יעדער מכשול קען האָבן, ביי די היגע פאַרהעלטענישן, אַ פאַטאַלע ווירקונג אויפן גאַנג פון דער שול, האָט גרינוואַלד גלייך אָפּגערופן אויפן טעלעפאָן זאַלצמאַנען זיך צו באַראַטן מיט אים וועגן דעם ענין.

— וואָס האָט עס צו טאָן מיט מיר? — האָט זיך יענער שנעל אָפּגעשאָקלט.

— מיט וועמען דען? — איז דער לערער געווען אויסער זיך די שול איז אין אַ...

— זי עקזיסטירט נישט פון נעכטן — האָט זאַלצמאַן אים נישט געלאָזט רעדן — און זי וועט געדייען אויך אויף ווייטער...

— אפשר וואָלטן זיך אָפּגעזוכט עטלעכע שול־טוער און גע־בראַכט די קינדער אין זייערע אויטאָס?

— איז ווער זאָל עס זיך ווענדן צו זיי? — איז ער געוואָרן אַלץ אומגעדולדיקער.

— עפּאָלעטן, חבר זאַלצמאַן, זענען צו עפּעס מתחייב...

— טאַקע? איר קענט זיי אָנטאָן עמיצן אַנדערש! — און ער האָט אויפגעהאָנגען דאָס טרייבל.

דער לערער, הגם צוגעוווינט צו די תקיפים, וואָס פירן־אָן מיט די שולן אויף דער פּראָווינץ, איז געבליבן נשתומם און שאָקירט פון אַזאַ באַציאונג. ער האָט גיך איינגעזען, אַז ער האָט זיך נישט אויף וועמען צו פאַרלאָזן, אַז דער גורל פון דער שול איז כמעט אומעטום אָפּהענגיק פונעם קאַפּריז פון אַ יחיד. האָט ער זיך אַליין אַ נעם געטאָן צום טעלעפאָן און גענומען אָפּרופן פּאַרוואַלטער, עלטערן, סתם באַקאַנטע. ער האָט ווי־עס־איז, צונויפגעקליבן עט־לעכע בעלנים און באַזאָרגט די קינדער מיט אַ מינימום טראַנס־פּאָרטאַציע.

ס׳איז געווען אַ וואָך פון כאַאָטישע טעג און שלאָפלאָזע נעכט, פול מיט זאָרג און ערגערנישן. תלמידים האָבן אויסגעפעלט צום לערנען, און די, וועלכע זענען געקומען, זענען געווען בייז, אויפ־גערעגט און אומצופרידן...

גראָד אינעם אָוונט פון דער שול־זיצונג האָט די שטאָט גע־קראָגן איר פריערדיקן, האַלב־זומערדיקן אויסזען. ס׳איז נישט גע־בליבן קיין זכר פונעם שניי. ס׳האָט געבלאָזן אַ מחיהדיק־וואַרעם ווינטל און דער הימל, פריי פון וואָלקנס, האָט אַנטפּלעקט די גע־היימנישפולע קאָנסטעלאַציעס פון שטערן און פּלאַנעטן. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע רו און שלווה האָט זיך באַזעצט אין די ווייטע רוימען...

אינעם שול־צענטער איז געווען פאַרקליבן אַ היפּשער עולם. ווער ס׳איז געווען נייגעריק צו וויסן, ווי דער לערער האָט זיך ספּראַוועט מיט די פּלוצים־אויסגעוואַקסענע שוועריקייטן, און ווע־מען ס׳האָט זיך פאַרבענקט נאָך אַן אייגענעם מענטשן נאָך אַ וואָך פון געצוווּנגענער איזאָלאַציע. דאָס רוב אָבער האָט אַהער גע־בראַכט אַ מין פאָרגעפיל, אַז היינט וועט מען מיטן „הויף" לערנען בלק. אינעם אַנגערויכערטן זאַל האָט זיך געטומלט, גערעשט. זאַלצ־מאַנס נאָמען איז נישט אַראָפּ פון די ליפּן. די גראָסערי־לייט, אויף וועלכע דער פּאַך האָט אַרויפגעלייגט זיין שטעמפּל, און מען האָט זיי אָפּט דערקענט לויט דער מראה, קליידונג און אויפפיר, האָבן אידעאיש געהערט צו פאַרשידענע קלייזלעך. די מערהייט איז געווען אָנגע־

שלאָסן אינעם „פֿאָלקס־אָרדן", ווו דער אָפּטאָוווניק האָט, כידוע, געוועלטיקט. אינעם אויפֿברויז פֿון אָט די לייט זענען געווען פֿאַר־מישט אַ סך מאָטיוון פֿערזענלעכע און קהלשע. ביי אַ טייל האָט געברענט דער פּאַרדרוס, וואָס מ'האָט זיך ביי אים פֿאַרשולדיקט איבערן קאָפּ, און מ'איז נישט אימשטאַנד צו צאָלן די חובות אין צייט. אַנדערע האָבן נישט געקענט פֿאַרטראָגן זיין גאווה, זיינע שטעכווערטלעך, זיין באַהאַנדלען מענטשן, ווי משרתים. מ'האָט אויך נישט פֿאַרגעבן די „נבלה" קעגן לאַנדוין. דער און יענער האָט זיך אַראָפּגערעדט פֿונעם האַרצן פֿאַרן לערער, זיך דערמאָנט אין פֿאַרשידענע קריוודעס און מעשים־תעתועים אָפּגעטוענע פֿון אים און פֿון די אַנדערע „הויף־לייט". בעתן רעדן האָט זיך גע־מערקט אַ פּחדדיקער צער ביים בעל־דבר. און דער סאַמע עיקר, משמעות, איז פֿאַרט געבליבן נישט דערזאָגט...

אַ זייגער ניין האָט זיך באַוויזן זאַלצמאַן אין דער באַגלייטונג, ווי געוויינלעך, פֿון פֿרוי און שוויגער. אין שטיל־געוואָרענעם זאַל האָט זיך דערפֿילט אַ געשפּאַנטקייט. אַ שווערקייט, ווי פֿאַר אַ שטור־רעם־אויסברוך. די צוויי ווייבער, ערנסטע, שטרענגע און פֿינצטערע, זענען געזעסן אויף זייערע ערטער אויבנאָן און געקוקט פֿון אונ־טערן שטערן אויף די געדיכטע רייען. ביים דורכגעטריבענעם אָפּטאָווניק האָט איבערן לויז־מילכיקן פּנים אַרומגעשוועבט אַן אומדערשראָקן, חוזק־שמייכעלע, וואָס איז אַלעמען מבטל. ער איז געווען אין אָרדן, ווי אין שול, דער פֿינאַנץ־סעקרעטאַר, און אין זיינע הענט האָט זיך נישט נאָר געפֿונען די מאה, נאָר אויך די הויפּט־דעה. דער פּאָרזיצער האָט ענדלעך געעפֿנט די לאַנג־דער־וואַרטעטע זיצונג. און נאָך דעם ווי מ'האָט דערליידיקט דעם סדר־היום, האָט דער לערער אָפּגעגעבן, ווי ס'פּירט זיך, זיין וועכנטלעכן שול־באַריכט.

גרינוואַלד האָט אָנגעהויבן דווקא שטיל, איינגעהאַלטן און — אומעטיק. זיין קול האָט זיך אָפּט געבראָכן. אין די רייד האָט זיך געהערט דער געפֿלאַטער פֿון דער מאַמע־פֿויגל איבער איר קליינ־וואַרג בעת אַ סכנה. אין אים האָבן זיך געראַנגלט זיינע התחייבותן צו דער שול און צו אירע טוער, מיטן ווידערווילן, שיער נישט שנאה, וועלכע ער און די מענטשן האָבן געהאַט צום בעל־תקיף. ער האָט געוווסט, אַז די שול טוויטקט זיך אין שלום, אין אייניקייט.

ער האָט געוואָלט אויסמיידן אַ ריס, אַפילו דעם מינדעסטן סכסוך, נאָר קעגן אים איז געזעסן אַ באַליידיקטע עדה יידן און געקוקט אויף אים, ווי אויף איר וואָרט־זאָגער, אויף איר מליץ־יושר, וואָס דאַרף, וואָס מוז, אויסשרייען איר אָנגעקליבענע ביטערניש. ער האָט אויך נישט געקענט פאַרגעסן, פאַרשטייט זיך, זאַלצמאַנס באַנעמונג צו אים פערזענלעך, נישט נאָר די לעצטע טעג, נייערט פאַר דער גאַנצער צייט, זייט ער איז איבערגעטראָטן די שוועל פון זיין קראָם; די אָפטע פאַרשעמונג ביים באַנק־פענצטערל, ווען דער באַאַמטער קערט אים אום דעם שול־טשעק מיטן לאַקאַנישן זאָגעלע, אַז דאָס פּאַפּירל האָט נישט קיין דעקונג. דער „פינאַנץ־מכשף״ האָט, הייסט עס, „פאַרגעסן״ צו דעפּאָנירן דעם שכר־לימוד און די אַנדערע הכנסות אין דער צייט...

דעם לערערס שטים איז געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ העכער, דרייסטער, אַנגרייפנדיקער, ווי ער וואָלט געפונען אַ הכשר פאַר זיין געבייזער אינעם תנ״כישן ווערטל: „עם עקש תתפתל!״ (מיטן קרומען, זאָלסטו זיין קרום!).

— פאַרוואָס זאָל אַ רבים — האָט ער פאַרענדיקט מיט האַרץ — ליידן צוליב דער רשעות פון אַ יחיד? — ער האָט געשטעלט די האַרבע קשיה, וויסנדיק, אַז זי ליגט ביי אַלעמען אויף דער צונג.

זאַלצמאַן האָט אויפגעהויבן זיין שטאַרק פאַרחידושטן בליק אויפן לערער. ער האָט נישט געגלויבט זיינע אויגן און אויערן. ער האָט אים געוואָלט איבעררייסן, נאָר באַמערקנדיק די שטילע איינשטימיקייט אין זאַל, האָט ער זיך שטום איבערגעקוקט מיט די צוויי ווייבער און האָט אָפּגעוואָרט אויף אַ גינסטיקער געלעגנהייט.

פּלוצים האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט די אַלטע דאָבע און האָט זיך אַ שטעל אויף געטאָן אין איר גאַנצער קנאַכיק־ביינערדיקער הויך. פון איר פינצטער געשטאַלט האָבן אַרויסגעגליט שפּיציק־שדישע פייערלעך. זיי האָבן אַ צייט אַרומגעבלאָנדזשעט איבערן עולם און לסוף געבליבן הענגען אויפן לערער:

— קומט צו פאַרן איינער, דער רוח ווייסט פון וואַנען און ווערט אַ גאַנצער מוסר־זאָגער און...

ס׳איז געוואָרן אַ טומל. מ׳האָט איר נישט געלאָזט ענדיקן. איינער האָט געזוכט איבערשרייען דעם צווייטן. ס׳האָבן נישט געהאָלפן די געבעטן און וואָרענונגען פונעם פאָרזיצער. מ׳האָט

געפּאַדערט אַ וואָרט, געפּאָכעט מיט די הענט, ס'האָט זיך געדאַכט, איינמאָל אויפגעריסן די דאַמבע, וועט זיך שוין דער שטראָם נישט לאָזן מער צוימען...

זאַלצמאַן האָט זיך געלאָזט מיט די נשים צום אַרויסגאַנג. ער איז געווען אויפגערעגט, אומגעדולדיק. אָט איז ער זיי פאַרלאָפן דעם וועג, אָט איז ער געבליבן הינטערשטעליק. ער האָט געזוכט אין דער בהלה עפּעס אַ גיפטיקן מעטאַפאָר, און האָט ענדלעך אויס־געשריען מיטן אַנשטעל פון אַ מאַרטירער:

— איר האָט פאַרוואַנדלט דעם מיטינג אין אַ „לינטשינג־פּאַר־טי"! — און שוין זייענדיק ביי דער טיר, האָט ער זיך אויסגעדרייט צו דער נישט־איינגעשטילטער עדה און איבערגעחזרט: אַ „לינ־טשינג־פּאַרטיי" האָט זיך אייך פאַרוואָלט! טפו זאָל עס ווערן!...

אַ באַזוך ביי די עלטערן

די האַלב־טראָפּישע נאַכט איז געווען אָנגעזאַפּט מיט ווירציק־שאַרפע ריחות. ווייטע טענער פון אַן אָרקעסטער האָבן זיך געמישט מיטן שטילן פּליעסק פון די כוואַליעסביים ברעג. ערגעץ אין די מרחקים האָבן זיך געמיניעט פאַרביקע פייערלעך, געוועקט אומ־געאַנטע בענקשאַפטן. נישט דערגרונטעוועטע ווונטשן און פאַר־לאַנגען...

אליעזר גרינוואַלד איז געזעסן אַן איבערוועלטיקטער פונעם שטראָם געדאַנקען און געפילן. נישט געקוקט אויף דער וואָך, וואָס ער געפינט זיך אין לאַנד, האָט ער נאָך אַלץ נישט געקענט משיג־זיין דעם גרויסן שנוי. ער האָט זיך געשפּירט אין דער בחינה פון איינעם, וועלכער איז פאַרטראָגן געוואָרן אין די ווייטע רוימען, ווו דער מענטש, ווי יעדער אָביעקט, פאַרלירט זיין וואָג און פּראָ־פּאָרציע און שוועבט על־פּי מוז אין חלל...

נאָך די געשעענישן אַרום דער שול אין „וו", איז דעם לערער ענג געוואָרן אין שטאָט. דער אויפברויז פון די גראָסערי־לייט קעגן דעם „הויף" האָט זיך ביסלעכוויז איינגעשטילט. מען איז געקומען צו דער מסקנה, (צום וויפלטן מאָל?), אַז דער אָפּטאָוניק, זיסל זאַלצמאַן, איז אַ כוח, מיט וועלכן מען מוז זיך רעכענען, און מיט וועלכן מען דאַרף ווייטער לעבן אין דער זעלביקער סביבה, און, ווי סתירהדיק ס'זאָל נישט קלינגען, האָט זיך די פאַרביטערונג פלור־צים אַ ווענד געטאָן אויפן לערערס אַדרעס. וואָרום ער איז דאָך געווען דער ערשטער און דערצו נאָך אַ זייטיקער אויפצוהויבן די מרידה קעגן אים...

גרינוואַלד האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט איזאָלירט, פאַרלאָזן. אַפילו זיין פריינד, יוסף לאַנדוי, האָט אים געעצהט צו רעזיגנירן,

און זיך צו פאַרשפּאַרן אומזיסטיקע גריזאָטע און פאַרדרוסן. דער לערער האָט זיך געפונען אין אַ פריקרער לאַגע. פונעם הויפּט־אָפיס, ווהין ס׳איז דערגאַנגען שנעל די אַפערע, האָט מען אים אויך, הגם דעליקאַט, אַנגעוווּנקען, אַז ס׳איז געזינטער פאַר אים און פאַר דער שול, ער זאָל זיך מיט איר שיידן, און מ׳האָט אים פאַרגעלייגט אַן אַנדער שטעל.

גרינוואַלד, וואָס האָט שוין פון דערפאַרונג געוווּסט, אַז אין יעדער שטאָט שטויסט מען זיך אָן כמעט אויף די זעלביקע מכשולים, אינעם געשטאַלט פון תקיפותדיקע שול־אָנפירער, האָט זיך לאַנג געישבט אָנצונעמען דעם אָנבאָט. דערצו האָט זיין פרוי, סאָניאַ, מיד פון וואַגל און פונעם אָפּט בייטן די לעבנס־תנאים, באַשטאַנען, ער זאָל איבעררייסן מיט דער אומזיכערער און מסופּדיקער פּרנסה און זיך אומקערן קיין ניו־יאָרק, ווו איר גאַנצע משפחה האָט געוווינט.

אָט אין יענע גורלדיקע טעג האָט גרינוואַלד באַקומען אַ בריוו פון זיין היים, אין תל־אביב. דער בריוו האָט זיך אין עצם נישט פיל אונטערשיידט פון די פריערדיקע, נאָר פון די קרומע, ציטער־דיקע שורות האָט דאָס מאָל געוויינט מיט אומעט און הילפסלאָזי־קייט. און הגם די מוטער האָט אָפּט דערמאָנט דעם טאַטן, האָט מען זיך געקאָנט גרינג אָנשטויסן, אַז ער איז נישט בקו־הבריאות. פאַר די קאַרגע צען יאָר, וואָס גרינוואַלד האָט זיך דעמאָלט געפונען אין אַמעריקע, האָט ער נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן צוריק־פאָרן, וואָרום געקומען איז ער אַהין, צו די אייגענע, בלויז אויף באַזוך. די עלטערן האָבן געוואָרט, און יעדער בריוו זייערער איז געווען אַ שווערע אָנקלאַגע קעגן אים. ער האָט זיך געפילט שולדיק און צוליב סיבות, אָפּט אומפאַרשטענדלעכע פאַר אים אַליין, אָפּ־געלייגט די נסיעה פון יאָר צו יאָר.

דעם פאָטערס מעגלעכע קראַנקהייט, האָט אים אָבער אַרויסגע־שלאָגן פון גלייכגעוויכט. ער האָט, ווי אַ בעל־חוב געוואָלט „דעקן" דעם חוב כאָטש אין דער פאָרעם פון אַ וויזיט איידער ס׳וועט צו שפּעט. ס׳האָבן אוודאי מיטגעווירקט אויך אין זיין באַשלוס די לעצטע פּיינלעכע געשעענישן אַרום דער שול. ער האָט געהאָט אַ פאַרלאַנג צו בייטן, זאָל זיין אויף אַ שטיקל צייט, די דערעסענע סביבה און —

— וואָס ביסטו אַזוי באַזאָרגט? — האָט אים סאָניאַ דעמאָלט פּאַרזיכטיק געפרעגט.

— דער טאַטע איז קראַנק! — האָט דער לערער געזאָגט פאַר־טראַכט.

די יונגע פרוי האָט אַרויסגענומען דעם בריוו פון זיינע הענט, איז שנעל דורכגעלאָפן די בייגעלעך פּאַפּיר און אים צוריקגעגעבן.

— איך זע דאָרטן נישט קיין שום חולאתן! — האָט זי סאַר־קאַסטיש באַמערקט. — סיידן דו זוכסט אַ תירוץ זיך דורכצו־פאָרן אַהין.

— כ׳האָב נישט דערוואָרט דו זאָלסט עס זען...

סאָניאַ האָט אַראָפּגעשלונגען דעם שטאָך און געפרעגט:

— ווו וועסטו נעמען אויף הוצאה אויף אַזאַ לאַנגער רייזע? רעכנסט דאָך נישט צו פאָרן אַליין?

— אויף דריי וועט טאַקע נישט קלעקן...

— אויב אַזוי דאַרף קיינער נישט פאָרן! — האָט זי געפּסקנט.

גרינוואַלד האָט נישט געענטפערט. ער איז מיטאַמאָל באַהערשט געוואָרן פון אַ רייזע־פיבער. די וואַקאַציע האָט זיך דערנענטערט. ס׳זענען געבליבן געציילטע וואָכן ביזן סוף פון שול־יאָר. וואָס קאָן נאָך זיין גלייכער, ווי לאָזן הינטער זיך דעם שלל דאגות און זאָרגן און דערפרייען די עלטערן און זיך מיט אַ צוויי־חדשימדיקן באַזוך אין דער היים?...

און אָט האָט ער פאַרווירקלעכט זיין לאַנג־געגאַרטן ווונטש. ער קוקט אויף דער מאַמען, וואָס זיצט אים אַנטקעגן און קען זיך זאַט נישט אָנקוקן. אויך זי האַלט אירע מידע, אומעטיקע אויגן אויף אים, און פון צופיל רייד שווייגן זיי ביידע. און ווען זיי זאָגן יאָ עפּעס, קלינגען די ווערטער, פּונקט ווי אינעם ערשטן טאָג פון זיין קומען, אי אייגן־נאָענט, אי אויסטערליש־פרעמדלעך.

— דער טאַטע האָט שטאַרק געבענקט נאָך דיר. — רייסט זי פּלוצים איבער די שטילקייט און דרייט אָוועק דעם קאָפּ.

ער ווייסט, אַז זי האָט נישט ווייניקער געבענקט ווי ער, נאָר דאָס איז ביי איר אַ מאַניער אַזאַ נישט אַרויסצוגעבן אירע אייגענע געפילן. ער גלעט אירע דינע, אויסגעטריקנטע פינגער און טראָגט זיי אָפּט צו די ליפּן.

— וואָס איז אים אַזוינס? — פעלט אים אויס דאָס פּאַסיקע וואָרט.

— גאָרנישט, מיין קינד, גאָרנישט. עס איז פּשוט די זקנה...

— פינף און זעכציק איז נישט אַזאַ הויכע עלטער.

— אפשר אין אַמעריקע, מיין קינד, דאָ, ביי אונדז, מאַכט די לופט טאַקע קליגער, ווייזט זיך אַ שמייכל אויף איר איינגעפאַלן מויל. — אָבער נישט יינגער און שטאַרקער...

און ווייטער ציען זיך אַוועק לאַנגע מינוטן פון שווייגן. און פּלוצים טוט זי אים אַ פרעג, ווי די פראַגע וואָלט איר די גאַנצע וואָך געמאַטערט:

— אַפּנים, אַז קיין גרויס שלום־בית איז צווישן דיר און דיין ווייבל נישטאָ, האַ?

גרינוואַלד איז בלייך געוואָרן, ווי מען וואָלט אים אָנגערירט אויף אַן אייטערדיקע ווונד. און נאָך איידער ער האָט באַוויזן עפּעס צו זאָגן, האָט ער ווידער דערהערט זיין מאַמעס קול, דאָס מאָל דורכ־גענומען מיט טיפן ווייטיק:

— האָסט אונדז׳ז נישט פאַרגונען דאָס ביסל נחת זיך צו באַ־קענען מיט דיין טעכטערל? — און כאַפּנדיק זיך, אַז אירע רייד פאַלן שווער אויף אים, האָט זי שוין אין אַ מילדערן טאָן געזאָגט:

— נו, מסתמא האָסטו דיינע סיבות דערפאַר...

צום טישל זענען צוגעקומען עטלעכע באַקאַנטע.

— גאָט ליב אייך מיט אייער גאַסט, גברת גרינוואַלד!

מ׳האָט געמאַכט אָרט פאַר אַלעמען. מ׳האָט זיך צעשמועסט וועגן אַמעריקע, וועגן דער אַלץ וואַקסנדיקער תל־אביב. ווייט־זיכטיקע דייטשע און עסטרייכישע יידן האָבן באַצייטנס אַרויסגע־ראַטעוועט זייערע פאַרמעגנס, מאַשינען, גאַנצע פאַבריקן. מ׳איז נישט געווען געגאַרט ביי זיך. מ׳האָט פאַראויסגעזען דעם אָנקום פונעם ברוינעם משחית. אָט דער עלעמענט האָט אַריינגעבראַכט אינעם לויז־אָריענטאַלישן לעבנס־שטייגער אָרגאַניזירטקייט, דיסצי־פּלין, אונטערנעמערישקייט. ער האָט גערעדט „דייטשמעריש” און געזונגען „היימאַטס־לידער”, און אָפן באַדויערט, וואָס די טויערן פון אַמעריקע זענען געשלאָסן.

— ווי מיינט דער הער גרינוואַלד, מען וועט זיי אַמאָל עפע־נען?

— גייען דען די געשעפטן דאָ אַזוי „שלים״? — פּרוּווט דער לערער צו ווערן פאַראינטערעסירט.

— אין קעגנסטייל! — ענטפערט אַ געוועזענער סוחר פון לייפּ־ציג — אָבער ווי לאַנג וועלן זיי אָנהאַלטן? עס מערקט זיך צווישן די אַראַבער אַן אומרואיקייט...

— ווי קומט דאָ אַריין אין רעכענונג דער אַראַבער? — וויל וויסן אַ נישט־לאַנג געקומענער ציין־טעכניקער.

— וואָס מיינען „זי״, דער אַראַבער וועט „אימער״ פאַרבלייבן אַ דומקאָפּ״? ער וועט רעבעלירן!

— קעגן וועמען וועט ער רעבעלירן, מיין הער? — לאָזט דער טעכניקער נישט אָפּ.

— קעגן דעם ענגלענדער, קעגן די „יודן״, קעגן אונדז אַלע־מען!...

— אָבער וואָרום, מיין ליבער הער? מיר ברענגען דאָך אַריין אינדוסטרי, נייע מעטאָדן, קולטור! — איז דער ערשטער פול מיט הידוש.

— די לייזונג פונעם פּאַלעסטינע־פּראָבלעם, — רופט זיך אָפּ אַן עלטערער מאַן, וואָס האָט אַמאָל פאַרנומען אַ לערער־שטעלע אין אַ דייטשער הויכשול — ליגט אין געמיינזאַמער אַרבעט. „יודן״ און אַראַבער — גלייכע פּאַרטנערן!

— ווען דער גנעדיקער הער וואָלט געזען אויף די אַראַבישע פעלדער ווי אַ פעלאַכן־פרוי איינגעשפּאַנט ביינאַנד מיט אַן אייזל אין אַ הילצערנעם אַקער. — האָט זיך אַריינגעמישט אַ פּוילישער ייד פון אַ שכנותדיק טישל, — עך, אָט אַזאַ פּנים וואָלט געהאַט די יידיש־אַראַבישע שותפות!... — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

אין דער גאַנצער צייט פון שמועס האָט גרינוואַלד געפילט אויף זיך אַ פּאָר שטאַרק נייגעריקע בליקן. ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט זיי, זענען זיי געווען פול מיט מיטלייד און באַדויערן צו אים, וואָס ער דאַרף פּטרן אַזאַ שיינעם אָוונט מיט עלטערע, אומאינ־טערעסאַנטע מענטשן.

די יונגע פרוי האָט אויסגעמאַרקירט צו זיין ביי זיין זייט, ווען די מסיבה האָט זיך געלאָזן אַהיים. זי האָט געהאַלטן אַ פּאָר נומערן פון ניו־יאָרקער יידישע צייטונגען.

— ווו האָט איר זיי געקראָגן? — איז דער לערער געווען פאַרחידושט.

— כ׳האָב נישט נאָר אָט די, און נישט בלויז פון אַמעריקע... — איז זי אַזש שטאָלץ געווען.

ער האָט זיך געוווּנדערט פון וואַנען ס׳נעמט זיך ביי איר אַזאַ שטאַרקער אינטערעס צו אונדזער וועלט־פּרעסע, נאָר ער האָט מער נישט געפאָרשט.

— ביי מיר אין צימער, — האָט זי אים כמעט ווי פאַרבעטן. — וועט איר זיי אַלע געפינען.

ער האָט זי לאַנג באַטראַכט און מטושטש געשמייכלט. איר וווּקסיקער גוף האָט געאָטעמט מיט ענערגיע, מיט קראַפט, און דאָך האָט זיך טיילמאָל געמערקט אין אירע גרויסע, נייגעריקע אויגן אַן אומזיכערקייט, אַ פאַרלוירנקייט. זי האָט מסתמא געדאַרפט זיין אַ יאָר דרייסיק. זי איז געווען עלעגאַנט געקליידט, אַפילו מיט אַ געוויסן שיק. פון איר זינגעוודיקער אינטאָנאַציע האָט מען דער־קענט, אַז זי איז אַ וואַרשעווערין. זי האָט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט און אים דערלאַנגט די האַנט:

— אָט אין דעם הויז, מיטן גרינעם גאַנעק, וווין איך. מיין נאָמען איז תרצה לעווין — און זי איז נישט געוואָרן...

דאָס הויז מיטן גרינעם גאַנעק

אליעזר גרינוואַלד איז יעדן טאָג אויפגעשטאַנען פרי, אַ בי־סעלע צו פרי, ווי ער וואָלט וועלן אויסציען די צייט פון זיין באַזוך אין דער היים. ער האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג וואָס לענגער צו פאַרברענגען מיט די עלטערן, מיט קרובים, מיט אַמאָליקע פריינד. אַריינגעמען אין זיך זייערע רייד, פאַרגעדענקען בעסער זייע־רע געשטאַלטן. ער האָט געהאַט אַ ווונטש אומצושפּאַנען איבער די גאַסן און אַנטדעקן יעדעס מאָל אַ צוגעקומענע שטיבעלע, אַן אויסגעפּאַרטיקטן בנין, אַן אויפגעבויטע געביידע. תל־אביב האָט דעמאָלט דערמאָנט מיט אירע ציכטיק־ווייסע, ליכט־באַגאָסענע, זון־באַשטראַלטע הייזער, אין יונגע נימפן ערשט־אַרויסגעשפּרונגענע פונעם ים־הגדול. ערגעץ אין די מרחקים האָבן זיך איבער יידישע ישובים געלייגט שווערע וואָלקנס, וועלכע האָבן געדראָט מיט חורבן און פאַרניכטונג, און דאָ איז אָנגעגאַנגען אַן אינטענסיוו־עקשנותדיק אויפבוי־אַרבעט, אַ נישט־איבערגעריסענער פרידלעכער שאַפונגס־פּראָצעס...

איידער גרינוואַלד האָט פאַרלאָזט דאָס הויז, האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט צום טאַטן אין שלאָף־צימער. יענער האָט שוין גע־וואַרט אויף אים. ער איז געלעגן אַ געלבלעך־גרויער, אַן אָפּגע־שוואַכטער און לאַנג באַטראַכט זיין בן־יחיד דורך די גרויסע שפּאַ־קולן, ווי ער וואָלט אים נישט גלייך דערקענט. אין זיין בליק האָט זיך אָפּט געמערקט אי פאַרוואורף, אי עפּעס אַ שולד, וואָס ער איז נישט בכוח איינצוהאַלטן זיין זון אין דעם לאַנד פון זיינע חלומות...

זינט דעם יוגנט אָנקום, האָט דער עלטערער גרינוואַלד נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דער צייט, ווען ער איז, אַ יאָר פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַוועק פון זיין היימ־

שטאָט אין אוקראַינע, ווו ער האָט פאַרנומען אַ בכבודיקע שטעלע אין קאַנטאָר פון אַ פירמע, וואָס האָט עקספּאָרטירט תבואה. פון זיין לאַנגער נסיעה אויף דער שיף פון אָדעס קיין יפו, פון די ערשטע יאָרן אַרבעט מיטן פיאָש אויף דער האַרטער ערד אין יהודה, וועגן די אַנגסטפולע נעכט אויף שמירה, דער אַראַבער זאָל נישט אַוועקגזלענען דאָס שווער־דערוואָרבענע יידיש האָב־און־גוטס. ער האָט געטראַכט פון די טעג, ווען ער איז געלעגן אַ קראַנקער אויף מאַלאַריע, אויף געלן פיבער. דאָס לעבן איז געהאָנגען אויף משקלות. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ פאָטער פון צוויי קינדער, און ס׳האָט אָפט אויסגעפעלט אויף חיונה...

אמת, שפּעטער האָט זיך די לאַגע אַ סך פאַרבעסערט, מ׳האָט זיך אַ נעם געטאָן פלאַנצן וואָס מער פּרדסים. דער יפוער מאַראַנץ האָט באַקומען אַן אָרט אויפן אייראָפּעאישן מאַרק. פיל קאָלאָניסטן האָט אָפּגעגליקט און נחום גרינוואַלד בתוכם. מ׳האָט געשיקט די קינדער אין דער יפוער גימנאַזיע און דערנאָך דעם זון אין אַ פראַנצויזישער הויכשול אין ביירוט. ס׳האָט זיך געדאַכט, די שווערע מי, די אַריינגעלייגטע טרחה, וועט נישט גיין לאיבוד. דער בן־יחיד, אַן אויסגעשטודירטער, וועט מיט דער צייט איבערנעמען די קליינע מלוכה.

און ווען נחומס ברודער אין אַמעריקע האָט, אין אַ זומער, פאַרבעטן דעם פּלימעניק צו זיך אויף אַ פּאָר חדשים, צו זיין זיין גאַסט, האָט דער פאָטער גאָרנישט געהאַט דאַקעגן. אדרבה, ער האָט אים נאָך צוגערעדט: „זאָל דער בחור אַ קוק טאָן אויף דער וועלט, ס׳וועט אים צונוץ קומען!”... און די עלטערן האָבן אים אַרויסבאַגלייט מיט די האַרציקסטע ברכות. אָבער ווער וואָלט זיך עס דעמאָלט געריכט, אַז דער זון זאָל אָפּטאָן אַזאַ זאַך?

— וואָס האָסטו דאָרטן אַזוינס געפונען, אָדער כאָטש דער־גרייכט? — האָט זיך איינמאָל אַרויסגעכאַפּט ביים פאָטער אַ פאַר־שפּעטיקטע קשיה — וואָס דו וואָלסט עס נישט געקענט באַווייזן דאָ?

די פראַגע איז געשטעלט געוואָרן אַזוי אומדערוואַרט, און מיט אַזאַ ביטערן אונטערטאָן, אַז דעם יונגן גרינוואַלד האָט אָפּגענומען דאָס לשון.

— וואָס שווייגסטו, מיין זון?

— אהבה מקלקלת את השורה — האָט זיך דער זון אַפּאָלאָגע־טיש באַנוצט מיט אַ תלמודיש ווערטל.

— דו מיינסט דאָך אוודאי דיין הייראַט מיט סאָניאַן?

— לאָ! דווקא! איז דעם זון געווען פיינלעך דער שמועס. — דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע, האָט מיך בשעתו פאַרכאַפּט! — האָט ער געװעדט נישט איבערצייגנדיק. דער אמת איז, אַז עס זענען געווען פאַרמישט אַ סך מאָטיוון, און דער סאַמע וויכטיקסטער מסתמא, — דעם יונגן עקשן האָט זיך געוואָלט דורכשלאָגן זיין וועג מיט די אייגענע כוחות, און טאַקע וואָס ווייטער פון דעם פאָ־טערס השגחה...

— נו און אַצינד? — האָט ער דערהערט דעם טאַטנס שוואַך קול.

—איך האָב דאָך שוין אַ פאַמיליע, אַ טעכטערל...

— קאָנסטו זיי נישט אַריבערברענגען אַהער?

— ס׳איז נישט קיין גרינגער ענין, טאַטע, סאָניאַ וועט נישט איינגיין אויפן בייט.

— איך האָב נישט קיין מזל צו מיינע קינדער — האָט זיך דער עלטערער גרינוואַלד שטיל באַקלאָגט. ער האָט דערביי אויך אין זינען געהאַט די טאָכטער, וואָס האָט געוווינט מיט איר מאַן אין פּאַריז, און פלעגט קומען בלויז יעדע פאַר יאָר אויף באַזוך צו די עלטערן. היי־יאָר האָט זי אויסגעמאַרקירט, איר וויזיט זאָל זיך צונויפפאַלן מיטן ברודערס, און מ׳האָט זי טאַקע יעדן טאָג דער־וואַרט.

— האָסט עפּעס געהערט פון דבורהלען? — האָט זיך ביי פאָ־טער געגומען קלעפּן די אויגן.

— הערן? מיר וועלן זי דאָך באַלד האָבן מיט אונדז! — האָט דער זון אים באַרואיקט. ער האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר און איז אַרויס אין גאַס.

ער האָט געשפּאַנט מיט אַ געדריקטן געמיט. ער האָט זיך נישט געקענט מוחל זיין, וואָס ער האָט זיך אויפן וועג נישט אָפּ־געשטעלט ביי דער שוועסטער אין פּאַריז, וואָס זיי זענען נישט געפאָרן ביינאַנד אַהיים. זיי האָבן זיך דאָך אַזוי פיל צו דערציילן!...

און נאָך מער האָבן אים געערגערט דעם פאָטערס רייד. ער האָט געפילט מיט אַלע רמ״ח אברים, אַז יענער איז גערעכט. דאָ

אין לאַנד ליגן זיינע וואָרצלען. דאָ האָט ער, האָט לאהלע, אַ צו־קונפט, און דאָך —

— איר זענט שיעור נישט פאַרבייגעגאַנגען מיין וווינונג — האָט זיך פּלוצים דערהערט פון אַ באַלקאָן אַ פרויען־שטימע.

גרינוואַלד האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען תרצה לעוויך. ער איז געווען איבעראַשט. ער האָט זיך געשעמט מודה צו זיין, אַז ער האָט לחלוטין פאַרגעסן אין איר.

— יאָ, אָט דאָ וווין איך! — איז זי זיכער געווען, אַז דאָס גייט ער צו איר — קומט אַרויף!

דאָס קליינע דירהלע איז געווען אין אומאָרדענונג. דאָ און דאָרטן האָבן זיך געוואַלגערט צייטונגען, זשורנאַלן פון דער גאַנ־צער וועלט. דער טעלער הערינג, די נישט־דערטרונקענע גלעזער טיי, האָבן עדות געזאָגט, אַז מ׳האָלט דאָ אין מיטן צובייסן. פון אַ זייטיקער טיר האָט זיך באַוויזן אַ מיטליאָריקער מאַנצביל, נישט ראַזירט, די האָר צעוואָרפן. ער האָט דורכגענומען דעם גאַסט מיט זיינע שאַרפע אויגן און — געוואָרט.

תרצה, אַנגעטאָן אין אַ קימאָנע און גלאַטיק פאַרקאַמט אויפן יאַפּאַנעזישן שטייגער, האָט פאָרגעשטעלט די מענער איינער פאַרן אַנדערן:

— אדון גרינוואַלד, אדון בן־טוב!

די צוויי האָבן זיך דערלאַנגט די הענט און זיך אַוועקגעזעצט. די יונגע פרוי האָט גענומען זיך אומטראָגן איבערן שטיבל, צונויפ־געקליבן דאָס פּאַפּיר, אַוועקגעשטעלט דעם טשייניק אויף דער פּרי־מוס־מאַשינקע, פאַרצויגן דעם טיש מיט אַ ריינעם טישטוך.

בן־טוב איז געווען אַ מיטאַרבעטער אין אַ העברעאישן בלאַט, און ממילא איז אויך קלאָר געוואָרן פון וואַנען ס׳נעמט זיך אַהער אַזאַ שפע פון צייטשריפטן, דאָס רוב יידישע. און באַמערקנדיק דעם גאַסט פאַראינטערעסירטקייט, האָט תרצה פאַרגעלייגט:

— קלויבט אייך אָפּ, וועלכע איר דאַרפט, ווייל אין די קיאָסקן וועט איר אָט די סחורה נישט געפינען — האָט זי צוגעוואָרפן בן־טובן אַ נעבעכדיקן בליק כדי אים צו פאַרזיכערן, אַז דער פרעמדער איז געקומען טאַקע צוליב אָט דעם צוועק — און טאָמער מיינט ער אַנדעריש, האָט זי ווידער טראַציק אַ טראַכט געטאָן — זאָל ער מיינען!

בן־טוב האָט אין אַ ווייל אַרום געטרונקען פרישע טיי מיטן גאַסט. ער האָט אים, ווי דער שטייגער איז, אויסגעפרעגט וועגן דעם יידישן און אַלגעמיינעם לעבן, באַזונדערס וועגן דעם חינוך אין אַמעריקע. און וואָס גרינוואַלד האָט געענטפערט, האָט ער אויפ־גענומען מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל, ווי ער וואָלט געצווייפלט אין דעם אמת פון זיינע רייד. ס׳איז אויסגעקומען, אַז הגם ער פּראָ־וואָצירט דעם יונגנמאַן צו דערציילן — גלויבט ער אים נישט און האָט נישט קיין צוטרוי צו אים, און אַלץ מיט עפּעס אַ כוונה אים קליין צו שטעלן אין די אויגן פון דער יונגער פרוי.

— אייער גאַנצער חינוך שטייט אויף שטרויענע פיס! ווו האָט איר אַ געלעגנהייט צו בלייבן גאַנץ אין דער אַמעריקאַנער סביבה?

— ס׳איז געווען אַ סך שפּאָט, נישט אַזוי אין די ווערטער, ווי אין זיין גאַנצער באַנעמונג.

— גאַנץ? — האָט דער לערער געשטויגט — אדרבה, זאָגט איר, זענען מיר עס ווען געווען, אין דער גריכישער, אָדער אין דער רוימישער תקופה? פונדעסטוועגן האָט דער ייד בייגעטראָגן כידוע, סיי צום אייגענעם לעבן, סיי צו דער וועלט...

בן־טוב איז געזעסן אַ שוויגנדיקער, אַן אַנגעכמורעטער. דעם לערערס געלאַסענע רייד האָבן אים, קאָנטיק, אַנטוואָפנט. באַר פלוצים האָט זיך זיין טאָן געביטן. ס׳איז געוואָרן ווייכער, אַפילו ליריש:

— זעט איר נישט, יונגערמאַן — האָט ער אָנגעהויבן — וואָס ס׳איז געוואָרן פון דעם יידישן ישוב אין דייטשלאַנד? פילן מיר נישט אַלע, וואָס עס דערוואַרט דעם פּוילישן, דעם ליטווישן? — אָט דאָ, אין דעם לאַנד — האָט ער געהעכערט זיין קול און איז שוין צוריק געווען אין זיין מיליע — דאָ איז אונדזער לעצטע סטאַנציע! — האָט ער אַזש אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש.

— מסכים! אָבער אַפילו דאַמאָלט זענען מיר נישט באַוואָרנט. אפשר איז אונדזער שטאָם־פאָטער, יעקב, געווען גערעכט, ווען ער האָט צעטיילט זיין מחנה. אפשר איז אונדזער גורל...

— גענוג מיט די „אפשרס"! — האָט בן־טוב באַפוילן, און ס׳האָט אויסגעזען ווי אַ נייע מחלוקה האַלט ביים אויסברעכן...

תרצה האָט הילפלאָז געבראָכן אירע לאַנגע, דינע פינגער, גע־וואָרפן צעשטרייטע בליקן אָט אויף איין מאַנצביל, אָט אויפן צווייטן

און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך. און ווען דער גאַסט האָט זיך ענדלעך אויפגעכאַפּט פון טיש און זיך געלאָזט צום אַרויס־גאַנג, האָט זי פרייער אָפּגעאָטעמט:

— נעמט דאָס פּעקל — האָט זי אים אַריינגעשטופּט אין די הענט די צייטונגען, און דערביי אים אָנגעקוקט מיט אַזעלכע אומעטיק־בעטנדיקע אויגן, ווי זי וואָלט נישט וועלן איבעררייסן מיט אים כאָטש אָט די קליינע באַציאונג.

איבערקוקנדיק אין דער היים די צייטשריפטן, האָט ער גע־פונען אויף די ראַנדן פון די צייטונגען, עטלעכע ווערטער פון תרצהן: ער זאָל נעמלעך אַריבערקומען אין אָוונט, זי וועט באַ־שטימט זיין אַליין, און —

גרינוואַלד האָט מיט רוגזה אָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס פּאַפּיר־וואַרג, ווי ער וואָלט זיך אומוויליק אָנגערירט אָן אַ שרץ. ער האָט אין משך פון טאָג עטלעכע מאָל געביטן זיינע באַשלוסן, נאָר דאָס הילפלאָזע געשטאַלט פון דער אומבאַקאַנטער פרוי האָט אים פאַר־פאָלגט, און ער האָט זיך לסוף, דאָך אַוועקגעלאָזט צום הויז מיטן גרינעם גאַנעק...

די פרוי און איר ייִנגעלע

די יונגע פרוי האָט געהאַלטן וואָרט. קיינער איז אין שטיב'ל נישט געווען ווען אליעזר גרינוואַלד איז אַהין אַריין, חוץ אַ קליין, צעשראָקן ייִנגעלע פון אַ יאָר זעקס מיט אַ געקרייזלט קעפּל און שוואַרצע מאַסלינע אייגעלעך.

— באַקען זיך, אורי, דאָס איז אַ „דוד" (פעטער) פון אַמעריקע!

דאָס קינד האָט אַריינגעשטופּט דעם פרעמדן אַ ציטערדיק־פאַרשוויצט הענטל און איז גיך נישט געוואָרן.

— איר האָט אים בייטאָג נישט געזען — האָט תרצה זיך ווי פאַרענטפערט, ווייל —

— ער האָט זיך מסתמא ערגעץ פאַרשפּילט — האָט דער גאַסט געוואָלט טרעפן.

— דווקא נישט! איך האָב אים אַוועקגעשיקט...

— אוודאי האָט ער שטאַרק געטומלט.

תרצה האָט אים באַטראַכט מיט פאַראיבל:

— איר ווילט זיך אָפּרעכענען מיט מיר?

— אָפּרעכענען? — האָט דער לערער געצויגן מיט די אַקסלען.

ער האָט באַמערקט, אַז דאָס שטיבל איז געווען ציכטיק אויפגעראַמט. דער שטיי־לאָמפּ האָט געוואָרפן אַ רואיק־געמיטלעך ליכט אויף תרצהס לענגלעך געזיכט. ס'איז נישט געבליבן קיין סימן פון דער בייטאָגיקער אַנגעשטרענגטקייט. זי האָט אים געוויזן אַן אָרט לעבן זיך אויף דער סאָפע. לויט איר טאָן און באַנעמונג, האָט זיך געדאַכט, אַז זי קען דעם יונגנמאַן ווער ווייס ווי לאַנג.

— ס'איז שווער פאַר אַ מוטער צו דערציען אַ קינד ביי אַזעלכע אומשטענדן. — זי האָט גערעדט מיט רמזים און בעת־מעשה אים באַטראַכט מיט אירע גרויסע, ברוינלעכע אויגן, וואָס פאַר אַן איינדרוק אירע ווערטער מאַכן אויף אים.

— און פאַר אַ פאָטער? — האָט דער לערער אומעטיק געשמייכלט. אַן אַלט־באַקאַנטער ענין האָט אויף ס'ניי אויפגעטויכט פאַר אים...

— זיין טאַטע איז אַוועק אין אייער אַמעריקע, און נישט אַליין...

זי האָט עס געזאָגט מיט אַ מינע, גלייך ער וואָלט אויך געטראָגן אַ טייל פון יענעמס שולד.

גרינוואַלד האָט געשוויגן. אים האָט זיך נישט געוואָלט אַריינגעצויגן ווערן אין אַ פרעמדן פאַמיליע־פּלאָנטער...

— און בן־טוב — האָט זי צוגעגעבן — האָט נישט קיין געדולד פאַרן קליינעם אורי.

— וואָס האָט ער צו אים? — האָט זיך דער לערער איינגעשטעלט פאַרן קינד.

— ער האָט זיינע אייגענע קינדער...

— דער גאַסט האָט געפּרוווט בייטן דעם שמועס:

— איר זייט שוין לאַנג אין לאַנד?

— ניין. — זי האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיינער מיט אַזאַ תמימותדיקער מינע, גלייך ער וואָלט געווען אירס אַ משפּחה־גליד — איך דאַנק אייך, גרינוואַלד, וואָס איר זייט אַרויפגעקומען.

— איר ווילט אוודאי מיט מיר עפּעס רעדן?

— איך האָב מיט אייך אַ סך צו רעדן. — האָט די יונגע פרוי אים געגלעט מיט אירע בליקן. — ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך דאָ איינזאַם, אַפילו עלנט — און באַמערקנדיק זיין אומגלויבלעך שמייכעלע, האָט זי מוסיף געווען: — איך בין פאַר בן־טובן בלויז אַ דעקאָראַציע, אַ מין שיינדל פאַר זיינע קאָלעגן, און דאָס ווען אים ווילט זיך. און ס'רוב פאַלן, איז ער ביי זיך אין דער היים, אָדער אין רעדאַקציע.

— ער איז אַ באַוויבטער? — איז גרינוואַלד ווידער געקראָכן, קעגן זיין ווילן, אין אַ פרעמדן גאָרטן.

— יאָ! — האָט זיך תרצה פּלוצים פאַרלוירן.

— איז ווער לאָזט אייך נישט אָנקניפּן קאָנטאַקט מיט אַנדערע מענטשן?

— ער!

— וואָס הייסט?

— אַזוי איז דער אָפּמאַך, אָדער ווי מען רופט עס ביי אייך דער „דזשענטלמענס אַגרימענט״ — האָט זי אים פאַרזיכערט. — אַ נישט — אַ נישט וועל איך נישט האָבן קיין צוטריט צו די רע־דאַקציעס. איך טו איבערזעצונגס־אַרבעט פאַר זיי און ער האָט אומעטום איינפלוס...

— איז וואָס טו איך דאָ? — האָט זיך גרינוואַלד אומעטיק צע־שמייכלט און האָט זיך אויפגעהויבן.

— זיצט, איך בעט אייך! ס׳איז טאַקע אַן איינשטעל — האָט זי זיך מודה געווען — אָבער מיר איז ליב די איינשטעלעניש.

— איר האָט אימיצן אין אַמעריקע, כ׳מיין אַ חוץ „יענעם״?

— אַ ברודער.

— אַהאַ! — האָט זיך גרינוואַלד געכאַפּט. — איז ווילט איר אים אוודאי איבערשיקן אַ גרוס.

— מיין ברודער דאַרף נישט מיין גרוס, ער געדענקט מיך קוים...

פון די שטיקלעך און ברעקלעך רייד האָט מען זיך געקאָנט משער זיין, אַז די יונגע פרוי געפינט זיך אין אַ מאָדנעם קלעם. זי האָט געדולדיק געוואַרט און געהיט זיין יעדע באַוועגונג.

— די גלייכסטע זאַך וואָלט געווען — האָט ער ענדלעך גע־זאָגט — צו בייטן די שטאָט אָדער די אַרבעט.

— וואָס קען איך דען אַנדערש טאָן מיט אַ קליין קינד ביי דער זייט? — האָט זי בנעימותדיק געפרעגט. מיטאַמאָל האָט זיך געלייגט אַ שאָטן אויף איר פּנים. — זיין האַנט וועט דאָך מיר אויך דערגרייכן אין חיפה, אויך אין ירושלים, אויך אין —

ס׳איז קלאָר געווען, אַז די יונגע פרוי ליידט פון אַ פאַרפאַל־גונגס־שגעון, און אפשר האָט זי פשוט געוואָלט אַרויסרופן מיטלייד צו זיך. אַזוי צי אַנדערש, דעם לערער איז געוואָרן אַלץ שווערער צו בלייבן אין הויז און ער האָט זיך ווידער אויפגעהויבן.

זי האָט זיך ראַשיק אויך אַ שטעל אויף געטאָן, און אַן איבער־געביטענע געזאָגט מיט אַ כמעט קינדערשער זאָרגלאָזיקייט:

— גרינוואַלד, איר זעט אָט די ליניע, וואָס לויפט האָריזאָנ־טאַל? — זי האָט אַנידערגעלייגט אַ פינגער אויף זיין דלאָניע. — זי ווייזט, אַז איר האָט אויך אַן איינציק קינד, אַ מיידעלע, און איר האָט עס איבערגעלאָזט ביי דער מוטער, האָב איך געטראָפן?

גרינוואַלדן איז געווען, ווי שוין דערמאָנט, פריקרע, אַפילו

פיינלעך, צו רעדן וועגן זיינע אייגענע מיט אַ פרעמדן מענטשן. ער האָט מיט געמאַכטן גלייכגילט געלאָזט פאַלן:

— איר האָט זיך נישט געדאַרפט צו שטאַרק אָנשטרענגען עס צו טרעפן, נישט אמת?

— דער גורל וויל מסתמא — האָט זי זיך גערעדט אירס — אויסצוגלייכן אָט די צוויי קרומקייטן...

ער האָט זי באַטראַכט מיט שטוינונג:

— וועלכע קרומקייטן?

— אַ, איר זענט צו ניכטער פאַר מיר, אדון גרינוואַלד!...

דעם יונגנמאַן איז נישט געבליבן קיין אַנדער ברירה, ווי זיך אָפּצוטראָגן.

— וואָס איז די איילעניש? — האָט זי געפרעגט מיט פאַר־טרערטע בליקן. זי איז געשטאַנען ביי דער טיר ווי אַ בעטלערין. דער קליינער אורי האָט זיך דורכגעשטופּט:

— אמא, איך בין הונגעריק!

— פאַר דיר, מיין קינד, איז צייט צו גיין שלאָפן — האָט איר קול געציטערט.

אוריס שוואַרצע מאַסלינע אייגעלעך זענען געווען געוועגדט מיט פאַרדרוס צום גאַסט: — איר מאַכט אויך מיין מאַמען צו וויינען? — און דערנאָך איז ער פאַלגעוודיק אַריין אין צווייטן צימער.

— איר האָט אַ ווויל ייִנגעלע, תרצה! אַ גוטע נאַכט!

אין עטלעכע טעג אַרום איז גרינוואַלד געזעסן מיט זיין פאַמיליע אין אַ קאַפע ביים ים־ברעג. אַ הייסער חמסין־אָוונט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דער שטאָט. ס'האָט זיך געדאַכט, די גאַנצע באַפעלקערונג האָט זיך אַרויסגעשאָטן אין די גאַסן, אפילו זיין שלאָפער פאָטער איז אויך אַרויס אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. אַרום טיש האָט זיך געפונען די ערשט־געקומענע שוועסטער, דבורהלע פון פאַריז.

ס'איז געווען אַ נחת־רוח פאַר די עלטערן צו האָבן ביידע קינדער ביי זיך. מ'האָט זיך געקילט מיט פאַרציעס גלידה און זיך צוגעהערט צו די לייכטע ווינער־וואַלסן, וואָס דער קליינער אָרקעסטער האָט אויסגעשפּילט אויף דער עסטראַדע.

פלוצים האָט גרינוואַלד באַמערקט צווישן די טישלעך בן־טובן. ער איז געווען אַרומגערינגלט פון אַ יונגער, טומלדיקער חבריה.

לעבן אים איז געזעסן תרצה, אַ שווייגנדיקע, אַ בלאַסע. אירע האָר זענען געווען גלאַטיק פאַרקאַמט, ווי איר געוווינהייט, אויפן יאַפּאַ־נעזישן שטייגער, און האָבן נאָך שאַרפער אינטאַנירט די בלייכקייט פון איר פּנים. זי האָט אים עקשנותדיק אויסגעמיטן, גלייך איר האָר און געביטער וואָלט עס געפאָדערט פון איר. פון די רייד און געלעכטערס, וואָס זענען דערפלויגן צום לערער, האָט ער דער־שנאַפּט, אַז דאָס יונגוואַרג האָט ערשט אָפּגעטאָן אַ מיאוס שטיקל אַרבעט. ס׳זענען צוגעקומען צו זיין טישל נאָך מענטשן. אייניקע זענען געווען אויפגערעגט, דערצאָרנט. ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די אויפגעהייטערטע חברה־לייט, האָבן אויסגעזעצט די שויבן פון אַן אַרבעטער־קלוב, ווו אַן אָנגעזעענער מנהיג, מיט גרויסע פאַרדינסטן פאַרן ישוב, האָט זיך דערלויבט צו רעפערירן אויף יידיש וועגן אַ יידישן קלאַסיקער.

— ילדי שעשועים! — האָט איינער געוואָרפן זיינע פיילן אין יענער ריכטונג, — פּוילישע שקצים וואָלטן עס בעסער נישט גע־מאַכט!...

— זאָגט כאַטש „להבדיל״...

— וואָסי, צווישן יידן פעלן כוליגאַנעס? — האָט זיך דער ערשטער נישט געוואָלט אונטערגעבן. — גיט נאָר אַ קוק, ווי דער מדריך זייערער, בן־טוב, שעפּט נחת פון זיינע וויכאַוואַנקעס...

צווישן צען און עלף האָבן זיך די עלטערע לייט פון עולם גע־נומען צעקריכן. ס׳זענען אויך אָפּגעפאָרן גרינוואַלדס טאַטע־מאַמע, ברודער און שוועסטער זענען געבליבן. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז די רייד וועלן זיך ביי זיי קיינמאָל נישט אויסשעפּן. מיטאַמאָל האָט זיך דבורהלע געכאַפּט, אַז איר מיטשמועסער האַלט זיינע בליקן קאָנצענטרירט אויף דער יונגער דאַמע לעבן בן־טובן.

— אַ שאָד די אויגן, מיין ברודער! — האָט זי געמורמלט. — זי איז עס נישט ווערט! זי האָט אַ שלעכטן נאָמען אין שטאָט — האָט זי צוגעגעבן. — איך געדענק זי נאָך פון פאַראַיאָרן און נאָך פון פריער... — אַ לייכטע פאַרב האָט זיך געוויזן אויף איר רונד פּנימל...

דעם לערער האָבן וויי געטאָן די ווערטער. ער האָט אָבער גאָרנישט געענטפערט. ווען ער האָט זיך ענדלעך אויפגעהויבן מיט דבורהלען צו גיין אַהיים, זענען שוין די טישלעך געווען אָפּגעליי־

דיקט. זיי האָבן פּאַמעלעך שפּאַצירט ביינאַנד דורך די שטילע, האַלב־באַלויכטענע גאַסן, ווידער פּאַרטאָן אין אַ באַנייטן שמועס.

פּלוצים איז די נאַכט־שטילקייט אויפגעריסן געוואָרן פון הויכע באַקאַנטע שטימען, וואָס זענען גיך אַריבער אין אַ בייז פּליסטערן. דאָס פּאַרל האָט זיך געפונען האַרט לעבן תרצהס וווינונג. אויפן גאַנעק האָבן זיך נערוועז אומגעטראָגן שאָטנס. און ס׳האָט זיך דערהערט אוריס קינדיש קולכל קלאָר און בולט:

— אדון, הוא לא בן־טוב, הוא בן־רע! כן, כן — בן־רע!...

אין דער טיר האָט זיך באַלד באַוויזן אַ ברייטפּלייציקער מאַנס־פּאַרשוין מיט אַ סיגאַר אין מויל. ער האָט אַ קוק געטאָן מיט פאַר־דאַכט אויפן פאַראויסגייענדיקן פּאָרל, און האָט זיך ראַשיק אַוועק־געלאָזט אין דער פּאַרקערטער ריכטונג...

„גיי אַרויס און לערן...״

הגם די טעג זענען געווען הייסע, שטיקנדיקע, און די נעכט האָבן געאָטעמט מיט דער נאָענטקייט פון מדבר, האָט זיך פאַר אליעזר גרינוואַלדן דער זומער שטאַרק געציילט...

איין פרימאָרגן, ווען ער איז אַריין צום פאָטער אין שלאָף־חדר, האָט דער עלטערער גרינוואַלד אויפגעהויבן אויף אים זיינע גרויסע שפּאַקולן און געפרעגט:

— וואָס־זשע, מיין זון, ביסטו גאָרנישט נייגעריק אָנצוקוקן דאָס לאַנד נאָך אַזאַ לאַנגער הפסקה?

דער זון האָט אומעטיק געשמייכלט. ער האָט נישט איינמאָל געטראַכט דערפון, אָבער איבערלאָזן דעם אַזוי־שלאָפן טאָטן אויף אַ פּאָר טעג, האָט אים אויסגעזען איצט אומפּאַסיק, אַפילו גרויזאַם, בפרט ווען אין אַ צוויי, העכסטנס, דריי וואָכן אַרום וועט ער זיך מוזן שיידן מיט אים אויף...

— מיין שלאָפקייט דאַרף דיר נישט אָפּהאַלטן! — האָט דער פאָטער געלייענט זיינע געדאַנקען. ער האָט בטחונדיק געקלערט, אַז די דערגרייכונגען אין דער מדינה וועלן האָבן אַ השפעה אויפן זון און מנצח־זיין דעם עקשן, און עס וועט זיך אויפוועקן אַ קנאות אינעם יונג צו וועלן אָנטיילנעמען אינעם גרויסן ווערק, וואָס יידן שאַפן דאָ.

— צא ולמד! — האָט ער כמעט חומשדיק גערעדט צו אים — גיי אַרויס מיין זון, און טו אַ קוק אויף אונדזער לאַנד. נישקשה, אַ לערער מעג זיך אויך לערנען! — און באַלד האָט זיין קול דורכ־געגומען אַ דינע בענקשאַפט. — די מאַמע וועט דיר מיטגעבן צדה לדרך, ווי אין די יינגלשע יאָרן, ווען דו פלעגסט זיך אַרויסלאָזן אויף דיינע שפּאַצירן זומער־צייט...

— איך האָב אויסגעשפּאַנט תל־אביב אין דער לענג און אין

דער ברייט. — האָט גרינוואַלד געזוכט אַ תירוץ. — אין אַ טראָפּן וואַסער שפּיגלט זיך אויך אָפּ די זון...

— ווי באַלד דו דערמאָנסט שוין די זון — האָט דער פּאָטער אים געגלעט מיט די בליקן, מיט יעדן קנייטש פון זיין געלבלעך־אויס־געצערטן פּנים. — מאַכט זי אַ פיל שטאַרקערן רושם אויפן אָפענעם ים, ווי אין אַ טראָפּן...

גרינוואַלד האָט שווייגנדיק באַטראַכט זיין פּאָטער. ער איז אים געווען דאַנקפול פאַר די גוטע רייד און כוונות.

יאָ, ס׳איז געווען אָנגענעם צו וואַנדערן אויף די באַקאַנטע וועגן, באַגלייט פון די ברכות פון טאַטע־מאַמע. אין פיל פונקטן פון לאַנד, באַזונדערס אין די קיבוצים, האָט ער זיך אָנגעטראָפן אויף אַמאָליקע חברים. אין שכונת בורוכוב האָט אים פאַרהאַלטן זיין בן־עיר, יוסף שמעוני. דער קורצוווקסיקער שמעוני מיטן גרויסן קאָפּ און אַרויסגעשפּאַרטע אָפּלען איז אַ צייט געווען אַ תושב אין פּאַריז, דאָרטן חתונה געהאַט, און האָט איצט געוווינט מיט זיין פרוי און זון אינעם קליינעם ישוב. ער האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט זיין חבר:

— אָסור, צי איך וואָלט דיך דערקאָנט! — האָט ער אים באַ־טראַכט מיט אויפגעריסענע אויגן. — אַמעריקע האָט דיך עפּעס ווי איבערגעקנאָטן...

— און דו מיינסט, אַז דו ביסט געבליבן דער זעלביקער? — האָט גרינוואַלד אויך פון אים נישט אַראָפּגענומען זיינע בליקן. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט אַ רגע און זענען זיך אַריינגעפאַלן אין די אַרעמס.

— איך געוויס נישט! — האָט שמעוני גערעדט מיט צער. ער האָט גערופן זיין פרוי: — לוסיל, לוסיל, קום נאָר אַהער! באַקען זיך מיט אַ חבר פון די יינגלשע יאָרן...

פון קיך איז אַריין אַ דין זשוואַווע ווייבעלע מיט העל־בלאָנדע קוטשערן און רויטע פלעקן אויף איר געזיכט. זי האָט געטריבן די פליגן פון זיך און זיך פאַרענטפערט:

— איך האָב נישט געוווּסט, אַז דו דערוואַרטסט אַ... זעצט זיך, „סיל ווו פּלע!״ בבקשה! — און זי האָט מיט אַ טוך אָפּגעווישט אַ שטול פאַרן גאַסט. — מיר לעבן דאָ, ווי אמתע ישובניקעס — האָט זי זיך דערמאָנט אין דער מאַמעס אַ וואָרט.

לוסילן האָבן די עלטערן געבראַכט פון פוילן קיין פּאַריז אַלס קינד. זי איז דאָרטן געגאַנגען אין דער פאָלקס־שול, דאָרטן אויס־געוואַקסן. זי האָט ליב געהאַט די גרויסע שטאָט. ווען זי האָט זיך באַקענט מיט שמעוני, האָט זי געאַרבעט ביי שניידעריי. ער איז דעמאָלט געווען אַ סטודענט אין דער סאָרבאָן. זי האָט אים אַרויס־געהאָלפן מיט אירע פאַרדינסטן. ער האָט געהאַט גרויסע פּלענער. די פיזישע דעפעקטן האָבן אין אים געוועקט עקשנות, אויסדויער. ער האָט געטרוימט פון אַ מעדיצינישער קאַריערע און דווקא אינעם קליינעם לאַנד, וואָס האָט זיך בשעתו געראַנגלט מיטן שרעקלעכן דריילינג: מאַלאַריע, דיזענטעריע און געלן פיבער. נאָר פון זיינע פּלענער האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזן...

אויף אַ באַזוך ביי זיינע עלטערן אין פּאַלעסטינע, ווי ס׳לאַנד האָט דעמאָלט געהייסן, איז שמעוני איינמאָל געגאַנגען מיט זיינעם אַ פריינד פון דער דייטשער קאָלאָניע סאַראָנאַ קיין תל־אביב. ס׳איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט. די צייט איז געווען אַן אומרואיקע. דעם מופטיס גיפטיקע רייד קעגן יידן, האָבן זיך געשפּרייט, ווי קראַפּיווע אויף פאַרוואָרלאָזטע פעלדער. פּלוצים זענען זיי באַפאַלן געוואָרן פון אַ כאַפּטע אַראַבער. די אָנפאַלער האָבן מיט זיך געהאַט „קאַלט" געווער. דער פריינד איז אָפּגעקומען מיט עטלעכע שטעקן־קלעפּ איבערן קאָפּ, שמעונין האָט מען פאַרוווּנדעט אַ פוס. נאָך אַ פּאָר טעג אין שפּיטאָל, האָט מען אים געמוזט אַמפּוטירן דעם פוס ביז דער קני. וועגן אומקערן זיך קיין פּאַריז האָבן מער קיין רייד נישט געקאָנט זיין. ער האָט איבערגענומען די אויפזיכט אי־בערן פאָטערס פאַרנאַכלעסיקטע פּרדסים, און געשיקט נאָך זיין פרוי.

לוסילן האָט דער איבערבייט קיין גוטס נישט געטאָן. די שווע־רע אַרבעט אין הויז, אין די פּרדסים האָט געווירקט אויף איר געזונט. די סוב־טראָפּישע זון האָט באַשעדיקט די הויט פון איר ליכטיק פּנים. זי איז געווען נידערגעשלאָגן, אַנטוישט. אין איר האָבן זיך געראַנגלט די התחייבותן צום מאַן מיט יענעם שוין איינגעלעבטן געפיל וועגן אַ קינפּטיק גרינג און אומגעזאָרגט לעבן פון אַ דאָק־טאָרס פרוי, אין אַ גרויסער שטאָט...

שמעוני האָט עס צוגעזען און געליטן, און ווען ער האָט ענד־

לעך געפּועלט ביי זיך זי פּריי צולאָזן, האָט די יונגע פּרוי אויפגע־ריסן מיט דערשטוינונג אירע גרויסע, בלויע, אויגן אויף אים, און איז צוגעפאַלן צו זיין אַקסל מיט אַ ספּאַזמיש געוויין...

— איר פּלאַנעוועט זיך דאָ צו באַזעצן? — האָט לוסיל גע־פרעגט מיט באַדויערן.

היות, ווי דער לערער האָט אָפּט געהערט אָט די פראַגע, האָט ער מליצהדיק אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב פאַרבונדן מיין גורל מיט די יידן אין אַמעריקע!...

— ס'פעלן טאָקע יידן אין יענער מדינה! — האָט דער חבר באַמערקט, נישט אָן פאַרדראָס.

און ס'האָט זיך אָוועקגעצויגן אַ שמועס וועגן די אַמעריקאַנער יידן. שמעוני האָט איבערגעחזרט אַלע סטערעאָטיפּישע זאָגעכצן וועגן זיי, וועגן די גוזמאדיקע מאַטעריעלע דערגרייכונגען און כלומרשט גייסטיקן „דלות". און ווען גרינוואַלד האָט דערוואוידערט קעגן אַזאַ עיוות־דעת, האָט יענער אים פאַרגעלייגט ער זאָל עפּנט־לעך אָפּגעבן אַ גרוס פון „דאָרטן" און טאָקע אינעם שטעטלשן סטאַדיאָן, וווּ ס'קומען זיך צונויף די היגע לייט און מענטשן פון דער סביבה.

— און זאָל מען זיך, אדרבה, באַקענען מיטן אמתן אמת פון אָן עד ראיה — האָט ער באַטאָנט מיט אַ היפּשער דאָזע סאַרקאַזם.

— ווער וועט דאָס אַלץ אַראַנזשירן? — האָט גרינוואַלד סקעפּ־טיש געשמייכלט.

— איך בין אַ חבר אינעם ועד־התרבות...

דער לערער האָט זיך לאַנג געקווענקלט און איז לסוף איינגעגאַנ־גען אויף דער באַגעגעניש. ווי יונג ער איז געווען, האָט ער נישט געקאָנט פאַרטראָגן גלאָט רייד און סברות. אים האָט זיך אויך נישט געוואָלט ווערן סתם אַ סניגור, נאָר פּשוט איבערגעבן פאַקטן און געשעענישן ווי ער האָט זיי געקענט.

אויף מאָרגן האָט זיך אין סטאַדיאָן פאַרקליבן אַ גרויסער עולם. ס'איז נישט נאָר געווען די נייגעריקייט צו הערן אַ גאַסט פון אַ וויטן קאַנט, נייערט אויך אַנצוקוקן דעם בר־נש, דעם כמעט „צברה", אַ זון פון אַ חובבי־ציון, וועלכער האָט אויסגעביטן דאָס היימלאַנד אויפן „דאָלאַר־לאַנד". דער יושב־ראש, שמעוני, האָט אים פאַרגע־שטעלט, פאַרשטייט זיך, אויף עברית, און דער לערער האָט אויך

בדעה געהאַט צו רעדן אויף דעם לשון, נאָר אינעם העלן ליכט פון דער פולער לבנה, וואָס איז איצט געהאָנגען פונקט איבערן דער איינזאַמלונג, אַזש ס׳האָט זיך געדאַכט דעם יונגן בעל־חלום, אויך זי איז געקומען אָפּנעמען אַ גרוס פון די „פאַרוואָגלטע״ ברידער, אינעם וייטן אַמעריקע, האָט ער באַמערקט בן־טובן מיט זיין באַ־גלייטערין, תרצה. און גרינוואַלדן האָט זיך דערמאָנט אין די מעשים־תעתועים פון יענעמס „חסידים״ אין תל־אביבער אַרבעטער־קלוב, פון וועלכע מ׳האָט שוין אומעטום געוווסט און קאָמענטירט, באשר מ׳האָט דאָרטן גערעדט, רחמנא לצלן, אויף דער „גלות־שפּראַך״. אינעם לערער האָט זיך אַ צינד געטאָן אַ קנאות אַויף די לעסטערער און ער האָט מיט אַ נישט איינגעהאַלטענער אויפרעגונג פאַרלאָזן אויף אַ ווײלע די באַשטימטע טעזע, און האָט אַרויסגעבראַכט דעם רעיון, אַז דער גורל פון אונדזער אומה שפּיגלט גראָד אָפּ דאָס יידיש לשון, וואָרום ווער ווערט נאָך אַזוי גערודפט, אַזוי פאַרשעמט, ווי זי? און גאָר אָפּט אַפילו אין דער אייגענער משפחה. און אויב דאָס איז געווען ווינציק, האָט דער גאַסט זיך דערלויבט צו זאָגן, אַז יידיש האָט נישט ווינציקער חשיבות און קדושה ווי איר עלטערע שוועסטער, מחמת ישראל סבא און דער היינטיקער ייד — חד הם...

שוין ביי די ערשטע ווערטער פונעם רעפערענט, האָט זיך דער־פילט אַן אומרואיקייט צווישן עולם. ס׳האָט זיך אָפּט געדאַכט, אַז יענעמס רייד זענען אין דער בחינה פון אַ צאַנווייטיק, וואָס אָט לאָזט ער אָפּ און אָט שטאַרקט ער זיך ווידער. און צום שטאַרקסטן איז ער געוואָרן ביים פאַרגלייך פון „עבר און הווה״. בן־טוב האָט עטלעכע מאָל איבערגעריסן דעם רעדנער מיט שטעכיקע עפּיטעטן און האָט זיך לסוף אויפגעכאַפּט פון אָרט און איז נישט געוואָרן, האָפנדיק אפנים, אַז אַנדערע וועלן אים נאָכפאָלגן. מ׳האָט עס אָבער נישט געטאָן, נישט אַפילו תרצה. ס׳קאָן זיין, אַז גורם געווען דערצו האָט דער אימפּולסיווער רעדאַקטאָר אַליין, ווייל ווייט נישט אַלע זענען מסכים געווען מיט זיין באַנעמונג לגבי אַ גאַסט פון דער פרעמד. און אפשר האָט דער יונגערמאַן דאָרטן אויבן, אויף דער בימה, פאַרכאַפּט די אוידיטאָריע מיט זיין טיפן ערנסט, תוכן און עלאָקווענץ, וואָרום זיין נעגאַציע איז פאַרשווונדן אינאיינעם מיט בן־טובן. און פאַרן עולם האָבן זיך געעפנט אַנטפּלעקן בלעטער

פון אימיגראַנטישן לעבן אין אַמעריקע, די ראַנגלענישן מיט דער פרעמדער סביבה, דער דערוואָרבענער עקאָנאָמישער מעמד, די זור־כענישן צו אַ פּאָליטישן המשך. און צו באַווייזן מסתמא, אַז ער איז נישט באַהערשט, חלילה, פון אַ להכעיס, האָט ער פאַרענדיקט אין עברית, דערמאָנענדיק ביאַליקס אַ זאָג, אַז „ביידע שוועסטער לשו־נות זענען אַ זיווג מן השמים!".

נאָכן פאָרטראַג איז תרצה אויסגעוואַקסן לעבן אים. זי האָט אים געדריקט די האַנט און זיך נישט געקאָנט אָפּלויבן:

— איר האָט גערעדט זייער אינטערעסאַנט, אדון גרינוואַלד!

— און איר האָט זיך דערוועגט מורד צו זיין אין אייער האַר און געביטער?

זי האָט אים אַ ווײַלע אָנגעקוקט מיט פאַראיבל און געלאָזט שטיל פאַלן:

— איך האָב איבערגעריסן מיט אים...

— ביז מאָרגן!...

— אויף אַלעמאָל, אויף שטענדיק!

זיי זענען ביינאַנד געפאָרן אַהיים אין אָמניבוס. זי האָט זיך געטוליעט צו אים און נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן:

— איר וועט זען, איכל נאָך קומען צו אייך אין אַמעריקע, יאָ, יאָ, מיר וועלן זיך טרעפן אין אַמעריקע... איר מעגט זיכער זיין...

שיידונג

אליעזר גרינוואַלד האָט זיך געקליבן אין וועג אַריין. ער האָט נאָך נישט געוווּסט גענוי, ווי ער וועט דורכפירן די נסיעה, ווו ער וועט נעמען כוחות זיך אָפּצובינדן אויף ס׳ביי פונעם משפחה־קנופּ. נאָר צו אים האָבן זיך שוין געריסן אין די נעכט קינדערשע הענט־לעך מעבר־לים, הענטלעך פון זיין קליין טעכטערל, און ס׳האָט זיך שוין אָנגערוקט די צייט, ווען די שולן וועלן ווידער דערעפנט.

דער לערער האָט ס׳רוב צייט, פאַרוויילט אין הויז, באַזונדערס אין פאָטערס הדר, דער עלטערער גרינוואַלד האָט געקוקט אויף זיין בכור מיט ווייטע, פאַרגלייזטע, נישט דאָיקע בליקן, ווי ער וואָלט געווען דער אמתער גאַסט. ער האָט אַצינד גאַרנישט געמאָנט, בלויז שטיל און פאַרטראַכט דערציילט שטיקלעך, אָפּגעריסענע גע־שעענישן פון זיינע ערשטע יאָרן אין לאַנד. ער האָט געהאַלטן דעם זונס האַנט אין זיינער און זי געגלעט, ווי אַ מיטל מוסיף צו זיין דורך איר עפּעס אַזוינס, וואָס זיין צונג האָט נישט געקענט אַרויס־ברענגען...

הגם דעם יונגנמאַן זענען יענע געשעענישן שוין געווען באַקאַנט, איז אים דאָך ליב געווען זיי צו הערן. ער האָט זיך געפילט שטאַרק שולדיק קעגן פאָטער און געזוכט פאַר אים אַ טרייסט־וואָרט:

— איבער אַ יאָר זומער — האָט זיין קול געקלונגען נישט צו זיכער — וועל איך קומען מיט סאָניאַן און לאהלען...

— אויף קבר אבות? — האָט זיך אַרויסגעכאַפּטביים חולה.

דער לערער האָט פאַרלוירן יעדן טראָפּן בלוט אין דער מראה. ער האָט קוים אַרויסגעשעפּטשעט:

— חלילה־וחס! — און ער האָט איבערגעחזרט — חלילה, דיר צו רעדן אַזוינע רייד...

אַ שמייכל האָט באַרירט דעם פאָטערס ציטערדיקע ליפּן:

— ווּעסט צוריקקומען, ווּעסט צוריקקומען, מיין זון! און נישט נאָר דו, נאָר אַלע יידן! פון אַלע גלותן וועלן זיי קומען — דורך די שפּאַקולן האָט אויפגעבליצט אויף אַ רגע אַ פונק אין זיינע אויגן. — וואָרום דאָ, מיין זון, איז די לעצטע סטאַנציע... — איז אויך ער געווען זיכער אין דעם, ווי בן־טוב. ער האָט זיך דער־שפּירט שטאַרק מיד און האָט גענומען איינדרעמלען.

גרינוואַלד האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר און האָט זיך אָנגעטראָפן אויף דער שוועסטער.

— וואָס ביסטו אַזוי צערודערט? — האָט זי אים געפאָרשט. האָסט געהאַט אַ שמועס מיטן טאַטן?

— יאָ! — האָט ער געקוקט אין אַ זייט. — איינער פון אונדז וואָלט געדאַרפט בלייבן אין דער היים...

— מיינסט דאָך מסתמא מיך? — האָט זי זיך פאַרשטאַנען אויף אים.

— סאַניאַ האָט אין אַמעריקע, ווי דו ווייסט, איר גאַנצע משפחה. דיין מאַנס אייגענע לעבן דאָ הי...

— ביי מיר האָסטו געפועלט! — איז דבורהלע געווען זייער ערנסט. — אָבער דוד פירט געשעפטן אין פראַנקרייך...

די מוטער איז געזעסן ביים טיש אין עסצימער און עפּעס גע־נייט. ס׳איז שווער געווען צו וויסן, צי זי הערט זיך צו, צי זי איז פאַרטאָן אין דער אַרבעט. פּלוצים האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— גייט זיך דורך אַ ביסל, קינדער, איר זייט נאָך היינט נישט אַרויס פון שטוב. — ס׳האָט נישט געקענט זיין קיין ספק, אַז די רייד פאַרשאַפן איר צער.

אין אַ פּאָר שעה אַרום, ווען די צוויי זענען אַריין אין הויז, האָבן זיי געפונען די מוטער פאַרוויינט.

— וואָס האָט געטראָפן? — זענען ברודער און שוועסטער גע־בליבן שטיין פאַרגליווערטע אויף דער שוועל. און אין איין אויגן־בליק באַנומען דאָס אומגליק.

— ער איז אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט... — האָט זיך ביי דער עלטערער פרוי געבראָכן דאָס קול. — ווען דער דאָקטאָר איז גע־קומען, איז שוין געווען נאָך אַלעמען...

ס׳האָט זיך נישט געוואָלט גלייבן, אַז אונטערן ליילעך ליגט

אַ דערוואַקסענער מענטש. דעם פּאַטערס גוף, איינגעשרומפּן ביז מינערקייט, האָט גיכער דערמאָנט אינעם קערפּערל פון אַ קינד. גרינוואַלד האָט נישט אויפגעדעקט דעם צוקאָפּנס. ער האָט געוואָלט געדענקען דעם טאַטן אַ לעבעדיקן...

די שטילע, איינגעשלאָסענע מוטער האָט דערווייל קיינעם נישט געלאָזט וויסן וועגן איר אבידה, אַפילו נישט די קרובים אין שטאָט. זי האָט נישט געוואָלט הערן, ווי ס'פּירט זיך, קיין טרייסט־רייד. זי האָט דערוואַרט איר מאַנס סוף, און זיך נישט פאַרלוירן. זי האָט זיך בלויז געשראָקן, טאָמער וועט עס געשען, ווען די קינ־דער וועלן שוין זיין אָוועקגעפאָרן. זיצנדיק אַצינד איינגעהילט אין די שאָטנס פון בין־השמשות האָט זי נישט אויפגעהערט צו קלערן ווי אַזוי צו רעאַליזירן איר מאַנס הייסטן ווונטש און באַגער, נעמ־לעך, זון און טאָכטער זאָלן זיך אומקערן פון זייערע וווין־לענדער און זיך צוריק באַזעצן אויף דער ערד, וואָס איז געוואָרן אויך איר נאָענט און ליב. זי האָט געוווּסט, אַז אָנהייבן דאַרף זי מיט דער טאָכטער, וואָרום פּאַריז איז נישט די ווייטע אַמעריקע, און דבורהלע איז מער צוגעבונדן צו דער היים, מחמת זי האָט זי פיל שפּעטער פאַרלאָזן און האָט זי אָפט באַזוכט...

און דער זון, הגם ער איז אַן עקשן און איז, אגב, שטאַרק גע־ראָטן אין איר, האָט זי אָבער מיט איר מאַמעשן חוש דערשנאָפּט, אַז ער איז גאָרנישט אַזוי גליקלעך אין דער „גאָלדענער" מדינה, ווי ער מאַכט דעם איינדרוק, און ער וועט זיך, סוף־כל־סוף, דעצידירן אויפן בייט...

דאָס אומהיימלעכע שווייגן האָט זי אויך איבערגעגעבן אירע קינדער. די צוויי יונגע לייט האָבן, יעדער פאַר זיך, געפּרוווט לייזן דעם פּלוצים אויסגעוואַקסענעם פּראָבלעם, וואָס צו טאָן מיט דער אַליין־געבליבענער מוטער? דבורהלע איז זיכער געווען, אַז די מאַמע וועט אַצינד מיטפאָרן מיט איר קיין אויסלאַנד. אליעזר האָט אויך געהאָפט אויף דעם, כאָטש ער האָט אויך געזען אַ מעגלעכקייט זי אַריבערצונעמען קיין אַמעריקע. אָבער רעדן לעת־עתה וועגן דעם האָט קיינער, פאַרשטייט זיך, נישט גערעדט...

נאָך קבורה און נאָכן שבעה־זיצן, האָט דבורהלע איינמאָל ביים טיש פאַרזיכטיק באַמערקט:

— מאַמע, איך האָב אַ גרויס הויז אין פּאַריז, און מיר זענען בלויז צוויי מענטשן...

פרוי גרינוואַלד האָט ביטער אַ שמייכל געטאָן:

— אויב דו ווילסט זען דיין מאַמע, וועסטו זיך דאַרפן מטריח־זיין אַהער...

— אוודאי, אוודאי! — האָט די טאָכטער גלייך נאָכגעגעבן, — אָבער דערווייל...

— נישטאָ קיין דערווייל! ס'איז געווען דעם טאַטנס ווונטש, און זיין ווונטש דאַרף פאַר אונדז אַלעמען זיין ווייכטיק! — זי האָט גערעדט צו דער טאָכטער, און אויך געמיינט דעם זון...

— ס'וועט נעמען צייט, ביז דוד וועט זיך ספּראַווען מיט זיי־נע... — האָט דבורהלע נישט פאַרענדיקט.

— אַז דו וועסט שטאַרק וועלן, — האָט די מוטער זי איבער־געשלאָגן, — וועט נישט דאַרפן נעמען קיין סך צייט.

מער האָט זי וועגן דעם ענין נישט דערמאָנט.

אין אַ וואָך אַרום, איז אליעזר גרינוואַלד געשטאַנען אין יפו אויפן וואָקזאַל און געוואַרט אויף דער באַן. מאַמע און שוועסטער, ביידע נאָך געקליידט אין שוואַרצן, האָבן פאַרגנבעט זיך געווישט די טרערן און געשוויגן. פון מאָל צו מאָל איז דער זון צוגעקומען צו דער מוטער און אַ שולדיקער זי אַ קוש געטאָן. ער האָט אויס־געמיטן איר בליק. ער האָט אַצינד זיך נישט געוואָלט פאַרפּליכטן מיט אַ צוזאָג, ער האָט געפילט, אַז יעדעס וואָרט איז איבעריק...

ווען דער צוג איז אָנגעקומען, האָט ער זיך שטום געזעגנט מיט די צוויי פרויען, און אַ כאַפּ טאָענדיק די וואַליזן איז ער אַריין אין וואַגאָן. ער האָט זיך געזעצט ביים פענצטער און זיך געמידט צו שמייכלען צו זיי. טיף אין האַרצן האָט ער באַוווּנדערט דעם מוט און סטאָישקייט פון דער צאַרט־אויסגעצערטער פרוי, וואָס האָט אים געבראַכט אויף דער וועלט, און פון וועלכער יאָרן און שטח האָבן אים דערווייטערט און היפּשלעך אָפּגעפרעמדט...

באַלד האָט זיך דער צוג גענומען רירן. ער האָט נאָך באַמערקט, ווי די שוועסטער האָט שוין געהאַלטן אויסגעדרייט איר קאָפּ צו דער שטאָט אָבער דער מוטערס פאַרמאַטערטע אויגן זענען געווען געווענדעט צו אים, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט אויפ־

געכאַפּט אין זיי אַן אומזיכערקייט, אַ צווייפל, צי זי וועט אים נאָך אַמאָל זען...

אין תל־אביב איז צו זיין איבערראַשונג, אַריינגעשטיגן תרצה לעווין. זי האָט נישט געהאַט מיט זיך קיין באַגאַזש. זי איז געווען כלומרשט פאַרחידושט צו טרעפן דעם לערער:

— ווי קומט איר אַהער, אדון גרינוואַלד?

גרינוואַלד, נאָך אַלץ אונטערן איינדרוק פון די ערשט־איבער־געלעבטע מינוטן, האָט נישט געוואָלט מיטשפּילן די אומנויטיקע קאָמעדיע. ער האָט פּשוט געזאָגט:

— איך פאָר אַהיים. אין חיפה נעם איך די שיף...

— וואָס פאַר אַ צופאַל! — האָט זי ווייטער געטריבן דאָס לצנות — איך פאָר אויך קיין חיפה.

— נו, וועט די באַן פירן נאָך אַ פּאַסאַזשיר!...

— אדון גרינוואַלד, איר זייט נישט קיין דזשענטלמאַן! און איך האָב געמיינט, — האָט זי פאַרנומען אַן אָרט לעבן אים. — אַז איר זייט מיינער אַ פריינד...

— כ׳ווייס נישט, צי מ׳קאָן אַ צופעליקע באַקאַנטשאַפט — איז ער געווען האַרב צו איר, — אָנרופן פריינדשאַפט...

— אוי, זענט איר היינט שלעכט אויפגעלייגט! איר האָט זיך אוודאי ערשט געזעגנט מיט אייערע עלטערן, כ׳מיין מיט אייער מוטער און שוועסטער...

— איר האָט געהערט פון ?... — האָט ער שוין גערעדט ווייכער.

— איך האָב געוואָלט אַריינגיין צו אייך און אייך זאָגן אַ גוט וואָרט, נאָר איר זייט אַזאַ... — האָט זי אים באַטראַכט, — אַזאַ בייזער... אַזאַ שטרענגער...

— איך בין גאָרנישט אַזוי בייז און גאָרנישט אַזוי שטרענג...

— טאַקע? — האָט זי אויפגעלויכטן און זיך נענטער צוגע־רוקט צו אים.

אין חיפה זענען נאָך געבליבן אַ שעה צוויי ביז דעם אָפּפאָר פון דער שיף.

— לאָמיר פאַרברענגען אינאיינעם דאָס ביסל צייט! — האָט תרצה פאַרגעלייגט. — איך ווייס פון אַ רעסטאָראַן, וווּ מען סער־ווירט אַ גוטן מאַלצייט, און מ׳קאָן זיך דאָרטן רואיק דורכשמועסן.

זיי זענען אַריינגעשטיגן אין אַ פּאַיעטאָן. תרצה האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן דעם אַנטרייבער, און יענער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין דער געדיכטעניש פונעם אַראַבישן געגנט, און איז גיך פאַרפאָרן פאַר אַן אַראַבישער קאַפע. אינעווייניק איז געווען שטאַרק אָנגעריכערט. פון אַ גראַמאָפאָן־טרובע האָט זיך געגאָרגלט אַן אַראַביש ליד. פאַרשמייעטע באַדינער מיט טאַרבושן אויף די קעפּ האָבן אומגעטראָגן נאַרגילעס מיט גרויסע טאַצן שוואַרצע קאַווע. דאָ און דאָרטן זענען געזעסן ענגלישע זעלנער מיט זייערע מיידלעך און געזופּט ביר. אינעם טומל און ענגשאַפט האָט מען קוים געפונען אַ ליידיק טישל.

— אָט דאָ קאָן מען זיך רואיק דורכרעדן? — האָט דער לערער באַטראַכט זיין באַגלייטערין מיט חוזק.

און ווי דאָס וואָלט געווען וויניק, האָט זיך פּלוצים באַוויזן אויף אַ באַלויכטענער פּלאַטפאָרמע אַ בויך־טענצערין מיט צוויי צימבלער, וועלכע האָבן גענומען ריטמיש צוקלאַפּן פון ביידע זייטן אויף זייערע פייקלעך צו יעדן באַוועג פון איר שווערן גוף...

גרינוואַלד האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אָרט. ער האָט זיך געפילט באַליידיקט. ער האָט שנעל אַרויסגעשפּאַנט פון קאַפע אין גאַס אַרויס. תרצה האָט אים קוים אָנגעיאָגט.

— איך בעט אייך, זייט מיר מוחל, איך האָב אייך נאָר געוואָלט אַ ביסל צעשטרייען.

ער האָט געקנייטשט מיט די אַקסל און נישט געענטפערט.

ער האָט זיך צעשיידט מיט איר אין חיפהער האַפן. זי האָט זיך צעקושט מיט אים און נאָך אַמאָל געזאָגט:

— ס'איז געווען אומטאַקטיש פון מיר... פאַרגיט מיר, איך בעט אייך!...

☆

שפּעט ביינאַכט האָט די שיף פאַרלאָזט חיפה. די פייערלעך אויפן הדר־הכרמל האָבן געווונקען פון דער ווייטנס, און גרינוואַלדן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי רעדן צו אים מיטן לשון פון זיין פאָטער: „וועסט צוריקקומען, וועסט צוריקקומען, מיין זון! פון אַלע גלותן וועלן יידן קומען, וואָרום דאָס איז די לעצטע סטאַנציע!"...

צוריקקער

אליעזר גרינוואַלדס אַהיימקום האָט ביי קיינעם נישט אַרויס־גערופן קיין פרייד. זיין פרוי, סאָניאַ, האָט באַטראַכט זיין רייזע פאַר אַן אומנייטיקע געלט־אויסברענגעריי, פאַר אַן אַוואַנטורע. און זי האָט איר אומצופרידנקייט אַרויסגעוויזן ביי יעדער געלעגנהייט.

לאהלע, וואָס איז כמעט דעם גאַנצן זומער געווען פאַרשפּילט מיטן קליינוואַרג פון דער מאַמעס גרויסער משפחה אין ניו־יאָרק, און אירע קליינע אויערלעך האָבן נישט איינמאָל אויפגעכאַפּט אַ האַרב וואָרט אויף איר פּאַפּאַס חשבון, האָט אים איצט קוים באַמערקט. איר האָבן מער געלאָקט די קינדערשע שטיפערייען, ווי זיינע צערט־לעכקייטן און מתנות...

אויך אינעם אָפיס פונעם „פאַלקס־אָרדן", וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער נעץ קינדער־שולן איבערן לאַנד, האָט דער לערער גע־קראָגן אַ קילע אויפנאַמע. ווען מ׳האָט געהאַלטן ביים פאַרטיילן די לערער־שטעלעס, האָט מען אים פאַרזען. אמת, ער איז דעמאָלט נישט געווען אין לאַנד, און צוליב דער פּטירה פון זיין פאָטער, האָט זיך זיין צוריקקער פאַרשפּעטיקט.

ס׳איז שוין געווען טיף אין חודש נאָוועמבער ווען מ׳האָט זיך דערמאָנט אין אים, און מען האָט אים מודיע־געווען, אַז די טויער אין דער שטאָט ס... האָבן ענדלעך באַשלאָסן צו דערעפענען זייער שול. גרינוואַלד איז געפאָרן אַהין מיט אַ שווער געמיט, וואָרום יענע שול האָט געשמט מיט איר בייטן אָפּט די לערער און מיט די נידע־ריקע שכירות, וואָס מען האָט דאָרטן געצאָלט.

הגם ס... האָט זיך געפונען אינגאַנצן אַ דריי הונדערט מייל ווייט פון ניו־יאָרק, האָט מען געהאַט דאָס געפיל, ווי מ׳וואָלט פּלוצים אַריינגעפאַלן אין אַ פאַרוואָרפענעם עק, ווו דאָס לעבן איז שטיין

געבליבן אין אַ זייט פון די גרויסע געשעענישן אויף דער וועלט. אָט דער איינדרוק האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט, ווען די פּאָר עסקנים האָבן אים געבראַכט פון דער באַן־סטאַנציע אינעם הויז פונעם שול־פּאַרזיצער, מאַקס איזבי. די קליינע מסיבה פון אַלט־וואַרג־פּעדלער, אינשורענס אַגענטן, און גראָסערי־לייט האָבן גראָשנ־דיק געשמועסט וועגן דעם שול־בודזשעט. זיי זענען געווען צופרידן, וואָס ער וועט היי־יאָר זיין פיל קלענער, מחמת מ׳האָט דאָך געעפנט דאָס „קרעמל״, ווי זיי האָבן זיך אויסגעדריקט, אַ פּאָר מאָנאַטן שפּעטער...

די מרס. איזבי האָט געשטעלט כיבוד און זיך אָפּט אַריינגע־מישט אין שמועס. איר געלבלעך־גרויער קאָפּ און דאָס באַרעדעוודי־קע מויל האָבן אַנגעווייעט אַן אומעט. פון אירע רייד האָט מען זיך גרינג אַנגעשטויסן, אַז נישט פון אייגענער איניציאַטיוו ווערט דאָ אויפגעהאַלטן אַ שול, נייערט דער „צענטער״ מונטערט און העלפט אָפּט מיט פינאַנצן. „איצט איז אַלץ אָפּהענגיק פונעם לערער״ — האָבן אַלע געפּסקנט. „ער וועט דאַרפן אַריינבלאָזן אַ רוח־חיים אין...״.

גרינוואַלד האָט זיך ווייטמוטיק געטראַכט: „ס׳זאָל נאָר זיין אין װעמען אַריינצובלאָזן.״. ער האָט אומגעפּירט די בליקן אויף זיינע קינפּטיקע באַלעבאַטים און זיך ס׳רוב אָפּגעשטעלט אויף צוויי פּאַר־שוינען, וועלכע האָבן מיט זייער אויסזען און האַלטונג אַריינגע־בראַכט אַ ביסל הומאָר אין דער גרויאינקער מסיבה — איינער, אַ דינינקער, אַן אויסגעצויגענער, מיט אַ צערונצלט פּנים און גלאַט־פאַרקאַמטע האָר, וואָס מ׳האָט דאָ גערופן אויפן אַמעריקאַנישן שטיי־גער „דזשיי, דזשיי״, לויט די ראשי תבות פון זיין נאָמען דזשאָו דזשייקאָבס, איז בטבע געווען אַ „הייסער חסיד״, ווי ער האָט זיך אַליין באַצייכנט. ער האָט זיך אַלע מאָל אָפּגעזוכט אַן אַנדער „עבו־דה זרה״. ער האָט זיי געהאַט לרוב! ער האָט געטריי געדינט דער ס.ל.פּ., דעם אַנאַרכיזם פון דע־לעאָנס חדר און דעם סטאַליניזם. ער האָט זיין „איזם״ געטראָגן אין „שונאס״ לאַגער, און האָט זיך דאָרטן איינגעשטעלט פּאַר אים מיט אַזאַ ברען און התלהבות, אַזש ס׳האָט זיך געדאַכט, ביי אים בלייבט ער... ווען דער לערער האָט זיך באַקענט מיט אים, איז ער געווען פאַרכאַפּט פון ציוניזם, און

ער האָט געזוכט נאָכפּאָלגער גראָד צווישן לייט, וועלכע זענען נאָך געווען באַאײַנפלוסט פון פייגנבוימס „לערעס"...

דער צווייטער, סעם דראַפּקין, האָט אויסגעקוקט, ווי ס'טרעפט נישט זעלטן, דער היפּוך פון יענעם. זיין שווערער גוף, דאָס אַרויסגעשפּאַרט בייכל און די גרויסע, הונגעריקע אויגן, האָבן מרמז־געווען, אַז מ'קאָן דעם בר־נש אַזוי גרינג נישט זאַט מאַכן. ער האָט מיט די שפּיצן פינגער געוואָרפן אין מויל אַריין טרויבן, צוקערקעס, ניסלעך. ער האָט נישט איבערגעקליבן און בעת־המעשה האָט ער געפּאָרשט דעם גאַסט:

— מ'זאָגט, יאַקבי, אויף אייך, אַז איר קומט ערשט פון אַ באַזוך אין פּאַלעסטינע — האָט דראַפּקין אַקצענטירט דאָס לעצטע וואָרט, וואָרפנדיק שלויאיקע אייגעלעך אויפן פּאַרזיצער, איזבי.

— ס'איז אַ חטא? — האָט דער לערער אים באַטראַכט מיט חידוש.

— געוויס נישט! — האָט זיך אויפגעכאַפּט דער טעמפּעראַ־מענטפולער דזשייקאָבס — הלוואי האָב איך אויף ווען איבער־צולאָזן די סטאָר, ווי איך וואָלט אַליין אַ פּאָר געטאָן אַהין כאָטש אויף אַ קורצער צייט...

איזבי, וואָס האָט אַלס ייִנגל אָנטייל גענומען אין מאַי־דעמאָנ־סטראַציעס אין זיין ליטוויש שטעטל, האָט ישוב־הדעתדיק באַמערקט:

— מילא, נו, ס'זענען פּאַראַן בילכערע זאַכן אויף וואָס צו פּטרן געלט...

— „אַי שוד סעי שאָו!" (כ'מיין עס אַזוי!) — האָט זיין פרוי גלייך מסכים געווען מיט אים.

דזשיי, דזשיי איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט. ער איז שוין גע־ווען גרייט צו פּאַרפירן אַ וויכוח וועגן דעם ענין, נאָר דער פּאַרזיצער האָט געשוינט דעם גאַסט. יענער איז געווען מיד פון וועג, און האָט אַפּט אונטערגעגענעצט. איזבי האָט געעפנט אַ פלאַש קאָניאַק, גע־בראַכט נאָך בייטאָג פון זיין קראָם, און האָט פאַרגעלייגט:

— לאָמיר בעסער מאַכן אַ „לחיים" צום נייעם שול־זמן!...

די שול־טוער האָבן זיך גענומען צו די קעלישקעלעך, געוואָרן אויפגעראַמטער, און באַלד זיך פאַרטאָן אין רייד וועגן די אייגענע געשעפטן. דראַפּקין האָט זיך ווידער געווענדעט צום לערער:

— איר זייט דאָך מסתמא אַ בעל־משפחה, אמת?

— אמת!

— וועט איר דאָך דאַרפֿן האָבן אַ דירה.

— אוודאי!

— נו, האָב איך פּאַר אייך... — יענער האָט לאַנג גערעדט און גרינוואַלד האָט מעכאַניש געענטפֿערט, קלערנדיק, ווי שטענדיק ביים אַנקום אויף אַ נייער שטעלע — „ווער, אַ שטייגער פֿון די לייט וועט עס ווערן דער מכשול אין זיין שול־אַרבעט?". ער האָט פּלוצים דערפֿילט אַ ווידערווילן צום סוביעקט מיטן גלאַטן ציינגל לעבן זיך, און דער אומעט האָט זיך נאָך שטאַרקער צעוואַקסן אין אים...

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום זענען אָנגעקומען דעם לערערס פֿרוי און קינד. די גרינוואַלדס האָבן זיך אַריינגעקליבן אין אַ דירה נישט ווייט פֿון דער שול. סאָניאַ האָט איצט געהאַט מער פֿרייע צייט. דאָס אַכט־יאָריק טעכטערל האָט אין דער פֿרי באַזוכט, ווי געוויינ־לעך, די „פּאָבליק־סקול" און נאָך מיטאָג — די יידישע שול. — פּאָר דער יונגער פֿרוי איז איר מאַנס נסיעה געווען גאָר אַ וויכטי־קער ענין אויף נאָכצוקלערן. ס'איז געווען ס'ערשטע מאָל, וואָס ער האָט זי איבערגעלאָזט אויף גאַנצע צוויי חדשים. אין איר פֿאַרבי־טערטקייט האָט זי בשעתו געוווּנטשן ער זאָל שוין „דאָרטן פֿאַר־בלייבן...

זי פֿלעגט אים איצט אָפֿט נעמען אויף אַ פֿאַרהער. אָנגעהויבן האָט זי מיט זיינע עלטערן, דער עיקר מיטן פֿאַרשטאָרבענעם פֿאָ־טער און ביסלעכווייז איבערגיין אויף זייטיקע זאַכן:

— וואָס־זשע, האָסט זיך גאָרנישט געטראָפֿן מיט אַנדערע מענטשן? ווילסט מיך איינרעדן — האָט זי אים נישט אָפּגעלאָזן, — אַז דו ביסט נישט אַרויסגעטראָטן פֿון הויז?

גרינוואַלד, ס'רוב פֿאַרזאָרגט וועגן דעם גורל פֿון דער שול, וואָס איז, אגב, אין ערגעץ נישט צו זיכער און אויך נישט סטאַביל, האָט איר אָפּגעפּטרט מיט אַ נוליקן ענטפֿער. אַזאַ באַנעמונג האָט זי נאָך מער אויפֿגערעגט און צערייצט און אויך אַרויסגערופֿן חשׁ־דים. זי האָט זיך דערווייטערט פֿון אים און, כדי אים שאַרפֿער ווײ צו טאָן, האָט זי אויך אָפּגעפֿרעמדט דאָס קינד פֿון אים. ס'האָט זיך

לסוף איינגעשטעלט אַזאַ פּריקרע לאַגע: — קומענדיק אַהיים אין אָוונט, האָט ער, אָדער קיינעם נישט געטראָפן אין הויז, אָדער סאָניאַ איז געזעסן פאַרטאָן אין אַ ביכל און לאהלע ביי איר היים־אַרבעט. אין עק טיש איז געווען געגרייט אַ סערוועטקע מיט די בייטיקע מכשירים און מיט אַ צעטל, ווו ער וועט געפינען דעם מאָלצייט...

אין די שבתים און יום־טובים איז נאָך געווען ערגער. סאָניאַ איז געגאַנגען מיט דעם קינד צוגאַסט, צי זען אַ פילם, אָדער עפּעס איינ־קויפן. די מוטער האָט, מיט אַנדערע ווערטער, אויסגעמאַרקירט אַזוי, אַז דאָס טעכטערל זאָל זיין, אין איר פרייער צייט, שטענדיק לעבן איר, זי זאָל זיך נישט בייטיקן אין קיינעם, אוודאי נישט אין טאַטן...

איינמאָל, בעת פרעמדע מענטשן זענען געווען אין הויז, רופט זיך פלוצים אָפּ לאהלע:

— מאַ, צו וואָס דאַרף אַ מיידעלע האָבן אַ פּאַפּאַ?

די פראַגע איז געשטעלט געוואָרן מיט אַזאַ קינדערשער אָפּנ־האַרציקייט, אַז אַלע האָבן זיך מיט דערשטוינונג איבערגעקוקט און זיך מטושטש צעשמייכלט. גרינוואַלד, וואָס איז ערשט געהאַט אַריינ־געקומען פון דער אַרבעט, איז געווען אויסגעשעפּט, שלעכט גע־שטימט. ער האָט זיך באַהערשט און האָט שטיל געענטפערט פאַר זיין פרוי:

— אַ פּאַפּאַ דאַרף מען האָבן, מיין קינד, כדי ער זאָל באַזאָרגן די פאַמיליע מיט שפּייז, כדי ער זאָל צאָלן דירה־געלט, כדי ער זאָל קויפן פאַרן קליינעם מיידעלע נייע קליידעלעך, שיכעלעך, אַ מאַנ־טעלע...

דאָס קינד האָט אים סקעפּטיש אויסגעהערט און געשוויגן. זי האָט דערוואַרט אַן ענטפער פון דער מאַמען, נאָר יענע האָט גאָר־נישט געזאָגט. האָט עס זיך אויפגעהויבן און אַ ביסל אַ פאַרשעמטע, אַוועק אין איר צימער...

אין אַ פּאָר חדשים אַרום, ווען דער לערער איז אין אַ נאָכמיטאָג צוגעקומען צום שול־בנין, האָט ער באַמערקט, ווי דאָס בלעכן בריוו־קעסטל אויף דער וואַנט איז איבערגעדרייט מיטן „קאָפּ" אַראָפּ. ער האָט זיך געוווּנדערט, מחמת ס'איז נאָך געווען אַ שעה פאַרן לער־נען, און פונעם קליינוואַרג איז נאָך קיין זכר נישט געווען. איז ווער האָט פאַרט אָפּגעטאָן די שקאָצעריי?

אינעם זעלביקן אָוונט האָט דער לערער געהאַט אַ שול־זיצונג און איז אַהיימגעקומען גאַנץ שפּעטלעך. סאָניאַ איז נישט געשלאָפן. זי האָט זיך נערוועז אַרומגעדרייט איבערן צימער און — געזיפצט...

— ווער איז זי עס, די תרצה לעווין? — האָט זי געפרעגט מיט אַ ציטער אין קול, און די אַפּלען צעשראָקענע, פאַרצווייפלטע, האָבן געהיט זיין יעדע באַוועגונג.

— ו ו ע ר? — האָט גרינוואַלד אָנגעשטעלט אויף איר זיינע גלעזער. ער האָט זיך אין דער רגע לחלוטין פאַרגעסן אין דער תל־אביבער קאָנטשאַפּט.

— וואָס מיינסטו, ווער? — איז סאָניאַ געוועזן שטרענג — אַ פרוי שרייבט צו דיר פון פּאַלעסטינע, און דו ווייסט נעבעך נישט ווער זי איז?

— שרייבט צו מיר? ווען האָט זי געשריבן? — איז ער געוועזן פול מיט חידוש.

— איך האָב אין מיין באַזיץ איר בריוו! — האָט זי געזאָגט מיט טריאומף. — ווילסט נאָך אַלץ לייקענען?

— איך לייקן גאָרנישט! איך האָב זיך דורך דער מאַמען באַקאַנט מיט אַ סך מענטשן, און מיט איר אויך, נאָר מיין אַדרעס האָב איך איר נישט געגעבן.

— דיין היים־אַדרעס טאַקע נישט — האָט סאָניאַ אים שפּיזיק אָנגעקוקט. — אָבער אַ געהיימען אַדרעס יאָ.

— זעסט דאָך ווי געהיים ער איז — האָט דער לערער אומעטיק געשמייכלט — אַז ס'האָט דיר נישט גענומען לאַנג אים צו געפינען... איבעריקנס, איז ער שוין געוואָרן אַ ביסל אויפגערעגט, וואָס אַזוינס האָט זי עס געקאָנט שרייבן, דו זאָלסט ווערן צערודערט?

אירע רייד און זיינע האָבן זיך אומאויפהער איבערגעחזרט ביז איבלדיקייט. זי האָט אים ספּאָנטאַן אַ דערלאַנג געטאָן דעם בריוו און גיפטיק אַרויסגעזייט:

— נאַ, קוויק זיך מיט אים! — און זי האָט זיך היסטעריש צעוויינט...

דער בריון

אליעזר גרינוואַלד איז געבליבן זיצן אַ פאַרטראַכטער מיטן בריון אין דער האַנט. אויך ער איז געווען אויפגערעגט, דענערווירט, אויב נישט טאַקע דערצאַרנט פון זיין תוכן, הגם צוליב אַנדערע מאַטיוון ווי זיין פרוי. ס'האָט נישט געקאָנט זיין קיין ספק, אַז תרצה לעווין האָט געקראָגן זיין שול־אַדרעס דורכן שול־צענטער. (פריוואַטע אַדרעסן ווערן, בדרך כלל, נישט אַרויסגעגעבן צו אומ־באַקאַנטע לייט). און זי האָט געשריבן מיטן חשבון, ראשית, צו האַלטן וואַך ביים לערער אירע ״אָפטע״ באַגעגענישן מיט אים, און וועגן דעם האָט זיך דאָרטן נעמלעך גערעדט. והשנית, אויב דער בריוו פאַלט אַריין צו זיין פרוי, זאָל ער טיפער מאַכן דעם ריס צווישן דעם פאָרפאָלק, אַז אַ ריס איז פאַראַן, אין דעם איז די געניטע אינטריגאַנטין זיכער געווען...

פונעם אָפענעם שלאָפצימער האָט זיך געטראָגן אַן אייגטאַניק כליפּען, זיך אויסגעמישט מיטן וואָיען פון ווינט און זיך שווער געלייגט אויפן לערערס געמיט. נישט געקוקט אויף זיין מידקייט, האָט ער נישט געפונען געגנוג ווילן צו לייגן זיך אָפּרוען. ער איז געווען אין דער בחינה פון איינעם, ווען כ'איז באַשערט אומזיסט צו ליידן צוליב יענעמס נאַרישקייט אָדער רשעות...

פלוצים איז סאָניאַ אַויסגעוואַקסן לעבן אים. זי האָט אויס־געזען — אינעם ווייסן נאַכט־העמד, הילפלאָז און דערשלאָגן, מיט טונקעלע פלעקן אונטער די גרויסע, פאַרטרערטע אויגן. אירע ליפּן האָבן געציטערט, אָבער מ'האָט פון זיי קיין קלאַנג נישט געהערט. גרינוואַלדן האָט פאַרקלעמט דאָס האַרץ. ער האָט זי געוואָלט איינ־נעמען, אויפקלערן, נאָר ער האָט אויך געשוויגן, ווי ער וואָלט גע־

שפּירט, אַז רייד אין אָט דער מינוט וועלן נאָך ערגער מאַכן זיין מערכה...

די יונגע פרוי האָט נישט אָראָפּגענומען אירע בליקן פונעם מאַן, גלייך ער וואָלט זיך געוויזן פאַר איר אין אַ ניי ליכט. אָט די שטומע פּאַזע האָט זיך געצויגן פאַר אים פּיינלעך לאַנג. ענדלעך האָט זי אַרויסגעכאַפּט דעם בריוו ביי אים מיט אַ מינע, ווי דאָס וואָלט געווען אַ וויכטיקער דאָקומענט, אין וועלכן דעם לערערס גאַנץ לעבן איז אָפּהענגיק...

ס׳איז אַוועק אַ חודש. סאַניאָס באַציאונג צו אים האָט זיך נישט געבעסערט. ווי פאַרהאַוועט גרינוואַלד איז נישט געווען, האָט ער פון דעסטוועגן באַמערקט, אַז זי איז געוואָרן בלייך, אויסגע־צערט, פאַראומעט. ער האָט באַשלאָסן לענגער נישט צו וואַרטן און זיך דורכרעדן מיט איר:

— אויב ס׳וואָלט טאַקע געשען אַזוינס, ווי דו קלערסט, כ׳מיין — איז ער מיט אַמאָל רויט געוואָרן אַריבער די אויערן. — ביי אַזאַ אינטימער פאַרהעלטעניש, ווי דו שטעלסט זיך פאָר, וואָלט דען די דאָזיקע פרוי מיך געאירצט, ווי דו זעסט עס אַליין אינעם בריוו?

האָט ער אַרויסגעשטעלט די שטאַרקסטע קאָרט אין זיין פאַר־טיידיקונג. און אים האָט זיך בעת־מעשה געטראַכט: „ווי גוט דער רשע זאָל זיך נישט באַוואָרענען, פאַרקוקט ער פאָרט, צום גליק, ערגעץ אַ פּרט"...

— דאָס זעלביקע האָט אויך געזאָגט דער פּסיכיאַטאָר...

— דו ביסט געווען ביי אַ?....

— יאָ! — האָט זי געשאָקלט אַפּירמאַטיוו מיטן קאָפּ, און דער־ביי האָבן זיך געביטן די פאַרבן אין איר פּנים: — נישט איינמאָל!

ס׳האָט זיך געשאַפן דער איינדרוק, אַז זי געפינט אַ ביזאַרע פרייד אין איר איצטיקער לאַגע.

— אויב ער מיינט אויך אַזוי — האָט דער לערער געפרעגט מיט פאַרדראָס — איז צו וואָס פּייניקסטו זיך און מיך?

— איך בין גאָרנישט אַזוי זיכער, צי איר זייטביידע גערעכט.

— וואָס הייסט? — האָט גרינוואַלד נישט פאַרשטאַנען.

די יונגע פרוי האָט אַ רגע נאָכגעקלערט און נישט ענטפערנדיק אויף דער פראַגע, האָט זי געזאָגט:

— דער דאָקטאָר וויל זיך מיט דיר דורכשמועסן.

— מיט מיר?? — האָט דער לערער זי סקעפּטיש באַטראַכט און האָט מער דעם ענין נישט באַרירט, אָבער סאָניאַ האָט אים נישט צורו געלאָזט און אים יעדן טאָג דערמאָנט. און ווען דער דאָקטאָר האָט אויך טעלעפאָניש אויסגעדריקט דעם זעלביקן פאַרלאַנג, האָט גרינוואַלד פאַרבויגן זיין אומווילן און איז אַוועק אים זען.

ס'איז געווען פּיינלעך־פּריקרע פאַרן לערער צו הערן פון אַ פרעמד מויל רייד וועגן זיין אינטים פאַמיליע־לעבן. דער מיטל־יאָריקער מענטש קעגנאיבער האָט אים דורכגענומען מיט זיינע שאַרפע אויגן, און הגם ער האָט אָפּט געביטן זיין טאָן פון פריינד־לעכקייט צו אַ שטרענגקייט און פאַרקערט, האָט מען געקאָנט בפועל־ממש שפּירן, אַז ער איז שטאַרק פאַראינטערעסיט אין סאָניאַס וווילזיין.

— אייער פרוי איז ערנסט קראַנק, ווייסט איר עס, יונגערמאַן?

— וואָס איז אייער עצה, דאָקטאָר?

— איר זאָלט זיך מודה זיין! — האָט דער פּסיכיאַטאָר גע־פאַרשט זיין יעדע מינע, און ס'איז שווער געווען צו גלויבן, צי ער מיינט עס טאַקע.

— אייערע ווערטער קלינגען, ווי די רייד פון אַ גייסטלעכן — האָט גרינוואַלד ביטערלעך געשמייכלט. — מודה זיין זיך, אין וואָס?

דער דאָקטאָר האָט צונויפגעלייגט די הענט, אַזוי אַז ער זאָל קאָנען אָנשפּאַרן דעם קין אויף זיי. ער האָט אַ פּאָר מינוט געשוויגן, ווי ער וואָלט זיך באַראָטן מיט זיך אַליין, און געזאָגט שוין מיל־דער:

— ווייזט איר אַרויס מער ליבשאַפט, באַצעטקייט. זייט מער צוגעלאָזן צו איר! עס דאַרף נישט זיין שווער פאַר אַ יונגנמאַן דאָס צו טאָן, דאַרף עס? — און ווען ער האָט געזען, אַז יענער שווייגט, האָט ער צוגעגעבן: — זי נויטיקט זיך שטאַרק אין אַזאַ באַהאַנדלונג... קיין בעסערע מיטלען האָב איך נישט...

גרינוואַלד איז אַרויס פון דאָקטאָרס קאַבינעט אַ באַגאָסענער מיט שווייס, גלייך מען וואָלט אים ערשט אויסגעטאָן אַ הוילן פאַר אַן עולם מענטשן. ער האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען פונעם געפיל, אַז אויף אים רוקן זיך אָן שווערע טעג. ער האָט געצווייפלט,

צי אַפילו ביי אַ געבּיטענער פּאַרהעלטעניש, וועט סאָניאַ געגעזן ווערן. ס׳איז געלעגן עפּעס אין דער פּרויס נאַטור, ווי שוין אַמאָל דערמאָנט, וואָס האָט נישט דערלאָזט קיין רו. אויב ס׳זענען נישט געווען קיין אמתע סיבות דערפאַר, האָט זי זיי זיך, ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען, אַליין סוגעסטירט, און — אַזוי לאַנג, ביז זיי זענען געוואָרן פאַר איר רעאַליטעטן...

— נו, וואָס האָט ער דיר פאַרזאָגט? — האָט זי אים באַגעגנט ביי דער טיר.

— פאַרזאָגט? איך בין נישט קיין חולה, און דו, אויב דו וועסט זיך נעמען אין די הענט, וועסט עס אויך נישט זיין.

— ער האָט דיר פאַרזאָגט — האָט זי אים לחלוטין נישט געהערט — דו זאָלסט זיך מער נישט טרעפן מיט פּרויען, אמת? — און ווידער האָט גריינוואַלד דערשפּירט די גרויליקע האָפערדיקייט אין אירע רייד.

— יאָ, פּינקטלעך מיט די ווערטער! — איז ער געווען סאַר־קאַסטיש. — ער האָט אָבער גלייך חרטה געהאַט און זי צערטלעך אַרומגענומען, און זי נאָך אַמאָל געפרעגט אַ פריערדיקע פראַגע:

— פאַרוואָס פייניקסטו זיך און מיך? ס׳פעלט נאָך לאהלע זאָל זיך דערוויסן פון...

— וואָסי, ס׳איז אַ סוד פאַר איר?

— דו האָסט גערעדט מיטן קינד וועגן אַזוינע זאַכן?

— פאַרוואָס נישט? זאָל זי וויסן, ווער איר טאַטע איז!...

דער לערער האָט זיך אָפּגעקערט אָן אַ זייט. ער האָט זיך געפילט באַליידיקט. אָן אַ שיעור עפּיטעטן זענען אים געקומען אויף דער צונג, נאָר ער האָט זיך באַהערשט, און איז געשווינד אַרויס פון הויז.

איינמאָל אין אַ זונטיק נאָכמיטאָג, סאָניאַ איז אַוועק עפּעס איינקויפן, דער לערער איז דעמאָלט געזעסן פאַרטאָן אין שול־פּאַפּירן. ביי אַ צווייט טיש האָט לאהלע געגרייט איר היים־אַרבעט. פּלוצים רופט דאָס קינד זיך אָפּ:

— פּאַ, דו האָסט אונדז ליב?

די פראַגע האָט אים אַ ברי געטאָן, ווי אָן אַנגעגליט שטיק אייזן. ער האָט זיך אָפּגעריסן פון די פּאַפּירן:

— אוודאי, מײַן קינד, ווי דען אַנדערש? — ער נעמט זי אויף די קני און טוליעט זי צו זיך. ער זעט אין אירע שטילע, טונקעלע אייגעלעך, אויף איר איידל־געפורעמט פּנימל אַ נישט־קינדישן אָר־מעט. ער פּאַרזיכערט זי: — איך האָב דיך זייער ליב, מײַן טעכטערל!

דאָס אַכט־יאָריק מיידעלע לאָזט זיך נישט אײַנבעמען:

— פּאַ, די מאַמע רעדט שטענדיק וועגן עפּעס אַ פרוי, וואָס וויל דיך אַוועקנעמען פון אונדז, ווער איז זי?

דער לערער שטייט פאַר אַ דילעמע. ער ווייסט נישט, ווי אויפצוקלערן זײַן אייגן טעכטערל אַ פּשוטן ענין, ס׳זאָל זײַן פאַר איר אי פאַרשטענדלעך, אי ס׳זאָל נישט אָנרירן דעם כּבוד פון איר מאַמען.

— קיינער וועט מיך נישט אַוועקנעמען פון דיר, לאהלע! — זאָגט ער מיט האַרץ, און ער קושט אירע קליינע אויערלעך, אירע פּוכיקע הענטעלעך. — קיינער נישט!

איר קינדיש געשטאַלט לויכט אויף אויף אַ ווײַלע מיט צוטרוי, נאָר באַלד ווערט עס פאַרצויגן מיט אַ שאָטן פון אומגלויבן, פון צווייפל. זי קריכט אַראָפּ פון זײַנע קני און קערט זיך אום צו אירע שול־אויפגאַבן. דער מוטערס השפּעה האָט, קאָנטיק, גובר־געווען...

גרינוואַלד שאַרט אַוועק פון זיך די פּאַפּירן. ער איז פאַר־צווייפלט. אומצאָליקע געדאַנקען באַפאַלן אים, אײנער אכזריותדי־קער פונעם צווייטן. „ווי קאָן ער מדריך זײַן אַנדערע" — רײַסט ער שטיקער פון זיך — „ווען ער האָט נישט דעם מינדעסטן אײַנפלוס אויף זײַן אייגן קינד?" ער פּרוּווט נאָך אַמאָל אָנקניפּן דעם שמועס מיט לאהלען. ער רופט זי, און ווען זי הייבט זיך אומוויליק אויף, עפנט זיך די טיר און ס׳קומט אַרײַן סאָניאַ מיטן אײַנקויף. זי וואַרפט אַ פאַרשנדיקן בליק אויפן טעכטערל און אויפן מאַן, און טוט אַ זאָג בייזוויליק:

— לאהלע, העלף מיר אַרײַנטראָגן די פּעקלעך אין קיך!

דאָס קינד אײַלט געדרן אַוועק צו דער מוטער, ווי יענע וואָלט זי אויסגעלייזט פון אַ שווערן נסיון...

וועראַ וואַשבוירן

אליעזר גרינוואַלד האָט נישט געפונען, ווי שוין דערמאָנט, קיין רו אין הויז. ער האָט זי נאָך פרישטיק פאַרלאָזן און זיך אומ־געקערט אין אָוונט, נאָכן לערנען, און גאַנץ אָפט, פיל שפּעטער...

דער לערער האָט געזוכט זיך צו פאַרגעסן אין זיין שול־אַרבעט. ער האָט זיך שעהן־לאַנג געמיט ווי צו פאַרברייטערן און צו פאַרטיפן דעם סדר־הלימוד, ווי צו באַרייכערן דעם קינדס ידיעות, ווי עס צו־ציען צום יידישן בוך.

ער האָט געזאָרגט, די שול זאָל האָבן אַרום זיך אַ פּעריפעריע פון געטרייע טוער, ראשית־כל — די עלטערן, פאַרשטייט זיך. הגם די פאַרוואַלטונג האָט זיך אָפּגעגעבן מיט די פינאַנציעלע הצטרכותן, האָט מען דעם לערער נישט אויסגעלאָזן אויך פון אָט דער עובדה...

צו יענער צייט איז גרינוואַלד געווען באַזונדערס פאַרעסקט אין פאַרמירן קינדער־קלובן, און ער האָט אַרומגעזוכט אַ פּאַסיקן אַנפירער, וואָס איז, בדרך־כלל, נישט געווען בנמצא אין דער איי־גענער סביבה.

איינמאָל, אין אַן אָוונט, האָט זיך נאָכן לערנען, אַריינגעשטעלט אַ יונגע פרוי געקליידט לויטן שניט פון „גרעניטש ווילעדזש", אין אַ קורצן זשאַקעט און געקעסטלט קלייד, מיט אַ רונד סאַמעט הי־טעלע אויפן זייט קאָפּ.

— מיין נאָמען איז וועראַ וואַשבוירן! — האָט זי זיך פאָר־געשטעלט. — איך האָב געהערט, אַז איר נייטיקט זיך אין אַ...

דער לערער איז געווען גרייט צו שטעלן די געוויינטלעכע פראַגע, צי זי איז געניט אין קלוב־אַרבעט, נאָר דערהערנדיק איר נאָמען, האָט ער זי מיט אינערלעכער אויפרעגונג און נייגער באַ־טראַכט. איר מאַן, ראָבערט וואַשבוירן, איז געווען פּראָפעסאָר פון עקאָנאָמיקס אין „סטייט"־אוניווערזיטעט און האָט געהאַט אַ הויכן

סטאַזש אויפֿן קעמפּוס. ס׳האָבן זיך אומגעטראָגן קלאַנגען, אַז זיין פרוי קומט פון רוסלאַנד און איז אַ יידישע טאָכטער. גרינוואַלד האָט אַצינד נישט געצווייפלט אין דעם. הגם איר נעזל האָט גע־שפּילט להכעיס מיטן שיין ־מאָדעלירטן מויל און זיך דווקא געריסן אַרויף, און די אויגן גרויע, אומעטיק־שמייכלענדיקע, האָבן דער־מאָנט אין רעפּינס רוסישע פּרויען־פּאָרטרעטן, האָבן אָבער דאָס דין־טונקל, סענסיטיוו פּנים, די שוואַרץ־צעכוואַליעטע קרויזן, שאַרף אינטאָנירט איר אָפּשטאַם...

— איר רעדט יידיש? — האָט דער לערער זיך איינגעשטעלט צו פרעגן.

— יאָ! נאָר מ׳דאַרף די ווערטער אַרויסציען — איז זי איי־בערגעגאַנגען אויף מאַמע־לשון. — פון ווייט־ווייטע, ווי רופט מען זיי — „יאַטשייקי״.

— קעמערלעך. — האָט ער איר אַרויסגעהאָלפן.

ווען די ערשטע איבעראַשונג איז אַריבער, האָט גרינוואַלד גענומען צווייפלען, צי זיין אויסוואַל איז אַ פּאַסיקער. אין די על־טערע קלאַסן איז נישט איינמאָל אויסגעקומען צו באַרירן דעם ענין פון געמישטער הייראַט, און די תלמידים האָבן גוט געוווּסט דעם לערערס שטעלע. ס׳וואָלט, בכן, געווען אַ סתירה, אויב נישט ערגערס, איר אָנצופאַרטרויען די קינדער־קלובן...

מ׳האָט זי אָבער אַלצאיינס אָנגעשטעלט, און גורם געווען האָבן צוויי סיבות:

די יונגע פרוי האָט זיך באַצויגן ערנסט צו איר באַרוף, והשנית, ס׳האָט זיך געפילט אין אירע רייד אַ שטאַרקע תשוקה זיך צו דער־נענטערן צום מקור. ס׳איז זיכער געווען היים־ווייי, היים־בענק־שאַפט. און אין אָט דעם קרייז, האָט זיך איר געדאַכט, קאָן זי זיך צום בעסטן אויסלעבן, נוצלעך זיין.

ביידע אַטריבוטן האָבן אויסגענומען ביים לערער. פון דעסט־וועגן האָט ער זיך צוגעהערט צום תלמודישן פּאַרזאַג, נעמלעך: „כבדהו וחשדהו!״... און ער פלעגט בייזיין ביי יעדן צונויפקום פון די קלובן. ווערא וואַשבורין האָט זיך אויסגעטויגט צו איר אַרבעט. זי האָט גיך געוווּנען די פריינדשאַפט פון איר יונגער אוידיטאָריע און זי האָט אונטערגענומען מיט אירע פּראָיעקטן פון דערציִערישן און סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער.

ביי איין זיצונג פונעם עלטערן קלוב, האָט זיך אויך באַוויזן פּראָפ׳ וואַשבורין. ער האָט זיך געזעצט אין אַ זייט און געדולדיק געוואַרט אויף זיין פרוי. זיין דערשיינען האָט גלייך פאַרטריבן איר באַשטענדיקע זיכערקייט. אירע אומעטיקע בליקן האָבן זיך אָפּט אָפּגעשטעלט אויף דער אימפּאַזאַנטער פיגור פון איר מאַן, ווי זי וואָלט געזוכט ביי אים אַ הכשר אויף אירע רייד, אויף אירע אַרויס־געזאָגטע מיינונגען.

דער זעקס־פוסיקער מאַנסביל האָט קאַטעגאָריש געשוויגן, גלייך ער וואָלט מיט זיין שווייגן סוגעסטירט, אַז דאָס אחריות פאַר אירע דעות דאַרף זי טראָגן אַליין, און אפשר האָט אים דער גאַנ־צער ענין נישט שטאַרק אינטערעסירט. נאָכן מיטינג האָט וועראַ אים באַקאַנט מיטן לערער. וואַשבורין האָט אים וואַרעם געדריקט די האַנט און אים פאַרבעטן צו זיך אין הויז:

— זייט אונדזער גאַסט אַ זונטיק. מיר האָבן צוויי קינדער אין שול־עלטער. אפשר וועט איר אונדז עצהנען, וואָס צו טאָן מיט זיי...

— איך זאָל אייך עצהן, ד״ר וואַשבורין? — האָט גרינוואַלד עס אָנגענומען פאַר אַ שפּאַס.

— נישט אַזוי מיר, ווי וועראַן! — האָט יענער דין געשמייכלט. דאָס פאַרפאַלק האָט זיך גיך אָפּגעזעגנט און איז פאַרשוווּנדן.

דעם פּראָפעסאָרס היים האָט זיך געפונען אויסער דער שטאָט, אויף דער הייך פון אַ באַרג, און האָט דערמאָנט פון דער ווייטנס אין אַ מיטלאַלטערלעכן שלאָס. אינעווייניק זענען די ווענט געווען פאַרשטעלט מיט שראַנקן ביכער, אַ סך אָן טאָוולען, און קונסט־בילדער פון פאַרשיידענע שולן און סטילן. דאָ און דאָרטן האָבן אַרויסגעשטעקט שטיקער מעבל פון אַרכאַישן אויסזען. אין די צי־מערן האָט זיך געמערקט אַן אומאָרדענונג, אַ צעשויבערטקייט. דאָס קליינוואַרג, געררוקט אייגנס פונעם אַנדערן מיט אַ יאָר, האָט זיך געשפּילט אויפן דיל און געגוואַלדעוועט. דאָס עלטערע, אַ יינגעלע, מיט קרומע אייגעלעך און פלאַקסענע האָר איז געווען ענלעך אויפן פאָטער, און דאָס מיידעלע, כאָטש אַ פאַרקויטיקטס, האָט געכאַפּט דעם אָנבליק פון דער מוטער.

גרינוואַלד האָט יענעם זונטיק נאָכמיטאָג נישט געפונען דעם פּראָפעסאָר אין הויז. ער איז, לויט די רייד פון זיין פרוי, פאַרהאַלטן

געוואָרן ביי אַ פאַקולטעט־אַסיפה. זי האָט אויפגעכאַפּט דעם לע־רערס פאַרלעגנהייט און האָט געזאָגט:

— יעדן צווייטן זונטיק איז דאָס שטוב־מיידל פריי. איך בין זיך מודה, — האָט זי גערעדט אַפּאָלאָגעטיש — איך בין אַ קנאַפּע באַלעבאַסטע...

דער לערער איז געזעסן אַ פאַרקלעמטער. ער האָט געמאַכט אַ פאַרגלייך צווישן דער פינקטלעכער און אַקוראַטנער קלוב־אינ־סטרוקטאַרין און דער מוטער און הויז־ווירטין, און האָט געזוכט דעם באַשייד. און ווען ער האָט זיך שוין געקליבן אָוועקצוגיין, האָט זי אים פּלוצים אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר, מר. גרינוואַלד, ווי מאַכט מען שטיקלעך יידן פון מיינע קינדער? שיקן זיי אין שול? געבן זיי לעקציעס? — און באַמערקנדיק דעם לערערס סאַרקאַסטישן שמייכל, האָט זי גלייך צוגעגעבן: — איך ווייס, איך ווייס — כ'האָב זיי קודם־כל געדאַרפט געבן אַ יידישן טאַטן, נאָר איז עס טאַקע אַ באַוואָרעניש? — און כדי צו באַשטעטיקן איר טענה, האָט זי אַרויסגענומען פאָטאָגראַ־פיעס פון איר פאָטער, פון איר משפחה — יידן מיט בערד און ווייבער מיט שייטלען, געקליידט, ווי געווייינלעך — אַלטמאָדיש, פאַרצייטיש. — נו, האָט זי ווידער געפרעגט, — איז עס געוועזן אַ באַוואָרעניש אין מיין פאַל?

— ניין! אָבער עפּעס ווי איך פאַרשטיי, איז פאָרט געבליבן אין אייך!...

מרס. וואַשבוירן האָט זיך פאַרטראַכט. אויף איר מילד־איידעלן געזיכט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַן אינערלעכער גערانגל. זי האָט געהאַלטן אין האַנט נאָך אַ בילד, און זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי זי זאָל עס ווייזן דעם לערער, וואָס איז געוואָרן אין דער קור־צער צייט, אומבאַמערקט און קעגן איר ווילן, איר „יידישער גע־וויסן", אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדרוקן...

— דאָס איז מיין מוטער! — האָט זי זיך ענדלעך אַנטשלאָסן.

אין היפּוך צו די אַנדערע, האָט דאָס בילד פאָרגעשטעלט אַ יונ־גע פרוי, פאַרפּוצט אין אַ העל קלייד, מיט אַ קאָלירטן שאַל אַרום נאַקן און אַ ווייס בלימל אין די האָר.

— זי האָט זיך גענומען דאָס לעבן! — האָבן זיך ווערטער אויגן אָנגעפילט מיט טרערן. — ווען „זיי" האָבן מיך שטאַרק צוגע־

דריקט, — האָט זי געפינגערט אויף דער פרומער משפחה. — בין איך אַוועק קיין אַמעריקע, אָבער זי איז אַוועק, ווי איר זעט, פיל ווייטער...

— אַ סך פון אונדז האָבן געהאַט פרומע עלטערן, אַ פרומע סביבה, — האָט גרינוואַלד דערווידערט — פון דעסטוועגן איז מען נישט באַגאַנגען קיין זעלבסטמאָרד. מסתמא זענען געווען נאָך סי־בות, וועלכע האָבן גורם געווען איר טויט, נאָר איר דאַרפט זיי מיר נישט דערציילן, — האָט ער זי באַרואיקט. — די עצם געשיכטע איז גענוג טראַגיש...

— און דאָך פיל איך אַ נאָענטקייט צו „זיי"! — האָט זי גע־רעדט אַ פאַרשולדיקטע. — איך וואָלט נישט געוואָלט אָפּרייסן מיינע קינדער פון די וואָרצלען...

גרינוואַלד האָט זיך נישט דערוואַרט אויפן פּראָפעסאָר, און ער האָט פאַרלאָזן דאָס הויז מיט אַ שווער געמיט...

אין אַ פּרייטיק שפּעט אין אָוונט, ווען דער לערער האָט זיך אומגעקערט אַהיים פון די קלוב־זיצונגען, האָט ער דאָרטן געפונען סעם דראַפּקין און זיין פרוי עטל. דער זייגער האָט שוין געהאַלטן ביי עלף. אָבער נישט די דראַפּקינס, נישט סאָניאַ האָבן אַרויס־געוויזן אַ מידקייט, פאַרקערט, די דריי זענען געווען שטאַרק סטי־מולירט פון זייער שמועס. דערזעענדיק דעם לערער, איז דער פול־לייביקער גאַסט געוואָרן נאָך אויפגעראַמטער:

— נו, וואָס הערט מען עפּעס גוטס אין די קלובן, חבר גרינ־וואַלד? — ער האָט גערעדט פון געוווינהייט הויך, מחמת זיין עזר כנגדו איז געווען שווער אויפן געהער. און ווען יענער האָט זיך נישט געאיילט צו ענטפערן, האָט ער מוסיף געווען: — ווי איר זעט, לאָזן מיר אייער פרוי זיך נישט לאַנגווייליקן, — און גלייך ווידער אַ קער געטאָן צום ערשטן ענין: — וויבאַלד די קלובן האָבן אַן אַנפירעריןֹ, — האָט ער שאַרף אַקצענטירט דאָס לעצטע וואָרט. — צו וואָס דאַרפט איר פטרן צייט אומזיסט? איז דאָס אַ קשיה, צי נישט?

סאָניאַ האָט ביי די רייד אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, און ווי די אַנדערע געוואַרט אויף איר מאַנס ענטפער, נאָר דער לעצטער האָט נישט געהאַט קיין חשק זיך אַריינצולאָזן אין דערקלערונגען, ער האָט בלויז מיד אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— תיקו, בלייבט אַ קשיה. ווען משיח וועט קומען, וועט ער
אַלע קשיות פֿאַרענטפֿערן און מסתמא אייערע אויך...

אַ ווייטער אָפּרוף

מרס. וואַשבורנס שטוב־מיידל האָט איין טאָג געבראַכט די צוויי קינדער אין שול. דער לערער האָט זיי קוים דערקענט. זיי זענען געווען אויסגעצוואָגן, פּאַרקאַמט, ציכטיק, דעם ייִנגלס איי־געלעך האָבן אַצינד געקוקט גלייך. די ברילן אויף זיין קורץ נעזל האָבן צוריקגעשטעלט די אַפּלען אין פּאָקוס, און אינעם מיידעלע האָט גרינוואַלד ערשט איצט אַנטדעקט דעם פולן חן פון איר מאַמען.

— דאָס איז אַרטשי — האָט די אויפפּאַסערין שטיל געזאָגט — אים איז געוואָרן זיבן, און דאָס איז לוסיל. זי איז עלטער פון איר ברודערל מיט אַ יאָר.

ביידע קינדער האָבן לאַנג נישט געקענט הויזן. ווי נאָר זייער באַגלייטערין איז פאַרשוונדן, האָבן זיי זיך דורכגעוואָרפן מיט נישט־קאָמפּלימענטאַרע עפּיטעטן. אַרטשי איז געווען העזהדיק, איינגעשפּאַרט, בלויז דעם לערערס מעשהלעך האָט אים איינגע־שטילט. און אַפּילו דעמאָלט האָט ער געמוזט עפּעס טאָן, אַ שטייגער, שניצן מיט זיין מעסרל אַ בלייער, צי גריבלען נאָכאַנאַנדיק אינעם האָלץ פון שול־טישל.

לוסיל האָט געהאַט אַ וואַך אויערל פאַר נגינה. זי האָט אין משך פון אַ פּאָר וואָכן זיך אויסגעלערנט עטלעכע יידישע לידער. און גראַד דאָס אַלט־אַלטע „אויפן פּריפּעטשאָק", וואָס זי האָט קינ־דיש פאַרגרייזט און האָט עס גערופן „אויפן פּריטשאָפּעק" האָט זיך צום שטאַרקסטן צוגעקלעפּט צו איר. ס'האָט זי אוודאי אימפּאָנירט דער „שווערער", טשיקאַווער נאָמען, און אפשר האָט די עצם מע־לאָדיע באַווירקט דאָס קליין מיידעלע. זי איז אומגעגאַנגען איבערן הויז, האָט דערציילט מרס. וואַשבורן, און נישט אויפגעהערט עס צו זינגען. און האָט לסוף אַרויסגעבראַכט פון געדולד דעם פּראָפּע־

סאָרס מוטער, אַ זיבעציק־יאָריקע זקנה, וועלכע האָט דעמאָלט גאַס־טירט ביי זיי און דאָרטן געשריבן איר אויטאָביאָגראַפיע.

— ווי האָט זיך די מויד אויסגעלערנט אַזאַ דענערווירנדיקע מאַנאַפאַניע? — האָט זי אומגעדולדיק געפרעגט.

ווערא, וואָס האָט איר שוויגערס מאַנוסקריפּט אויסגעקלאַפּט אויף דער שרייב־מאַשין, האָט זיך אָפּגעריסן פון דער אַרבעט און איר געלאָזט וויסן:

— אין דער יידישער שול, מוטער!

— אין דער... וואָס? — האָט יענע זי אָנגעקוקט דערשטוינט. — וואָס האָט לוסיל דאָרטן צו טאָן? — און זיך באַלד געכאַפּט: — אַהאַ — האָבן זיך אירע אַלטע אויגן צעפינקלט — איך פאַרשטיי!...

די לעצטע צוויי ווערטער זענען אַרויסגעקומען מיט אַזאַ פריקרען בייטאָן, אַז די יונגע פרוי האָט זיך געפילט געטראָפן.

קומענדיק פרייטיק אָוונט צו די קלובן, האָט די מרס. וואַשבוירן נישט אויסגעהאַלטן און איבערגעגעבן דעם קורצן דיאַלאָג דעם לערער.

— דאָס צאָלט איר צינז פאַר אייער טעכטערלס יידישקייט... — האָט גרינוואַלד האַלב־שפּאַסיק באַמערקט. ווערא האָט נישט געענטפערט. זי איז געווען צופרידן ווען די זיצונג האָט זיך אָנגעהויבן און זי איז פאַרטאָן געוואָרן אין אַנדערע עסקים...

נאָך אַ דריי חדשימדיקן לערנען, האָבן די קינדער פּלוצים אויפגעהערט צו קומען אין שול. דער לערער איז געוואָרן אויסער זיך:

— פאַרוואָס, מרס. וואַשבוירן — דאָס קליינוואַרג האָט זיך שוין אַזוי ווויל איינגעלעבט מיט אונדז — האָט ער געטענהט מיט האַרץ, און ווי שטענדיק ביי אַזעלכע פאַלן, איז אים באַפאַלן אַ שווערקייט, אַן אומפאַרשטענדלעכע שולדיקייט...

— איך קען עס אייך נישט דערקלערן! — האָט ווערא אָוועקגעקוקט אין אַ זייט. — ס'איז אַזוי. די קינדער ברענגען אַהיים שטיקלעך רייד פון אייערע שמועסן אין קלאַס, און זיי לייגן זיך, ווי בליי אויפן געמיט...

— אַ שטייגער, וועלכע רייד? — איז ער געווען זייער ערנסט.

— איך מיין וועגן דער באַציאונג פון די נאַציס צו די דייטשע יידן...

— וואָס איז, איר לייענט נישט די פּרעסע, מרס. וואַשבוירן?

— איר מיינט דאָך די יידישע צייטונגען! זענען די באַשריי־בונגען דאָרטן טאַקע אויטענטישע, צי אַ היפּש ביסל איבערגעטריבן?

דער לערער האָט נישט רעאַגירט אויף איר פראַגע. ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז נישט זי צווייפלט אין דעם גרויליקן אמת, וואָס דערגרייכט אַהער פון דייטשלאַנד, נאָר די שטוב־לייט, ווע־מענס מיינונג זי רעפלעקטירט אַזוי אָפט.

— האָבן דען די קינדער נישט באַזוכט די שול מיט דער הסכמה פון זייער פאָטער? — איז ער אַרויס מיט אָפענע דיבורים.

— געוויס! נאָר זיין מוטער, „דהי גרענד אָלד ליידי" — האָט זי ביטערלעך אַ שמייכל געטאָן — האָט אַ סך אויסצוזעצן — איר מאַן איז געווען אַ פרעסביטעריאַנער גלח...

איין נאָכמיטאָג, איז אין שול אַריין, אינאיינעם מיט אירע קלאַס חברימלעך, לוסיל. דאָס מיידעלע איז געווען נישט ווינציקער צע־טראָגן און צעטומלט, ווי איר לערער. זי איז צוגעלאָפן מיט אימ־פּעט צו אים און אַוועקגעלייגט ביידע הענטלעך אויף זיינע אָרעמס:

— איך האָב שוין לאַנג געוואָלט צוריקקומען אין שול, נאָר...

— ווייסן דיינע עלטערן, אַז דו ביסט דאָ?

— די מאַמע ווייס, און דאָס איז גענוג פאַר מיר! — האָט זי טראָציק צוגעגעבן.

גרינוואַלד האָט זיך באַטראַכט מיט שטראַלנדיקע אויגן, ווי זיינס אַן אייגן קינד וואָלט זיך אומגעקערט פון אַ ווייטער נסיעה.

— און דו, לוסיל, האָסט ליב די יידישע שול?

— „יעס, ענד אַי לאַיק יו טו", (יאָ, און איר געפעלט מיר אויך!), לערער — האָט דאָס מיידעלע זיך געטוליעט צו אים.

— און ווי אַזוי ביסטו געקומען פון אַזוי ווייט?

— די מאַמע האָט מיך געבראַכט מיט דעם אויטאָ.

דער לערער האָט געהויבן אין חידוש די ברעמען. הייסט עס, אַז די מרידה־קערנער נעמען זיך אָן! יענער טאָג האָט פאַר אים אַנגעגרייט נאָך אַ סורפּריז. ווען לוסיל איז גרייט געווען, נאָכן לערנען, צו גיין אַהיים, האָט זיך באַוויזן איר באָבע, אַ הויכע, שטאַלטנע זקנה מיט שטאָל־גרויע האָר פאַרקאַמט פּאָמפּאַדור־אַרטיק, מיט אַ שטרענגן אויסדרוק אין בליק.

— זאָגט נאָר, יונגערמאַן, — האָט זי געֶרעדט גיך־גיך — איר ווילט מאַכן פון מיין אייניקל אַ יידיש קינד?

— „גרעני, אַ לאַיק איט היר!" (באָבע, מיר געפעלט די שול) — האָט דאָס מיידעלע זיך צעשריען — „אַי לאַיק איט היר!"...

די אַרויסגייענדיקע קינדער האָבן זיך אָנגעטראָפן מיט די אַריינקומענדיקע שילער פון צווייטן קלאַס, און אַלע האָבן באַ־טראַכט מיט גרויס נייגער די הויכע פרוי.

דער לערער איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט. נישט ער האָט געהאַט צייט צו שמועסן מיט דער פרעמדער, נישט ער האָט גע־וואָלט שולדיק בלייבן אַן ענטפער.

— מעג איך אָפּלייגן מיין ענטפער אויף שפּעטער? איר זעט דאָך, איך האָב אַ שול, קלאַסן...

— ווען ווערט איר פאַרטיק, יונגערמאַן? — איז זי געווען אַרויסרופעריש.

— זיבן!

— איך וועל זיין צוריק — האָט זי געזאָגט כמעט מיטן זעלביקן מאַניער, ווי מערקאַרטור מיט יאָרן שפּעטער צו די פיליפּינער איינוווינער. און זי האָט פאַרלאָזן מיט לוסילן די שול.

פּינקטלעך זיבן איז זי שוין געזעסן ביים שרייבטיש קעגנאיבער דעם לערער. ס'האָט זיך מער נישט געמערקט איר פריערדיקע האָ־פערדיקייט. זי איז אַצינד געווען מער באַהערשט פון אַ נייגער און קוריאָזיטעט. די שריפטשטעלערין אין איר האָט אָפּגים, געקראָגן אויף אַ ווייל די אויבערהאַנט.

— נו, וואָס וועט איר זאָגן אין אייער פאַרטיידיקונג, יונגער־מאַן? — איר לייכטער טאָן האָט אים אַנטוואָפנט.

— וואָס איז דאָ צו זאָגן? — האָט גרינוואַלד מיטאַמאָל פאַר־לוירן דעם גאַנצן אינטערעס צום ענין. — ס'איז מער אַ פאַמיליע אַנגעלעגנהייט, און מיר ביידע זענען זייטיקע...

— פון ווען אַן איז אַ לערער אַ זייטיקער מענטש אין אַ קינד'ס דערציאונג? און איך, פאַרגעסט נישט, יונגערמאַן — איז זי ווידער געוואָרן ערנסט — איך בין די באָבע...

— די מאַטריאַרך פונעם וואַשבורן הויז־געזינט! — האָט ער איראָניזירט.

— שיין געזאָגט, יונגערמאַן! און איר ווילט עס באַקערן מיין זאָמען צו...

— יידן זענען נישט קיין באַקערער, מרס. וואַשבורין! — האָט ער זי איבערגעשלאָגן — ביי אונדז פעלט בכלל אַזאַ פונקציע.

— דאָס איז אינטערעסאַנט! אָבער זאָגט מיר, וואָס אייגנטלעך ציט מיין אייניקל אַהער? דער שיינער בנין? דער איינגעאָרדנטער קלאַס? די בילדער אפשר אויף די ווענט? — האָט זי זיך אַרומגע־קוקט מיט נישט באַהאַלטענעם חוזק. זי האָט אומגעפירט אירע שאַרפע בלוילעכע אויגן איבערן צימער און זיי זענען געבליבן ענד־לעך הענגען אויפן מאָדנעם יונגערמאַן מיטן אויסלענדישן אַקצענט און פון אירע רייד, וואָס זענען געפאַלן ווי אַ שווערער האַרבסט־רעגן אויף אַ שטיינערנער בריק, האָט זיך גרינוואַלד דערוווּסט, אַז איר זונס הייראַט מיטן רוסיש־יידיש מיידל איז פאַר איר געווען אַ גרויסער „שאָק". זי האָט געהאָפט, ער וועט זיין פרוי אַריינברענ־גען אונטער די פליגל פון דער קירך, און אַז זיינע קינדער וועלן געוויס זיין דאָס, וואָס זיי דאַרפן זיין... איז דאָך זייער זיידע, זאָל ער וויסן, געווען אַ פּאַסטאָר אין איינע פון די גרויסע קירכן אין סאַן־פראַנציסקאָ.

— אפשר האָט זיך אָפּגערופן אין אייער אייניקל דער צווייטער זיידע, איך מיין פון דער מוטערס זייט... — האָט דער לערער געזאָגט מיט אַ ציטער אין קול.

די אַלטע דאַמע האָט זיך פאַרטראַכט. אַ טיפער אומעט האָט פאַרצויגן איר געקנייטשט פנים. זי האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן און איז מיט געמאָסטענע טריט אַוועק צו דער טיר...

ווען דער עלנט דריקט...

דער פרילינג איז, דאַכט זיך, אָנגעקומען מיט שטילע, אומ־באַמערקטע טריט. ערשט נעכטן האָבן די ביימער געשטרעקט זייערע נאַקעטע, אויסגעקרימטע אָרעמס צו די ווייטע, גרוי־פאַרוואָלקנטע הויכן מיט געבעט נאָך אייניזעניש, נאָך אַ טרייסט, נאָך אַ שטראַל זון. און היינט פּיקן זיך שוין גרינע שנע־בעלעך אויף זייערע צווייגן. און די לאַנקע, אונטן פאַרן הויז, האָט זיך, ווי דורך אַ כּישוף, פאַרצויגן מיט אַ ליכטיק־גרינעם צודעק, און רופט אַרויס אַ חידוש־שמייכל אויף די ליפּן און אַ נאָגנדיקן אומעט אין האַרצן...

אליעזר גרינוואַלד איז געזעסן אויפן באַלקאָן און זיך צוגע־הערט צום אומאויפהערלעכן טרילען און צוויטשערן פון די פייגל. עס איז געווען אַ האַסטיקער און רוישיקער פייגלשער מדובר, רוף און איבעררוף, וואָס דער תּמצית דערפון איז, קאָנטיק, געווען בויען נעסטן און די זאָרג פאַר די קומענדיקע דורות...

דעם לערערס מחשבות האָבן זיך אויך געריסן אין אָט דער ריכטונג, און ער איז אַלץ מער געקומען צו דער טרויעריקער מסקנא, אַז זיין „נעסט" ווערט חרוב און זיין קינד אָפּגעפרעמדט פון אים צוליב אומזיסטע חשדים און אַן אומפאַרשטענדלעכן מאַזאָכיזם.

הגם עס איז נאָך פאַרבליבן אַ פולער חודש צום סוף פונעם שול־יאָר, האָט שוין סאָניאַ געפּלאַנעוועט בקול־רם וועגן איר ווילן זומער מיטן טעכטערל ביי איר משפחה אין ניו־יאָרק. אין אירע הכנות האָט זיך געפילט אַ בייזוויליקייט, אַן אַרויסרוף, ווי זי וואָלט וועלן דעמאָנסטרירן איר אומגעבונדנקייט צום מאַן, איר זעלבסט־שטענדיקייט...

אַרויסגייענדיק איינמאָל, אַ פרייטיק אָוונט, פון אַ קלוב זיצונג, פרעגט אים פּלוצים ווערע וואַשבוירן:

— וואָס רעכנט איר צו טאָן מיט זיך דעם זומער? איר בלייבט אין שטאָט? — און מיר, — האָט זי נישט געוואַרט אויף זיין ענט־פער. — צעטיילן זיך היי־יאָר. איך פאָר מיט די קינדער אין אַ רעזאָרט, און וואַשבורן אויף אַ לעקציע־טור צום פּאַסיפיק. — האָט זי צוגעגעבן געלאָסן און אָן שום פּאַרדראָס.

דער אָוונט איז געווען אַ שטילער, אַ לויטערער, אָנגעזאַפּט מיט שאַרפע ריחות פון בעז און יאַסמין. און ווען די אויגן האָבן זיך אַ הייב געטאָן אין דער הייך, זענען זיי פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער העלער ליכטיקייט, פונעם געהיימען שטערן־שפּיל, גלייך ווי זיי וואָלטן זוכה געווען צו אַזאַ זעאונג.

די צוויי זענען געגאַנגען פאַמעלעך און פאַרטראַכט. דער לערער האָט זי פרייטיק באַגלייט צום אויטאָבוס, ווען איר מאַן האָט גענוצט דעם פאַמיליע־אויטאָ פאַר אַנדערע צוועקן. ער האָט אַצינד געהאַט אַ פאַרלאַנג, דער וועג זאָל זיך ציען אָן אַן אויפהער, אָן אַ ציל, כדי צו פאַרשלעפן די צייט פון אַהיימקער. די יונגע פרוי האָט זיך פאַרשטאַנען אויף זיין געמיט־צושטאַנד און זי האָט זיך שטיפעריש אָפּגערופן:

— אפשר וואָלטן מיר אַריין אין אַ יידישן רעסטאָראַן? מיר האָט זיך פאַרשמעקט אַ שטיקל שבתדיקע פיש...

באַלד זענען זיי געזעסן אין אַ פּריוואַטן עס־שטיבל, וואָס אַן עלטערע אלמנה האָט געהאַלטן. דאָרט האָט מען זיי נישט געקענט, און עס איז שוין געווען, צום גליק, נאָכן אָוונט־מאָלצייט, און חוץ די צוויי האָט זיך קיינער נישט געפונען אין צימער.

גרינוואַלד האָט באַשטעלט פיש און וויין. מרס. וואַשבורן האָט אויך געוואָלט האָבן ליכט אויפן טיש. ווען אַלץ איז סערווירט גע־וואָרן, האָט זי געבעטן דעם לערער:

— גרינוואַלד, זייט אַזוי גוט און מאַכט קידוש! — און ווען זי האָט געזען, אַז ער קווענקלט זיך, האָט זי מוסיף געווען. — טוט עס צוליב מיר, איך בעט אייך!...

דער לערער האָט האַלב־פאַרשעמט אויסגעזונגען דאָס אַלטע געבעט. ער האָט זיך בעת מעשה געוווּנדערט, ווי די ווערטער קו־מען אים אין מויל אַריין, הגם ער האָט זיי נישט טועם געווען זייט די יינגלישע יאָרן. רגעווייז האָט ער געהאַט דעם אויסטערלישן איינדרוק, אַז ער און די יונגע פרוי זענען אין דער בחינה פון אַנוסים,

װעלכע דאַרפֿן פֿאַרװישן זײער אידענטיטעט, כדי צו פֿאַרמײדן אַן אומגליק. װען ער האָט געענדיקט, האָט ער באַמערקט טרערן אין אירע אױגן. זי האָט אַרױסגעפּליסטערט:

— איך דאַנק אײַך, גרינװאַלד! איר האָט מיך צוריקגעפֿירט צו מײַן קינדהײט, צו מײַן הײם...

— װעלכע איר האָט אַזױ גערן און לײַכטמוטיק פֿאַרלאָזן...

— גערן, אָבער נישט לײַכטמוטיק, װי איר רופֿט עס — זענען אירע רײד געװען דורכגענומען מיט יאוש. און מיט אַמאָל האָט זי זיך אומגעקערט צום פֿריערדיקן שמועס: — איז װאָס האָט איר פֿאַרט בדעה צו טאָן דעם זומער, גרינװאַלד? — האָט זי געפֿרעגט שױן אַ באַרואיקטע.

— איך װײס נישט, איך האָב נאָך נישט באַשלאָסן...

בעתן מאָלצײַט איז די באַלעבאָסטע עטלעכע מאָל אַרײַן אין עס־צימער. זי האָט געװאָרפֿן פֿאַרדעכטיקטע בליקן אױפֿן פּאָרל, דער עיקר אױף גרינװאַלדן. זי האָט געזשמורעט אירע קלײנע אײגעלעך, װי זי װאָלט זיך װעלן עפּעס דערמאָנען און ספּאָנטאַן אַ פֿרעג געטאָן:

— איר זײַט, דאַכט זיך, דער לערער פֿון שול, האַ?

— יאָ — האָט גרינװאַלד זי באַטראַכט מיט אָפֿענעם אומ־װילן — װאָס קאָן איך טאָן פֿאַר אײַך?

— פֿאַר מיר קענט איר גאָרנישט טאָן, אָבער פֿאַר זיך... — איז זי געװאָרן קאַרג אױפֿן װאָרט — ס'איז אַ קלײן שטעטל און מײַלער אַ סך... — און זי האָט זיך אָפּגעטראָגן אין קיך אַרײַן.

דאָס פּאָרל האָט זיך מטושטש אָנגעקוקט און פֿאַרלױרן גע־שמײכלט, נאָר באַלד האָט װעראַ זיך צוריקגעפֿונען און געזאָגט:

—לאָמיר פֿאַרענדיקן אונדזער װײַן! — און זי האָט אױסגע־טרונקען נאָך אַ קעלישעקל ביזן דעק. אַ רױטקײט האָט פֿאַרגאָסן איר אײדל פּנים. אירע שװאַרצאַפּלען האָבן געגלאַנצט, און זי האָט מער נישט געהאַט קײן שליטה איבער דער צונג — גרינװאַלד, גיסט מיר אָן נאָך אַ גלעזעלע! לאָמיר טרינקען פֿאַר אונדזער עלנט! פֿאַר אונדזער אײנזאַמקײט! פֿאַר אונדזערע פֿאַרלױרענע לעבנס!... — האָבן זיך בײַ איר געהערט װײַטע אָפּקלאַנגען פֿונעם אַמאָליקן רו־סישן מענטש.

— ס'װערט שפּעט! — האָט זיך דער לערער אַ שטעל אױף

געטאָן. ער האָט נישט געהאַט אַ טראָפּן בלוט אין פּנים — איר וועט נאָך אַנווערן דעם לעצטן אויטאָבוס!

— „באַפּליעוואַט" אויף אַלע אויטאָבוסן! — איז זי אַריבער אויף רוסיש. — אויב „ער" פאָרט קיין סאַן־פראַנציסקאָ, פאָרט איר מיט מיר אין דעם זומער־רעזאָרט. בין איך גערעכט, צי נישט?

— ניין! — האָט ער כמעט אויסגעשריען. — פאַר אים האָט געשוועבט סאָניאַס אויפגערעגט געשטאַלט. — קומט, איך וועל אייך צופירן צום...

— איך קאָן אַליין צוגיין צום אויטאָבוס! — האָט זי געזאָגט, נישט קוקנדיק אין זיין זייט. זי איז מיט שנעלע טריט צוגעגאַנגען צו דער טיר און איז פאַרשוווּנדן אין דער פינצטערניש.

גרינוואַלד האָט זיך נישט געקענט מוחל זיין פאַר זיין אומ־געלומפּערטער האַנדלונג. און דאָך האָט ער געשפּירט, אַז קיין אַנ־דער אויסוועג איז נישטאָ...

סוף חודש יוני איז וועראַ וואַשבורן אָפּגעפאָרן מיט די קינדער אויף וואַקאַציע. דער לערער האָט פּרובירט אָנקלינגען צו איר און זיך אַנטשולדיקן, אָבער ווי נאָר מ׳האָט דערהערט אויף יענער זייט דראָט זיין קול, האָט זיך דאָס טרייבל אַראָפּגעלאָזן...

לוסיל, וועמען דאָס הויז־מיידל האָט געבראַכט רעגלמעסיק מיט דעם אויטאָ אין שול, האָט נישט אויפגעהערט צו רימען פאַרן לע־רער די שיינקייטן פון דעם רעזאָרט־פּלאַץ.

— פון וואַנען ווייסטו עס אַזוי פיל פון יענעם אָרט, לוסיל, ביסט דאָרט ווען געווען?

— ניין! אָבער די מאַמע האָט מיר דערציילט. זי דערציילט מיר יעדן טאָג אַ ביסעלע, ווי אַ מעשהלע, „דזשאָסט לאַיק עי סטאָ־רי!" — האָט זיך דאָס קינד פאַרכליפּעט. — „פּליז, קאַם ענד סי מי דהער, לערער, וויל יו? (קום מיך זען דאָרטן, ווילסטו?)

גרינוואַלדן האָט זיך אַפּט געדאַכט, אַז די מרס. וואַשבורן וויל דערגרייכן דורכן טעכטערל, צו וועמען דער לערער האָט זיך שטאַרק צוגעבונדן, דאָס וואָס איר אַליין איז נישט געלונגען...

דעם לעצטן טאָג אין שול איז לוסיל געווען שווייגנדיק, אייב־געשפּאַרט און בייז. זי האָט נישט אָנטייל גענומען אין דער „זיי־געזונט" שמחהלע, וואָס די שול האָט אַראַנזשירט פאַר די קינדער.

פאַרן אַוועקגיין, שוין ביי דער טיר, איז זי פּלוצים צוגעפאַלן צום לערער מיט אַ געוויין...

יענעם טאָג האָבן אויך סאָניאַ און לאהלע פאַרלאָזן די שטאָט. די יונגע פרוי האָט אויסגעמאַרקירט אַזוי, אַז דאָס שטיקל אַרבעט זאָל אָפּגעטאָן ווערן, ווען דער מאַן איז נישטאָ אין דער היים, און ממילא וועט ער נישט האָבן די מעגלעכקייט זיך צו געזעגענען מיטן קינד...

גרינוואַלד האָט געפונען דאָס הויז אין אומאָרדענונג. די שופ־לאַדן צעעפנט, דאָס געפעס נישט דערוואַשן, דאָס מעבל פאַרשטויבט. דאָ און דאָרט האָט זיך געוואַלגערט אַ קינדיש שיכל, אַ שפּילצייג, אַ פאַרגעלטע צייטונג. די איילעניש איז משמעות, געווען אין לשער...

דער לערער האָט זיך אומגעדרייט איבער די פּוסטע חדרים און געבראָכן די פינגער. פון אַלע ווינקעלעך האָט זיך געטראָגן אויף אים דער עלנט, די אַליינקייט, אים אַרומגענומען ווי מיט רייפן, און הגם די פענצטער זענען געווען ברייט צעעפנט, האָט אים אויס־געפעלט לופט.

ער איז אַרויס אויפן גאַניק און זיך אַן אויסגעשעפּטער אַראָפּ־געלאָזן אויף אַ שטול. ער האָט באַמערקט, ווי די ביימער זענען פאַר דער צייט געדיכטער געוואָרן און עס האָט זיך מער נישט געהערט דער פריערדיקער פויגל־געפּילדער. ס'האָט אַצינד גע־הערשט אַ שלווהדיקע רו. און פון אונטער ווייכע, וואַרעמע פליגע־לעך האָבן זיך געריסן נייע דורות צום לעבן...

בלויז אין דער ווייטער הייך האָט פון צייט צו צייט דורכגע־שניטן אַ שפּאַרבער און פאַרהילכט דעם רוים מיט מאָדנע, מאָנענ־דיקע געשרייען, ווי עפּעס אַ גרויסע עוולה איז קעגן אים באַגאַנגען געוואָרן...

אין קעמפּ „נישט געדייגעט"

אליעזר גרינוואַלד איז געקומען אין קעמפּ אויף אַ סוף־וואָך און איז דאָרט פאַרבליבן אַ פולן חודש. גורם־געווען צום באַשלוס האָט נישט נאָר די שטילע באַרגיקע אומגעבונג, די געמיטלעכע דאָרפישע איינזאַמקייט, וואָס אַז מ'האָט געוואָלט האָט מען זי, די איינזאַמקייט, געקאָנט אויסבייטן אויף אַן אומגעזאָרגטער פריילעכ־קייט, ווי דער נאָמען פון קעמפּ האָט אַזוי אָפן סוגעסטירט...

ניין, ס'איז געווען נאָך אַ סיבה, אַן אומגעריכטע סיבה, וועלכע האָט פאַרהאַלטן דעם אין תוך נישט דרייסטן און היפּש שעמעוודיקן יונגנמאַן.

איינמאָל אין אַ נאָכמיטאָג, ווען די געסט האָבן זיך געקליבן צו דער אָזערע אַ שווים צו טאָן, האָט זיך פּלוצים אַראָפּגעלאָזט אַ שלאָקס־רעגן מיט אַזאַ מוראַדיקער קראַפט, ווי אַלע קוואַלן וואָלטן זיך אויבן געעפנט. דער עולם איז זיך צונויפגעלאָפן אין דער קאַסינאָ איבער־צוואַרטן בציבור דעם מכשול. פון די ווענט האָבן אַראָפּגעשריגן שאַרסטקע, וואַגנדיקע לאָזונגען וועגן דעם כוח פונעם אַרבעטס־מענטש, וועגן דער לויערנדיקער געפאַר פון פאַשיזם און נאַציזם, וועגן דעם רויטן טריאומף אויף „אַ זעקסטל פון דער ערד"...

די קעמפּ־אָנפירער האָבן איצט אויסגענוצט דעם אומגינסטיקן וועטער און האָבן אַרויסגעשטעלט אַ זינגער, וואָס האָט זיך באַ־גלייט אויף אַ גיטאַרע, בכדי צו פאַרוויילן דעם עולם. דער טרובאַדור איז געווען געקליידט ווי אַ „הילבילי" און האָט ממזריש פאַרביטן דעם תוכן פון די קענטאַקי פאָלקס־לידער אויף די דעמאָלטדיקע שלאָגווערטער. און הגם די מעלאָדיע איז געווען, ווי דערמאָנט, די זעלביקע, האָט אָבער דער אינהאַלט אַרויסגערופן אַן אַנדער רע־אַקציע...

אין די לידלעך האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער לאַנגער קאַמף פאַר

דער באַפרייאונג פון תּפיסה די „סקאַטבאַראַ יינגלעך”, די אָרעמקייט פון די „שער־קראַפּערס” און די דאַליע פון די נעגער אין די דרום־שטאַטן, און ס'האָט זיך פאַרענדיקט מיטן רעפריין, אַז דער שולדי־קער אין אַלע צרות איז דער יוסטער באַלעבאָס, וועלכער הערשט מיט פּאָליציי־כּוח איבערן גרויסן לאַנד.

לכתחילה האָבן די אימפּראָוויזאַציעס שטאַרק אויסגענומען, אָבער ווען זיי האָבן זיך אָפּט איבערגעחזרט, האָבן די צוהערער פאַרלוירן דעם אינטערעס און געגומען אומגיין איבערן זאַל.

מיט אַמאָל האָט זיך צווישן עולם באַוויזן די הויכלעכע פיגור פון אַ יונגער פרוי, געקליידט אין ווייסן. זי האָט געהאַלטן איר שיינעם קאָפּ אַ ביסל פאַרריסן און די בלאָנדע צעפּ, גאַרנישט לויט דער מאָדע דעמאָלט, האָבן איר געגרייכט ביזן דיך. זי האָט דיך געשמייכלט. נישט נאָר האָט זי געוואָלט מ'זאָל זי זען, נייערט איר געניט אויג האָט גלייך אויפגעכאַפּט אַ נייעם גאַסט. זי האָט גע־קאָנט, אָן ספק, אַרויסרופן אַ סך אילוזיעס וועגן זיך, וואָרום איר בליק, ווי אירע פולע ליפּן האָבן אינטריגירט, האָבן עפּעס צוגע־זאָגט...

ביי גרינוואַלדן איז געבליבן דער מערקווירדיקער איינדרוק, ווי ס'האָט זיך ערשט דורכגעטראָגן אַ ווינטל צווישן ווייסע אַקאַציע־ביימער, אָדער אַ ווייסער זעגל האָט אַ בלעגד געטאָן איבער אַ שטילן, לויטערן וואַסער...

— אויב איר ווילט, וועל איך אייך באַקאַנען מיט אונדזער „נוירס”!... (קראַנקן־שוועסטער).

דעם לערערס שכן פונעם שותּפותדיקן ביידל, אַן עלטערער און גוטמוטיקער מענטש, וואָס האָט זיך ליב געהאַט צו וואַרעמען ביי פרעמדע פייערן, האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער און איז גיך אונטערגעקומען מיט דער יפת־תּואר.

— באַקענט זיך מיט אונדזער מינאַ! — האָט ער זיך שיעור נישט איבערגענומען, גלייך ער וואָלט געהאַט אַ חלק אין איר...

דער יונגערמאַן האָט זיך אויף אַ רגע פאַרלוירן. אַלץ איז פאַר־געקומען אַזוי שנעל און אומגעריכט. מינאַ איז נישט געווען איבער־ראַשט פון זיין פאַרלעגנהייט. זי, ווי יעדע שיינע פרוי, האָט אַזוינס דערוואַרט.

— ווען זייט איר געקומען? — האָט זי געפרעגט, גלייך זי

וואָלט טאַקע נישט געוווּסט. — איך האָב אייך גאָרנישט באַמערקט.

— אָבער אייך מוז מען באַמערקן! — האָט זיך אַרויסגעכאַפּטביים לערער, און ס׳איז שווער געווען צו וויסן, צי ס׳איז אַ רמז אויף איר האַלטונג, צי אַן אויסדרוק פון באַוווּנדערונג...

— טאַקע? — האָט זי געקוקט אויף אים מיט אַ ווינקל פון איר אויג.

זיי זענען אַרויס פון טיר. דער רעגן האָט אויפגעהערט, אָבער דיביימער האָבן נאָך נישט צייט געהאַט אָפּצושאָקלען פון זיך דעם עודף פון געוויטער. די צווייג האָט עס נישט געאַרט. זיי האָבן פּאַמעלעך שפּאַצירט איבער די דורכגעווייקטע וועגן און סטעזשקעס און לאַנג געשוויגן, ווי זיי וואָלטן וועלן מיט זייער שווייגן טיפער אַריינדרינגען אינעם מהות פונעם צווייטן. פּלוצים האָבן זיי זיך, ווי אָפּגערעדט, באַגעגנט מיט די בליקן און זיך צעלאַכט, ווי ביידע וואָלטן געקלערט עפּעס אַזוינס, וואָס איז שטרענג אינטים און מען קאָן עס נישט ברענגען פאַרן מויל, אָדער ווי דער תלמוד דריקט זיך עס אויס קורץ און שאַרף: „ליבא לפומא לא גלי״. דאָס פּאָרל איז זיך קאָנטיק, געפּעלן געוואָרן, ווייל ווען מען האָט אַ רוף געטאָן די „נוירס״ צו אירע פליכטן, האָט זי נישט אָן חוזק באַמערקט:

— אימיצער פון אונדזערע געסט האָט זיך מסתמא פאַרשטאָכן אַ פינגער!...

— און אפשר איז עס בלויז אַ תירוץ פאַר אַן איינזאַמען יונגנ־מאַן אייך צו... — האָט ער נישט געענדיקט. אין זיין שפּאַס האָט אויך אָפּגעקלונגען אַ שמץ פון אומצופרידנקייט.

ביים אָוונט־מאָלצייט זענען זיי ביידע געזעסן ביי איין טיש, אַרומגערינגלט פון געסט, און זיך דורכגערעדט מיט די בליקן. זיי האָבן זיך קוים דערוואַרט אויפן סוף און זענען אַרויס אין דרויסן. זיי האָבן נישט געשפּירט די טריט הינטער זיך און אַוועקגעאיילט וואָס ווייטער פון קעמפּ. הגם דער מדובר האָט זיך געדרייט אַרום אַלץ אין דער וועלט, האָט דער לערער זיך אויסגעהיט אָנצורירן אַ פּערזענלעכן ענין...

ווען דאָס פּאָרל האָט דערגרייכט דעם שפּיץ־באַרג, פון וואַנען ס׳ציט זיך אַ וועג צום נאָענטן שטעטל, האָט זיך מינאַ אַראָפּגעלאָזן אויף אַ שטיין. זי האָט שווער געאָטעמט, און אירע גרויסע, אויס־דרוקספולע אויגן האָבן זיך אומעטיק פאַרקוקט אַרויף, ווי זי וואָלט

געזוכט ביי די ווייטע געהיימניספולע שטערן הילף און אַן אָנ־שפּאַר...

— צופיל געגאַנגען? — האָט גרינוואַלד פּאַרזיכטיק געפרעגט. זי איז געזעסן לאַנג און פאַרטראַכט און דערנאָך זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן, גרייט ווייטער צו גיין.

— אפשר וואָלטן מיר זיך אומגעקערט? — איז ער געווען באַזאָרגט. — ס'איז געווען אַן אָנשטרענג פאַר אייך...

— ניין! — האָט זי זיך נישט אונטערגעגעבן. — מירן אַראָפּגיין אין שטעטל און דאָרטן עסן אייז־קרעם — האָט זיך איר פּנים פאַרגאָסן מיט קינדערשער פרייד.

אין דער שוואַך־באַלויכטענער קאָנדיטערײַ איז געווען ליידיק־לעך. געציילטע פּאָרלעך זענען געזעסן פאַרטאָן אין דער זיסער נאַשערײַ. פון ערגעץ האָט זיך געטראָגן אַ כּאַטיש־צעשויבערטער דזשאַז־ניגון און געריסן די אויערן.

באַלד האָט זיך גענומען ווייזן דאָס יונגוואַרג פון קעמפּ „ניט־געדייגעט”, פון אַנדערע קעמפּס. מ'האָט זיך דאָ געקאָנט. מ'האָט געהערט צו פאַרשיידענע קעמערלעך פון דער לינקער באַוועגונג. ס'איז גיך אַוועק אַ וויכוח וועגן פּאָליטישער טאַקטיק און אַקציע. פון דאַנען האָבן זיך ס'רוב רעקרוטירט מוטיקע חברה־לייט, וועלכע האָבן בשעתו מרעיש־עולם געווען מיט אַרונטעררייסן סוואַסטיקאָ־פאָנען, מיט אַריינשרייבן זיך אויף דייטשע פּאַסאַזשיר־שיפן און זיך פאַרקייטלען צום דעק, מיט שטעכיקע עפּיטעטן אויפן חשבון פו־נעם פירער. זיי זענען עס אויך געווען צווישן די אָנפירער פון באָיקאָט קעגן דייטשע סחורות...

אמת, ווען דער לערער האָט באַזוכט דעם קעמפּ, איז שוין די ליניע געווען אַ געביטענע. דעמאָלט האָט שוין געגאָלטן מאָלאָ־טאָווס ציניש'ער „אפאָריזם”, אַז פאַשיזם איז אַ געשמאַק־זאַך. און געזען האָט מען חסרונות, ריכטיקער, פאַרברעכנס, בלויז ביים צד שכנגד, ד. ה. ביי ענגלאַנד און אַמעריקע. דעם יידישן מאָמענט האָט מען פאַרקוקט, אָדער שטאַרק פאַרטושט, צי אינגאַנצן מבטל־געווען.

גרינוואַלד האָט באַטראַכט די מסיבה און זיך געקלעמט. ער איז נאָך געווען דורכגענומען מיט די גרוילן פונעם יידישן לעבן אין די אָקופּירטע לענדער, און ער האָט געפרוווט אַ וועגד טאָן

דעם שמועס אין דער ריכטונג, אָבער ווי נאָר ער האָט אריינגע־שטעלט אַ וואָרט, האָט ער באַגעגנט פיינטלעך־פאַרחידושטע בליקן.

אויך מינאַ, וואָס איז געזעסן לעבן אים, האָט דערווידערט. ס'איז איר נישט געווען צו דערקענען. ס'האָט זיך אָפּגעטאָן פון איר איר ליבלעכקייט, איר ווייבלעכע עלעגאַנץ. און די אויגן, שטילע, בלוי־פאַרטראַכטע, האָבן איצט געוואָרפן מיט פונקען:

— מיר דאַרפן נישט זיין פאַראינטערעסירט אין העלפן ענג־לאַנד קעגן איר שונא — האָט זי נאָכגעזאָגט די דעמאָלט וויל־באַ־קאַנטע פאַרטייאישע שטותעריי. — ווייל ס'איז נישטאָ קיין וועזנט־לעכער אונטערשייד צווישן די צוויי פּאָליטישע סיסטעמען. — זי האָט נאָך לאַנג געברייעט און די יונגע חברה, יידישע בחורים און מיידלעך, האָבן אַרומגערעדט דעם זעלביקן ענין מיט נאָך מער היץ.

דער לערער איז אַרויס פון געדולד און זיך פאַרגעסן, אַז ער געפינט זיך אין אַ פיינטלעכער מחנה:

— אין אַט דער קאַטאַסטראָפע, זענען מיר די הויפּט־קרבנות. ווער עס וויל נישט פאַרשטיין אַזאַ עלעמענטאַרן אמת — האָט גע־ציטערט זיין קול, — באַגייט אַ מאָראַלישע זינד. — זיינע רייד האָבן געקלונגען היפשלעך נאַאיוו אין דער סביבה. ער האָט גע־פרוווט מוסיף־זיין. — דער קריג קעגן די נאַציס איז אונדזער...

— ווער זענען עס די „מיר"? — האָט איינער אים גראָב אי־בערגעריסן. און גרינוואַלד איז ווידער געוואָרן אַן אָביעקט פון אָפענעם חוזק. — און וואָס טוט אַזאַ איינער בכלל דאָ צווישן אונדז? — האָט יענער געוואָלט וויסן.

— די „מיר" זענען עס די יידן! — האָט דער לערער זיך נישט געלאָזט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט. — און איך דאַרף נישט האָבן פון קיינעם קיין דערלויבעניש צו קומען אַהער — האָט ער זיך געוווּנדערט אויף זיין אייגענער דרייסטקייט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מינאַן און זיך אויפגעשטעלט. די יונגע פרוי האָט זיך אויך אויפגעשטעלט.

— הערט, חברים! — האָט זי געזאָגט שוין אַ סך געלאַסע־נער. — מר. גרינוואַלד איז געקומען מיט מיר. ער איז מיין גאַסט, מיין חבר — האָט זי אים אַרונטערגענומען אונטער אירע פליגל. — ער קאָן אויך ווערן, מיט דער צייט, אונדזער אַלעמענס חבר. — האָט די פּאַליט־טוערין זיך צעשמייכלט.

ס׳איז שוין געווען ווייט נאָך האַלבער נאַכט, ווען דאָס פּאָרל איז האַלב ברוגזלעך און גאַנץ שווייגנדיק אָנגעקומען אין קעמפּ. ביים צעשיידן זיך האָט מינא אים ארייַנגעשטופּט איר האַנט און באַמערקט:

— איך בעט אייך, גרינוואַלד, זאָלן די היינטיקע געשעענישן נישט שטערן אין אונדזער פריינדשאַפט, זאָגט איר עס מיר צו?...

אין אַ פּלאָנטער

אליעזר גרינוואַלד האָט געשפּירט מיט אַלע חושים, אַז אַ נײַ קאַפּיטל הייבט זיך אָן פאַר אים. ער האָט זיך נישט געוווּרט. ער איז געווען נײַגעריק צו זען, ווי אַזוי וועט זיך עס געשטאַלטיקן און וואָס וועט אַרויסקומען דערפון.

אָט דער נײַגער איז אויך געווען באַגלייט פון אַ שמץ שרעק, וואָרום ער האָט באַמערקט בײַ מינאַן שוין פון אָנהייב פון זייער קאָנטשאַפט אַ נטיה צו שאַלטעווען, צו העגעמאָניע, אָפּט פאַרהוילן פון ווײַבערשע חנדלעך, און נישט זעלטן, דירעקט און אָפן. ער איז אָבער נאָך אַלץ געווען אין דער בחינה פון איינעם, האָט ער גע־מיינט, וואָס האָט אַ דעה איבער זיך, און קאָן זיך צו יעדער צײַט אויפהייבן און נישט ווערן...

ס׳זענען אויך געווען מינוטן, ווען ער האָט ערנסט געטראַכט זיך צו פאַרבינדן געזעצלעך מיט דער אויסנעמלעך־שיינע פרוי. ער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי עס צו רעאַליזירן, ס׳זאָל נישט קומען צו בייז בלוט און סקאַנדאַלן. מחמת סאָניאַ וואָלט מער פון גאווה, ווי פון עפּעס אַנדערש, נישט אײַנגעגאַנגען אויף אַ שיידונג. דער לערער האָט דעריבער אָפּגעלייגט דעם האַרבן ענין אויף שפּעטער אין זיינע שמועסן מיט מינאַן. נאָר די לעצטע האָט גיך דערשנאַפּט, אַז איר נײַער „חבר״, ווי זי האָט אים ליב געהאָט צו טיטולירן, פאַר־שווײַגט עפּעס פון איר, איז זי, איינמאָל, נאָך אַ לאַנגן שווײַגן אַרויס מיט לשון:

— וואָס־זשע, מ׳האָט אײַך, אין די אַלע יאָרן, נישט געזוכט צו פאַרשלײַערן אין די שטעטלעך, ווו איר זײַט געווען? — און ווען ער האָט נישט גלײַך געענטפערט, האָט זי מוסיף־געווען, און ווידער טאָקע אויף איר שטייגער, ווען דער שאַרפער זאָג האָט זיך נישט אײַנגעגעבן: — נישקשה, ס׳וועט קומען אַ טאָג — איז שוין

איר שטימע געווען וואַרקנדיק־מילד — און איר וועט עס מיר אַליין דערציילן.

דער מדובר איז פֿאָרגעקומען אין אַן אָוונט לעבן דעם קעמפּ־האָטעל, ווו מינאַ איז, אגב, איינגעשטאַנען. גרינוואַלד האָט געהאַלטן איר האַנט און פֿון צייט צו צייט זי געטראָגן צו די ליפּן.

— אַך, איר זייט אַ ראָמאַנטיקער! — האָט זי נישט אויסגע־האַלטן. — כ'האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז ס'געפֿינען זיך נאָך אַזוינע היינטיקע צייטן...

— און איר זייט עס נישט! אמת?

— אמת! אָבער איר געפֿעלט מיר אַלצאיינס. — זי האָט זיך אַרומגעקוקט און פּלוצים געפֿרעגט. — איר האָט אפשר באַמערקט ערגעץ סטיוו בענגאַרן?

— ווּעמען?

— דעם קעמפּ־פֿאַרוואַלטער.

— צו וואָס דאַרפֿט איר אים? — האָט זיך גרינוואַלד גע־ווּונדערט. — איך האָב אים, דאַכט זיך, פֿריער געזען אין דער קאַסינאַ.

זי האָט זיך שפּיציק צעלאַכט, און אַ נעם טוענדיק דעם יונגגמאַן אונטערן אָרעם, איז זי אַריין מיט אים אין איר צימער...

ווען דער לערער איז שפּעטער געבליבן אַליין, האָט ער זיך לאַנג נישט געקאָנט באַפֿרייען פֿון דער שווערקייט, פֿון דער מאָד־נער שולדיקייט, וואָס ס'איז אים באַפֿאַלן. דאָס, וואָס האָט געדאַרפֿט קומען ווי אַ פּועל־יוצא פֿון אַ פֿאַרטיפֿטן געפֿיל פֿון אַ געלייטערטן באַגער און בענקשאַפֿט, האָט זיך אַזוי איילִיק, וואָכעדיק און ניכ־טער מאַטעריאַליזירט. עס איז פֿאַר אים קלאָר געווען, אַז מינאַס האַנדלונג איז ביי איר נישט קיין וויכטיקער עיקר אין זייער קינפֿ־טיקן צוזאַמענלעבן, אַז אַזוינס האָט געקאָנט און קאָן ווייטער גע־שען מיט אַ נ ד ע ר ע אויך. און הגם עס האָט אים געצוויגן צו איר, האָט ער שוין פֿון דער פֿריערדיקער מעגלעכקייט מער נישט געטראַכט. און אַנשטאָט צו זיין צופֿרידן, וואָס ער האָט באַצייטנס אויסגעפֿונען איר דעפֿעקט, האָט ער געטראָגן אויף איר, ווי אויף זיך, אַ פֿאַרדראָס פֿאַר דער צעשטערטער אילוזיע...

מינאַס צימער איז געווען אין שכנות מיטן קעמפּ־פֿאַרוואַלטער. סטיוו בענגאַר האָט דאָרטן געוווינט אַ גאַנץ יאָר מיט זיין פֿרוי,

עמאַ. די אַדמיניסטראַציע האָט אים אָנגעשטעלט ווי אַ סגולה צו־צוציען דעם נישט־יידישן קליענטל. ס'איז בכלל דעמאָלט געווען אַ טענדענץ צו פּאַראַלגעמיינערן דעם קעמפּ. דערווייל איז עס בלויז געלונגען אין דער ווירטשאַפט. עטלעכע נעגער און פּאָליאַקן האָבן געאַרבעט אין קיך...

בענגאַר איז געווען אַ ברייט־פּלייציקער מאַנסביל, מיט אַן ענערגישן אויסדרוק אויף זיין פאַרהאָוועטן פּנים. זיינע בלוילעכע אויגן האָבן זיך געקאָנט אָנציגדן מיט אַן אומפאַרשטענדלעכער רוגזה בעת אַ געהילף, אָדער ס'ווייב, האָט זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט, און ווערן ביז קאָמיש נכנעדיק ביים דערזען אַ שישקע פון דער באַוועגונג.

פאַרן פאַרוואַלטער איז נישט געבליבן פאַרבאָרגן, אַז די „קעמפּ שוועסטער" האָט עסקים מיט פאַרשיידענע סוביעקטן און באַזונדערס טאַקע מיטן לערער, וואָס גייט איר נאָך ווי אַ שאָטן און ווערט נעלם ווי אַ שאָטן, ווען צופיל נייגעריקע בליקן פאַלן אויף אים. אמת, אַזוינע אַפּערעס זענען אַ גאַנץ געוויינלעכע גע־שעעניש אין אַלע רעזאָרטן און אוודאי אין „ניטגעדייגעט". נאָר אַז מינאַ זאָל גראָד צו אים אַרויסווייזן אַן אומאינטערעס, כמעט אַ גלייכגילט, דאָס האָט אים נישט נאָר געוווּנדערט, נייערט שטאַרק געערגערט און באַליידיקט. ער וואָלט זי געוויס אָוועקגעשיקט, נאָר אים זענען געשטאַנען אין וועג די יוניאָן און — דאָס ווייב. די לעצטע איז געווען באַפריינדעט מיט דער בלאָנדער יפהפיה, און איר איז דווקא געפעלן געווען יענערס „געזעצטע" האַלטונג לגבי איר מאַן...

בענגאַרן איז אַפילו אויפן זין נישט געקומען, אַז מינאַס אינ־דיפערענטע באַציאונג צו אים איז זיך סומך, ווי אומגלויבלעך ס'זאָל נישט זיין, אויף אַ סעקסועלן ווידערווילן צו אַ — נישט־ייד. (אפשר אַן אומקלאָרער ירושה־שטריך, געירשנט פון דער היים). פּונקט ווי ס'איז נישט באַגרייפלעך פאַר אַ צאָל פון איר גלייכן, נישט געקוקט אויף דער גאַנצער „קאָם־לערע". צו אונטערגראָבן און הוזק צו מאַכן פון אַלע אמונות, און דאָך באַזיצן אַ שרעק פאַר אַ פאַלנדיקן שטערן, פאַר גיין אונטער אַ לייטער, פאַר באַגעגענען אַ שוואַרצע קאַץ...

איינמאָל אין אַ בייטאָג, האָט גרינוואַלד עפּעס פאַרגעלייענט

פאַר מינאַן אין איר צימער. די יונגע פרוי האָט זיך מער נישט זשענירט פאַר אים. זי איז געלעגן אויף איר געלעגער האַלב אָפּ־געדעקט און אַרויסגעקוקט אין דרויסן. דורכן אָפענעם פענצטער האָט די זון געשיקט אירע לאַנגע גאָלדענע פינגער און באַרירט אירע צעכוואַליעטע האָר אויפן קישן, די קליינע בריסט מיטן אָנ־בליק פון ברוינע באַרנעס. זי האָט זיך קוים צוגעהערט צום לערערס רייד. איר געדאַנק איז געווען פאַרנומען מיט אים אַליין. „אויב ער איז טאַקע אַזוי סאָליד, ערנסט און טרויעןנסווערט, ווי ער מאַכט דעם איינדרוק, האָט זי רעזאָנירט, וואָלט ער זיך צום בעסטן אַריינ־געפּאַסט אין איר לעבנס־איינשטעל. ס'רוב יונגעלייט האָבן באַכן פיזישן געגוס געזוכט ביי איר אויף מאַטעריעלן נוצן, (אין קעמפּ האָבן צירקולירט שמועות, אַז זי איז פאַרמעגלעך). און אָט דער יונג האָט זיך צוגעקלעפּט צו איר, גלייך ער וואָלט קיינמאָל קיין פרוי אויף די אויגן נישט געזען"...

גרינוואַלד האָט לייענענדיק, דערשפּירט, אַז זי הערט אים נישט, איז ער אַנטשוויגן געוואָרן, און באַמערקנדיק פלוצים איר הוילקייט, האָט זיך ביי אים אַרויסגעכאַפּט:

— דו האָסט גאָר קיין בושה נישט, מינאַ!...

די „נוירס" האָט אַ צי געטאָן איבער זיך דאָס קלייד, און געלאַסן־בייסיק געפרעגט:

— איך געפעל דיר אפשר נישט אַזוי? — און באַלד צוגע־לייגט מיט געמאַכטער גלייכגילט — דו ווילסט מיך אפשר מער אינגאַנצן נישט זען? — און ווייל ער האָט זיך נישט געאיילט מיט אַ תשובה, איז זי געוואָרן דענערווירט — דו... דו... — האָבן זיך אירע אויגן אָנגעפולט מיט טרערן. און אויב דאָס איז געווען וויג־ציק פאַר איר, האָט זיך מיט אַמאָל דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר, און נאָך איידער זי האָט באַוויזן צו ענטפערן, איז שוין בענגאַר געשטאַנען אויף דער שוועל און זיינע בליקן האָבן זיך געוואָרפן פון איר אויפן לערער און צוריק.

— איר האָט געקאָנט וואַרטן, ביז מען וועט אייך עפענען! — איז שוין מינאַ געווען אויף די פיס. — ס'איז איצט מיין רו־צייט...

— די טיר איז נישט געווען פאַרשלאָסן. — האָט ער זיך כלו־מרשט פאַרענטפערט — צווייטנס, נעמט איר זיך שוין אַ ביסעלע צו פיל צייט, חברטע!

— איך ווייס מיינע רעכט, חבר בענגאַר.

— איר ווייסט — האָבן גערעדט פון אים אַלע אָנגעקליבענע קריוודעס צו איר. — ווען איר וואָלט נאָר געוווּסט...

— אויב מיין אַרבעט וועט נישט אָפּגעשאַצט, קאָן איך אַוועק פון קעמפּ אַפילו היינט!

— אין מיטן סעזאָן? — איז זיין קול שוין געוואָרן מיט אַ טאָן נידעריקער.

בשעת די צוויי האָבן זיך געווערטלט, האָט זיך דער לערער שטיל אַרויסגערוקט פון צימער, מינאַ האָט אים געוואָלט צוריק־רופן און זיך גלייך באַדאַכט. זי האָט איצט דעם גאַנצן כעס אויס־געלאָזט צום פאַרוואַלטער:

— איך פּאַק זיך שוין איין און פאַרלאָז דעם קעמפּ אויף שטענ־דיק! אויף שטענדיק! — האָט זי געדונערט. — און פון אייער האַנדלונג וועט וויסן די קעמפּ־אַדמיניסטראַציע.

— וואָס וועט מען וויסן? וואָס אַזוינס האָב איך געטאָן? — האָט שוין בענגאַר חרטה געהאַט אויפן גאַנצן עסק.

— פון אייער אומהעפלעכקייט! פון אייער נישט חברשאַפט! פון אייער נישט קאָאָפּעראַציע! — האָט זי געשאָסן, ווי פון אַ מאַ־שין־ביקס.

דער פאַרוואַלטער האָט געוואָלט אַרויסקריכן פון דער בלאָטע, וואָס ער אַליין האָט גורם געווען, האָט ער צו איר געזאָגט:

— הערט, מינאַ, אייך קומט דריי וואָכן וואַקאַציע אין אָקטאָ־בער, נעמט זיי איצט! — האָט ער איר געוואָלט מיט עפּעס פאַר־שטאָפּן דאָס מויל. — וועט איר זיך אַ ביסל אָפּרוען און באַרויִקן אייערע נערוון. וואַרט בלויז צו אַ פּאָר טעג, העכסטנס אַ וואָך, ביז די אַגענטור וועט אונדז צושיקן, פאַר דער צייט, אַן אַנדערע אויף אייער אָרט. גייט עס? איז לאָמיר שליסן פרידן! — האָט ער זיך כמעט געבעטן. — גיט מיר אייער האַנט!

מינאַ האָט, ווי אַ באַליידיקט מיידעלע, אויסגעשטרעקט איר הענטל, און בעת־מעשה גלייך באַרעכנט ווי און מיט וועמען זי וועט פאַרברענגען איר פאַרשטייענדיקע וואַקאַציע. און ווען זי איז ענדלעך פּטור געוואָרן פונעם פאַרוואַלטער, האָט זי מיט ציטערדיקער פרייד אַוועקגעאיילט צו גרינוואַלדסביידל...

די פּיל פּנימדיקע מינאַ

דער צוג האָט געפּירט דאָס פּאָרל אַלץ העכער אין די אַדיראָנדאַק־בערג. מינאַ האָט שריפטלעך געלאָזט וויסן אירע אַ פריינדין, וואָס האָט דאָרטן געהאַט אַ קליינע רעזאָרט־פאַרם, וועגן זייער קומען.

די יונגע פרוי האָט מיט אומגעדולד אַרויסגעקוקט אויף די טעג, ווען זי וועט זיין באַפרייט פון איר דערעסענער אַרבעט. זי האָט אויך געהאַט אַ פאַרבאָרגענעם ווונטש זיך אַליין אויסצופּרוון, ווי לאַנג זי וועט קאָנען אויסהאַלטן די „איינזאַמקייט" מיט דעם איינעם מאַנסביל אַרום זיך, וואָרום געפאָרן אַהין זענען בדרך כלל, עלטערע פאַרלעך, האַלב־צוריקגעצויגענע געשעפטסלייט, כראָניש־קראַנקע...

גרינוואַלד איז געזעסן לעבן איר און נישט געוווּסט וווּהין די אויגן צו ווענדן, צי אויף די גרין־באַפּעלצטע הויכקייטן בייביידע זייטן פענצטער, אויף וועלכע דער רייפער זומער האָט געקלעטערט, צי אויף דער בלאָנדער „קראַנקן־שוועסטער", וואָס האָט אים בהרחבה־דיק געהיילט פון זיינע עלנט־שטימונגען, און איינציקייט געוועקט אין אים נייע דאגות און זאָרגן נישט נאָר בנוגע זיין אייגענער פאַמיליע, נאָר אויך, אמת, אין אַ קלענערער מאָס, לגבי איר אַליין. מינאַס אויפפיר, וואָס איז לפי זיין דעה, געווען באַאיינפלוסט פון איר סביבה, האָט אים אי שאָקירט, אי געלאָקט. צייטנווייז האָט זיך אים געדאַכט, אַז אָט די רייזע, פון איר פלאַנירט, איז אַ פּועל־יוצא פון אַ שטאַרקן געפיל צו אים, נאָר ס׳רוב האָט ער געהאַט דעם איינדרוק, ס׳איז ביי איר אַ שפּיל, אַן אַזאַרט שפּיל. און פּונקט ווי ס׳האָט זיך אומגעריכט אָנגעהויבן, אַזוי וועט זיך עס פּלוצים ענדיקן. דעמאָלט פלעגט אים באַפאַלן אַ פאַרדראָס, אַ חרטה, וואָס ער, דער פאָרזיכטיקער, דער אָפּגעהיטער, האָט זיך געלאָזט אויף אַזאַ גליטשיקן וועג...

— האָסט נאָך היינט נישט אויסגערעדט אַ וואָרט צו מיר! — האָט מינאַ זיך באַקלאָגט. — וואָס ביסטו אַזוי צעטראָגן?

— האָב נישט קיין פּאַראיבל — האָט דער לערער געזוכט אַן אויסוועג — איך מיין, אַז ביי די פאַרהעלטעניש וואָלטן מיר אפשר געדאַרפט נעמען צוויי צימערן, אַנשטאָט איינעם?

ביי דער יונגער פרוי האָט זיך פאַרגאָסן דאָס פּנים מיט אַ בייז־לעכער רויטקייט. און באַלד, אַ באַהערשטע, האָט זי צוגעגעבן:

— כ'האָב עס גראָד אַנדערש נישט געמיינט, מיין צניעותדיקער ריטער!

אויף דער סטאַנציע האָט זיי אָפּגעוואַרט קייטי סמייטערס, אַ פעסט־געבויטע פּאַרמערקע אין מאַנסבילשע אַרבעטס־קליידער. זי האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט דער „נוירס", און זיך באַגאָסן מיט טרערן:

— אַ לאַנגע, לאַנגע צייט, האַ? וואָס מאַכסטו, טייערינקע? — און מיט ווייבערשן נייגער באַטראַכט איר באַגלייטער.

— באַקאַנט זיך מיט מיין פריינד, — מיט „מיי בעסט פרענד!" — האָט מינאַ פאַרגעשטעלט דעם לערער און אָנגערופן זיין נאָמען.

— „דהי וועדי בעסט ענד לעסט, אַי האָופּ!" (דער בעסטער און לעצטער, האָף איך) — האָט קייטי געזאָגט מיט האַרץ. זי האָט אַריינגעוואָרפן דעם באַגאַזש אין אַן אויסגעפּאַרענעם אויטאָ און זיך געלאָזט צו דער פאַרם.

קייטי האָט אָפּגעגעבן אירע געסט צוויי צימערן מיט פענצטער, וועלכע זענען אַרויסגעגאַנגען צו אַן אָזערע, אַרומגערינגלט פון הויכע טאָפּאָל־ביימער. פון מיטן וואַסער האָט זיך געהויבן אַ קליין אינדזעלע, וווהין מ'איז אָפּט פאַרפאָרן מיט שיפלעך צו כאַפּן פיש.

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז מינאַ אויסגעוואַקסן ביי גריב־וואַלדס טיר און סאַרקאַסטיש געפרעגט:

— מעג איך איבערטרעטן דיין שוועל, מיין האַר? — זי האָט געהאַט אויף זיך אַ בלויען באַד־קאָסטיום, בלויע גומי־שיכלעך, און אירע בלאָנדע האַר פאַרפלאָכטן אַלע מאָל אין צעפּ, זענען איצט געווען צעכוואַליעט איבער אירע אַקסלען.

— קום אַריין, קום אַריין, דו וואַסער־מיידל! — האָט ער אויס־גערופן אַ צעשטראַלטער. — אַפילו היינעס „לאָרעליי" וואָלט זיך געפילט מינדערווערטיק קעגן דיר...

— איך בין גאַרנישט געווינט צו הערן פון דיר אַזוינע קאָמ־פּלימענטן. — האָט זי געזאָגט נישט אָן ביטערניש. — לאָמיר גיין כאַפּן אַ שווים איידער מען קלינגט צו „סאַפּער" (וועטשערע).

זיי זענען אַריין אין וואַסער. ס׳איז געווען באַרגיק־קיל און אָנ־גענעם. נאָך עטלעכע מינוט שווימען, האָבן זיי דערגרייכט דאָס אינדזעלע און זענען געבליבן ליגן פאַרמאַטערטע אויפן ברעג.

— ס׳געפעלט דיר דער פּלאַץ? — האָט מינאַ געפרעגט אַ פּאַר־אינטערעסירטע.

— זייער! ביסט שוין דאָ אַמאָל געווען?

— יאָ — האָט זי געזאָגט בלייך־ווערנדיק. — איך בין דאָ שיעור נישט דערטרונקען געוואָרן, דאָס הייסט, מ׳האָט מיך דאָ געוואָלט דערטרינקען...

— דו מאַכסט שפּאַס? ווער האָט עס געוואָלט טאָן אַזאַ זאַך?

— מיין מאַן...

— דיין?...

— עס איז געווען אַ יאָר נאָך דער חתונה — האָט זי גערעדט און געביסן נערוועז די ליפּן. — מיר זענען דאָ געווען צוגאַסט... ער האָט מיר אויך געוואָלט פריער...

— פאַרוואָס? — האָט גרינוואַלד נישט געקאָנט פאַרשטיין.

— ער האָט מיך באַשולדיקט אין אומטריישאַפט...

— מסתמא האָסטו אים געגעבן סיבות דערצו, האָסטו?

— גראָד נישט! כ׳בין נאָך דעמאָלט געווען כמעט אַ קינד, קוים זיבעצן... ער איז געווען מיט צען יאָר עלטער... אַן אַרכיטעקט. איך האָב נישט געטאָרט אויסבייטן אַ וואָרט מיט אַ פרעמדן בחור, שוין אָפּגערעדט פון אַ לאַך אָדער אַ שטיף טאָן... מיר האָבן געוווינט מיט זיין מוטער, אַ בייזע אַלטיטשקע, אין איין הויז... זי איז מיר נאָכ־געגאַנגען יעדן שריט, מיך שפּיאָנירט. דערנאָך האָב איך אים אָנגעהויבן טאָן צו להכעיס... אַלצדינג! — זי האָט מיטאַמאָל איבערגעריסן און שנעל אַ זאָג געטאָן: — ס׳ווערט שפּעט! — און האָט זיך געלאָזט שווימען צוריק.

אין עס־זאַל איז געווען פאַרקליבן ביי די טישן אַ צענדליק געסט. מ׳האָט שטיל גערעדט וועגן פישפאַנג, וועגן יאַגד, וועגן ספּאָרט. מ׳האָט אַפּט געוואָרפן זייטיקע בליקן אויפן פרעמדן פּאָרל, וואָס האָט זיך, סיי מיטן עלטער, סיי מיטן אויסזען, נישט אַריינגעפּאַסט אין

אַט דער מסיבה. פּלוצים האָט זיך אויפגעהויבן פון אַ טישל אַ הויכער, מיטל־יאָריקער מאַן, וואָס האָט די גאַנצע צייט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון מינאַן און איז צוגעגאַנגען צו איר.

— אַי בעג יו פּאַרדאָן, מעדעם! (זייט מיר מוחל, מאַדאַם!) איך האָב אייך גלייך דערקאַנט — האָט ער גערעדט וואַרעם.

— אַזוי פיל יאָרן שוין אין דעם, נישט אמת?

— מעג איך וויסן אייער נאָמען, סער? — האָט זיך די יונגע פרוי אַ ביסל פאַרלוירן.

— דייוו שאַפּיראָ! דאָס האָב איך אייך דעמאָלט, איר געדענקט, אַרויסגעהאָלפן פון וואַסער...

— אַוודאי! זיכער! — האָט זיך מינאַ אַזש אויפגעכאַפּט פון שטול. — ווי האָב איך אייך באַלד נישט דערקאַנט? פּליז, זעצט זיך צו. — און נאָכדעם ווי זי האָט פאַרגעשטעלט די מענער איינער פאַרן צווייטן, האָט זי באַמערקט צו גרינוואַלדן: — מיר האָבן ערשט גערעדט וועגן דער זאַך, און אַט טרעף איך מיין לעבנס־רעטער פּערזענלעך. איז דאָס נישט אַ מאָדנער צופאַל?

הגם דער לערער איז געווען שטאַרק גערירט, האָט זיך אָבער ביי אים אָפּגעשטעלט פון דער מעשה אַ מעלאָדראַמאַטישער נאָכטעם...

אויף מאָרגנס, ווען זיי זענען געבליבן אַליין, האָט גרינוואַלד זי געפרעגט:

— פאַרוואָס ביסטו צוריקגעקומען צום אָרט, וווּ דו האָסט איבערגעלעבט אַזוי פיל שרעק?

— אַ לאַנגע צייט האָב איך זיך טאַקע אָפּגעהאַלטן דערפון — האָט זי זיך מודה געווען. — נאָר פאַר אַ קאָמוניסט איז שרעק אַ מיאוסע קרענק...

— וואָס איז? אַ קאָמוניסט איז קיין מענטש נישט?

— נישט קיין געוויינלעכער מענטש! — האָט זי שאַרף באַטאָנט.

— אַזוי־וויי־וי, — האָט זיך אַ חוזק־שמייכל באַוויזן ביי אים, נאָר באַמערקנדיק, ווי די פאַרטיי־קנאות צעשפּילט זיך אין איר, האָט ער זיך גלייך אומגעקערט צום פריערדיקן ענין — איז וואָס, אָדער ווער האָט פאָרט דיך באַווירקט צו קומען אַהער?

— דו! — האָט זי צוגעגעבן און זיך באַלד פאַרכאַפּט: — דאָס הייסט, איך וואָלט אַלצאיינס אַרויסגעקראָכן פונעם קינדערשן פּחד, נאָר מיט דיר איז מיר גרינגער...

איין נאָכמיטאָג איז גרינוואַלד צוגעפאָרן צו דער פּאָסט אינעם דערבייאיקן שטעטל, אַרויסצושיקן אַ „געלט־אַנווייז" פאַר סאָניאַן. ווען ער האָט זיך, אין אַ פּאָר שעה אַרום, צוריקגעקערט, האָט ער מינאַן נישט געטראָפן. ער איז אַראָפּ צו דער אָזערע און פּאַמעלעך שפּאַצירט נאָענט צום ברעג. די זון האָט געהאַלטן ביים פאַרגיין און געשיקט אירע לעצטע שלוחים־שטראַלן צו צעוואָרפענע וואָלקנדלעך, צו די בערג־הויכן, צו די שפּיצן טאָפּאָלן־ביימער...

דער יונגערמאַן האָט ליב געהאַט אָט די צווישן־צייט. דער בין־השמשות האָט ביי אים אַרויסגערופן תמיד אַ פאַרלאַנג צו זיין אַליין. אין די שוועדסטע מינוטן האָט ער דעמאָלט געפונען רו און באַרואי־קונג. פלוצים האָבן זיך דערהערט טריט און באַלד אַ באַקאַנט גע־לעכטער. פון וואַלד איז אַרויס אַ פּאָר און זיך געלאָזט צום וואַסער.

דער לערער האָט זיך פאַרהאַלטן אונטער אַ בוים און געוואַרט. ווען די צוויי זענען פאַרביי און אים דערזען, האָט מינאַ אויסגע־שריגן אַן איבערראַשטע:

— אָ, גרינוואַלד, ווען ביסטו צוריקגעקומען?

— איילט זיך צו „לאָוו־בוירדס"! (ליבע־פייגל) — האָט זיך אָפּגערופן דייוו שאַפּיראָ. — מ׳וועט באַלד רופן צום עסן! — און ער האָט אַוועקגעשפּאַנט צו דער פאַרם.

מינאַ האָט גענומען דעם לערער אונטערן אָרעם און געזאָגט:

— וואָס ביסטו בייז, גרינוואַלד, דו האָסט דאָך נישט דערוואַרט, איך זאָל זיצן אין מיין צימער און קוקן אויף דער סטעליע?

— ניין, איך האָב נישט דערוואַרט...

— איז וואָס ווילסטו פון מיר?

— איך וויל, דו זאָלסט אָפּווישן די רויטע פלעקן אַרום דיינע ליפּן — האָט ער נישט קוקנדיק אין איר זייט געזאָגט — וויל זיי קאָמפּראָמיטירן דיך... — ער האָט באַפרייט זיין אָרעם, און האָט זיך שנעל אָפּגעטראָגן...

סאָניאַ באַגעגנט זיך מיט מינאַן

אליעזר גרינוואַלד איז אויף מאָרגן אָפּגעפאָרן פון דער פאַרם. מינאַ איז נאָך געשלאָפן. ער האָט געלאָזן הינטער איר טיר אַ בריוו. ער האָט נישט איבערגעריסן מיט איר, נאָר זיך געזעגנט מיט שטילע איינגעהאַלטענע ווערטער.

די פאַרמערקע, קיטי סמייטערס, האָט געפירט דעם איינציקן פּאַסאַזשיר אין גרויען פרימאָרגן צו דער באַן־סטאַנציע. זי האָט זיך נישט געוווּנדערט, נישט איבערגעפרעגט. ווען ער איז אַרויסגעשטיגן פון איר אויסגעפּאָרענעם אויטאָ, האָט זי בלויז באַמערקט:

— „שי איז נאָט בעד עז שי סימס...‟ (זי איז נישט אַזוי שלעכט, ווי זי מאַכט דעם איינדרוק), — און אים דערלאַנגט אַ שווערע, האָרעפּאַשנע האַנט.

דער לערער איז אַריין אין צוג און זיך מיטאַמאָל דערפילט אי ווי אַ באַפרייטער פון אַ שווערן עול, אי — שטאַרק עלנט. דער חודש וואַקאַציע איז פאַר אים געווען ווי אַ באַטויב־מיטל, וואָס האָט זיך איצט געגומען שנעל אויסוועפן. און די אַלע זאָרגן, וועלכע האָבן אים פריער געהאַלטן אין קלעם זענען אים באַפאַלן אויפסניי און מיט מער שאַרפקייט...

אָנקומענדיק אין שטאָט, האָט ער נאָך זיין פרוי און קינד נישט געפונען. ער האָט ווי־עס־איז געבראַכט דאָס הויז אין אָרדענונג און האָט אָוועקגעאיילט אין שול־בנין. ס'איז געווען ערב שול־דערעפע־נונג און ס'האָבן אויף אים געוואַרט נישט אָפּגעטוענע אַרבעטן. דעם לערער האָט איצט געמאַטערט נישט נאָר די עיקר־פראַגע — וויפל פון די קינדער וועלן זיך אומקערן צום לערנען, נאָר אויך ווי מען ציט צו מער טוער צו דער שול, און ווי מען באַפעסטיקט איר בוד־זשעט. וואָרום מען איז דעמאָלט קיינמאָל מיט גאָרנישט נישט געווען זיכער אין דער ספערע פונעם יידיש־וועלטלעכן חינוך.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט זיך פּלוצים באַוויזן, נישט מעלדנ־
דיק, זיין קליינע משפּחה. פּונקט ווי ס׳איז נישט געווען קיין גרויס
צער ביי איר נעלם ווערן, אַזוי איז נישט געווען קיין באַזונדערע
פרייד ביים טרעפן זי. גרינוואַלד האָט באַמערקט ווי זיין טעכטערל
איז אונטערגעוואַקסן, זיך צעבליט, ווי אין אירע שיינע, אומעטיקע
אויגן איז דער אומעט טיפער געוואָרן, ווי עס טרעפט ביי קינדער,
וועלכע דערשפּירן, אַז עס פּעלט אחדות ביי עלטערן...

פאַר חנוכה האָט זיך דער לערער דערמאָנט, אַז מינאַס געבוירנ־
טאָג פּאַלט אויס דעם ערשטן חנוכה־ליכטל. ער האָט זיך געשלאָגן
מיט דער דעה, וואָס איר צו שיקן — בלומען, צי אַ שאַכטל שאָקאָ־
לאַד, אָבער אין דער לעצטער מינוט האָט ער איר געקויפט
אַ מתנה — אַ מיניאַטור חנוכה־מנורה מיט דער בצלאל אינסיגניע.

ס׳האָט, דאַכט זיך, נישט געקאָנט זיין קיין ספק, אַז דער פּאָר־
שטייענדיקער יום־טוב האָט סוגעסטירט אַזאַ אויסוואַל. — סיידן
מען זאָל אָנגעמען, דער יונגערמאַן האָט געוואָלט אַ ביסל שאָקירן
זיין קאָמוניסטישע „חברטע״. אַזוי צי אַנדערש — דאָס געשאַנק איז,
מיט עטלעכע טעג שפּעטער, צוריקגעקומען אינעם זעלביקן פּאַק־
פּאַפּיר. די יונגע פרוי איז, קאָנטיק, געווען שטאַרק אויפגערעגט,
האָט זי פאַרגרייזט דעם אַדרעס. און אַנשטאָט דאָס פּעקל זאָל צוגע־
שטעלט ווערן אין שול, האָט מען עס, נאָך אַ לאַנגן אַרומזוכן, גע־
בראַכט אין הויז אַריין...

ווען דער לערער האָט יענעם אָוונט געעפנט די טיר, האָט ער
גלייך דערזען די אויסגעפּאַקטע מנורה מיט מינאַס אַדרעס אויבנאויף
אויף זיין שרייבטיש. — ביי סאָניאַן האָבן די ליפּן קאָנוולסיוו גע־
ציטערט. טרערן האָבן זי געשטיקט:

— נו, וואָס וועסטו איצט זאָגן?

— ס׳איז שוין אַלץ געזאָגט געוואָרן! — האָט ער זיך נישט
געוואָלט אַריינלאָזן אין איבעריקע רייד. ער איז געווען מיד, דענער־
ווירט. ער האָט געזוכט אַן אָרט ווו זיך צוצושפּאַרן. ער האָט איבער־
געחזרט — יאָ, ס׳איז שוין אַלץ געזאָגט געוואָרן.

— נישט פון מיין זייט! — האָט זי פּלוצים טרוקן אָפּגעשניטן,
און זיך פאַרשפּאַרט אין שלאָפצימער, ווו לאהלע איז געשלאָפן.

הגם עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ מינדערוויכטיקער, דערצו
נאָך אומגעקערטער מתנה, איז עס אָבער פאַר סאָניאַן געווען גענוג

באַווייז, אַז איר מאַן האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַ נייער אַפּערע. זי האָט נישט געוואָלט, צי נישט געקענט אַריינגיין אין די סיבות, וועלכע האָבן גורם געווען דערצו. אין אירע אויגן איז ער געווען חייב! און געהאָלפן אין איר מסקנא האָט זיין פריערדיקע הנהגה, ווי ס׳איז מיט אַ צייט צוריק באַשריבן געוואָרן. פונדעסטוועגן איז ביי איר דעמאָלט געבליבן אַ שטיקל צווייפל, צי די שולד איז געווען אינגאַנצן זיינע, וואָרום יענע געשעעניש איז דאָך פאָרגעקומען אין אַ ווייט לאַנד, און זי האָט נישט געקענט באָכקאָנטראָלירן די פאַקטן. איצט אָבער, האָט זי געמיינט, וועט זי זיי אַליין אויסגעפינען. ס׳איז ביי איר נישט געווען בלויז אַ ווונטש אויפצודעקן דעם אמת. איר האָט אויך געטריבן אַ מין מאַזאָכיזם, וואָס האָט טיף געוואָרצלט אין איר. זי האָט געוווסט, אַז די באַגעגעניש מיט „יענער" פרוי וועט צו גאָר־נישט פירן, און וועט איר בלויז פאַרשאַפן יסורים און אַפילו בזיונות, דאָך האָט זי דעם אימפּולס נישט געקענט באַהערשן...

אויף מאָרגן האָט זי, אַרויסבאַגלייטנדיק לאהלען אין „סקול", עפּעס לאַנג און ערנסט איינגעטענהט מיט איר. און ווען זי איז געבליבן מיטן מאַן אַליין, האָט זי, נישט קוקנדיק אין זיין זייט, אים געלאָזט הערן:

— איך וועל זיין אַוועק אַ פּאָר טעג... כ׳מוז איבערלאָזן ס׳קינד... זי ווייסט דערפון... גיב גוט אַכטונג אויף איר...

סאַניאַ האָט גערעדט אָפּגעריסן אָבער אַנטשלאָסן. זי האָט נאָך דעם זעלביקן טאָג גענומען די באַן צום קעמפּ „ביטגעדייגעט".

אין קעמפּ האָט זי זיך רעגיסטרירט אויף איר מיידלשן נאָמען. און כאָטש עס איז איר שווער געווען צו מאַכן נייע קאָנטשאַפטן, איז זי גיך נאָענט געוואָרן מיט דער דאָרטיקער „בוירס". פונעם ערשטן אויגנבליק האָט זי דערשפּירט צו איר, נישט אַזוי פיינטשאַפט, אָדער אייפערזוכט, ווי קנאה, קנאה צו איר פרייער האַלטונג, קנאה צו איר שטאָלצער באַנעמונג, קנאה צו איר זעלבסטשטענדיקייט. סאָניאַן האָט, דער עיקר, אינטערעסירט צו וויסן, ווי ווייט ערנסט זענען די פאַרהעלטענישן צווישן מינאַן און איר מאַן. זי האָט געמיינט, זי וועט זיי אַרויסזען פון יענערס אומגאַנג מיטן מאַנסבילשן מין. לכתחילה האָט זיך איר געדאַכט, אַז יענע קוקט זיך אַפילו נישט אום אויף מענער. זי האָט אָבער שנעל געביטן איר מיינונג. און געביטן האָט זי אַפּט, נישט צו גונסטן דער בלאָנדער יפה־פיה. זי האָט בכלל נישט

געקענט איינבייסן די יונגע פרוי, ביז זי האָט דעצידירט אַריינצוגיין צו איר און זיך דורכשמועסן מיט איר.

— אָ, סאָניאַ שטערן! — האָט די „באַרמהאַרציקע שוועסטער" זי באַגעגנט מיט אַ געמאַכטער העפלעכקייט. — ווי פילט איר זיך אין געזונט? מיר האָבן זיך דאָך נישט געזען גאַנצע צוויי שטונדן — האָט זי איראָניזירט. — וואָס קאָן איך טאָן פאַר אייך?

סאָניאַ האָט זיך אומגעבעטן צוגעזעצט און זיך פאַרקוקט יענער אין די אויגן אַריין:

— איר קאָנט טאָן אַ סך פאַר מיר, אויב איר וואָלט נאָר וועלן.

— אַ שטייגער וואָס? — האָט די דורכגעטריבענע מויד גענומען עפּעס פאַרדעכטיקן.

— אַ שטייגער — האָט דער גאַסט געזוכט דאָס פּאַסיקסטע וואָרט. — נישט צו באַלעסטיקן מיין מאַן...

— באַלעסטיקן? וועמען טו איך באַלעסטיקן? — האָבן זיך אין מינאַס דמיון דורכגעטראָגן פאַרשידענע מענער־געשטאַלטן.

— גרינוואַלדן! — האָט סאָניאַ קוים אַרויסגעשטאַמלט.

— וואָס־זשע פאַרשלייערט איר זיך מיט פרעמדע נעמען? — האָט מינאַ נאָך געהאַט טענות צו איר. — דאָס איז ערשטנס, צווייטנס, גלייבט מיר יאָ, צי נישט, איך האָב נישט געוווסט, אַז ער איז פאַר־הייראַט...

סאָניאַ האָט ביי די ווערטער אַראָפּגעלאָזט פאַרשעמט דעם קאָפּ. זי האָט ביז ווייטיק געביסן די ליפּן און אַ פרעג געטאָן:

— נו, און ווען איר וואָלט יאָ געוווּסט?

— דעם אמת געזאָגט — איז מינאַ געוואָרן זייער ערנסט — וואָלט עס מיך נישט געאַרט. יעדער מענטש איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע אייגענע מעשים — האָט זי פאָרמולירט איר קרעדאָ. — און אויב ער האַנדלט אַזוי און נישט אַנדערש, האָט ער מסתמא זיינע אורזאַכן דערפאַר.

— אַפילו ווען זיי ברענגען ליידן צו זיינע אייגענע? — האָט זיך ביי סאָניען געוועקט אַ בייזקייט.

— דאָס איז אַן ענין צווישן אים און זיינע אייגענע — האָט מינאַ שנעל געפּסקנט. — איבעריקנס, האָב איך איבערגעריסן מיט אים די באַציאונגען.

— ס'איז די גלייכסטע זאַך, וואָס איר האָט געטאָן! — האָט די

באַליידיקטע פרוי געזאָגט. — אָבער דער שאָדן איז שוין געמאַכט געוואָרן.

— זענען דאָך אַלע רייד איצט איבעריק — האָט זיך די „נוירס" אויפגעהויבן ווי אַ סימן, אַז דער עסק איז פאַרענדיקט.

— ניין, זיי זענען נישט איבעריק! — האָט סאָניאַ נישט דער־קענט איר קול. — זיי זענען אַ וואָרענונג, עס זאָל מער אַזוינס נישט געשען — אין אירע גרויסע, טונקעלע אויגן האָבן זיך געצונדן פונקען.

דער געביטענער קלימאַט אין צימער האָט געצווונגען מינאַן צו בייטן איר טאַקטיק.

— איר זייט זייער אַ נאַאיווער מענטש, סאָניאַ! אַט די זאַכן זענען אַזוי אַלט, ווי די בערג! — האָט זי אַרויסגעלייגט פאַר יענער איר לעבנס־דערפאַרונג — און איר וועט זיי, איבערנאַכט, נישט איבערמאַכן...

— ווי איך זע, זייט איר געניט נישט נאָר אין אייער פראַ־פעסיע — האָט סאָניאַ גערעדט מיט אָפענעם כעס. איך וועל בעסער בלייבן ביי מיין נאַאיוויטעט, ווי איר רופט עס, איידער פירן אַזאַ... אַזאַ... — האָט זי נישט געענדיקט.

— הערט סאָניאַ! — האָט מינאַ זיך געשראָקן פאַר אַ סקאַנדאַל און איז געוואָרן אין גאַנצן מילד: — אָסור, צי עס לוינט זיך עס צו נעמען שטאַרק צום האַרצן. די מענער, די בעסטע פון זיי, זענען עס נישט ווערט...

הגם סאָניאַ איז מסכים געווען מיט איר לעצטער באַמערקונג, האָט זי זיך נישט געקענט איינגעמען, זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אָרט, און האָט אָן אַ „זייט געזונט", פאַרקלאַפּט הינטער זיך די טיר...

אַוועקגעפֿאָרן

אליעזר גרינוואַלד איז געשטאַנען ביים פענצטער און האָט אויסגעקוקט אויף זיינע תּלמידים. ס׳איז שוין געווען נאָך דריי. אַ טרויער האָט זיך געלייגט אויפֿן לערער. די שרעק, אַז עפּעס האָט געטראָפֿן מיטן אויטאָ־וואָגן, וואָס פֿירט דאָס קליינוואַרג, האָט אים נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט זיך אָפּגעריסן אויף אַ רגע פֿון אָרט, אויסגעשפּאַנט דאָס רחבֿותדיקע שול־צימער, און איז ווידער שטיין געבליבן ביים פענצטער.

ווען די חבֿרה איז ענדלעך אַריין מיט אַ געפּילדער אין קלאַס, האָט זיך פֿון גרינוואַלדן אָפּגעטאָן די זאָרג. ער האָט מיט איינגעהאַלטענער פֿרייד באַרירט קינדערשע קעפּלעך, צוגעוואָרפֿן דעם און יענעם אַ שמייכל, ווי ער וואָלט זיך מיט זיי באַגעגנט נאָך אַ צייטלאַנגער שיידונג. איבעריקנס, האָט דער לערער אָפּט איבערגעלעבט אַזוינע און ענלעכע מינוטן. די שול האָט ביי אים פֿאַרנומען, וואָס ווייטער, דעם הויפּט־אינטערעס. ער איז געווען, ווי שוין דערמאָנט, אָפּגעפֿרעמדט און דערווייטערט פֿון זיין פֿאַמיליע, און ער האָט געזוכט טרייסט און באַרואיקונג אין לערנען, און די טואונגען און אויפֿטואונגען אין איר סבֿיבֿה.

ס׳רובֿ פֿאַרוואַלטער האָבן אָפּגעשאַצט דעם לערערס איבערגעגעבנקייט און התמדה. ס׳האָט זיך, אין משך פֿון די יאָרן, איינגעשטעלט אַ קאָרעקטע, אַפֿילו פֿריינדלעכע באַציאונג צו אים. מ׳האָט געהאַט אָפּשיי און צוטרוי צום יונגנמאַן און זיך שטאַרק גערעכנט מיט זיין מיינונג.

אָבער זייט סאָניאַס אומקער פֿון איר אומפּרוכפּערדיקער נסיעה, איז בהדרגה פֿאָרגעקומען אַן ענדערונג. גרינוואַלד האָט געשפּירט מיט אַלע חושים, אַז דאָס געביי, וואָס ער האָט אויפֿגעשטעלט מיט

אַזוי פיל מי, קרישלט זיך, ברעכט זיך, און געפילט, אַז ס׳וועלן אָפּ־געטאָן הינטער זיין רוקן אומווערדיקע זאַכן. ס׳איז נישט שווער געווען זיך אָנצושטויסן ווער ס׳איז פאַרמישט געווען אין דעם, נאָר העלפן דערין האָט ער נישט געקענט, וואָרום ס׳האָט געלויערט די געפאַר פון נייע מחלוקת, וועלכע וואָלטן זיין לערערישע מערכה קיין געזונט נישט צוגעגעבן...

איינמאָל האָט זיך נאָכן לערנען אַריינגעשטעלט דער פאַרזיצער, מאַקס איזבי. ער האָט זיך אויף זיין רואיקן און געמיטלעכן אופן געגומען נאָכפרעגן ביים לערער אויף דער שול, אויף דער צאָל קינ־דער, אויף די אַקטיוויטעטן פונעם עלטערן־פאַראיין, גלייך ער וואָלט ביי די זיצונגען נישט געווען. און האָט פלוצים אַ קער געטאָן די רייד אין אַ זייט:

— חבר גרינוואַלד! — האָט ער געציילט די ווערטער, קוקנדיק אויפן דיל. — אין שטאָט טראָגן זיך אום קלאַנגען וועגן אייך, אַז... און ער האָט נישט פאַרענדיקט.

דער לערער איז בלייך געוואָרן. ער האָט זיך מיט אַלע כוחות באַהערשט און געזאָגט:

— יעדער געזעלשאַפטלעכער מענטש איז אויסגעשטעלט צו לשון־הרע...

— מיינט איר נישט, אַז לשון־הרע קאָן ברענגען שאָדן דער שול? — און ווען יענער האָט נישט גלייך געענטפערט, האָט ער צוגעגעבן: — טוט עפּעס וועגן דעם, חבר גרינוואַלד! הייבט אָן — האָט ער זייער פאַרזיכטיק באַמערקט. — פון דער אייגענער היים... — ער איז באַלד אריבער אויף אַן אַנדער ענין, לסוף זיך פריינדלעך אָפּגעזעגנט און איז אַרויס.

גרינוואַלד איז געבליבן זיצן אַ דערשלאָגענער. ער, וואָס האָט שטענדיק געווייכט פון לויזע צינגער, איז איצט געוואָרן זייער קרבן. ער האָט אַרויסגעשפּירט פון איזביס רייד, נישט געקוקט אויף זייער פריינדלעכן טאָן, די ערנסטקייט פון דער לאַגע. ער האָט געזען באַ־שיינפּערלעך, ווי סאַניאַ גראָבט אונטער, אין איר פאַרצווייפלונג, זיין מעמד און ממילא זייער מקור חיונה, און האָט — געשוויגן...

ס׳איז נישט אַוועק קיין מאָנאַט, ווי דער שול־פאַרזיצער האָט זיך ווידער באַוויזן. אויך דאָס מאָל האָט ער אָפּגעטשאָטעוועט וועגן

דער לערער איז געווען אַליין. ער האָט אויסגעזען אַ סך ערנסטער און אומגעדולדיקער.

— אייער פרוי איז היינט ביי מיר געווען — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ טאָן, ווי דער גאַנצער עסק וואָלט אים שוין געווען דערווידער. — מ׳קען עס ווייטער אַזוי נישט לאָזן...

— וואָס קען מען ווייטער נישט לאָזן? — האָט דער יונגערמאַן נישט געוווסט, וואָס יענער וויל פון אים.

— כ׳מיין, איר דאַרפט געפינען אַ מיטל צו פאַרבעסערן אייער שלום־בית! — דאָס זענען געווען אָפענע דיבורים, און נאָך אָפענער זענען זיי געוואָרן, ווען ער האָט מוסיף געווען: — ס׳ליגט דאָך אין אייערע אינטערעסן צו פאַרענדיקן דאָס שול־יאָר אָן שטערונגען...

גרינוואַלד האָט אים נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. אויב ס׳איז ביי אים געווען די מינדעסטע האָפענונג, אַז די צייט וועט אַמאָל פאַרציען די ריסן, איז זי איצט אינגאַנצן אויסגערונען. ער איז שוין געווען זיכער, אַז ער וועט מוזן בייטן די שטעלע. דער לערער איז געווען מיד סיי פון אומשלעפּן זיך איבערן לאַנד, סיי פון די שול־עסקנים. ווען נישט די אילוזיע, אַז ער דערפילט אַ וויכטיקע, אַ נייטיקע פאָלקס־שליחות, וואָלט ער פאַרלאָזן די פּראָפעסיע, ווי אַנדערע לערער האָבן עס געטאָן...

אויך די שול־זיצונגען זענען געוואָרן פאַרן לערער אָן אָפּקומעניש. ס׳האָט זיך דעמאָלט געשפּירט אין דער לופטן אַן אָנגעשטרענגטקייט, אַ שווערקייט. ער האָט געהאַט דעם פריקרען געפיל, אַז ביז זיין אַריינקום איז דער מדובר געווען וועגן אים און זיינע אייגענע...

איינמאָל האָט סעם דראַפּקין, וועלכער איז געהאַט דורכגעפאַלן אין זיין קורצער לערערישער קאַריערע, און האָט געטראָגן אַ בייז האַרץ אויף לערער, ווי עס איז שוין דערציילט געוואָרן, גענומען פּלוצים פאַרשן פאַרוואָס מען קריגט נישט אַריין מער שכר־לימוד:

— ממה נפשך, איז די צאָל קינדער, ווי גרינוואַלד גיט אָן אַ ריכטיקע — האָט ער מיט איין שאָס געצילט אין צוויי פּונקטן — דאַרף די הכנסה זיין באַדייטנדיק גרעסער. — און ווען ער האָט געזען, אַז די פאַרוואַלטער שלינגען אַראָפּ זייערע חשדים אָן נעגירונג, איז ער געוואָרן האָפּערדיקער. זיין פול, גלאַנציק פּנים האָט זיך אַזש באַגאָסן מיט שווייס פון תענוג. — מען וואָלט בכלל געדאַרפט איינ־

פירן אַ בעסערן קאָנטראָל נישט נאָר בנוגע די שול־פינאַנצן, נאָר אויך בנוגע די לימודים...

גרינוואַלד איז געזעסן אַ צעקלעמטער און זיך צוגעהערט צו יענעמס אינסינואַציעס. אים איז מיטאַמאָל איינגעפאַלן, אַז אָט דער פאַרשוין איז דער הויפּט־שולדיקער אין סאָניאַס דראַסטישע מעשים, דאָס האָט ער זי, משמעות, אויפגעהעצט זיך צו ווענדן צום פּאַרזיצער מיט אירע תביעות. ער האָט זיך אויך דערמאָנט, ווי קומענדיק אין אוונט אַהיים האָט ער אים און זיין פרוי דאָרטן אָפּט געטראָפן, און דערזעענדיק דעם לערער, האָט זיך דאָס פּאָרל שנעל אָפּגעטראָגן...

דער לערער האָט מער נישט אויסגעהאַלטן און זיך געמאָלדן צום וואָרט:

— הערט, חברים, אָט די וועגט זענען עדות, אַז מ'האָט דאָ נישט זעלטן געהערט גאָר אַנדערע רייד אויף מיין חשבון. אמת, די היינטיקע קומען פון אַ פאַרביטערטן מענטש, אָבער איר טיילט אויך די שולד, מחמת אַ תלמודיש ווערטל זאָגט: „שתיקה כהודאה דמיה", וואָס דער טייטש דערפון איז אומגעפער — „שווייגן איז גלייך ווי מסכים זיין"... איך פיר אָן מיט דער שול שוין פינף יאָר, — האָט דער יונגערמאַן גערעדט מיט ווייטיק — און ביז היינט האָט מען דאָ אַזוינס נישט געהערט...

אין צימער איז געווען אומגעווייטלעך שטיל. מ'האָט, דאַכט זיך, געקאָנט הערן ס'אייגענע האַרץ־קלאַפּן. אַפילו דראַפּקין האָט זיך נישט דערוועגט אַריינצושטעלן איצט אַ וואָרט. ער האָט אומגעפירט זיינע גיריקע אייגעלעך פון איינעם אויפן אַנדערן, פאַרשנדיק דעם איינדרוק, וואָס דעם לערערס התנצלות האָט געמאַכט. די שול־טוער האָבן זיך אויף אים נישט אומגעקוקט. זיי האָבן צו גרינוואַלדן, ווי צו אַ לערער, גאָרנישט געהאַט, און דאָך זענען זיי געווען צופרידן מיט דראַפּקינס אַרויסטריט, גלייך ער וואָלט פאַר זיי אָפּגעטאָן אַ מי־אוס, אָבער נייטיק שטיקל אַרבעט... איזבי האָט שנעל געשלאָסן די זיצונג, און די שול־מענטשן זענען זיך צעגאַנגען מיט אַ זויערלעכן טעם אין מויל, אויסמיידנדיק דעם לערער און נאָך מער זיין אָנ־גרייפער...

גרינוואַלדן איז געוואָרן ענג, נישט נאָר אין זיין היים און אין דער שול־סביבה, נייערט אין שטאָט בכלל. ס'האָבן זיך דאָרטן אומ־געטראָגן די ווילדסטע מעשיות וועגן אים. און ער האָט געוואַרט

מיט אומגעדולד אויפן סוף שול־יאָר צו פאַרלאָזן דאָס אָרט, וואָס האָט אים געבראַכט אַזוי פיל אומזיסטן צער און יסורים...

ער האָט באַצייטנס מיטגעטיילט דעם „הויפּט־אָפיס" פון זיין באַשלוס און זיך אויך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט זיינעם אַן על־טערן קאָלעגע, יעקב ווינער, אַ דירעקטאָר פון אַ קינדער־קאָלאָניע, וועגן אַרבעט. הגם ווינער האָט זיך שוין געהאַט באַזאָרגט מיטן ניי־טיקן סטעף לערער פאַרן זומער, האָט ער יענעם נישט אָפּגעזאָגט, וואָרום פון גרינוואַלדס בריוו, כאָטש געשריבן קורץ און איינגע־האַלטן, האָט געוויייעט מיט אַזאַ הילפלאָזן אומעט און פאַרלוירנקייט, וואָס האָט דעם דירעקטאָר שטאַרק גערירט...

דער אַפּשיידס־אָוונט, מיט וועלכן די שול האָט פון דעסטוועגן, געפּונען פאַר נויטיק צו „באַערן" איר לערער, איז אַדורך, מערסטנטייל, אין שטילשווייגן. צו וואָס מ'האָט עס געדאַרפט האָט קיינער נישט געפרעגט. די טישן זענען געווען אָנגעשטעלט פון כל־טוב, אָבער זעלטן ווער עס האָט זיך צוגערירט דערצו. דער איינציקער, וואָס האָט זיך געלאָזט ווויליגיין איז געווען, סעם דראַפּקין. ער האָט אַלץ געוואָרפן אין מויל אַריין, אָן איבערקלייבעניש, און ווען ער איז געוואָרן בגילופינדיק, האָבן זיך זיינע אייגעלעך צעגלאַנצט און ער האָט געשיקט נצחון־קוקעלעך אין גרינוואַלדס זייט...

אין אַ וואָך אַרום האָט דער לערער פאַרלאָזן די שטאָט. אַרויס־טראַגנדיק די וואַליזע פון שטוב, האָט ער אַ לאַנגן בליק געטאָן אויף סאַביאַן. אויך זי האָט אים שטום באַטראַכט אַ רגע.ביידע האָבן דע־מאָלט נישט געוווסט, אַז זיי זעען זיך צום לעצטן מאָל...

לאהלע, זיין צוועלף יאָריק טעכטערל, האָט אים באַגלייט צום וואָקזאַל. זי איז שטיל געגאַנגען ביי זיין זייט און פאַרגנבעט גע־ווישט די טרערן. זי האָט געפילט, אַז מיטן טאַטנס אָוועקפאָרן ווערט זי היים אין גאַנצן צעשטערט.

אין „מאָרגנרויט"

ווען גרינוואַלד איז אָנגעקומען אין „מאָרגנרויט" איז דער לערער־סטעף געווען פאַרפולט. דער דירעקטאָר, יעקב ווינער, האָט נישט געהאַט פאַר אים, ווי שוין דערמאָנט, קיין באַשטימטע עובדה. ער האָט אויך נישט געוווּסט, ווו אים אַהינצוטאָן. ער האָט לסוף געפּו־נען פאַר זיין יונגן פריינד אַן אָרט לעבן די ייִנגלשע באַנגעלאוס, ווו דער ממונה איבער זיין איז געווען הערש האָרן. היות ווי אינעווייניק זענען אַלע בעטלעך געווען פאַרנומען, האָט מען אים באַלייגט אויפן גאַניקל, נישט ווייט פון אַריינגאַנג.

ווינער האָט איבערגעגעבן, צו זיין אייגענעם חידוש, אַ טייל פון די קעמפּ־התחייבותן אין גרינוואַלד הענט. ער האָט דערפאַר געהאַט מער צייט פאַר זיין ליטעראַרישער אַרבעט. ער האָט, נעמלעך, אַ סך געשריבן וועגן חינוך, און ער איז עפּעס שטענדיק געווען הינטערשטעליק. עס האָט זיך, בכן, אַזוי איינגעשטעלט, אַז דער יונגער לערער, וואָס האָט זיך ערשט געפילט ווי אַן איינגעבעטענער גאַסט, אַפילו אָן אַ געהעריקן מקום־מנוחה, איז גאָר גיך געוואָרן ווינערס געהילף מיט אַן אָפּגעזונדערטן ווינקל פאַר זיך, ווו ער האָט געקאָנט, אין אַ פּרייער מינוט, אומגעשטערט רוען און לייענען אַ בוך...

אַזאַ אומגעריכטער שינוי האָט אַרויסגערופן ביים לערער־סטעף אַ היפּש ביסל פאַרדראָס, וואָרום עס האָבן זיך דאָרטן געפּו־נען מענטשן מיט אַ העכערן סטאַזש און מיט מער דערפאַרונג ווי גרינוואַלד. יעדער פון זיי האָט געטראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַ גרופּע קינדער דעם פולן מעת־לעת. זיי האָבן דעריבער באַ־טראַכט יענעמס „פּריווילעגיעס" פאַר אומבאַרעכטיקט און אומ־פאַרדינט...

באַזונדערס אויפגעבראַכט איז געווען הערש האָרן. ער און

זיין פרוי האָבן געאַרבעט אין קעמפּ שוין דעם צווייטן זומער. דאָס פּאָר האָט געהאַט קרובים צווישן דער ציוניסטישער פּני. און דער יחוס איז איר פאַראויסגעגאַנגען און געעפנט ווו מען דאַרף אַ טיר. דערצו איז דער לערער האָרן געווען אַ פאַרנעמיקער מאַנסביל, מיט אַ געדיכטער קוטשמע שוואַרצע קוטשערן. זיין פּנים איז געווען שטרענג, שוין אַ ביסעלע צו שטרענג, און די קליינע, לויפנדיקע אייגעלעך זענען אויך געווען ווייט פון מילדקייט. ער האָט גיכער דערמאָנט אין אַ הויכן רעגירונגס־באַאַמטן, ווי אין אַ יידישן לע־רער. און דאָך האָט ער אויסגענומען, און נישט נאָר ביים ווייבלעכן מין...

גראָד אין "מאָרגנרויט" האָט האָרן נישט נושא חן געווען. דער דירעקטאָר, וואָס איז פאַררעכנט געווען פאַר אַ נאַאיוון און אומ־פּראַקטישן בר־נש, און האָט זיך באַצויגן מיט איבערגעטריבענעם צוטרוי צו אַלעמען, האָט דעם שטרענגן און פעאיקן מורה־דרך באַהאַנדלט איידל אָבער קיל און אַפילו מיט אַ קרישקעלע פאַרדאַכט. ער האָט נאָך פאַראַיאָרן דערשנאַפּט יענעמס תקיפות, און האָט אים געהאַלטן, למען־השלום, אין שאָטן. אָבער נישט אַלע מאָל האָט זיך עס אים איינגעגעבן...

האָרן האָט עס געוווסט. ער האָט זיינע אָנגעקליבענע קריוודעס צום דירעקטאָר אויסגעלאָדן אויף גרינוואַלדן. ער האָט פּראָוואָצירט אינצידענטן אין באַנגעלאו. — עס זאָל, למשל, פאַרלוירן גיין ביי אַ יינגל אַ חפץ, און זוכנדיק אים אומעטום, אויך דורכנישטערן דעם יונגנמאַנס ווינקל און איבערלאָזן דאָרטן אַ חורבן. דער מדריך האָט זיך כלומרשט געבייזערט אויפן אומפאָרזיכטיקן קליינוואַרג, און אויף מאָרגן, צי אין אַן אַנדער טאָג, פלעגט דאָס זעלביקע ווידער געשען...

האָרן האָט אים אויך נישט געשוינט אינעם וויץ־בלעטל, וואָס מען האָט געלייענט ביים קעמפּ־פייער שבת אָוונט. דאָס רוב לערער איז געווען דערווידער די כסדרדיקע מיאוסע אָנצוהערעניש אויפן חשבון פון זייער קאָלעגע, נאָר זעענדיק, אַז יענער נעמט זיי אויף גלייכגילטיק, האָט עס זיי אויך אויפגעהערט צו אַרן.

גרינוואַלד האָט זיך, דער אמת געזאָגט, נישט באַלד געכאַפּט אויף די שטעכווערטלעך, און ווען ער האָט שוין יאָ באַנומען זייער בייזן מיין, האָבן זיי אים אויסגעקוקט מינדערוויכטיק, טפל אין

זיין איצטיקן געמיט־צושטאַנד. ער איז געווען צו נידערגעשלאָגן, באַדריקט. ער איז געווען אַרומגערינגלט דעם גאַנצן טאָג פון קינ־דער אין זיין טעכטערלס עלטער, און די בענקשאַפט צו איר האָט אים נישט אָפּגעלאָזן. ער האָט אויך נישט געהאַט קיין בריוו פון איר, הגם ער האָט צו איר אָפט געשריבן.

איינמאָל אין אַ נאָכמיטאָג, ווען גרינוואַלד האָט געמאַכט זיין געוויינלעכן טור איבער די באַנגעלאָוס צו זען צי דאָס קליינוואַרג געפינט זיך אויף די געלעגערס און רוט, איז ער אויך פאַרגאַנגען צו זיין אָרט און האָט דאָרטן געפונען אַן איבערקערעניש: דאָס בעטל צעבראָכן, דאָס בעטצייג אויפן דיל, זיין וואַליזע אָפן און זיינע זאַכן צעוואָרפן.

ער איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון גרויסן צימער אָן אַ טראָפּן בלוט אין דער מראה. — ווי דערלויבט איר עס אַזאַ וואַנ־דאַליזם?! — האָט ער זיך צעשריען, נישט אַראָפּנעמענדיק די בליקן פון האַרנען — אַ מדריך זייט איר, צי אַ?... — ער האָט נישט געענדיקט. ער האָט אינגאַנצן געציטערט פון אויפרעגונג און צער.

די יינגלעך האָבן טראָציק באַטראַכט אָט דעם יונגן לערער, אָט זיין אָפּאָנענט און מיט אויפרודער אויף עפּעס געוואַרט, נאָר דער לעצטער איז געבליבן רואיק ליגן אויף זיין אָרט און האָט תמעוואַטע געשוויגן.

גרינוואַלד האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט און איז אַוועק. זיין ערשטער אימפּולס זיך צו באַקלאָגן פאַרן דירעקטאָר האָט ער, צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים, גיך פאַרוואָרפן. ער האָט זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג פון קעמפּ, איז אַרויס אויפן שאָסיי־וועג און האָט פּאַמעלעך און פאַרטראַכט גענומען קלעטערן אויפן באַרג, וואָס איז געהאָנגען איבערן האָדסאָן.

ווען ער האָט דערגרייכט דעם הויכפּונקט, האָבן זיך שוין גע־וויזן שאָטנס אויפן וואַסער, אויף יענער זייט טייך האָט די זון געצונדן פלאַקער־פייערן אין די פענצטער, באַגילדט די זוימען פון צעוואָרפענע וואָלקנס. פון ווייטנס איז די וואַשינגטאָן־בריק גע־האָנגען, ווי גיגאַנטיש־צעעפנטע אָרעמס, וועלכע ווילן נישט נאָר אַרומנעמען ביידע קעגנאיבערדיקע ברעגן, נאָר דאַכט זיך, די גאַנצע וועלט. אין דער נידער האָבן זיך אומגעטראָגן, ווי וואַסער־אינזעקטן, לאַסטשיפלעך, באַרזשעס, יאַכטעס. און אָט דערנענטערט

זיך צום נאָענטן „דאָק" אַ ווייסע שפּאַצירשיף, וואָס קורסירט טעג־לעך צווישן ניו־יאָרק און אלבאני.

אין גרינוואַלדן וועקט זיך אַ פאַרלאַנג צו פאַרלאָזן דעם קעמפּ און — פאַרשווינדן, און ווי אומגלויבלעך עס זאָל נישט זיין, אויך אַ זיכערקייט, אַז מען קען פונעם אייגענעם גורל נישט אַנטלויפן. איבעריקנס, באַפאַלט אים אָפּט אָט די פאַטאַליסטישע מחשבה. זי האַלט אָבער לאַנג נישט אָן. דער לערער איז ערשט אַריבערגעטראָטן די דרייסיקער און די תשוקה צום לעבן ציט פאַר אים ווי אַ געניטע מאַגיקערין, אילוזאָרישע סטענגעס, מאָלט פאַר אים דעם מאָרגן מיט פאַרביקע צוזאָגן...

שפּעטלעך האָט ער זיך אומגעקערט אין קעמפּ. דער דירעקטאָר האָט זיך געחידושט, אָבער גאָרנישט געזאָגט. אין אָפּיס האָט אויף אים געוואַרט אַ בריוו. באַמערקנדיק אַן אומבאַקאַנטע האַנט־שריפט אויפן קאָנווערט, נישט פון זיין טעכטערל, האָט ער עס פאַרשטופּט אין קעשענע. שפּעטער, ווען ער האָט געבראַכט זיין ווינקל אין אָר־דענונג, האָט ער זיך פאַרטיפט אין בריוו. ס'איז געווען געשריבן מיט אַ שווערן און אייליקן כתב. ער איז ענדלעך דורכגעקראָכן דעם אינהאַלט און איז געבליבן זיצן אַ געפּלעפטער. ער האָט נישט געגלייבט זיינע אויגן. צו אים האָט געשריבן תרצה לעווין פון ניו־יאָרק. יענע מאָדנע און מערקווירדיקע פרוי, וועלכע ער האָט צו־פעליק באַגעגנט אויף זיין באַזוך אין תל־אביב. זי האָט אַזוי לאַנג מאַניפּולירט מיט איר אָפּגעפרעמדטן ברודער, ביז ער האָט איר גע־שיקט די נייטיקע פּאַפּירן און הוצאות. זי האָט דורכן „שול־צענטער" אַרויסגעקראָגן, ווי זי האָט עס שוין אַמאָל געטאָן, זיין איצטיקן אַדרעס. און היות, ווי ער, גרינוואַלד, אַרבעט, לויט איר אינפאָר־מאַציע, דאָ נישט ווייט, בעט זי אים אַריבערצוקומען, ווען עס איז באַקוועם פאַר אים, מחמת זי וויל אים שטאַרק זען...

דער לערער האָט אין זיין פרייען טאָג גענומען די שיף אין נאָענטן שטעטל, און איז אין עטלעכע שעה אַרום געווען אין דער וווינונג פון תרצהס ברודער, ווו זי איז איינגעשטאַנען.

די יונגע פרוי האָט זיך נישט פיל געביטן. זי האָט אויפגעהיט איר יוגנטלעכן אויסזען. בלויז די שוואַרצע האָר האָבן צוגעקראָגן אַ גרוילעך־זילבערדיקע שאַטירונג, וואָס האָט איר צוגעגעבן חן. זי האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט אים, ווי מיט אַן אַלטן פריינד, און

אויך די שטוביקע האָבן אים אויפגענומען ווי אַן אייגענעם, שיעור נישט ווי אַ קינפּטיקן מיטגליד פון דער משפּחה. ווען די צוויי זענען געבליבן אַליין, האָט תרצה באַמערקט מיט שמייכל:

— איר זעט, איך האָב געהאַלטן מיין צוזאָג!...

דעם לערער האָט זיך דערמאָנט, ווי פאַר זיין אַוועקפאָרן, האָט זי אים פאַרזיכערט מיט עפּעס אַן עקשנות, אַז זיי וועלן זיך טרעפן אין אַמעריקע. ער האָט געענטפערט פאַרטראַכט:

— יאָ, יאָ, עס איז טאַקע אומגלייבלעך...

— איך בין געקומען ווי אַ טוריסטין. — האָט זי אים געגלעט מיט אירע גרויסע, ברוינע אויגן.

— און אויב איר וועט וועלן, וועל איך דאָ פאַרבלייבן פּער־מאַנענט, להשתקע... — האָט זי פאַרענדיקט ארץ־ישראלדיק.

ער האָט געשוויגן. וואָס האָט ער איר געקענט זאָגן? אַלץ איז ביי אים געווען אומבאַשטימט. נישט ער איז געווען אַ פרייער מענטש פאַרן גענעץ, נישט ער האָט געוווסט, ווו מען וועט אים מזכה־זיין מיט אַ שטעלע. און הגם עס איז אים געווען אַנגענעם צו פאַרברענגען מיט די מענטשן, איז אָבער פאַר אים נישט גע־בליבן פאַרהוילן די סיבה פון זייער התקרבות. די שוועגערין האָט דערלאַנגט כיבוד. ער איז נאָך געזעסן אַ ווייל און זיך מיטאַמאָל אַ הייב געטאָן און געלאָזט וויסן, אַז ער דאַרף נאָך היינט זיין צוריק אין קעמפּ.

— איך וועל אייך אַ ביסל באַגלייטן. — האָט זיך תרצה אויך אויפגעהויבן.

ער האָט זיך שנעל אָפּגעזעגנט מיט אירע אייגענע, און איז אַרויס מיט דער יונגער פרוי אין דרויסן.

— זאָגט דעם אמת, גרינוואַלד, זייט איר איבערראַשט און צו־פרידן מיך צו זען?

— איבערראַשט זיכער! — האָט דער לערער זי ווידער באַ־טראַכט, און מערקנדיק אַ שאָטנדל זיך לייגן אויף איר פּנים, האָט ער מוסיף געווען — און אַוודאי, און אַוודאי, צופרידן...

זי האָט אים אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן.

— נו, ווען זעען מיר זיך ווידער? איר ווייסט גאָר וואָס, — האָט זי נישט געוואַרט אויף אַן ענטפער. — איך וועל קומען אויף אַ וויזיט צו אייך אין דער קינדער־קאָלאָניע. איך וועל דערווייל

אָנקוקן אַ ביסל אייער אַמעריקע...

עס איז שוין געווען שפּעט, ווען זיי האָבן זיך געשיידט, זי האָט זיך געטוליעט צו אים און געשעפּטשעט:

— איך וועל אייך שרייבן, ווען איך קום... — און זי האָט ווידער צוגעלייגט אירע ליפּן צו זיינע...

זיי מיר מוחל, תרצה!

איין טאָג האָט תרצה לעווין געלאָזט וויסן דעם לערער, אַז זי קלייבט זיך צו אים אין דער קינדער־קאָלאָניע. גרינוואַלד האָט זיך מיט אַמאָל געכאַפּט, אַז איר באַזוך, אַפּילו אויף אַ קורצער צייט, וועט פאַרערגערן זיין מערכה אין קעמפּ. די לופט איז דאָרטן געווען, ווי אין אַ סך אַזעלכע ערטער, פול מיט רכילותן, מיט ליבע־אַפּערעס, מיט שטילע סקאַנדאַלן...

דער דירעקטאָר, יעקב ווינער, ס׳רוב אַ פאַרהאַוועטער, אַ פּאַר־מוחטער, האָט דערפון נישט געוווּסט, צי נישט געוואָלט וויסן. די טונקל־בלויע, גוטע אויגן האָבן געקוקט אויף מענטשן און זאַכן, און עס איז געווען אַ ספק צי ער זעט זיי. יעדער אין קעמפּ — די קאָונ־סילאָרן, די אָנגעשטעלטע אין קיך און אין עס־זאַל האָבן געטאָן וואָס זיי איז געפעלן. לויט די צעשפּילטע אַמביציעס האָט מען גע־קאָנט מיינען, אַז אָט דאָס וועלטל וועט דויערן נישט אַ צען־עלף וואָכן, נייערט אַ שטענדיקייט. און בלויז אַ דאַנק יענעמס טאַקט־פולער און וואַכזאַמער פרוי האָט מען די ווינערס נישט געלאָזט בדיל־הדל...

אין אַ שבת נאָכמיטאָג האָט זיך באַוויזן תרצה. איר ברודער האָט פאַרווײלט אַ פּאָר שעה און נאָך דעם ווי ער האָט באַטראַכט די קאָלאָניע, די לאַנדשאַפט און די דערבייאיקע באַנגאַלאָוס מיט די זומערדיקע באַווינער, איז ער צוריקגעפאָרן אַליין מיט דער זיכער־קייט, אַז גרינוואַלד וועט שוין באַזאָרגן זיין שוועסטער מיט אַלעם נויטיקן...

דער קעמפּ איז געווען יענעם סוף־וואָך, ווי געווײנלעך, איבער־פולט מיט עלטערן און קרובים. און גרינוואַלד איז געווען שטאַרק פאַרהאַוועט און נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך רעכט דורכ־צושמועסן מיט זיין גאַסט. ערשט שפּעט אין אָוונט האָט ער זיך

אין געאייל אַרויסגעשאַרט מיט תרצהן אויפן שאָסיי־וועג. זיי האָבן פּאַמעלעך שפּאַצירט אין דער ריכטונג פון שטעטל. די יונגע פרוי איז נאָך געווען אונטערן איינדרוק פון אירע באַזוכן אין ניו־יאָרק, און זי האָט נישט אויפגעהערט צו דערציילן פון זיינע וווּנדער. זי האָט געהאַט בלויז איין זאָרג. וואָס וועט זיין, ווען איר וויזע וועט אויסגיין? יאָ. זי ווייסט, מען קאָן זי פאַרלענגערן, אָבער שפּעטער? זי האָט אים געהאַלטן אונטערן אָרעם און גערעדט שטיל, באַהאַרצט און מאַניפּולירט מיט איר שטימע אַזוי, עס זאָל דערגרייכן טיפער פונעם אויער...

— און איר, גרינוואַלד, האָט מיר גאָרנישט וואָס צו זאָגן? — האָט זי געפרעגט מיט אַ פאַריבל.

— פון צופיל רייד — האָט ער געזוכט אַ תירוץ — ווייסט מען אָפט נישט וואָס צו זאָגן...

זיי זענען אַריין אין שטעטלשן רעסטאָראַן. ער איז געווען הונ־געריק. צוליב זיין צעטראָגנקייט פון איר וויזיט, האָט ער פאַרפעלט דעם אָוונטברויט. אויך זי האָט נישט געהאַט געגעסן זייט מיטאָג. זי איז געזעסן קעגנאיבער און פון צייט צו צייט, אים אַ גלעט געטאָן, ווי איר געוווינהייט איז געווען, מיט אירע גרויסע, אויס־דרוקספולע אויגן. ער האָט אָנגענומען איר האַנט. ער איז געווען אויסגעבענקט נאָך אַ נאָענטן מענטשן. און אומגעריכט, גאָרנישט לויט זיין טבע, האָט ער זיך צערעדט וועגן זיין טעכטערל, לאהלע, פון יענע יאָרן, ווען זי איז נאָך אַן עופהלע געווען, פון די לידלעך און גראַמען, וואָס ער האָט פאַרפאַסט פאַר איר. ער האָט זיך פלוצים איבערגעריסן, ווי ער וואָלט זיך געכאַפּט ביי אַ שוואַכקייט...

די יונגע פרוי האָט פאָרזיכטיק אַריינגעוואָרפן:

— איך וועל איר זיין אַ גוטע מאַמע...

ער איז בלייך געוואָרן, די ליפּן האָבן ביי אים געציטערט:

— נו, עס האַלט נאָך נישט דערביי. — און ער האָט צוגערופן דעם קעלנער.

זיי זענען אַוועק זוכן אַ צימער. תרצה האָט שוין געוווּסט, אַז אין דער קאָלאָניע, ווי אין דער אָפּטיילונג פאַר די געסט, איז נישטאָ קיין אָרט, און זי וועט דאַרפן איבערנעכטיקן אין שטעטל. זיי האָבן ענדלעך געפונען אַ כמו־האָטעל ערגעץ אין אַ זייטיק געסל. אַלץ האָט דאָרט געהויכט מיט אַלטקייט — דאָס מעבל, די

ווענט, די טירן. מ׳האָט געהאַט ס׳געפיל, אַז מען איז אַרייַנגעפאַלן אין אַ פאַרלאָזן הויז, באַדעקט מיט שטויב און שפּינוועבס. פון פענצטער האָט מען געזען דעם האַדסאָן טייך. דער צווייטער ברעג איז געווען באַשפּריַנקלט מיט ליכטער. אָפּט האָט אָפּגעהילכט אין דער נאַכט אַ פייפן פון שיפן. ס׳האָט זיך אים געוואָלט — איידער מען כאַפּט זיך דאָרט — שנעלער אומקערן אין קעמפּ. זי האָט באַ־מערקט זיין אומגעדולד, און געזאָגט האַלטנדיק די בליקן אָן אַ זייט:

— איר דערוואַרט דאָך נישט, אַז איך זאָל דאָ בלייבן אַליין...

ער איז געווען נישט אַזוי שאָקירט, ווי אַ ביסעלע איבערראַשט, וואָרום מען איז פאָרט נישט געווינט צו אַזעלכע אָנצוהערענישן מצד דעם „איידעלן" מין. ער האָט קרום אַ שמייכל געטאָן און זיך צוריקגעזעצט.

— איר זייט גאָרנישט קיין דזשענטלמאַן, גרינוואַלד! — זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זייַנע קני און אומהיימלעך געשוויגן אַ רגע. — ניין, איר זייט נישט קיין דזשענטלמאַן! — איר דאַרפט האָבן אַ פרוי לעבן זיך, וואָס זאָל עס אייך אָפּט דערמאָנען...

דער כלומרשטער שפּאַס און די איבערגעחזרטע רמזים האָבן אָנגעהויבן דערעסן. ער איז געווען זייער ערנסט:

— איכל זיך מוזן פעדערן גאָר פרי, מען זאָל נישט באַמערקן, אַז איך האָב אויסגעפעלט די נאַכט אין קעמפּ...

תרצה האָט מיט רוגזה אויסגעלאָשן דאָס ליכט, און זיך אַרייַנ־געוואָרפן מיט די קליידער אין בעט. זי איז געלעגן מיטן פּנים צו דער וואַנט און עפּעס בייז געטענהט. מיט אַ מאָל האָט זי דערפילט זיין האַנט אַרום זיך און איר כעס האָט גענומען נאָכלאָזן...

אַ שפּראָץ אויף טאָג איז שוין גרינוואַלד געווען אויף די פיס. ער איז געווען נישט אויסגעשלאָפן, מיד. אַ חרטה האָט גענאָגט ס׳האַרץ. ער איז געווען אומצופרידן מיט זיך, און ווען ער האָט זיך דערזען אין שפּיגל האָט ער אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ...

די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט זיך געעסקט אין צימער, האָבן אים פון בעט אַרויס באַגלייט תרצהס גרויסע, טונקעלע אויגן. זי האָט גאָרנישט געפרעגט, בלויז געקוקט, אָט מיט שטילער רעזיגנאַ־ציע, אָט מיט גלייכגילט. איבערן קישן זענען געווען צעוואָרפן אירע שוואַרץ־באַזילבערטע האָר. און זי האָט דעמאָלט אויסגעזען פיל

עלטער פון אירע יאָרן. ווען ער איז שוין געווען ביי דער טיר, האָט זי שטיל אַ פליסטער געטאָן:

— גייט געזונט...

ער איז מיט געאייל אַראָפּ פון די טרעפּ, ווי געטריבן פון בייטשן. ער האָט זיך געפילט שולדיק און אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס ביסל מענטשן, וואָס ער טרעפט אָן אויפן וועג, באַטראַכטן אים מיט חשד. ער האָט נישט געקענט געפינען אַ זכות אויף זיך, און ער האָט זיך שוואַך פאַרטיידיקט מיטן תירוץ, אַז דער עלנט טרייבט אים צו אַזעלכע ייִנגלשע הנהגות. ווי אַ ס׳רוב זיך גריבלענ־דיקער בר־נש, איז דער לערער געווען, נישט געקוקט אויף דער צאָל פריינד, לגמרי איינזאַם. ער האָט איצט געוואָלט זיך ראַטעווען פונעם יאוש און זיך אָנגעכאַפּט, ווי דער תנ״כישער זינדיקער, אין די „קרנות המזבח״ פון דער — שול, ווו ער האָט אָפּט געפונען טרייסט און מנוחת הנפש...

אין קעמפּ האָט זיך נאָך נישט געמערקט קיין באַוועגונג. איבער די קינדערשע באַנגאַלאָוס האָט געהויערט אַ קאַיאָריקע רו און שלווה. ערגעץ האָט זיך צעקרייט אַ האָן, אַ פויגל האָט דורכגעשניטן דעם הימל מיט אַ לאַנגן רוף, און נאָך שאַרפער געמאַכט די שטילקייט אַרום. גרינוואַלד איז אַריין אויף די שפּיץ פינגער אין זיין ווינקל און זיך צוגעשפּאַרט אויפן געלעגער.

דער טאָג האָט זיך פאַר אים שפּעטער געצויגן לאַנג און טומל־דיק. ס׳האָט זיך אים אָפּט אויסגעוויזן, אַז אַלע ווייסן פון זיין סוד. יעדע זייטיקע באַמערקונג האָט אים אויפגערודערט. ער האָט געזוכט אַ געלעגנהייט זיך אַריבערצוכאַפּן צו תרצהן און נישט געפונען. ס׳איז געווען זונטיק. דער אָפיס איז געווען פול מיט עלטערן און געסט האָבן זיך אויסגעשריבן, זיך געקליבן אַהיים, קינדער האָבן געוויינט. גרינוואַלד האָט זיך אומגעטראָגן איבערן קעמפּ מיט פאַר־שידענע התחייבותן. ער האָט געפּרוווט טעלעפאָנירן אין האָטעל, אָבער די פאַרבינדונג איז שוין פון מאָנאַטן געווען איבערגעריסן.

אין אָוונט איז ער אַוועק אין שטעטל, ער האָט זיך דאָרטן דערוווּסט, אַז די יונגע פרוי האָט פאַרלאָזן דעם האָטעל נאָך אין דער פרי. ער איז געווען נידערגעשלאָגן. ער האָט געשפּאַנט צוריק מיטן באַשלוס איר גלייך אָנצושרייבן אַ לאַנגן בריוו, און איר אַלץ דערקלערן. נאָר ער האָט גיך איינגעזען, אַז איצט פאָדערט זיך

אַ מער דראַסטישער שריט, נעמלעך, צו זען זי פּערזענלעך און בעטן פאַרגעבונג. ער האָט אָבער, צוליב אַן אומגעריכטער געשעעניש,ביידע זאַכן נישט געטאָן...

אויף מאָרגן, האָט זיך געשטעלט אַ זוניק־לויטערער טאָג. אין דער לופט האָט זיך דערפילט אַ הויך פון האַרבסט. ס'איז געווען די לעצטע וואָך אין אויגוסט. אויף די ביימער האָבן זיך געוויזן געלע און שאַרלאַך־רויטע בלעטער. די טעלעגראַף־דראָטן זענען געווען באַדעקט מיט מחנות וואַנדערנדיקע פייגל, און האָבן גע־כאַפּט דעם אָנבליק פון גיגאַנטישע נאָטן, אויף וועלכע די קליינע ברואימלעך, האָט זיך געדאַכט, שפּילן אויס דאָס לעצטע ליד פון זומער...

נאָך מיטיק האָט מען דעם לערער גערופן צום טעלעפאָן. ער איז, אַ נערוועזער אַריין איןביידל, ס'האָט זיך גלייך אַרויס־געוויזן, אַז דאָס רעדט דער דירעקטאָר פון די שולן אין ניו־יאָרק. ער פרעגט זיך נאָך, דהיינו, צי ער איז וויליק איבערצונעמען אַ שטעלע אין דער גרויסער מיטל־מערבדיקער שטאָט „ש". און אויב יאָ, צי וועט ער זיין גרייט צו פאַרלאָזן דעם קעמפּ נאָך אינעם זעלביקן אָוונט (?).

גרינוואַלד, וואָס האָט בדרך־כלל, געטאָן זאַכן מיט ישוב־הדעת, האָט דאָס מאָל גלייך געגעבן זיין אַפירמאַטיוון ענטפער...

שוין זיצנדיק אין עראָפּלאַן, האָבן זיינע ליפּן נישט אויפגעהערט צו פליסטערן: „זיי מיר מוחל, תרצה, זיי מיר מוחל!".

אין דער נייער שטאָט

ווען אליעזר גרינוואַלד איז אין איילעניש אַרויסגעפלויגן קיין „ש״, האָט ער נישט געוווסט, וואָר פּאַראַ שוועריקייטן אים דער־וואַרטן אויף זיין נייער שטעלע. פון די זעקס שולן, וועלכע האָבן געהערט, צו יענער צייט, צום „פאָלקס אָרדן״, איז זיינע די „מענ־דעלע שול״, געווען דער אבן־נגף פון צוויי קעמפנדיקע צדדים. איין צד, די לאָקאַלע פאַרוואַלטונג האָט ווי איין מענטש געפאָדערט, אַז זייער לערער, בר־סלה, זאָל אויך ווייטער בלייבן. און די „שטאָט צענטראַלע״ איז געווען שטאַרק קעגן אים. אויסגעפירט האָט די לעצטע. האָבן זיך די טוער פון דער געגנטלעכער שול אָפּגעזאָגט פון ווייטערדיקער אַרבעט.

דער פאָרזיצער פון דער „צענטראַלע״ סעם פעדער, אַ קורצינ־קער, מיט אַ קיילעכדיק פּנימל, בכלל אַ גוטמוטיקער און אַ שמייכ־לענדיקער, איז געוואָרן היציק און שטרענג, ווי נאָר ער האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן. ער האָט בשעתו געקלאַפּט מיטן קליינעם הענטל אין טיש און געדונערט, אַז קיינער וועט אים און זיינע לייט נישט דיקטירן וואָס צו טאָן. און ער האָט אַוועקגעשיקט נאָך אַ נייעם לערער.

ביי דער שול־קאָנפערענץ אָנהייב זמן, ווען ס׳ווערן יערלעך אויסגעקליבן כמעט די זעלביקע פאַרוואַלטער פאַר די געגנטלעכע שולן, זענען בייגעווען אַלע געקריוודעטע טוער, און אָפּגעמאַכט פון פריער, האָט יעדער פון זיי, ביים אויסרופן זיין נאָמען, זיך דעמאָנסטראַטיוו אָפּגעשאָקלט פון וועלכער ס׳איז טואונג.

אָבער סעם פעדער האָט זיך נישט מייאש געווען. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט די מענטשן פון די אַנדערע שולן, האָט ער זיך ווידער גענומען צו די פריערדיקע, און ווען ס׳איז אים אויך דאָס מאָל נישט געלונגען, האָט ער, מעשה דיפּלאָמאַט, געזוכט צו ברעכן

דעם אחדותביים צד שכנגד מיט אַריבערגעווינען כאָטש איינעם פון זיי. ער האָט אויסגעקליבן בערגן. ער האָט אים אָוועקגערופן אָן אַ זייט און איינגעטענהט מיט אים דעם באַקאַנטן פּזמון, נעמלעך, אַז נישט אויף אַ לערער „שטייט" אַ שול.

— דער לערער, יענער לערער! קיינער פון זיי בלייבט נישט אייביק אויף אַ שטעלע... — און ווען דאָס האָט אויך נישט געהאָלפן, האָט ער כיטרע פאַרזשמורעט אַן אייגל און לאַקאָניש באַמערקט: — און דאָס ווייסט איר, אַז בר־סלה האָט אונטער אייערע פּלייצעס געפירט פאַרהאַנדלונגען מיט לאָס־אַדזשעלעס וועגן בייטן די...

סאָל בערג האָט אים סקעפּטיש באַטראַכט און נישט געענטפערט, האָט זיך פעדער גענומען פאַרן לעצטן מיטל:

— זאָגט נאָר, חבר בערג! אָט דאָס האָט מען אייך געלערנט אינעם מינסקער „בונד", אַז אַ יחיד איז אַלץ, אַז אַ יחיד שטייט איבערן כלל? לאָמיר שוין אַפילו צוגעבן, אַז אייער צד איז גערעכט, דאַרף דערפאַר אַ שול אונטערגיין?

דערהערט „מינסק" און „בונד", האָט בערג אָנגעוווירן זיין שטייפקייט. ער — וואָס איז שוין פערציק יאָר אַ תושב אין אַמעריקע, דאָ חתונה געהאַט, קינדער אויסגעגעבן, און האָט אָנגעפירט מיט אַן אייגענעם שניידער־שאַפּ פון צענדליקער אַרבעטער, האָט נישט געקענט ביישטיין דעם כישוף פון די צוויי ווערטער. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף פעדערס אַקסל און צו אים אַריינגעפּליסטערט:

— אָלרייט! אָלרייט! מ׳וועט זען, מען וועט שוין זען!..

בערג האָט זיך פונדעסטוועגן געשעמט פאַר די טוער אַפילו מיט זיין האַלב־מויליקן צוזאָג. מער פון אַלע האָבן פאַראיבל געהאַט אויף אים די צווייגס, בר־סלהס פריינד. אַניוטאַ צווייג איז געווען אויסער זיך פון דער גאַנצער געשעעניש:

— זעקס יאָר האָט אַ לערער אָפּגעלערנט אין אַ שטאָט... און אַן אַ פאַרוואָס, אָן אַ פאַרוועָן... סדום! אמתער סדום!... — האָט זי נישט געפונען קיין שאַרפערן עפּיטעט.

דער פאַרדראָס ביי די טוער איז דעמאָלט געווען אין לשער, וואָרום בר־סלה איז נישט געווען סתם אַ לערער, נאָר אַ מומחה אין זיין פאַך. ער איז אויך געווען דער אָנפירער פונעם אָרטיקן

דראַמאַטישן פּאַראיין, און ווען ער האָט פּאָרגעלייענט למשל, אַ קאַ־פּיטל „טוביה" איז דער עולם געוואָרן, ווי דער פּראַנצויז זאָגט, „בלויז אויערן". דערצו איז בר־סלע געווען אַ פּאַרנעמענער מאַנסביל, אמת, דיסקרעט און קאַרג אויפן וואָרט, אָבער ערנסט און פּאַר־אַנטוואָרטלעך.

ווען דער דירעקטאָר פון דער מיטלשול, שלום שטיין, אַ מענטש מיט הויכן וויסן, אַן ערודיט מיט אַן איידל־געלייטערט געשטאַלט פון אַ תלמיד־חכם. האָט פּלוצים, אין מיטן העלן טאָג, פאַרלוירן זיין לעבן אונטער די רעדער פון אַן אויטאָמאָביל, זענען אַלע מסכים געווען, הן די לערערשאַפט, הן די מיטל־שול קאָמיסיע, אַז בר־סלה דאַרף פאַרנעמען דעם ליידיק־געוואָרענעם שטול...

אָבער ס׳איז צו דעם נישט געקומען. מען האָט זיך געוווּנדערט, מ׳האָט געשטעלט פּראַגן, נאָר קיינער האָט נישט געקענט געבן קיין געהעריקן ענטפער.

צווישן די לערערס האָט זיך געפונען אַ פּנים־חדשות, ערשט אַ יאָר אין שטאָט, מיטן נאָמען צבי פייגין. ער איז געווען פון מיטעלן וווּקס, מיט ווייכע, געקרייזלטע האָר ביזן נאַקן, מיט קליינע, אומהיימלעכע אייגעלעך, וועלכע האָבן געקאָנט ווערן, ווען מ׳האָט געדאַרפט, צוגעלאָזן, פריינדלעך און אַפילו הכנעהדיק. ער האָט גערעדט מיט אַ פאַרדומפּט קולכל און געטרייסלט בעת־מעשה מיט אַ האַנט, ווי ער וואָלט געליטן פון עפּעס אַ רגילות...

פייגין האָט זיך גיך אָריענטירט אין דער שול־אַרבעט, זיך געמאַכט פריינד צווישן די שליסל־מענטשן פון דער באַוועגונג, געדונגען אַ דירה אויף אַ פאָרנעמער גאַס און אַראָפּגעבראַכט די פאַמיליע. אומבאַמערקט איז זיין הויז געוואָרן אַ זאַמל־פּונקט, ווו מ׳האָט פּראָיעקטירט מיט אונטערנעמונגען, געטריבן שול־פּאָליטיק. די באַלעבאָסטע האָט אויפגענומען איר מאַנס ידידים מיט אַ ברייטער האַנט, דערציילט פאַר די ווייבער די חכמות פון אירע צוויי זינדלעך, און בכלל אָנגעשלאָגן אַ טאָן, גלייך זי וואָלט זיי שוין געקאָנט אַ שלל מיט יאָרן...

נישט־ווילנדיק האָבן די אָנפירער פאַרגליכן פייגינען מיט די אַנדערע לערערס, וועמעס שוועל זיי זענען קיינמאָל נישט, צי זעלטן, איבערגעטראָטן. זיי האָבן זיך פּלוצים דערמאָנט, טאָקע ביי פייגינס טיש, אין לערערישע הטאים, וועלכע האָבן איצט, אונטער די בייע

פאַרהעלטענישן, אויסגעזען מוראדיק ערנסט. און ווען דאָס אומ־גליק האָט געטראָפן מיט שלום שטיינען, איז פּייגין זיכער געווען, אַז די דירעקטאָר־שטעלע וועט אים אַריינפּאַלן אין די הענט, ווי אַן אָפּגעשיילט עפּעלע. דער קאָנטראַסט אָבער צווישן די צוויי קאַנדידאַטן איז געווען צו גרויס, אַז אַפילו זיינע בעסטע פריינד האָבן עס געמוזט באַמערקן, האָט זיך דער דערמאָנטער בר־נש שטיל צוריקגעצויגן...

נאָר מיט אַמאָל האָט אָנגעהויבן צירקולירן אַ מעשה־נורא, אַז דער געאַכטעטער דירעקטאָר איז, אמת, אומגעקומען אין אַן עקסי־דענס, אָבער זיין צעטראָגנקייט ביים אַריבערגיין די גאַס איז געווען אַ פּועל־יוצא פון אַ סכסוך, וואָס ער האָט געהאַט מיט עטלעכע מינוט פריער מיטן לערער, בר־סלה. ממילא איז דערפון געדרונגען, אַז דער לעצטער איז אומדירעקט שולדיק, רחמנא לצלן, אין יענ־נעמס טויט...

אָט די מעשה, ווי אומגלויבלעך זי זאָל נישט קלינגען, האָט געפונען אויערן, איז דערגאַנגען ווו מען דאַרף, און ווי דער שטייגער איז, האָט מען פון מויל־צו־מויל עפּעס צוגעלייגט. און ס'האָט זיך געשאַפן דער איינדרוק, אַז דער כלומרשט שטילער בר־סלה האָט די גאַנצע צייט געטשאַטעוועט אויף דער דירעקטאָר־שטול... און ווער ס'האָט פאַרשפּרייט דעם בלבול — האָט מען נישט גע־קענט דערגיין...

דער סוף איז געווען, אַז מ'האָט בר־סלהן אויך ענג געמאַכט אין דער עלעמענטאַר־שול. האָבן די לאָקאַלע טוער, וועלכע זענען געווען שטאַרק צוגעבונדן צו זייער לערער און נישט געגלויבט אין די שטותים, באַשלאָסן זיך צו דערקלערן אומאָפּהענגיק פון דער „צענטראַלע", און אָנפירן די שול מיט אייגענע מיטלען און אויף אייגענער אחריות. און ווען אויך דער פּלאַן האָט זיך נישט איינ־געגעבן, האָט בר־סלה פאַרלאָזט די שטאָט, און די גאַנצע פאַרוואַל־טונג האָט רעזיגנירט.

איז די „צענטראַלע" געווען געצוווּנגען צונויפצושטעלן אַ קאָ־מיטעט פון צופעליקע מענטשן מיטן איינגעבעטענעם בערג בראש. און פון דער אייגענער מיט האָט מען צוגעשיקט צוויי „משגיחים", זיי זאָלן, הייסט עס, זען, אַז אַלץ זאָל צוגיין בסדר...

אָט אין אַזאַ צושטאַנד האָט אליעזר גריוונוואַלד געפונען "זיין"

שול, און אין אַזאַ סביבה האָט ער עס געדאַרפט אַרבעטן. ער האָט, קודם כּל, געוואָלט צוריק געווינען די פריערדיקע טוער, אַקטיוויזירן די איצטיקע און וואָס גיכער פּטור ווערן פון די משגיחים. און ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן אָן סופיקע קאָנפערענצן מיט דער לאָקאַלער און צענטראַלער פאַרוואַלטונג, מיט דער פּעדאַגאָגישער קאָמיסיע, מיטן לערער־ראַט...

אין יענע שווערע טעג פון זאָרג און אַרבעט צעקלינגט זיך דער טעלעפאָן און דעם לערער איז אויף דער רגע שווער צו כאַפּן, ווער עס רעדט.

— איר האָט שוין פאַרגעסן? — דאָס קול איז לאַשטשענדיק־ווייך און אָנגענעם.

— אָ, מרס. סאַפּיר!

— איך האָב באַשלאָסן צו שיקן סעלמאַן אין שול.

גרינוואַלד איז פאַרוואונדערט, אַפילו איבערראַשט. אויך די מרס. סאַפּיר איז בר־סלהס אַ פאַרערערין. הייסט עס, אַז זיין טרחה איז נישט געווען אומזיסט. ער באַהערשט זיך און פרעגט געלאַסן:

— ווען קומט זי?

— זי וועט נאָך היינט זיין אין שול.

דריי דרייסיק אַזייגער, איז אַריין אין קלאַס־צימער אַ זיבן־יאָריק מיידעלע מיט גרויס ענלעכקייט אויף דער יונגער פרוי. הגם גרינוואַלד איז געווען פאַרטאָן אין לערנען, האָט זיך אים נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דעם קינד און איר מוטער, מיט וועלכער ער האָט זיך צופעליק באַקאָנט, און אַ מאָדנע, נאָגנדיקע בענקשאַפט האָט אים אַרומגעכאַפּט. ס׳האָט אויפגעטויכט פאַר אים די באַגעגעניש ביז די קלענסטע פּרטים, און אים געהאַלטן וואָך די גאַנצע צייט...

אין אַ ווינטער־אָוונט

אליעזר גרינוואַלד וועט אַלע מאָל געדענקען די ערשטע באַ־געגעניש מיט יהודית סאַפּיר. ער וועט געדענקען מיט זעלטענער קלאָרקייט דאָס הויז, די מענטשן, די רייד און באַזונדערס יענעם אומפאַרשטענדלעך פּיינלעכן געפיל, וואָס האָט אים דעמאָלט אַרומ־גענומען.

ס׳איז געווען אין אַ זונטיק אין מיטן יאַנואַר. אַ גאַנצן טאָג איז געפאַלן אַ נאַס־קלעפּיקער שניי. דער ווינט איז זיך אַלע ווײַלע פאַרגאַנגען אין אַ דין־צעצויגענעם, וואָרענעדיקן וואָיען, ווי סטאַדעס הונגעריקע וועלף וואָלטן באַפאַלן די שטאָט. און נאָך אָפּטער, האָט זיך געדאַכט, אַז עסקאַדראָנען פּײַנטלעכע עראָפּלאַנען רײַסן זיך דורך די שוץ־ליניעס און טראָגן זיך ממש איבער די דעכער, איבער די גאַסן...

ווינציק קינדער זענען יענעם אין דער פרי געקומען אין שול. דער לערער האָט אומגעשפּאַנט נערוועז איבערן קלאַס־צימער. זײַנע אומרואיקע בליקן האָבן זיך געגליטשט איבערן קליינוואַרג, און ווען ער האָט באַמערקט ביי די מיידלעך אַן ענלעכקייט צו זיין טעכטערל האָט אים דער אומעט און בענקעניש נאָך שטאַרקער צוגעדריקט...

נאָכן לערנען איז ער אַריין אין אַ דערבייאיקן רעסטאָראַן מיט אַ פּאַק צייטונגען. די גרויסע „קעפּ״ האָבן געמאָלדן וועגן דייטשע נצחונות, וועגן חרובע שטעט, וועגן צעשטערטע יידישע קהילות, וועגן קאָנצענטראַציע־לאַגערן. דער אַלגעמיינער אומגליק האָט אויף אַ צייט פאַררוקט דעם אייגענעם צער. ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, — אַז ס׳פאַרשווינדן גרענעצן, אָקעאַנען. די וועלט ווערט איינגעשרומפּן, ענג, אַזש ס׳פעלט אויס לופט צום אָטעמען. ער האָט איילִיק אָפּ־געגעסן, און האָט זיך, דורך ווינט און שניי, געמאַכט אַ וועג צום

האָטעל, ווו ער איז איינגעשטאַנען זייט זיין אָנקום אין דער נייער שטאָט.

דאָס האָטעל־צימערל — געציילטע שפּאַן די גרויס, מיט אַן איינציקן פענצטער, אין וועלכן ס׳האָט אַריינגעקוקט אַ עלנט־פּאַר־שניטענער בוים, איז געווען פאַר גרינוואַלדן אַ מקום־מקלט, ווו ער האָט געקאָנט ביי אַ בוך זיך אַ ביסל פאַרגעסן. ערגער איז געווען אין די נעכט. ס׳פלעגן דעמאָלט אויפטויכן פאַר אים פאַרגאַנגענע געשעענישן, ס׳רוב שמערצלעכע און יסורימדיקע. ווערטער געזאָג־טע און געהערטע זענען צוריקגעקומען ווי בייזע שליחים, געמאָנט, געפאָדערט. ער איז געלעגן אַ וואַכער און געזען אין פינצטערן חלל קינדערשע הענטלעך זיך ציען צו אים...

ווען דער לערער איז ענדלעך, אַ דורכגעפרוירענער, אַריין צו זיך אין צימערל, איז שוין געווען טונקל. דער פריער בין־השמשות האָט אַרויסגערופן ביי אים אַ געפיל, ווי ער וואָלט פלוצים פאַרוואָגלט געוואָרן נישט אין אַן אַנדער שטאָט, נייערט אין אַ פרעמד לאַנד, ווו קיינער ווייסט נישט פון זיין געביין. נאָר מיטאַמאָל האָט זיך, צו זיין חידוש, דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר און באַלד האָט זיך באַוויזן זיין קאָלעגע, מרגליות.

— וואָס טוט איר דאָ אַליין אין דעם קאַרצער? — האָט ער גערעדט מיט שטיקלעך געלעכטער. — צינדט כאָטש אָן דאָס ליכט, וועלן מיר זיך קאָנען אָנקוקן.

— אָ, מרגליות! — האָט זיך גרינוואַלד באמת דערפרייט מיט אים. ער האָט ליכטיק געמאַכט. — זעצט זיך צו. ווי רופט מען עס נישט אָפּ פריער, אַז מען קומט?

— איך בין אַריין בלויז אויף אַ רגע, — איז יענער געבליבן שטיין. — אונטן וואַרט אויף אונדז אַן אויטאָ. מיר פאָרן צו די רובינס. איר ווילט מיטפאָרן?

— צו די רובינס? — האָט דער לערער נישט אַרויסגעוויזן קיין גרויס באַגייסטערונג. ער האָט זיך באַקאַנט מיט די מענטשן טאָקע ביי זיין חבר אין הויז. קלאַראַ רובין איז געווען אַן אינוואַ־לידין, זי האָט זיך קוים אומגעשלעפּט אויף אירע דינע, וואַקלדיקע פיס. ביים טרעפן זיך האָט זי אַלעמען געשטופּט די ציטערדיקע האַנט מיט די שאַרף־געפאַרבטע נעגל און געהאַלטן אין איין פלוי־דערן. ס׳איז געווען אָפט פריקרע און דערווידער. דאָך האָבן אירע

לאַנג־יאָריקע פריינד זי באַגעגנט מיט אַ שמייכל און אַפילו מיט ליבשאַפט...

אין יענעם שווערן געמיט־צושטאַנד, אין וועלכן גרינוואַלד האָט זיך געפונען, וואָלט דער באַזוך געווען פאַר אים אַן אמתע אָפּקומע־ניש.

— צו די רובינס? — האָט ער איבערגעחזרט, און באַטראַכט מיט אַ קרומען שמייכל זיין גאַסט.

— זי האָט באַפוילן אייך צו ברענגען! — האָט מרגליות גע־מאַכט אַן ערנסטע מינע. איבעריקנס, וועלן דאָרטן זיין אַנדערע מענטשן אויך. קומט!

גרינוואַלד האָט געוואָרפן אַ לאַנגן בליק אויפן פאַרשנייטן בוים, ווי ער וואָלט זיך מיט אים מישב־געווען, און האָט אַן חשק פאַרמאַכט אונטער זיך די טיר.

ביי די רובינס זענען געווען אַ סך געסט. מ׳האָט עס שוין געקאָנט דערקאָנען פון די הויפנס מאַנטלען, היט און קאַלאָשן אין אַריינגאַנג. פון די אינעווייניקסטע חדרים איז געקומען אַ פריילע־כער געפילדער. דער לערער האָט זיך באַגריסט מיט די באַלעבאַטים, מיט די שוין דעראָמאַנטע צווייגס, מיט אַ פאָר אַנדערע באַקאַנטע, און האָט זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל.

מרגליות איז צוגעגאַנגען צו צוויי עלטערע מיידלעך. אייגע אַ דינע, אַ הויכלעכע, מיט רויק־שטילע באַוועגונגען און געצאַמטע רייד. די חברטע, ווי עס טרעפט — גראָד אַ קליינינקע, אַ פולע מיט אַן אָפן פנים און זעלטן שיינע אויגן.

— מיין נאָמען איז מרגליות, בין אַ יידישער לערער און בין פאַרהייראַט — האָט ער גוט־ברודעריש דערלאַנגט זיין גרויסע, ברייטע האַנט — און דאָס איז מיין פרוי, בתיה!

הגם בתיה איז שוין געווען געוווינט צו איר מאַנס תמימותדי־קער אָפנהאַרציקייט, האָט זי פונדעסטוועגן אַפּאָלאָגעטיש באַמערקט:

— פאַרגיט אים! ער האָט פאַר אייך גלייך געעפנט זיין גאַנצן באַגאַזש.

— איך האָב נישט וואָס צו באַהאַלטן! — האָט מרגליות פאַר־זיכערט. — אָבער אָט יענער — האָט ער אָנגעוויזן אויף גרינוואַלדן אין ווינקל — איז פול מיט סודות...

דער ווירט, חיים רובין, האָט אומגעטראָגן אַ גרויסע טאַץ מיט

נאַשערייען און מכבד געווען, ווי ס׳פּירט זיך, די געסט. ער איז געווען אַ ברייט־פּלייציקער מאַנסביל, מיט אַ מגושמדיקן קאָפּ גע־דיכטע האָר. ער האָט שטאַרק אויסגענומען ביים ווייבלעכן מין. און ממילא פלעגט ער זיך אָפּט פאַרפלאָנטערן אין אַפּערעס. קלאַראַ האָט געליטן און געשוויגן, ווי זי וואָלט פון אירע ליידן געהאַט אַן עקזאַלטירטע הנאה. ביז איינמאָל האָט ער זי געפונען ליגן אויפן דיל, וואַרפנדיק זיך אין קאָנווולסיעס, און שטיקלעך פּינע האָבן זיך געבלעזלט אין אירע מויל־ווינקלען... פון דעמאָלט אָן איז רובין איר געוואָרן איבערטריבן־געטריי. ער איז נישט אָפּגעטראָטן פון איר. זי באַדינט און איר אין אַלץ נאָכגעגעבן...

פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ באַקאַנט ציגיינער־לידל. די זינ־גערין האָט געהאַלטן דעם קאָפּ פאַרריסן אויפן ווענטל פון שטול. איר קול האָט זיך געטראָגן אויפגערעגט, אומגעצוימט. מרס. רובין האָט זיך צוגעשאַרט צו איר און אַרויפגעלייגט אַ ציטערדיקע האַנט אויף איר אַקסל:

— בעטי קופּער, „יו אַר וואָנדערפול; יו אַר מאַגניפיסענט!" — און באַלד זיך גענומען ציען צו איינער פון די מיידלעך: — נאַראַ, טאַנץ אַ ביסל פאַר אונדז, ווילסטו?

די קליינינקע האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות. זי האָט זיך אומגלויבלעך גרינג אויפגעהויבן פון אָרט און אַ שוועב געטאָן איבערן דיל. און גלייכצייטיק איז דאָס ציגיינער־לידל געווען איבער־געטראָגן אין באַוועגונג, אין ריטם, אין מימיק. יעדער בייג פון קערפּער, יעדער ריר פון האַנט און פינגער האָבן אַקצענטירט און אויסגעטייטשט וואָרט און קלאַנג...

געענדיקט דאָס לידל האָט בעטי קופּער געוואָלט אָנהייבן אַן אַנדער, גלייך הרטה געהאַט, און זיך געווענדעט צו אַ יונגער פרוי, וועלכע איז געזעסן די גאַנצע צייט אַ פאַרטראַכטע ביי איר זייט:

— דזשודי, מעגסט אויך עפּעס זינגען, ס׳וועט דיר גאָרנישט שאַטן.

די יונגע פרוי האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, ווי מ׳וואָלט זי מיט גע־וואַלד אַרויסגעריסן פון אירע געדאַנקען. זי האָט זיך שולדיק אַרומגע־קוקט און באַמערקנדיק אַזוי פיל בליקן אין איר זייט, האָט זי זיך פאַר־

רויטלט, ווי אַ שול־מיידל, און דאָס קליינע מויל האָט נישט געקענט אַרויסברענגען אַ וואָרט.

— נו, הייב אָן! — האָט מרס. קופּער נישט אָפּגעלאָזט.

— אויב אַלע וועלן מיטזינגען — האָט זי ענדלעך נאָכגעגעבן.

גרינוואַלד האָט זי באַטראַכט מיט מאָדנע אויפגעלויכטענע אויגן, גלייך מען דערזעעט פּלוצים אַן אומגעוויינלעך־זעלטענע דערשיינונג. אַ שטילע פרייד איז אויפגעגאַנגען אין אים, און האָט זיך בהדרגהדיק גענומען לעשן און איבערגיין אין אַ דריקנדיקן אומעט...

קעגן איר איז געזעסן, ווי ער האָט זיך שפּעטער דערוווּסט, איר מאַן. ער איז געזעסן קאָנצענטרירט אין זיך, קיינעם נישט געזען, מיט קיינעם נישט גערעדט, אַ שווייגנדיקער, אַ פאַרשלאָסענער בודאַי! און ווען עמיצער האָט זיך פּאָרט געווענדעט צו אים, האָט ער לייטזעליק אַ שמייכל געטאָן און דערמיט יוצא־געווען.

גרינוואַלדן האָט פאַרדראָסן, וואָס ער האָט זיך גלאָזט איבעררעדן. ער איז געווען צערודערט, דענערווירט. די לידער, די רייד, די גאַנצע אַטמאָספערע, האָבן שווערער געמאַכט דאָס געמיט, געוועקט אומהיימלעכע זכרונות.

— איר זייט אַוודאי אַ נייער מענטש ביי אונדז אין שטאָט? — האָט ער מיטאַמאָל דערהערט לעבן זיך אַ ווייך, אָנגענעם קול.

דער לערער האָט געקוקט אומזיכער אויף יהודיתן און זיך געמיט נישט אַרויסצוווייזן, וואָס ס׳קומט פאָר אין אים. ער איז געווען דאַנקפול פאַר איר פריינדלעכקייט, און ווי אומגלויבלעך ס׳זאָל נישט זיין, אויך געהאַט עפּעס אַ פאַראיבל אויף איר...

דער יונגער פרוי איז, אַפּנים, געפעלן געוואָרן זיין פאַרלוירנקייט. זי האָט אומגעפירט אירע קורצזיכטיקע, גאָלדיק־ברוינע אויגן איבער אים, און נאָך אַמאָל געפרעגט:

— איר זייט נישט לאַנג ביי אונדז אין שטאָט, מר. גרינוואַלד?

— נישט לאַנג — האָט גרינוואַלד קוים אַרויסגעזאָגט, ווי אַ־מיצער וואָלט אים געדריקט ביים האַלדז. וואָס לענגער זי האָט גערעדט, אַלץ שווערער איז אים געווען גובר צו זיין דעם איינדרוק, אַז דאָס קומט טאַקע פאָר אויף דער וואָר. מרס. רובין האָט זיך דערנענטערט צו זיי.

— קומט צום טיש! — האָט זי מיט חשד באַטראַכט דאָס

פּאָרל. די צוויי האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון זייערע ערטער און זענען איר נאָכגעגאַנגען אומוויליק אין עס־צימער.

דעם לערער איז אויסגעקומען צו זיצן צווישן די סאַפּירס, יהודית האָט אָפּגעשיילט אַן עפּל און דערלאַנגט איר מאַן. דאָס האָט אים געדאַרפט קאָמפּענסירן פאַר שמועסן אַזוי לאַנג מיט אַ פרעמדן מאַנסביל. די געסט זענען געווען פאַרטאָן אין דער אכילה און האָבן ס׳רוב געשוויגן. מרגליות, וואָס האָט קוים עפּעס פאַרזוכט, האָט נישט געוואָלט שווייגן.

— מיט וואָס וועט איר דערקלערן דעם פענאָמען — האָט ער גראָד אויסגעקליבן צו פרעגן דעם אויף זיבן־שלעסער פאַרשלאָסע־נעם סאַפּירן — וואָס אַזאַ קולטור־פאָלק, ווי די דייטשן, זאָלן זיך לאָזן פירן פון אַ...

— „קולטור־פאָלק״? — האָט אים צווייג איבערגעשלאָגן מיט חוזק. — וואָלט עס טאַקע געווען אַזוי — האָט ער נאָכגעזאָגט באַקאַנטע רייד, — וואָלט ער אַרויסגעגעבן אַ היטלערן?

מרגליות האָט נישט אָפּגעלאָזט:

— ווי מיינט איר, מר. סאַפּיר, אפשר זאָל מען היטלערס דער־פאָלג ביי די דייטשן צושרייבן צו זיין כוח הדיבור? — האָט דער לערער געהאַט דערביי אַזאַ מינע, ווי ס׳גייט אים ממש אין לעבן צו הערן יענעמס מיינונג.

— די אורזאַכן פון זיין דערפאָלג ליגן אין עקאָנאָמיש־פּאָלי־טישע אומשטענדן. — האָט זיך אָנגערופן קופער. — ווען מען וואָלט דעם דייטש נישט צוגעדריקט פון אַלע זייטן, וואָלט אפשר קיין היטלער נישט געווען.

— ס׳איז נעבעך אַ גרויס רחמנות אויפן דייטש! — האָט אַניוטאַ צווייג זיך אַריינגעמישט.

— אויב רעדנער־טאַלאַנט זאָל וויז־ער זיין אַ גרויסער פאַק־טאָר — האָט מרגליות געזען פאַר זיך בלויז סאַפּירן — איז דאָך משה, להבדיל אלף הבדלות, געווען, כידוע, אַ כבד־פּה...

סאַפּיר, וואָס צו אים זענען אַלע דריי מאָל געווען געווענדעט די פראַגן, האָט איצט באַשלאָסן צו ענטפערן. אָבער צוערשט האָט ער געגעבן אַ גאָב קופערן פאַר זיין גאַנצן עקאָנאָמיש־פּאָליטישן „נאָנסענס״, און דערנאָך זיך אַריינגעלאָזט אין אַ שווערן, אומקלאָרן פּלפּול וועגן שטראָף, וואָס מוז קומען פעריאָדיש. און ס׳מאַכט נישט

אויס פון וועמענס האַנט עס קומט, נישט די האַנט איז די שטראָ־פערין! — האָט ער געשוימט און ישיבה־בחוריש זשעסטיקולירט, הגם ער האָט גערעדט ענגליש. און אונטער אָט די רייד האָט זיך געשפּילט אַ דרך־ארץ פֿאַר אויטאָריטעט, פֿאַר כאַראַקטער־פעסטקייט, ווער דער בעל־דבר זאָל נישט זיין. דער קוריאָז איז געווען, וואָס איינמאָל אָנגעהויבן, האָט ער שוין מער קיינעם נישט געלאָזט אַ וואָרט אויסרעדן. די זייטיקע האָבן זיך געוווּנדערט, געקנייטשט מיט די אַקסלען. מרגליות האָט זיינס דערגרייכט! ער האָט אָנגע־שפּאַרט זיין קין אויף דער האַנט־פלאַך, געקוקט יענעם גלייך אין מויל אַריין, און געוואַרט יענער זאָל אויפהערן.

אָבער סאַפּיר האָט נישט אויפגעהערט...

ביים געזעגענען זיך האָט מרס. סאַפּיר געזאָגט צו גרינוואַלדן:

— דאָ האָט איר מיין טעלעפאָן־נומער. רופט מיך אָפּ ווען איר האָט צייט...

אונטן אין גאַס, האָט ער זי דערזען אין דער האַלב־טונקלקייט. ער האָט איר אָנגעוויזן אויפן שניי און אומעטיק אַ זאָג געטאָן:

— איך וואָלט אייך איצט געפירט אויף אַ שליטעלע אַהיים...

זי האָט געקוקט אויף אים, געשוויגן און געשמייכלט...

אין גאָמפּערס פּאַרק

אויף מאָרגן האָט מרס. סאַפּיר אַליין געבראַכט סעלמאַן אין דער יידישער שול. ס׳איז געווען אַ האַלבע שעה פאַרן לערנען. די יונגע פרוי האָט געהאַלפן איר זיבן־יאָריק טעכטערל אַרויסקריכן פונעם אויבערמאַנטעלע, פון די קאַלאָשן, און בעת מעשה זיך נאָכגעפרעגט ביים לערער:

— נו, ווי האָט זיך עפּעס געהאַלטן אייער נייע שילערין דעם ערשטן טאָג?

— אויסגעצייכנט! — איז גרינוואַלד געווען שטאַרק איבער־ראַשט און גערירט פון איר פלוצימדיקן וויזיט. ער האָט אויפסניי באַמערקט די שאַרפע ענלעכקייט פונעם קינד אויף דער מוטער, הגם דער קליינער האָט געפעלט איר ווייכער, לאַשטשענדיקער בליק און נאַטירלעכע צוגעלאָזנקייט.

— איר האָט זיך שוין אַ ביסל איינגעאָרדנט, מר. גרינוואַלד? — האָט זי זיך ווייטער נאָכגעפרעגט.

— יאָ, אַ ביסל. — האָט דער לערער געקוקט מיט אומרו אויף דער טיר, פון וואַנען ס׳קליינוואַרג האָט געדאַרפט אָנקומען.

— און וואָס טוט איר מיט זיך ביזן לערנען? — איז זי געווען ביי־געריק.

— ס׳איז דאָ אַ סך וואָס צו טאָן. — האָט דאָס קול ביי אים לייכט אַ ציטער געטאָן. — מען לייענט, מען שרייבט, מען טעלע־פאָנירט...

— צו וועמען דאַרף מען עס אַזוי פיל טעלעפאָנירן? — הייבט זי אויף אים אירע קינדיש־קורצזיכטיקע אויגן.

— צו פאַרוואַלטער, צו עלטערן, צו קינדער. — שמייכלט ער צעטראָגן.

— און שפּאַצירן ווען גייט איר?

— אַליין — כאַפּט זיך אַרויס ביי אים — איז עפּעס נישטאָ קיין חשק...

— כ'וועל מאָרגן זיין איינס בייטאָג אין גאַמפּערס פּאַרק, ביים בריקל — זאָגט זי אויף יידיש און גיט אים די האַנט. סעלמאַ וואַרפט אַ שפּיציקן קוק אויף דער מוטער און קערט זיך אָפּ אין אַ זייט.

גרינוואַלד קען לאַנג צו זיך לאַנג נישט קומען. אַן אומגעריכטע פרייד נעמט אים אַרום. ער מערקט נישט ווי די צייט רוקט זיך, ווי קלאַסן ענדיקן זיך. אים דאַכט זיך, די קינדער זענען היינט געווען רואיקער, פּאַראינטערעסירטער. ער טראַכט איצט מיט אַ געהויבע־נעם געמיט, אַז ער וועט מאָרגן פּאַרלייגן פּלענער פאַר דער פאַר־וואַלטונג, ווי צו פאַרגרעסערן די שול, ווי אויפצוהייטערן דעם על־טערן־פאַריין, דעם „לייען־קרייז". אָבער שפּעטער, אין די ד' אמות פון זיין צימערל לעשט זיך זיין התלהבות און ס'באַפאַלן אים ספקות, הן בנוגע דעם אויסגאַנג פון דער מאָרגנדיקער זיצונג, און נאָך מער וועגן די כוונות פון אָט דער פאַרנעמער פרוי. ער, איז ער זיך מודה, איז צו מיד, צו עמאָציאָנעל צעטרייסלט פון די שווערע איבערלעבונגען אין די לעצטע יאָרן, ער זאָל זיך לאָזן אַריינציען אין אַפּערעס פון דעם מין... און כדי זיך צו באַרואיקן שרייבט ער אַן אַ לאַנגן בריוו צו לאהלען, און ער דערציילט איר פון זיין בענק־שאַפט צו איר און פון שווערער אַרבעט אין דער נייער שטאָט. און בעתן שרייבן מיניען זיך פאַר אים די ליבלעכע געשטאַלטן פון זיין טעכטערל און פון דער מרס. סאַפּיר...

אין דער פרי שיינט די זון. דער הימל איז אומגלויבלעך־בלוי. עס הערט זיך אַ צוויטשערן פון פייגל. גרינוואַלד איילט אַוועק אין שול. אין אַ שעה אַרום וועט ער האָבן אַ שמועס מיט דער חברטע מיינעס. זי איז פון די פריערדיקע הויפּט־טוערינס. געווינט ער זי, וועט אויך איר מאַן מיטאַרבעטן.

דערווייל קוקט ער איבער פּאַפּירן פונעם עלטערן קלאַס. ס'איז אַ טעסט אין יידישער געשיכטע. דאָ און דאָרטן וואַרפן זיך דורך גוטע ענטפערס — אמת, די שפּראַך איז ס'רוב אומבאַהאָלפן. ווען די עלטערן וואָלטן נאָר קאָאָפּערירט אַ ביסל, טראַכט דער לערער מיט צער, וואָלט מען געקאָנט, אַפילו אונטער די היגע אומשטענדן, אויפטאָן מער, אַ סך מער...

מרס. מיינעס עפנט ענדלעך די טיר. זי איז נאָך אַ יונגער

מענטש. איר פּנים האָט אויף זיך מער רוזש ווי ס׳איז אָנגענומען. זי האָט אַ פֿאַרשייטן קוק און מ׳קאָן נישט זאָגן, אַז ער נערט זיך אויף צופֿיל חכמה. זי טוט פֿאַמעלעך אויס דעם פֿוטערנעם מאַנטל און לאָזט זיך אַריין אין לאַנגע דיבורים וועגן וועטער.

— הערט, חברטע מיינעס! — גייט צו דער לערער דירעקט צום ענין: — אייער אַוועקשטיין פֿון דער שול ברענגט שאָדן. איך ווייס, איר און אַנדערע טוער זענען פֿאַרביטערט, וואָס בר־סלה האָט געמוזט צוליב אַ בלבול, פֿאַרלאָזן די שול. אָבער ער איז דאָך באַזאָרגט מיט אַן אַנדער שטעלע. בלייבט דער חוב אויף אייך, זיינע פֿריינד, אויפֿצודעקן דעם בלבול־מאַכער. און דאָס קאָנט איר בעסער דערגרייכן, זייענדיק אינעווייניק ביי דער אַרבעט. — גיט ער איר צו פֿאַרשטיין.

נאָך אַ האַלבער שעה פֿון טענהן, נעמען זיך ביי דער חברטע מיינעס קלעפּן די אויגן. זי פֿאַרענטפֿערט זיך, זי איז די לעצטע נאַכט געקומען שפּעט אַהיים פֿון אַ וויכטיקן מיטינג. איבעריקנס איז זי און איר מאַן יעדן אָוונט פֿאַרנומען. זיי זענען פּאַרטיי־מענטשן. אַמאָל איז אין דער געגנט געווען אַ שול פֿון זייער ריכטונג, האָט זיך טאַקע געשמאַק געאַרבעט. אין מאַן האַלט אָבער, אַז מען האָט נישט קיין אייגענע, מעג מען, דאָס הייסט, האָט מען געמעגט, פֿאַר־כאַפּט זי זיך, זיין טוער אין דער „מענדעלע שול״.

— איר האָט אַ קלוגן מאַן! — איז גרינוואַלד שוין מיד פֿון די איבעריקע רייד. — איז וואָס בלייבט? — און ער טוט אַ קוק אויפֿן זייגער.

— מיר וועלן זען!

— אייער יינגל האָט געלערנט ביי אונדז — שטעלט איין דער לערער און פֿרעגט: — אפשר זאָל ער...

— מיר וועלן זען! — זאָגט זי ווידער בלשון רבים און נעמט זיך פֿאַרן מאַנטל.

גרינוואַלד טרעפֿט דער מרס. סאַפּיר ביים בריקל. ס׳איז פּונקט איינס. אַ שוואַרץ־זיידן טיכל באַדעקט אירע ווייכע, טונקעלע האָר. דער קאַראַקול־קאָלנער פֿונעם שוואַרצן מאַנטל גרייכט איר כמעט ביזן קין. אין צווישן קאָלנער און טיכל לויכט אַרויס, ווי אַ שאַרפֿער קאָנטראַסט, איר לענגלעך איידל געזיכט מיט די גאָלדיק־ברוינע אויגן. פֿון איר גאַנצן מהות ווייעט מיט סוד, מיט אָריענטאַלישער

עקזאָטיק. אַזאַ פרוי זעט מען אַמאָל אויף בילדער ביי די קלאַסי־קער, אָבער אין לעבן? ס'באַהערשט אים ווידער אַ געפיל פון אומ־וואָר, פון חלום. זיי גייען פּאַמעלעך און שווייגן, נאָר דאָס שווייגן איז פול מיט גערייד. אָפּט וואַרפן זיי זיך דורך מיט אַ בליק, מיט אַ שמייכל, וויביידע וואָלטן שוין לאַנג געוואָרט אויף אַזאַ באַ־געגעניש...

דער שמאָלער טייך, וואָס צעטיילט דעם פּאַרק, איז איצט פאַר־פרוירן. דאָס אייז שימערירט אין דער זון. ס'איז שטיל, אַן אויסנעמ־לעכע ווינטערדיקע שטילקייט. זיי שניידן דורך פאַרוואָרפענע אַלייען און געפינען זיך אַ באַנק.

— ווי איך זע, זייט איר דאָ היימיש אין פּאַרק.

— איך שפּאַציר דאָ אָפט — זאָגט זי פאַרטראַכט — דער שטראָם איז ערשט מיט אַ וואָך צוריק איינגעפרוירן. אין דער פרי איז ער נאָך געווען באַוועגלעך, און מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער — פאַרטרויט זי אים, ווי ס'וואָלט געווען אַ גרויסער וווּנדער — האָט אים אימיצער אָפּגעשטעלט. וואָס האַלט איר אין האַנט, מר. גרינ־וואַלד?

— אָ, אַ זשורנאַל! איך האָב אייך געוואָלט איבערלייענען אַ פּאָר לידער מיינע. ס'איז מאָדנע, מאַכט ער, גלייך ער וואָלט זיך ערשט אויף דעם געכאַפּט, — איך האָב קיינמאָל נישט געשריבן קיין לידער, און דאָ ביי אייך אין שטאָט...

— נו, אַמאָל טרעפן געשעענישן אין דער וועלט, צי אין פּערזענלעכן לעבן — גלעט זי אים מיט איר בליק — פאַר וועלכע דאָס ליד איז אפשר די פּאַסיקסטע פאָרם. לייענט!

ער לייענט. ער לעבט איבער אויפסניי דעם גרויל ווי בעת ער האָט זיי געשריבן. ער זעט פאַר זיך עדהס יידן זיך אומטראָגן אויף נאָמענלאָזע שיפן איבער די צעשטורעמטע ימים. די ברעגן זענען פאַרהוילן. מען הערט בלויז דאָס נאָכאַנאַנדיקע רופן פון די סירענעס אין דער נאַכט, אַ רופן צו אַ טויב־געוואָרענער, צו אַ האַרץ־פאַרשטיינערטער וועלט... ער לייענט... זיין פּנים איז בלאַס, דאָס קול ציטערט. פון יעדער שורה הויכט מיט רעזיגנאַציע און צאָרן, מיט יאוש און קלאָג אויפן אומקום פון פאָלק...

עס גייען אַוועק עטלעכע מינוט אין שווייגן. ער איז אויסגע־שעפּט און בייז אויף זיך, וואָס ער האָט באַשווערט איר געמיט,

און ווען? ביי דער ערשטער באַגעגעניש אויג אויף אויג. ער זאָגט שטיל:

— זייט מיר מוחל, אויב...

זי לייגט אַוועק אַ פינגער אויף זײַנע ליפּן און שמייכלט צו אים דורך טרערן.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז באַנייט געוואָרן דער „לייען־קרייז". צווישן די באַזוכער געפינען זיך די חברטע מיינעס און איר מאַן. מען קומט אָנגעשטרענגט אויפן נייעם לערער. מען באַטראַכט אים מיט נייגער. מען דערוואַרט נישט פיל פון אים. גרינוואַלד שפּירט עס. ער איז צערודערט. ער האָט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג די זיצונג זאָל זיך ענדיקן, און דאָ האָט זי זיך נאָך נישט אָנגעהויבן. דער פאָרזיצער, סאָל בערג, געפינט פאַר נייטיק נאָך אַמאָל איבערצו־געבן די געשעעניש מיט בר־סלהן, די סיבה פון זיין אַוועקגיין. הגם בערג איז אַ לאַנגיאָריקער שול־טוער רעדט ער אַ געמיש פון יידיש און ענגליש. ער כאַפּט זיך און פאַדערט פון זיך אַ ריינערן לשון. אָבער באַלד פאַרגעסט ער זיך און טוט ווידער ס'אייגענע ביז ער באַמערקט, אַז דער עולם ווערט אומגעדולדיק, שטעלט ער ענדלעך פאָר דעם נייעם לערער.

גרינוואַלד הייבט זיך אויף און קוקט זיך צעטראָגן אַרום. ס'איז שווער פאַר אַזאַ אוידיענץ צו רעדן. בר־סלה האָט ביי די מסיבות פאַרגעלייענט. אפשר ממשיך־זיין דעם איינפיר? ס'איז אים אָבער נישט צום האַרצן נאָכצוטאָן זיין קאָלעגע. דערצו האָט די פאַרוואַל־טונג באַשלאָסן, אַז מען דאַרף זיך אַ ביסל נעענטער באַקענען מיטן עבר, ד. ה. מיט דער יידישער געשיכטע. — ער פּרוווט אָנטשעפּען אויף אימיצן זיין בליק און — קען נישט...

פּלוצים עפנט זיך די טיר און ס'קומט אַריין מרס. סאַפּיר. קעפּ גיבן זיך ספּאָנטאַן אַ דריי אויס צו דער יונגער פרוי. כאָטש אין זאַל ברענען אַלע לאָמפּן, ווייזט זיך דעם לערער אויס, אַז ס'איז ליכטיקער געוואָרן. זי זעצט זיך אַוועק אין אַ זייט און קוקט האַלב־פאַרשעמט אַרויף צו דער פּלאַטפאָרמע.

גרינוואַלד גלייבט זיך קוים, אַז ער האָט זי ערשט מיט עט־לעכע שעה צוריק געזען, אַז ער זעט זי יעדן טאָג, אַז זיי באַזוכן ביינאַנד פּאַרקן, מוזעאומס, קאָנצערטן. יעדעס מאָל פאַרן טרעפן זי, האָט ער די שרעק, אַז זי וועט נישט קומען, און ביים באַגעגענען

זי, האָט ער דעם איינדרוק, אַז ס׳איז אַ חלום, אַן אויסדוכטעניש, און די פרייד איז שטענדיק באַגלייט פון זאָרג און יסורים.

ער רעדט איצט צו איר! זיינע ווערטער זענען איינפאַך און דאָך אַרויסגעזאָגט מיט שטילן, איינגעהאַלטענעם פּאַטאָס, ווי איינפאַך און פּאַטעטיש ס׳איז דער בראשית פון אונדזער פאָלק. ניין! ס׳איז נישט מער דער יאָרהונדערט פון הויכער טעכניק, פון טאַנקען, פון בליץ־קריג, פון אומגעלומפּערטע ראַסן־טעאָריעס און היטלעריזם. ניין! ס׳איז די צייט, ווען וועלט און מענטש זענען נאָך יונג געווען, ווען די ערד האָט יעדן טאָג אַנטפּלעקט נייע חידושים, ווען דער הימל איז פול געווען מיט ווונדער, און דער ייד האָט דורך די אויגן פון זיין שטאַם־פּאָטער, אברהם, דער ערשטער דערקאָנט — גאָט!...

ווען ער ענדיקט, הערשט אַ רגע אַ מערקווירדיקע שטילקייט, ווי די מסיבה וואָלט וועלן בעסער באַנעמען דעם תוכן פון זיינע רייד, און מיטאַמאָל דערהערן זיך אַפּלאָדיסמענטן לאַנגע, באַגייסטערטע...

דער פּאָרזיצער טוט צו אימיצן אַ ווונק, און עס ווערט טיי און אַ צובייס. מענטשן קומען צו צו גרינוואַלדן, דריקן אים די האַנט, פרעגן זיך נאָך אויף דער שול, אויף זיין אַרבעט, און וועדליק זייער אינטערעס און באַנעם, האָפט דער נייער לערער, אַז זיין מי וועט נישט גיין לאיבוד...

„ווי אַ קליינע זון איבער ווייכע, לאַשטשענדיקע וואָלקנס"...

פאַר אליעזר גרינוואַלדן ציען זיך איצט די טעג פילם־אַרטיק שנעל. זיי זענען אויסגעפילט פון אַרבעט און פון אַ שטילער, צי־טערנדיקער פרייד. ער פילט זיך ס׳רוב אין דער בחינה פון אייגעם, וועמען מ׳האָט אָנפאַרטרויט אַן אויסנעמיק־זעלטענעם פקדון, וועלכן מ׳קאָן צו יעדער צייט צוריקנעמען...

די באַגעגענישן מיט יהודית סאַפּיר זענען אויסגערעכנט אויף זיינע פרייע שעהן. זיי קאָנען זיין אינדערפרי און אויך שפּעט אין דער נאַכט. אים וווּנדערט בלויז, וואָס זי קאָן זיך אַוועקרייסן ווען ס׳איז איר בייטיק פונעם הויז, פון די בני־בית. ס׳איז אָבער נישטאָ ווען זיך רעכט אַריינצוטראַכטן אין דעם פּרט, און אפשר אויך נישט דער ווילן דערצו...

מיטאַמאָל האָט מרס. סאַפּיר אויפגעהערט צו קומען צום באַ־שטימטן אָרט, און סעמאַ — צום לערנען. ער האָט עטלעכע מאָל טעלעפאָנירט יענעם טאָג, צו איר אין הויז, נאָר קיינער האָט נישט געענטפערט. ער איז געווען זיכער, אַז עפּעס אַן אומגליק האָט געטראָפן מיט דער יונגער פרוי, אָדער איר מאַן, דער „שווייגנדיקער בודאַ", האָט זיך דערוווּסט פון זייער פאַרהעלטעניש און —

הגם דער לערער איז מקבל־באהבה זיין אומזיכערן מעמד, איז ער איצט שטאַרק צעטרייסלט. ער האָט פאַרלוירן זיין רו, דעם אינטערעס אין לערנען. און דאָ האָט ער זיך פאַרנומען מיט נייע פּראָיעקטן לטובת דער שול. זאָרג און בענקעניש דריקן ס׳האַרץ, מאָלן דעם גורל פונעם נאָענט־געוואָרענעם מענטשן אין די שוואַרצ־סטע פאַרבן. ער דערשפּירט ערשט איצט זיין עלנט, זיין אַליינקייט,

וואָרום צוליב דער מרס. סאַפּיר האָט ער זיך דערוווּסט פון די פאַר פריינד, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן אין דער נייער שטאָט...

איינמאָל אין אַ פרייטיק אָוונט. גרינוואַלד איז ערשט פאַרטיק געוואָרן מיט דער זיצונג פונעם ניי־געגרינדעטן יוגנט־קלוב. ער איז מיד, אויסגעשעפּט, נידערגעשלאָגן. ס'איז שוין העכער אַ וואָך ווי ער האָט נישט געהערט פון יהודיתן. ער איילט זיך נישט. ס'איז נישטאָ צו וועמען זיך צו איילן. ער לעשט אויס דאָס ליכט, פאַר־שליסט די טיר און וואַרפט אַ בליק, פון געוווינהייט, אויפן בריוו־קעסטל. עפּעס ווייסלט זיך דאָרטן דורך די לעכערלעך. באַלד האַלט ער אין דער האַנט, צו זיין גרויס איבערראַשונג, אַ בריוועלע פון איר. זי בעט אים, אין געציילטע ווערטער, אויב מעגלעך נאָך היינט אַרויפקומען צו איר אין הויז, וועלכע צייט ס'איז אים באַקוועם. און כאָטש ער איז זיך משער, אַז ער וועט דאָרטן טרעפן איר פאַמיליע און אפשר געסט אויך, גייט ער און פילט מער נישט די מידקייט. פאַרקערט, אַ מאָדנע לייכטקייט טראָגט אים איבער די נאַכטיקע גאַסן, איבער די פילצאָליקע טרעפּ, באַגלייט פון איין ליכטיקער מחשבה: — זי איז געזונט! ער דריקט דאָס גלעקל. און אין אַ רגע עפנט זיך די טיר, און יהודית שטייט פאַר אים.

זי איז אָנגעטאָן אין אַ לאַנג־זיידענער קימאָנע, וואָס נעמט אַרום שטייף איר שלאַנקן גוף. אין אירע האָר איז פאַרשטעקט אַ רויז, ווי אַ קליינע זון איבער ווייכע, לאַשטשענדיקע וואָלקנס. און אין די גאָלדיק־קורצזיכטיקע אויגן, אַלעמאָל פאַרחלומטע און שטילע, צינדן זיך איצט אומרואיקע פייערלעך. ס'איז מער נישטאָ ביי איר קיין סימן פון איר קינדערשקייט. פאַר אים שטייט אַ פרוי! אַ פרוי, אַ וווּנדערלעך־שיינע, אַ פאַרענדערטע! זי פירט אים אַריין אין פאָדערשטן צימער, דריקט זיך צו צו אים און זוכט אָפּ זיינע ליפּן...

אַ בלענדנדיקע ליכטיקייט כוואַליעט זיך דורך די פענצטער. ער באַמערקט ערשט איצט די פולע לבנה. ס'איז די צווייטע וואָך אין חודש מאַי. „ווי בליץ־שנעל ס'איז אַוועק דער ווינטער!" — לויפט אים דורך אַ געדאַנק. יהודית ציט זיך אויס אויף דער סאָפע און שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף זיינע קני. זי פרעגט:

— האָסט געבענקט נאָך מיר?

— יאָ! — איז ער גליקלעך איבערראַשט פון איר איבערגיין אויף „דו".

— איך בין נישט געווען אין שטאָט... ס׳איז געשען אַזוי פּלו־צים... — פאַרענטפערט זי זיך.

— ווו זייט איר געווען?

— א י ר?

— ווו ביסטו געווען? — ציטערן אים די ווערטער אין מויל.

— אין אַ וואַלד! מ׳קאָן פון דאָרט איצט נישט טעלעפאָנירן, און שרייבן — טויכט אויף אַ שמייכל אויף אירע פולע ליפּן — וואָלט איך געקומען אינאיינעם מיטן בריוו...

— פאַרוואָס עפּעס אין אַ וואַלד? — קוקט ער אויף איר מיט אַ חידוש.

— די פאַמיליע פאַרברענגט די זומערן אין יענעם וואַלד — קלערט זי אים אויף — מיר שטעלן דאָרטן אויף אַ בּיידל. איך בין טאַקע צוליב דעם ענין געפאָרן אַהין.

ער איז אָן אַ טראָפּן בלוט אין דער מראה. זיין גאַנצע פרייד איז צערונען. ער זעט דעם לאַנגן זומער זיך רוקן אויף אים, ווי אַ פינצטער געשפּענסט...

— דו וועסט דאָרטן אויך קאָנען זיין — דערהערט ער מיט־אַמאָל איר ווייך, מעלאָדיש קול.

— ווי איז עס מעגלעך? — איז גרינוואַלד שוין מיד פון די אָפּטע איבערגאַנגען.

— נישט ווייט פונעם וואַלד — פינקלען סודותדיק אירע אויגן — איז פאַראַן אַ... האָטעל... פאַרשטייסט?

ער איז גערירט. ער קושט מיט דאַנקבאַרקייט אירע הענט, איר קליין מויל... זי נעמט אים אַרום און ציט אים צו זיך.

ס׳איז געשען אַזוי אומגעריכט... ער איז פּלוצים אַוועקגעריסן געוואָרן פון דער ערד מיט אירע זאָרגן, פּיין און צער... רגעס פון באַרוישנדיקן גענוס, פון זעלטן־באַשערטער פרייד... און דערנאָך — אַ שטילע, אָנגענעמע מידקייט... זי פּליסטערט צו אים:

— איך פיל זיך גוט מיט דיר... אָן אַ שיעור גוט... — זי ליגט באַהעפט אין אים מיט אַלע אירע ליבלעכקייטן, און זילבער־פעדים פון דער לבנה שפּילן זיך מיט איר צעכוואַליעט קעפּל.

אַ האַלבע שעה שפּעטער זיצן זיי אינעם ציכטיקן עס־צימער. אויפן טיש ברענט אַ ליכט. און דער פלאַם שפּיגלט זיך אָפּ אין

זייערע אויגן. עס שמעקט מיט פרישער קאַווע, מיט געבעקס, מיט ווייַן. זי פילט אָן צוויי קעלישקעלעך:

— פאַר אונדזער פרייַנדשאַפט!...

ער קוקט אויף איר אַ צעשטראַלטער. ער האָט זיך נישט גע־קאָנט פאָרשטעלן, אַז זי באַזיצט אַזאַ אומגעשטילטע תשוקה נאָך צערטלעכקייטן, נאָך נאַענטקייט. ווער ווייסט, זוכט ער אַ זכות אויף איר, וואָס פאַראַ טראַגישע געשעענישן זענען פאַרלאָפן אין איר יונג לעבן. פלוצים דערהערט זיך אַ שאָרכן איבערן דיל, און עס באַווייזט זיך די זיבן־יאָריקע סעלמאַ. זי איז ערשט אַראָפּ פון געלעגער. זי איז פאַרשלאָפן. אירע אייגעלעך קלעפּן זיך. זי זאָגט:

— מאַ, איך בין דורשטיק. און ווער, — טייטלט זי מיטן פינ־גער אויף גרינוואַלדן — איז אָט דער?

די מוטער דערלאַנגט איר אַ ביסל וואַסער אין גלאָז און ענטפערט:

— דו דערקענסט נישט דיין „היברו טיטשער", טייערע? גיב די האַנט!

די קליינע שטרעקט אויס אומווייליק איר הענטל, און איילט אַוועק אין שלאָפצימער.

גרינוואַלד בלייבט זיצן אָפּהענטיק דערדריקט. אין איין הרף־עין טוט אַ מיניע פאַר אים זיין טעכטערלס געשטאַלט און ער דערפילט זיך שולדיק קעגן איר. שולדיק קעגן דעם האַלב־פרעמדן מיידעלע, וואָס האָט, דאַכט זיך, דערשנאַפּט מיט איר קינדערשער סענסיטיווקייט, אַז אַן אומגליק לויערט אויף איר היים, שולדיק קעגן איר מאָדנעם־שווייגנדיקן פאָטער, וועלכער האָט אים קיין שלעכטס נישט געטאָן און —

יהודית זעט און באַנעמט די סיבה פונעם איבערבייט אין איר גאַסט. אָבער אָנשטאָט אים עפּעס אויפצוקלערן, זאָגט זי אומעטיק:

— זיי נישט צו שטרענג אין דיין אורטייל, גרינוואַלד! ס'זענען דאָ זאַכן און מענטשן, וועגן וועלכע מ'רעדט נישט. ווערטער וועלן בלויז קאַליע מאַכן... — זי טוליעט זיך צו אים, און איז ממשיך: — ס'איז שוין שפּעט! מאָרגן פרי לאָזן מיר זיך אַרויס אין וואַלד. דאָ האָסטו דעם אַדרעס.

— און ווער וועט דיך ברענגען מיטן קינד אין ווילדן וואַלד אַריין? — הייטערט אויף יהודיתס נאָענטקייט זיין געמיט.

— ער! — רופט זי נישט אַן איר מאַן ביים נאָמען. ער איז דאָרטן געבליבן איינצואָרדענען דאָסביידל, און מאָרגן קומט ער מיטן אויטאָ נאָך אונדז.

ס׳איז צוויי דער זייגער. די גאַסן זענען פאַרגאָסן מיטן לאַשטשנ־דיקן ליכט פון דער לבנה. מאָדנע הילכן איצט גרינוואַלדס טריט אין דער נאַכטיקער שטילקייט. ער הערט זיי קוים. די יונגע פרוי האָט פאַרטריבן מיט איר צערטלעכקייט און רייד אַלע ספקות און בייזע מחשבות. זיין האַרץ איז איבערפילט מיט אַן אָנסופיקער דאַנקשאַפט פאַרן גרויסן חסד, וואָס איז געטאָן געוואָרן מיט אים אין אָט דער ווייטער און פרעמדער שטאָט, אין דער סאַמע שווער־סטער צייט פון זיין לעבן...

עטלעכע טעג נאָך יהודיתס אָפּפאָרן, האָט אים אין אַ שבת גאַנץ פרי אויפגעוועקט דער טעלעפאָן. ער האָט דערהערט איר שטים:

— די זון גייט אויף איבערן וואַלד...

— עס דאַרף זיין שיין!...

— שיין?, גיי, דו ביסט פאַרשלאָפן! ס׳איז ווונדערלעך!

— יאָ, עס דאַרף זיין ווונדערלעך!

— און די אָזערע... איך קוק איצט אויף איר, איז גלאַט און גאָלדיק־רויט...

— דו רייצט זיך מיט מיר?

— וואָלסט וועלן קומען?

— צי איך וואָלט וועלן?

נאָך דעם זעלביקן טאָג איז ער געפאָרן צו איר...

אין ווילדן וואַלד אַליין

דער וואַלד הייבט זיך אָן איבער גאָלדיק־זאַמדיקע בערג און בערגלעך. ביימער, ס׳רוב מיט ברייטע, קנאָכיקע שטאַמען און קורצע מאַסיווע קעפּ, קוקן אַראָפּ אויף דער אומענדלעכער אָנ־זאַמלונג פון וואַסער, וואָס ווערט דאָ באַשיידן גערופן „לעיק מי־שיגען״.

צווישן די געדיכטע ביימער און קוסטעס שניידן זיך דורך לאַנגע און שמאָלע שטעגן און סטעזשקעס, אויסגעטראָטענע נאָר פון אינדיאַנישע פּיס, און ציען זיך זיגזאַגיש אַוועק אויף מיילן, צעצווייגן זיך און ווערן לסוף פאַרלוירן אין אַ לאַבירינט פון זאַמדן און געוויקסן. אַפילו אַ לאַנגיאָריקער תושב פון דער געגנט קאָן דאָ גרינג פאַרבלאָנדזשען, הגם די דערמאָנטע דורכגאַנגען זענען נומערירט און רעגיסטרירט ביים פאַרוואַלטער, וועלכער וווינט דאָ אין אַ ציגעלנעם הייזל ביים ראַנד פון וואַלד.

אַ פּאָר שפּאַן פונעם הייזל, אויפן סאַמע הויפּט־וועג, וואָס פאַר־בינדט די גרויסע שטאָט „ש״ מיט דער גראַנדיעזער אָזערע, הייבן זיך, טויעראַרטיק, צוויי וואַך טורעמס מיט איינגעקריצטע אָרנאַ־מענטן פון היסטאָרישן כאַראַקטער, מיט וועכטערס ביים דורכגאַנג. יעדער פוס־גייער אָדער אויטאָ, איז אונטערגעוואָרפן אַ קליינעם אָפּצאָל, און קריגט דערפאַר אַ געדרוקטן פּאַמפּלעט, באַשריבן מיט פּרטים די אייגנשאַפטן פון וואַלד. די כמה וכמה מינים פייגל און פלאַטערלעך, און דער עיקר ווערט דערציילט וועגן די בערג, טאַקע זאַמד־בערג, דאָך בערג אין מיטן פון פלאַכן מיטל־מערב, קורץ, דעם גאַנצן געאָלאָגישן ווונדער, וואָס אָט דער געגנט שטעלט מיט זיך פאָר.

דער אינדיאַנאַ סטייט, צו וועמען דער וואַלד געהערט, באַזאָרגט די טוריסטן פאַר אַ טעגלעכן, צי וועכנטלעכן שיבוש, מיט די בייטיקע

סאַניטאַרע הצטרכותן, מיט פריש וואַסער, מיט עלעקטרישער באַ־לויכטונג, מיט געהילץ. דער טוריסט דאַרף פאַרמאָגן, חוץ אַן אימ־פּראָוויזירטן ביידל, אַ באַנגאַלאָ, אָדער געצעלט, אויך אַ האַק, אַן עמער און אַ פּאָר — געזונטע פיס...

קיינעם וואָלט נישט איינגעפאַלן, אויפן ערשטן בליק, אַז הינ־טער דעם געדיכטן געפלעכט פון ביימער און געוויקסן, געפינט זיך אויף אַ ספּעציעל איינגעאָרדנטן פעלד — אַ מענטשלעכער ישוב. די קעמפּערס, דאָס רוב איטאַליענער און פּאָליאַקן, האָבן מיטגע־בראַכט אויף אָפּגעפאָרענע אַלטמאָדישע אויטאָס, טראָקלעך און טריילערס, טיילן פון זייער באַלעבאַטישקייט און כאָפּטעס קליינ־וואַרג מיט דעם היימישן לשון און האַרמידער.

אין די אָוונטן צעלייגט מען אָפּט פייערן פאַר די געצעלטן אוןביידלעך. מען דערציילט זיך מעשיות פון דער אַלטער היים, מען שפּילט אויף האַרמאָניקעס, אויף גיטאַרעס, מען באַקט קאַשטאַנעס און קאַרטאָפל אויף אָפענע אייוועלעך, אָדער מ׳לאָזט זיך גאָר אַוועק אין אַ היימישן טאַנץ מיט ברען און אייפער. און ווען זייערע שאָטנס צעשפּרינגען זיך אויף דער ערד, אויף די ביימער, איבער דעם גאַנצן אַרום, דאַכט זיך דעמאָלט, אַז אַ האָרדע ציגיינער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף נאַכט־לעגער אין וואַלד און וועט אַזוי הוליען ביזן ווייסן טאָג אַריין. אָבער דער אמת איז, אַז דער עולם, מיד פון דער טעגלעכער טואונג, פון דער זון, פון שווימען, פון בראָדזשען אין די זאַמדן, צעקריכט זיך נאָך פאַר חצות אין די אימפּראָוויזירטע „היימען״. בלויז איינצעלנע, צי פּאָרלעך, שלייכן זיך נאָך לאַנג אום אין דער האַלב־פינצטערניש. ווו־נישט־ווו הערן זיך פאַרטייעטע טריט איבער שאָרכנדיקע בלעטער, אַ פליסטערן, אַ פאַרשטיקט גע־לעכטער, אָדער אַ פּלוצימדיקער אויסגעשריי פון אַ נאַכט־פויגל.

אין וואַלד זענען אויך אַרויסגעקומען זומערן עטלעכע יידישע פאַמיליעס, וועלכע האָבן זיך געקאָנט פון שטאָט. צווישן זיי זענען געווען קליינע געשעפטס־לייט, אינשורענס־אַגענטן, פּראָפעסיאָנאַלן. די פרויען און קינדער האָבן דאָ פאַרבראַכט די הייסע חדשים, און די פאַרנומענע מאַנסבילן האָבן זיך אַראָפּגעכאַפּט אַהער, אויב ניט יעדן אָוונט, איז כאָטש סוף־וואָך. דאָ האָט מען אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די שטאָטישע צוימען, מען איז אומגעגאַנגען אין לייכטער הלבשה, וואָס האָט מער אַנטבלויזט ווי פאַרדעקט...

די יידישע פאַמיליעס האָבן געוווינט אין גוט אָוועקגעשטעלטע ביידלעך און באַנגאַלאָוס, אַריינגעבראַכט אַהין כאָטש אַ מינימום באַקוועמלעכקייטן, געקאָכט אויף געזאַלין־איוווּנס. אין אָוונט איז די שטוב געווען באַלויכטן מיט „געפּרעסטער לופט". דאָ און דאָרטן איז אַפילו געהאָנגען אויפן רויען האָלץ אַ צייכענונג, אַ בילד. דורך די דראַטענע „פענצטער" האָט מען געזען פאַליצעס ביכער און זשורנאַלן. אין קורצן — ס'האָט זיך דאָרטן אָפּגעשפּיגלט, אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדערן אופן, דער גייסט, דער נוסח וואָס האָט געהערשט ביי די זעלביקע מענטשן אין שטאָט...

די סאַפּירס האָבן פאַרנומען דעם באַקוועמסטן וווין־אָרט אין וואַלד. ס'איז געווען גרויס, רחבותדיק, מיט אַ הויכער סטעליע. אין די גרעסטע היצן איז דאָרט געווען קיל און אָנגענעם. ס'איז באַשטאַנען פון דריי אָפּטיילונגען: די האַלב־דראָטענע טיר האָט געפירט צו אַ קיכעלע מיט כמעט אַלע נייטיקע מכשירים. אין דער צווייטער, דער גרעסערער, האָט זיך געפונען אַ לאַנגער דעמבענער טיש מיט שמאָלע בענק ביי די זייטן. און די דריטע האָט געדינט פאַר אַ שלאָף־קאַמער. פון יעדן שטיק „מעבל", וואָס איז ניין מאָנאַטן פון יאָר גע־ווען פאַרשטעקט ביי אַ שכנישן פאַרמער אין קעלער, האָט געשמעקט אַצינד מיט וואַלדישער פרישקייט און ציכטיקייט, און פון די אינע־ווייניקסטע חדרים האָט געוויייעט מיט ליבלעכער רו און געמיט־לעכקייט...

יעדן שבת פאַרנאַכט האָט זיך די יידישע קאָלאָניע צונויפגעקליבן צו די סאַפּירס אויף טיי. אויפן לאַנגן טיש איז געשטאַנען אַ גרויסער, בייכיקער סאַמאָוואַר און יהודית האָט אַליין אָנגעגאָסן די גלעזער און זיי דערלאַנגט די געסט. אויבנאָן איז געזעסן דער באַלעבאָס. ער איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר פופציק. ער האָט געטראָגן ברילן אויף אויפגעריסענע שאַרפע, בלוילעכע אויגן, און האָט, ווי זיין שטייגער איז געווען, לאַנג און אומהיימלעך געשוויגן, גלייך ער וואָלט זיך געמיט איבער אַ שווערן פּראָבלעם. ער האָט טאַקע דעמאָלט אומגעפירט מיט אַ בלייער איבער אַ בייגעלע פּאַפּיר, ווי קיינער וואָלט ביים טיש נישט געווען. ערשט שפּעטער, ווען די מסיבה האָט זיך געגוג אָנגערעדט, האָט ער איבערגענומען דעם שמועס און שוין קיינעם נישט צוגעלאָזן צום וואָרט. און ווי איז געווען יענעם, וואָס האָט אים איבערגעשלאָגן, צי, חלילה, מיט אים נישט מסכים געווען.

און אויב עס וואָלט זיך פאַרט געוויזן אַן עקשן, האָט סאַפּיר אַזוי לאַנג געבריעט מיט ראיות און ציטאַטן פון אמתע און פיקטיווע מחברים, ביז זיין אָפּאָנענט האָט זיך געמוזט אונטערגעבן. ער האָט זיך דאַן זיגעריש אויפגעהויבן און צום וויכוח האָט גענומען אַ סוף.

יהודית האָט זיך זעלטן באַטייליקט אין די שמועסן. נאָר ווען איר מאַן האָט שוין צופיל אָנגעגריפן אירע געסט, וועלכע זענען, אגב, געקומען דאָס רוב, אויב טאַקע נישט אינגאַנצן, צוליב איר, האָט זי זיך געשטעלט אויף זייער זייט און זיי פאַרטיידיקט אויף אַן אופן, עס זאָל פונדעסטוועגן נישט פאַלן קיין שטויבעלע אויף איר האַר און געביטער...

איינמאָל ביי אַזאַ מסיבה — ס'איז געווען די צווייטע וואָך, ווי די סאַפּירס האָבן געוויילט אין וואַלד, האָט זיך ביים טיי־טיש פאַרפירט אַ מחלוקה וועגן היטלערן, וואָס האָט אַריינגעוואָרפן אייראָפּע אין קריג. די געמיטער זענען געווען, פאַרשטייט זיך, פאַרביטערט, צעהיצט און מ'האָט געוואָרפן מיט די ערגסטע עפּיטעטן אויפן אַדרעס פון דעם דייטשן דיקטאַטאָר. פּלוצים האָט סאַפּיר אָפּגעוואָרפן פון זיך דעם בלייער און דאָס פּאַפּיר און געלאָזט הערן זיין דעה:

— מיט רופן היטלערן „גענגסטער" און אַנדערע אַזעלכע עפּיטעטן, האָט איר גאָרנישט אויפגעקלערט. און אויב אַפילו ער איז אַזעלכער — איז ער אַריינגעפאַלן אין אַן אַזאַרט, דרייענדיק ווי אַ קלויזניק מיטן גראָבן פינגער — איז ער אַ געניאַלער גענגסטער, געניאַל אין אַלע זיינע המצאותן!

סאַפּיר איז נאָך געווען אונטערן איינדרוק פון די צייטונגס־באַריכטן, ווי נאַצישע פּאַראַשוטיסטן האָבן פאַרכאַפּט דעם אינדזל קרעטע און האָבן מיט זייער געוואַגטקייט און איינפאַל, איבעררעשט די וועלט.

— היטלער — האָט ער ווייטער געשוימט — איז אַן אַפּאָקאַליפּטישע דערשיינונג, אַ התראה פאַר די קריסטלעכע פעלקער, צו וואָס ס'האָט זיך, און עס וועט זיך נאָר דערקייקלען זייער ציוויליזאַציע. — און ווי ביי די רובינס אין הויז מיט אַ צייט צוריק, האָט ער אויך אַצינד זיך פאַרנומען מיט מיסטישע אַנאַלאָגיעס וועגן פּעריאָדישע שטראָף־אַקטן...

דעם שוין אַמאָל דערמאָנטן קופער איז געווען פריקרע, וואָס אַ ייד ווערט נתפעל פון נאַצישער העלדישקייט, און בכלל האָט אים

זיין פריינדס טאָן אויפגערעגט און דענערווירט. ער האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף און אויף אים קוקנדיק, האָבן דאָס אויך די אַנדערע געטאָן, און איידער מ׳האָט זיך אַרומגעזען, איז דער עולם נעלם געוואָרן און בתוכם אומבאַמערקטערהייט, אויך יהודית...

די יונגע פרוי האָט געאײַלט צום באַשטימטן אָרט, נעמלעך, צום טוריסטן־האָטעל,ביים וואַסער, ווו זי האָט זיך געדאַרפט טרעפן מיט גרינוואַלדן. זי האָט אים שוין פון דערווייטנס דערקאָנט. ער האָט געטראָגן אַן אָנצוג פון אַ העל־זאַמדיקן קאָליר, מיט אַ ווייכער שטרוי־הוט אין דער האַנט. ער האָט אומגעדולדיק געדרייט דעם קאָפּ אין אַלע זייטן, ביז זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט.

— חביבי! — האָט ער אויסגערופן אַ דערפרייטער — דו ווייסט ווי לאַנג איך וואַרט שוין דאָ?

— איך האָב זיך נישט געקענט אַרויסרייסן! — האָט זי אים געגלעט מיט איר בליק, מיט איר שמייכל — מ׳האָט דאָרט פּאַרפּירט אַ היציקן שמועס וועגן אַזאַ ליבן פּאַרשוין ווי — היטלער... נו, נו!... האָסט שוין אַ צימער?

— אַ צימער מיט צוויי פענצטער צום וואַסער! — האָט דער לערער געשטראַלט פון פרייד.

יהודית האָט אים אַ צי געטאָן ביים אָרעם:

— קום, כּוף וואָך איז דאָ אַן אָנלויף פון מענטשן. מ׳דאַרף זיין פּאָרזיכטיק!

אין אַ פּאָר מינוט אַרום זענען זיי אַריין אין וואַלד. דאָרט איז שוין געווען שטאָק פינצטער. גרינוואַלד האָט געשמונצלט, ווי שנעל יהודית אָריענטירט זיך אין דער פינצטער, געפינט אַ שטעג, אַ סטעזש־קע, זוכט אַפילו אָפּ אַ בלימל און פּאַרשטעקט עס איז די האָר.

— ביסט אַמאָל געווען ביינאַכט אין וואַלד? — טוליעט זי זיך צו אים.

— איך געדענק נישט. אַצינד געדענק איך גאָרנישט... — גיסן זיך צונויף זייערע ליפּן. און ווען זיי רייסן זיך ענדלעך אָפּ איינס פון אַנדערן, איז דער גאַנצער וואַלד אַ פּאַרענדערטער — געדיכטע מחנות פייער־פליגן פלאַטערן איבער זיי, אַרום זיי, צינדן און לעשן זיך, צינדן און לעשן זיך...

אָבער פּאַר יהודיתן זענען זיי נישט קיין פייער־פליגן, נאָר פּאַר־שטעלטע פייען, מיט קליינע לאַמטערנדלעך...

וואַקאַציע

אליעזר גרינוואַלד האָט יענע נאַכט נישט געקענט איינשלאָפֿן. גורם געווען האָבן אַ סך סיבות. ער האָט שעהנלאַנג פֿאַרבראַכט מיט יהודיתן אין וואַלד און האָט אויפסניי איבערגעלעבט, ווי ביי יעדער באַגעגעניש מיט איר, אַן עמאָציאָנעלן אויפרודער, אַ נשמה־ציטער. ס'איז אים דעמאָלט צוריקגעקומען איר יעדעס וואָרט, איר יעדע באַמערקונג. ער האָט געפֿילט אַרום זיך איר אָטעם, דעם איידעלן אַראָמאַט פֿון אירע האָר, פֿון איר הויט...

ער איז אַראָפּ פֿון בעט און האָט גענומען אומרואיק אומשפּאַנען איבערן צימער. אויף יענער זייט פֿענצטער האָט זיך אין דער פֿינצטערניש געשפּרייט די גרויסע אָנזאַמלונג פֿון וואַסער, וואָס האָט מיט איר רויער און אומגעצוימטער קראַפֿט אים דערמאָנט אין זיין היים ביים מיטלענדישן ים. — דאָרט סטאַרטשען אַרויס ביים ברעג ריזיקע גראַניט־פֿעלדזן פֿון פֿאַרשידענער פֿאָרם און דימענסיע, און ווען די צעווילדעוועטע סטיכיע שלאָגט זיך אָן אין זיי, דערטראָגט זיך אַזאַ גרויליקער געיאָמער, גלייך אַ שיף מיט מענטשן וואָלט געהאַלטן ביים אונטערגיין...

גרינוואַלד געדענקט, ווי ייִנגלווייז פֿלעגט ער אָפֿט ליגן אין די נעכט מיט אָנגעשפּיצטע אויגן און אויערן און זיך צוהערן צום אומפֿאַרשטענדלעכן געוואַלד און דערביי ציטערן פֿון שרעק און — עקזאַלטאַציע...

איינמאָל איז דער פֿאָטער געקומען שפּעט אַהיים און באַמערקט ווי זיין בן־יחיד ליגט א וואַכער.

— פֿאַרוואָס שלאָפֿסטו נישט, לייזערל?

— כ'קאָן נישט, טאַטע, די כוואַליעס שרייען!

— שרייען? — האָט דער עלטערער גרינוואַלד זיך צעשמייכלט און אים אַ גלעט געטאָן איבערן קעפּל.

— ווילסט אפשר אַרויסגיין אויפן גאַניק?

דאָרטן האָט ער זיך ערשט רעכט דערשראָקן. ער האָט נאָך ביז דעמאָלט נישט געזען דעם ים־בייגאַכט. די כוואַליעס האָבן זיך גע־וואָרפן מיט ווילדער רציחה אויף די פעלדזן און פאַרבלאָנדזשעטע שפּריי־טראָפּנס האָבן באַרירט דעם ייִנגלס פּנים.

— האָסט מורא, לייזערל?

— נישט מער! — האָט ער אויסגערופן אַ צעשטראַלטער, און געהאַלטן פעסט דעם פאָטער ביים אָרעם.

— אָבער פאַרוואָס שרייט ער אַזוי דער ים, טאַטע?

דער פאָטער, וואָס האָט געהאַט אַלעמאָל וואָס צו דערציילן און אַליין אויך הנאה געהאַט דערפון, האָט איצט גענומען אימפּראָוויזירן אַ מעשה, אפשר מער פאַר זיך ווי פאַרן ייִנגל: „מיט אַ סך, אַ סך יאָרן צוריק — האָט ער אָנגעהויבן. — איז דער ים געווען דווקא שטיל און רואיק, און פון קיין פעלדזן איז נאָך דעמאָלט נישט געווען קיין סימן. די לייט האָט זיך דאָ געלעבט גוט און ווויל. און די ערד, האָט, אָן מענטשלעכער מי און פּראַצע אַרויסגעגעבן די בעסטע תבואה און גרינס. די ביימער זענען געווען באַלאָדן מיט אַלערליי פּרוכטן, און אויף די פּאַשע־פעלדער האָבן זיך געפּיטערט גרויסע טשערעדעס פי — האָט ער ווייטער געשילדערט דעם אויסגעטראַכטן גן־עדן. — האָבן זיך די מענטשן צוגעוווינט צו אַ זאַט לעבן און צו ווילטאָג. פּלוצים איז פון ערגעץ אָנגעקומען אַ היישעריק, אָט ווי ס'ווערט דערציילט אין חומש, און ער האָט אויפגעגעסן די תבואה, דאָס גרינס, די פּרוכטן און אַפילו די קאָרע פון די ביימער. און הויל זענען געבליבן די וועלדער, פעלדער און סעדער. זענען זיך די פייגל צעפלויגן און די חיות צעלאָפן, בלויז די מענטשן זענען פאַר־בליבן, וואָרום זיי האָבן נישט געהאַט וווהין צו גיין. הויכע, שפּיציקע בערג האָבן פון דריי זייטן אַרומגערינגלט זייער קליין לאַנד. און ווייל זיי האָבן זיך נישט געקאָנט באַזאָרגן מיט חיונה, האָבן זיי געליטן הונגער. און ווען זיי האָבן שוין מער נישט געהאַט קיין כוח זיך צו מאַטערן, האָבן זיי זיך צונויפגעקליבן צום ברעג און באַ־שלאָסן אַלע ווי איינער זיך אַרייַנצוּוואַרפן אין ים, כדי פּטור ווערן פון זייערע צרות...

האָט זיך דער האַר פון ים, נעפּטון, שטאַרק דערפרייט, און ער האָט זיך גענומען גרייטן צו דער סעודה, אָבער אינעם זעלביקן

אויגנבליק, ווען די מענטשן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום וואַסער, זענען זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין — פעלדזן!
„דאָס האָט זיי גאָט באַשטראָפט פאַר ווילן אַנטלויפן פון לעבן!...
„און דער האַר נעפּטון, — האָט דער פאָטער פאַרענדיקט — איז פון דעמאָלט אָן זייער אויפגעבראַכט. ער שיקט זיינע שליחים, די כוואַליעס, אויפצומאָנען דעם חוב, וואָס די ערד איז אים שולדיק געבליבן"...
דאָס ניין־יאָריק ייִנגל האָט דעמאָלט שוואַך און מעגלעך גאָרנישט באַנומען דעם מוסר־השכל פון דער מעשה, אָבער דער סיפּור המעשה איז אים פאַרבליבן אין געדעכעניש. געהאָלפן דערצו האָבן, משמעות, די שטאָק־פינצטערע נאַכט און דער צעשטורעמטער ים...
דעם זון אָבער חידושט נאָך היינט אַפילו, וואָס דער פאָטער, אַ קלוגער ייִד, האָט אים דערציילט אַזאַ אַלעגאָריע. ווי דער פריער־דיקער דור האָט זיך אַזוי ווייניק פאַרשטאַנען אויפן געמיט פון אַ קינד! איראָניזירט אין אים דער לערער. נאָר אויב דער פאָטער איז אויסן געווען אים אַ ווונק צו געבן, אַז אַ מענטש קען נישט אַנטלויפן פון זיין גורל, האָט ער דערגרייכט דעם ציל...
אַ לויטערער פרימאָרגן האָט אַריינגעקוקט אין די פענצטער. די זון האָט איצט קוים באַגילדט די שפּיצנביימער. אָבער דער פייגל־געזאַנג האָט זיך שוין פון לאַנג געטראָגן מיט אומגעצוימטער פרייד און זיך אויסגעמישט מיטן שטילן פליסטערן פון וואַסער. ס'איז געווען ווי די אַזעלע וואָלט, נאָך אַ נאַכט פון אויפברויז און שטורעם, גערוט איצט אין מאָרגנדיקער שלווה.
גרינוואַלד איז אַרויס פון האָטעל. דער אומבאַקאַנטער דרויסן האָט אים באַגעגנט מיט אַ דורכנעמענדיקער קילקייט. דאָס זאַמד איז נאָך געווען פייכט און אומבאַרירט. ווו נישט ווו, האָט אַ פריי־געפּעדערטער זיך געבאָדן, צי סתם אומגעבלאָנקעט אויפן ברעג.
קעגנאיבער דעם האָטעל האָט זיך געהויבן אַ בנין אין סטיל, איין גאָט ווייסט פאַרוואָס, פון אַ בודיסטישן טעמפּל. אינעווייניק האָט מען, אָנשטאָט אָפּריכטן תּפילות, סערווירט צווייט־קלאַסיקע שפּייז פאַר הויכע פּרייזן. דער לערער האָט אָפּגעגעסן פרישטיק און זיך אַוועקגעלאָזט אין וואַלד אויפצוזוכן סאָפּירס וווינאָרט. נאָך לאַנגע בלאָנזשענישן דורך ביימער, קוסטעס און זאַמד־בערגלעך, האָט ער עס ענדלעך געפונען. יהודית האָט אים דערזען פונעם קיך־

שייבל. זי האָט אים באַגריסט, ווי אַן אַלטן פאַמיליע־פריינד, סאַפיר, וועלכער האָט מיט אַ צייט צוריק געטראָפן דעם לערער ביי די רובינס, און האָט שוין געוווסט פון זיין אָפּשטעל אין דערבייאיקן האָטעל, איז אַפילו אויפגעשטאַנען פון זיין אויבנאָן און זיך נאָכ־געפרעגט, ווי געוויינלעך, אויף ענגליש:

— „דיר יו פאַינד דהי פּלעיס וויטהאַוט טראָבל?" — (האָט איר געפונען דאָס אָרט אָן שוועריקייטן?).

די קליינע סעלמאַ האָט מיט קילן גלייכגילט געפרעגט:

— ווי קומסטו אַהער, לערער? — און מיטן זעלביקן טאָן איז פאַרגעשטעלט פאַרן ברודער: — „אַנאַטאָל, מיעט מיי היברו טיטשער!" (באַקאָן זיך מיט מיין יידיש־לערער).

אַנאַטאָל, אַ בלאָנדער יונג מיט צעוואָקסענע פּלייצעס, מיט קלוגע, גוטמוטיקע אויגן, האָט מיט זיין קליינעם מויל און אומבאַ־האָלפענעם שמייכל אויך שטאַרק דערמאָנט אין דער מוטער. גרינוואַלד האָט, פאַרשטייט זיך, שוין פון פריער געהערט פון אים. און איצט זעענדיק אים פנים אל פנים, איז אים ס'האַרץ שווערער געוואָרן; ווי ס'וואָלט זיך אויפגעדעקט נאָך אַ סיבה, צו די אומצאָליקע אַנדערע, וואָס בינדט דער יונגער פרוי צו אָט דעם הויזגזינד...

עטלעכע שפּאַן ווייטער פון דער באַנגעלאָו, האָט זיך בעטי קופּער געפּאָרעט לעבן אַן אויפגעשטעלטן געצעלט, וואָס האָט טאַקע גע־הערט צו די סאַפירס. אַ גאַנצע וואָך איז עס געשטאַנען ליידיק און יעדן פרייטיק אָוונט זענען די קופּערס אָנגעפאָרן אויף זייער אַלט־מאָדישן פאָרדל, און מאָנטיק אינדערפרי האָבן זיי זיך אומגעקערט אין שטאָט.

— קומט צום טיש! — האָט זיך פּלוצים דערהערט יהודיתס מע־לאָדיש קול. און באַלד איז דער לאַנגער טיש באַזעצט געוואָרן מיט גרויס אימפּעט. דאָס מיידעלע האָט אַוועקגעוואָרפן אַלע שפּילערייען אין דרויסן, און איז אַריינגעלאָפן אַ פאַרסאָפּעטע. איר פוכיק, פאַר־ברוינט קערפּערל האָבן באַדעקט אַ פּאָר קורצע הייזלעך. זי האָט אַריינגעטאָן איר קעפּל אין פולן געפעס, און האָט, דאַכט זיך, פאַר־געסן אין אַלעמען. אויך אַנאַטאָל האָט אַרויסגעוויזן אַ שאַרפן אַפּע־טיט. שוין אָפּגערעדט פון די קופּערס. יעדעס מאָל, ווען יהודית האָט דערלאַנגט אַ געריכט, האָט היימאַן קופּער אַזש אַ פּלעסק געטאָן מיט די הענט פאַר מתיקות:

— בעטי, עס עסט זיך גאָר אַנדערש אין וואַלד!

סאַפּיר האָט פון זיין אויבנאָן דין און לייטזעליק געשמייכלט איבער דער גשמיות פון זיינע מיטעסער. ער איז געווען אַ וועגעטאַר־יאַנער, און הגם ער האָט נישט געגעסן ווינציקער פון אַנדערע, האָט ער עס אָבער געטאָן פּאַמעלעך און סטאַטעטשנע.

אין דער ספערע פון אָט דער משפחה און אירע פריינד, האָט זיך גרינוואַלד דערפילט, ווי אַ פרעמדער אַריינרייסער. ער האָט באַמערקט די אומגעוויינלעכע ליבע מצד די קינדער צו דער מוטער, וואָס דערגייט אַזש ביז אייפערזוכט. נישט געקוקט אויפן גאַנצן אייפער צום עסן, האָבן זיי געוווּסט, וואָס ס׳טוט זיך ביים טיש. און ווען יהודית האָט עפּעס געזאָגט, צי דערלאַנגט דעם לערער, האָבן צוויי פּאָר אויגן נאָכגעפאָלגט איר יעדע באַוועגונג, איר יעדע מימיק. ס׳איז נישט געווען די געוויינלעכע קוריאָזיטעט, וואָס מען ווייזט אַרויס צו אַ נייעם מענטשן, ווייל פאַר סעלמאַן איז דער לערער נישט געווען קיין פּנים חדשות. אָט דאָס קלוגע קינד האָט גוט געדענקט מיט וואָס פאַראַ צערטלעכקייט ער האָט זיך באַצויגן צו איר אין שול. זי האָט מיט איר קינדיש הערצל דערשנאַפּט, אַז ער טוט עס נישט אינגאַנצן צוליב איר, ווייל באַלד איז געקומען אַ פּאַרזיכטיקער נאָכפרעגן זיך אויף דער מוטער. זי פלעגט ענטפערן אומגערן און אַפילו בייז, ווי מען וואָלט זיך צוגערירט צו עפּעס סודותדיקס און הייליקס אין איר היים...

ביידע קינדער האָבן חידושדיק־קלאָר באַנומען, אַז דער נייער גאַסט איז נישט סתם אַ פריינד פון דער פאַמיליע, נאָר ער איז אויסן עפּעס אַנדערש, עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן דערוווייטערן, צי אפשר אַוועקנעמען די מוטער פון זיי...

ס׳איז געוואָרן טונקל. אין דער הייך, צווישן די ביימער האָט זיך אַ טראָג געטאָן אַ ווינטל. דער וואַלד איז פול געוואָרן מיט גערויש מיט באַוועגונג: מ׳איז געזעסן אַרום טיש און געשוויגן. יהודית, אַ מידע, אַן אויסגעשעפּטע, האָט פּלוצים זיך אָפּגערופן צום זון:

— אַנאַטאָל, ווילסט אָנהאָקן האָלץ פאַרן קעמפ־פייער?

ס׳האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול אַ זעקס־פוסיקער אַטלעט. כאָטש ס׳איז אים ערשט געגאַנגען דאָס זעכצנטע יאָר. ס׳האָט נישט גענומען לאַנג און לעבן דער באַנגעלאָו האָט זיך צעפלאַקערט אַ פריילעך פייער. שכנים זענען צוגעקומען. מ׳האָט אַרויסגעטראָגן

בענקלעך, קעסטלעך. ווער ס׳האָט פֿאַרצויגן אַ ניגון און ווער ס׳איז פֿאַרטאָן געוואָרן אין אַ שמועס. אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן די יונגע פֿרוי, אַן איבערגעטאָענע, אַן איבערגעביטענע. ס׳איז נישט געבליבן קיין שפּור פֿון דער פֿריער פֿאַרהאַוועטער באַלעבאָסטע. אַ בלימל האָט זיך געהויבן איבער די האָר. אַ לאַנגע שאַרפֿע האָט אַרומגענומען אירע אַקסל. אין די קינדיש־קורצזיכטיקע אויגן האָבן זיך געשפּיגלט שטיקלעך פֿייער. זי האָט פֿאַרנומען אַן אָרט לעבן מאַן, און זיך פֿאַראינטערעסירט שטאַרק מיט די שכנים. דער לערער האָט געקוקט אויף איר מיט בענקשאַפֿט, געזוכט איר בליק. צי מחמת פֿרעמדע זענען געווען, צי ווייל ס׳האָט זי באַהערשט עפּעס אַ קאַפּריז, האָט זי געמאַכט ווי זי זעט אים נישט. ווי ער עקזיסטירט נישט פֿאַר איר...

פֿון דער ווייטנס האָבן געגומען אויפֿפֿלאַקערן מער שייטערס. שאָטנס האָבן אַרומגעטאַנצט איבער די ביימער. פֿון אומעטום האָט זיך געטראָגן אַ קנויל פֿון קולות, אַ געמיש פֿון לשונות. קינדער האָבן געוויינט, ווייבער האָבן זיך איבערגעשריען, וואָס שפּעטער אין אָוונט, איז די לופֿט געוואָרן אַלץ קילער, שאַרפֿער. דער עולם האָט זיך גערוקט נעענטער צום פֿייער, מיד געשוויגן, געגענעצט...

— טו אָן א סוועדער! — האָט יהודית געזאָגט צום מאַן. — וועסט זיך פֿאַרקילן. — און ווען יענער איז שוין געווען אין באַנגעלאָו, האָט זי זיך צוגערוקט צום לערער און צו אים אַ פֿליסטער געטאָן:

— מאָרגן עלף אינדערפֿרי אויפֿן בערגל ביים האָטעל...

גרינוואַלד האָט נישט געענטפֿערט. ער האָט זיך גלייך אויפֿגע־הויבן, זיך אָפּגעזעגנט, און איז פֿאַרשוווּנדן אין דער פֿינצטערניש...

צער און בענקשאַפט

אויבן, אויפן בערגל, ווו יהודית האָט באַשטימט זיך צו טרעפן, אַנטפלעקט זיך די אָזערע אין איר פולער בלענדנדיקער שיינקייט. וואַסער און הימל האָבן איצט דעם זעלביקן קאָליר און גיסן זיך צונויף אין איין אומצעשיידלעכן בלוי. אַ זעגל־שיף באַרירט קוים, קוים דעם גלאַנציקן שפיגל און כאַפט פון ווייטנס דעם אָנבליק פון אַ ווייסן שוואַן, וואָס איז גרייט יעדע רגע זיך אַ הייב צו טאָן און נישט ווערן אין דער לאַזורער הייך. מחנות וואַסער־פייגל קרייזן אום איבערן ברעג און פאַרהילכן די לופט מיט רוישיק־רעשיקע געשרייען. און זייערע ווייסע פליגל, באַזוימט מיט שוואַרצע טאַשמעס, חנדלען זיך און שימערירן אין דער זון. אויפן זאַמד, ווי אין וואַסער זעט מען ווינציק מענטשן. ס׳איז פאַרשווּנדן די זונטיקדיקע ענגשאַפט, האַרמידער, אויטאָ־פאַרקער. ס׳איז דאָ דאַטשע־מעסיק אָנגענעם און פרידלעך...

גרינוואַלד פילט אָבער נישט די פריידיקע מנוחה. ער איז נאָך צערודערט פונעם נעכטיקן באַזוך ביי יהודיתן. זי האָט געוואָלט יוצא־זיין פאַרן מאַן, פאַר די קינדער און פאַר — אים, און דער סוף איז געווען, אַז אַלע זענען געבליבן אומצופרידן און אַפילו פאַרביטערט... ער האָט זיך לאַנג געשלאָגן מיט דער דעה צו קומען אַהער. און אָט וואַרט ער איצט אויף איר, ווי אומגלויבלעך ס׳זאָל נישט זיין, מיט געשפאַנטער אומגעדולד. מיט אַ פלאַטערדיק האַרץ. יעדער שאָרך הייבט אים פון אָרט, קערט זיינע בליקן אין אַלע זייטן. די צייטונג אין האַנט איז שוין אַ סך מאָל איבערגעקוקט, צעקנייטשט. און הגם ער איז באַשווערט פון די טאָג־נייעס, איז ער באַהערשט איצט פון איין מחשבה — צי וועט זי האַלטן וואָרט? און ווען ער איז זיכער, ס׳איז אומזיסט זיין וואַרטן, באַווייזט זי זיך מיט אַ מידן שמייכל אויפן קליינעם מויל, און, ווי געוויינלעך, מיט אַ בלימל

אין די האָר. דער ליכטיקער באָד־קאָסטיום אינטאָנירט נאָך שטאַרקער די ברוינקייט פון איר הויט. זי באַוועגט זיך גלייך און ריטמיש. עפּעס איז פאַראַן זינגעוודיקס אין איר גאַנג, אירע קליינע, קינדישע קני זענען ערטערווייז צעגראַמפּלט, צעקלאַפּט, ווי זי וואָלט, צוליב איר קורצזיכטיקייט, אָפט געפאַלן...

— ביז איך רייס זיך אַרויס פון באַנגאַלאָו... — לאָזט זי זיך אַראָפּ אָן אָטעם אויפן זאַמד. עס הערט זיך אין איר טאָן אי אַ פאַר־ענטפערן זיך, אי אַ באַדויערן אויף דער שווערער לאַגע, אין וועל־כער זי געפינט זיך...

ער באַטראַכט זי מיט נייגעריקייט, גלייך ער וואָלט זי ערשט באַגעגנט. יעדעס מאָל אַנטדעקט ער אין איר נייע חנען, נייע ליב־לעכקייטן. ער איז אינגערלעך אויסגעשעפּט און מיד פון וואַרטן. ער שווייגט.

— האָסט מיר גאָרנישט וואָס צו זאָגן? — רוקט זי זיך צו נאָענט און באַרירט מיט איר באַק זיינע.

— ביסט וווּנדערלעך שיין, הביבי! — רעדט ער מיט שטילער התלהבות. — אָפּט דאַכט זיך מיר, — ציטערן אים די ווערטער אין מויל, — ווי גאָט וואָלט זיך אַליין געוואָלט מיט עפּעס דערפרייען און ער האָט דיך געשאַפן...

— דיין קול קלינגט אומעטיק...

— מיר איז אומעטיק.

— האָסט געליימנט די היינטיקע נייעס...

— נישט בלויז פון די נייעס...

אין דער ווייטער הייך טראָגן זיך אום, ווי ווייסער טיול, לייכטע, דורכזיכטיקע וואָלקנדלעך, אָפּט נעמען זיי אָן אויסטערליש־מאָדנע פאָרמען. — איצט איז אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנצער ברייט פון הימל אַ גראַנדיעזער פויגל, מיט שטאָלצע און איידל־געוועבטע פליגל, ניין, אַזוי קאָן נישט אויסזען קיין פויגל, אַפילו דער פאַנטאַס־טישער! לויט זיין אימאַזש, און דיסטינקציע, דערמאָנט ער גיכער אינעם חומשדיקן מלאך, מיט וועלכן אונדזער שטאַם־פאָטער, יעקב, האָט זיך געראַנגלט... די יונגע פרוי איז פאַרכאַפּט פונעם פענאָמען. די גאָלדיק־ברוינע אויגן פינקלען מיט אַנטציקונג:

— ווען מיר דערציילן עס מענטשן, וואָלט זיי געשמייכלט מיט אומגלויבן. ווען אַ מאָלער ווייזט עס אונדז אויפן לייוונט — רעדט

זי פאַרטרוימט, וואָלטן אַ סך געוועזן זיכער, אַז ס'איז אַן אויסטראַכ־טעניש, און אַנדערע וואָלטן נאָך אפשר צוגעגעבן, דאָס געמעל איז אַלטמאָדיש און באַנאַל...

הגם גרינוואָלד וואָלט זיך, משמעות, אויך אַריינגערעכנט צווישן די לעצטע, קאָן ער זיך פונדעסטוועגן נישט באַפרייען פונעם רושם, וואָס ביידע געשטאַלטן, סיי די פון אויבן, סיי די, וואָס ליגט אַזוי נאָענט צו אים, זענען שטאַרק ענלעך איינס אויפן אַנדערן. און ווען די זעלטענע זעאונג נעמט זיך ביסלעכווייז אויפלייזן, צערינען, דינגט עס דעם לערער פאַר אַן אָנווונק, פאַר אַ רמז...

יהודית טוט זיך פלוצים אַ שטעל־אויף:

— איך דאַרף שוין גיין! כ'האָב צוגעשטעלט עפּעס קאָכן. ס'וועט פאַרברענט ווערן... — רעדט זי גיך, גיך. — דערצו ווייסן נישט די קינדער, ווו איך בין פאַרפאַלן געוואָרן. — זי קושט אים און גיט צו — קום צו שפּעטער, וועלן מיר טרינקען טיי בייַנאַנד. — זי איילט זיך. אירע דין־בויגיקע פיס, ווי ביי אַ סאַרנע, טראָגן זי פלינק באַרג אַראָפּ. ער קוקט איר נאָך ביז זי פאַרשווינדט. און אין געדאַנק הערט ער זיך זאָגן: „אַזוי וועט זי אַמאָל אַוועק און זיך מער נישט צוריק־קערן"...

טעג בייטן זיך ראַשיק־שנעל, און אַנדערע, אָפּט — ווי פויזנדיקע אינזעקטן. טעג פון אומגעדולדיקן וואַרטן, טעג פון געשפּאַנטקייט, פון מאַטערנישן. אָבער די פיינלעכסטע זענען יענע פון סוף־וואָך, ווען סאַפּיר פאָרט אַן מיט די קופערס פון שטאָט. דעמאָלט שפּילט יהו־דית די „געטרייע פרוי", און כאָטש זי ווייזט אַרויס דעם לערער די אָנגעגנומענע העפלעכקייט, בלייבט ער סיי־ווי געערגערט און נידער־געשלאָגן...

איינמאָל, אין אַ בין־השמשות, זיצט דאָס פּאָרל אויפן דערמאָנטן בערגל און עדותט דעם זונפאַרגאַנג. אויפן האָריזאָנט פלאַקערן הע־לישע פייערן, ווי די תהומען פון גיהנום, וואָלטן זיך דאָרטן צעעפנט. די יונגע פרוי האַלט איר קאָפּ אָנגעשפּאַרט אין גרינוואָלדס אַקסל. אַ טיפער ערנסט איז אויסגעגאָסן אויף איר דין־סענסיטיוו פּנים. — אין אירע אָפּלען שפּיגלט זיך אָפּ דער צעפלאַמטער דרויסן. ער האָט דעם איינדרוק, אַז זי איז אַ טייל פונעם וואַלד, פון די אַרומיקע בערג, פון דער אָזערע, פון דער שקיעת־החמה...

פּלוצים, ווי אַ דונער פון אַ לויטערן הימל, קומט גרינוואַלדס פראַגע:

— ווי קאָנסטו טאָן אַזוינס?

זי פרעגט נישט איבער, גלייך די פראַגע איז נישט איר געשטעלט, נאָר ס׳גאַנצע בלוט איז פאַרשווונדן פון איר מראה. די שיין־פאַרמירטע ליפּן זענען בלאַס און ציטערן. זי טוט זיך אַ כאַפּ פאַרן לינקן שלייף, ווי זי וואָלט דאָרטן דערפילט אַ שאַרפן ווייטיק. און ווען ער באַגעגנט ענדלעך אירע אויגן, גייט אים איבער אַ שוידער איבערן לייב. ער דערקענט זי נישט! זי האָט דעם אויסדרוק פון אַ געיאָגטער חיה אין אַ טעמפּן ווינקל, וואָס איז אי אומבאַהאָלפן־פאַרצווייפלט, אי אָנפאַלעריש־צערייצט. ער האָט שוין חרטה אויף די פּאָר ווערטער, און ער שטרעקט אויס די האַנט צו איר. ס׳איז צו שפּעט!

— ריר מיך נישט אָן! — צינדן זיך בייזע פונקען ביי איר. זי טוט זיך אַ הייב פון אָרט און, ווי געטריבן פון שדים, לאָזט זי זיך האַסטיק אַרונטער פון בערגל.

ער טרעט נישט אָפּ פון איר.

— חביבי, וואָס ביסטו אַזוי אויפגערעגט? — געפינט ער נישט ס׳פּאַסיקע וואָרט. ער האָט זי קיינמאָל נישט געזען אין אַזאַ צושטאַנד. זי האַלט נאָך אַלץ די האַנט אויפן שלייף און פליסטערט צו זיך: „כ׳האָב דערצו נישט געדאַרפט דערלאָזן... כ׳האָב עס נישט געדאַרפט דערלאָזן”...

ער בלייבט שטיין. ס׳האָט מער נישט קיין זין זיך ווייטער נאָכצושלעפּן. און מיטן גאַנצן האַרצן ווינטשט ער, דער ריס זאָל נישט פאַרקומען איצט, נאָר נישט איצט!

זי בלייבט אויך שטיין און זאָגט קוקנדיק אין אַ זייט:

— לאָמיר זיך דאָ שיידן!

די רייד נעמען אים דורך, ווי מיט שפּיזן:

— דאָס ווילסטו טאַקע, יהודית?

— כ׳קען מער נישט אויסהאַלטן דעם דרוק... — בלאָנדזשען אירע בליקן ווי אין אַ נעפּל — כ׳קען נישט...

— ווילסט איך זאָל אַוועקגיין?

— יאָ — ענטפערט זי שטיל, שוין אַ ביסעלע צו שטיל און קומט צו נעענטער. ער באַמערקט אַן ענדערונג אין איר. דער אויס־

דרוק אויף איר געזיכט איז איצט ווייכער. איר האַנט טרעפט זיך אָן מיט זיינער. אירע פינגער זענען אייז־קאַלט און ספּאַזמירן...

פון וויטן הערט זיך דאָס ריטמישע קלאַפּן פון די כוואַליעס אין ברעג. אַן איינציקער פויגל שיסט אַרויס פון די געדיכטע קוס־טעס מיט אַ פאַרנאַכטיקן געקלאַג. עס צאַנקט דער טאָג איבער זיי, גלייך ער וואָלט געווען געפאַנגען אין די קלאָען פון אַ מאָנסטער. זי טוליעט זיך צו אים. ער קושט זי און פרעגט:

— פאַרוואָס ביסטו געוואָרן אַזוי בייז, הביבי?

— כ׳ווייס נישט! — באַגיסט זי זיך מיט טרערן. — ס׳איז מיר שווער...

— פאַרוואָס גייסטו נישט אַוועק פון אים?

— כ׳קען נישט...

— האָסט אים ליב? — פרעגט ער אַ פאַרקלעמטער. עס ציען זיך אומהיימלעכע רגעס אין שווייגן.

— האָסטו?

— נו, געוויס נישט!

ווען גרינוואַלד קומט שפּעטער אַריין אין באַנגאַלאָו — ברענט דאָרט שוין ליכט. די קליינע סעלמאַ איז פאַרוויינט. אַנאַטאָל פרעגט מיט פאַראיבל:

— מאַ, ווו ביסטו געווען אַזוי לאַנג?

— אָ, איך האָב זיך פאַררעדט מיט מר. גרינוואַלדן.

ברודער און שוועסטער וואַרפן אַן אומפריינדלעכן בליק אויפן לערער און רינגלען אַרום די מוטער. סעלמאַ זאָגט:

— כ׳בין אַזוי הונגעריק, כ׳וואָלט געקאָנט אויפעסן אַן אָקס...

יהודית שמייכלט צעטראָגן און נעמט זיך פאָרען אין קיכל. אין אַ פּאָר מינוט אַרום ברענגט זי אַריין אַ פיינקוכן מיט טאָאַסט און שטעלט עס אַוועק ביי יענעם טייל טיש, ווו דער לערער זיצט געוויינלעך.

— מר. גרינוואַלד, איר זייט שוין געוויס הונגעריק! — איז זי נאָך אַלץ צעטראָגן. — רוקט צו אַ בענקל. די קינדער גלאָצן מיט אָפענער שנאה צום פרעמדן. די קליינע ווערט אַזש היסטעריש:

— מאַ, איך בין הונגעריק!...

— וואָס שרייסטו, נאַריש קינד? — קומט פון קיכל דער מור־טערס באַהערשט קול. — איך גרייט דאָך צו עסן.

ווען אַלע זיצן שוין ביים טיש, שטייט נאָך דער יונגערמאַן ביי דער טיר. עס שטיקט אים אין האַלדז. אַלץ אין אים קנוילט זיך פון טרויער און צער. ער ווייסט, ער וואָלט איצט געדאַרפט פאַר־שווינדן, נישט ווערן, נאָר עפּעס אַ מאָדנע שווערקייט האַלט אים צוגעשמידט צום אָרט...

— אייער פיינקוכן איז דאָך שוין קאַלט — זאָגט יהודית אַליין אויך פאַרטאָן אין עסן.

ווען גרינוואַלד קומט שפּעטער אַריין צו זיך אין צימער, האָט ער דאָס געפיל, ווי מ׳וואָלט אים ערשט געשמיסן פאַר אַלעמענס אויגן אויפן נאַקעטן לייב. ער איז פאַרשעמט, באַליידיקט, צום ווייפלסטן מאָל? ער לאָזט זיך אַראָפּ אַ רעזיגנירטער אויפן שטול און דערהערט מיט אַמאָל לאהלעס שטים, ווי זי וואָלט דאָ געוואַרט אויף אים: „פּאַ, בענקסט גאָרנישט נאָך מיר? ווילסט מיך נישט זען? עס איז דאָך איצט זומער... האָסט דאָך צייט"... דער לערער טוט זיך אַ צאַפּל, ווי מ׳וואָלט אים אָנגערירט אויף דער סאַמע אָנגע־ווייטיקסטער ווונד. ער נעמט האַסטיק אומגיין איבערן חדר און זיין טעכטערלס געשטאַלט, ווי איר שטים, פאַרפאָלגן אים, מאָנען ביי אים: „פאַרוואָס קומסטו מיך נישט זען, פּאַ?"

מינוטן, שטונדן ציען זיך אין פּיינלעכער אַגאָניע. ס׳האַרץ פלאַטערט מיט בענקשאַפט צו זיין קינד. אָבער דער עצם גע־דאַנק פון זיך שיידן מיט יהודיתן, אַפילו אויף אַ קורצער צייט, וואַרפט אים אַריין אין פאַרצווייפלונג...

דער באַשלוס

אליעזר גרינוואַלד איז אויפגעשטאַנען אויף מאָרגן גאַנץ פרי. אין אים האָט זיך פאַמעלעך געצייטיקט דער באַשלוס צו פאָרן זען זיין טעכטערל. די בענקעניש צום קינד איז, אונטער די נייע פאַרהעלטענישן, שטאַרקער געוואָרן.

ער איז אַריין פרישטיקן אין קעגנאיבערדיקן רעסטאָראַן מיטן אויסקוק, ווי שוין דערמאָנט, פון אַ בודיסטישן טעמפל. באַב לאַוס־טאָן, וועלכער האָט געהאַלטן אין קאָנצעסיע, סיי דעם האָטעל, סיי דעם פאַרלאָקנדיקן עס־פּלאַץ, האָט זיך צוגעזעצט צו זיין טישל.

— „גוד מאָרנינג סער" — האָט ער זיך ברייט צעשמייכלט — נייס מאָרנינג ווי העוו היר, העוונט ווי? (אַ שיינעם פרימאָרגן האָבן מיר דאָ) — האָט ער גערעדט אין אַ טאָן, ווי ער וואָלט עס באַ־שטעלט דעם שיינעם פרימאָרגן.

דער לערער איז מיט אים מסכים געווען. ער האָט זיך געוואָלט פאַרטיפן אין דער צייטונג מיט די שרייענדיקע, אַלאַרמירנדיקע נייעס פון ענגלאַנד. אָבער דער „מידוועסטערן דזשענטעלמאַן", ווי יענער האָט זיך אַליין גערופן, איז געווען, קאָנטיק, גענייגט צו שמועסן.

— מ׳דאַרף קאָנען אָפּשאַצן אַזאַ פרימאָרגן, ווי מיינט איר? — האָבן זיך זיינע שמאָלע אייגעלעך צעפינקלט. — אָבער „יענע" דאָרטן — האָט ער געפינגערט מיט חוזק אויפן „שלאָפנדיקן" האָטעל — וועלן שוין נישט קאָנען געניסן פון אים. נאָר ס׳איז נישט מיין דאגה — האָט ער ערגעץ געצילט. „מיי פאָליסי איז טו מיינד מאַי אָון ביזנעס" (מיין איינשטעל איז, זיך נישט צו מישן אין פרעמדע עסקים). און נישט נאָר בנוגע געסט — האָט ער גלייך צוגעגעבן — נאָר אויך בנוגע די „בריטישערס". איך שטים

איין מיט יעדן וואָרט פון אָט דער צייטונג — האָט זיך געהויבן זיין טעמפעראַטור, טייטלענדיק אויף דער רעפובליקאַנער „טריביון״, אגב, די איינציקע טאָגשריפט, וואָס מ׳האָט געפונען אין דער געגנט. — מיר דאַרפן זיך נישט מישן אין פרעמדע עסקים!...

גרינוואַלד האָט געוואָלט עפּעס איינווענדן, נאָר מר. לאָוסטאָן איז נאָך נישט פאַרטיק געווען:

— „אינסידענטלי״, מיר אַמעריקאַנער האָבן אַלטע חשבונות מיט דזשאָן בולן, האָבן מיר נישט? און צווישן אונדז גערעדט — ענגלאַנד האָט נישט קיין געלעגנהייט! כ׳איז אַרויסגעוואָרפן די מי! — האָט ער אַרויסגעזאָגט די גאַנצע איזאָלאַציאָניסטישע תורה אויף איין פוס, און האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט אַ נייעם גאַסט.

דער לערער האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון רעסטאָראַן. ער האָט זיך אַ לאַנגע צייט נישט געקענט באַפרייען פון יענעמס רייד, און נישט אַזוי די רייד, ווי די בייזע כוונה, די אָפענע פרייד היינטער זיי. ער האָט זיך אומגעשלעפּט אָן אַ ציל איבער דער געדיכטעניש פון וואַלד, אָבער וואָס ווייטער פון דער באַקאַנטער באַנגאַלאָו. נאָך דער נעכטיקער געשעעניש איז אים איצט שווער געווען זיך צו טרעפן מיט יהודיתן. באַזונדערס טאַקע מיט אירע קינדער. אַרום פיר בייטאָג, האָט ער זיך פאָרט אָנגעטראָפן מיט איר. די יונגע פרוי איז געווען כלומרשט איבערראַשט:

— וואָס טוסטו דאָ? האָסט פאַרבלאָנדזשעט?

גרינוואַלד האָט חושד געווען, אַז זי איז אים אומגעגאַנגען זוכן. ער איז געווען גערירט. זיי האָבן שטיל געשפּאַנט און זיך צוגעהערט צו די אייגענע טריט. זיי זענען צוגעקומען צו אַ שטאַם פון אַן אָפּגעהאַקטן בוים און זיך צוגעשפּאַרט. יהודית האָט זיך באַקלאָגט:

— דו ביסט היינט פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער!...

ער האָט געזאָגט שטיל און אומעטיק:

— איך רעכן צוצופאָרן קיין ניו־יאָרק אויף עטלעכע טעג. — און ער האָט זיך אַליין דערשראָקן פאַר זיינע אייגענע ווערטער. — לאהלע שרייבט... — ער האָט געוואָלט זען ביי איר באַדויערן, פאַר־דראָס, אַפילו רוגז. נאָר זי האָט בלויז געענטפערט:

— יאָ, כ׳מיין, דו דאַרפסט עס טאָן!

און אין דער זעלבער רגע האָט זי געפרעגט געלאַסן, שוין צו געלאַסן:

— ווען רעכנסטו צו פאָרן? — איר פראַגע האָט אים אויסגע־ניכטערט. ער האָט זיך דערפילט געפאַלן, און מער נישט דערמאָנט וועגן דעם ענין...

שפּעט אין אָוונט, ווען די קינדער זענען שוין געשלאָפן, איז דאָס פּאָרל געזעסן ביי אַן אָפענעם פייער און אומהיימלעך גע־שוויגן. פונעם אָפּגעזעצטן אַש אין דער נידער, האָבן זיך אָפּט פאָרמירט משונה־מאָדנע בּרואים. אָט זעט דער לערער אַ צוויל־דעוועטן אָקס מיט לאַנגע, שפּיציקע הערנער. פון זיינע נאָז־לעכער שפּאַרט אַ פלאַמיקער רויך. ער איז גרייט דורס צו זיין אַ ברעקל, נעבעכדיק מענטשל מיט אַ יאוש־אַשיקן פּנימל. און שוין איז פונעם אָקס און זיין קרבן נישט געבליבן קיין זכר... „דער שטאַרקער ווי דער שוואַכער" — קריכט אים אַ כמו־פּסוק פון קהלתן אין קאָפּ אַריין — „טיילט דעם זעלבן גורל!"

מיט אַמאָל פאַרציט יהודית אַ לידל. גרינוואַלדן וואָלט, אגב, איצט מער ניחא געווען דאָס שווייגן. און הגם זי זינגט וועגן דעם צער פון שיידונג, פון עלנטע טעג און שלאָפלאָזע נעכט, האָט ער דאָס געפיל, אַז ס'איז מער אַ געלעגנהייט־מאָטיוו, ווי אַן אמתער אויסדרוק פון בענקשאַפט...

דער שייטער נעמט ביסלעכווייז אויסגיין. פונקען, ווי פייער־פליגן, צינדן די פינצטערניש. אין די בונגאַלאָוס און ביידלעך איז אויסגעלאָשן דאָס ליכט. אַ געדיכטע וואַלד־שטילקייט נעמט אַרום דאָס פּאָרל. יהודיתעס אויגן גליען סודותדיק און געהיימניס־פול, ווי ביי אַ סיאַמער קאַץ, און זיי זענען געווענדט צו קופּערס ליידיקן געצעלט. זי שעפּטשעט:

— וואַרט דו צו, איכל גיין זען, צי די קינדער שלאָפן...

גרינוואַלד קריצט מיט די ציין. ער רופט זיך מיט די ערגסטע נעמען. ער איז פאַרצווייפלט און — אומבאַהאָלפן. די יונגע פרוי קערט זיך גלייך אום. זי האָט אויף זיך אַ לאַנגע נאַכט־העמד.. פּלוצים שניידט דורך די נאַכט־שטילקייט אַ לאַנגער, אימהדיקער רוף: „מאַ־מאַ! מאַ־מאַ!".

יהודית לויפט אַרויס אַ דערשראָקענע פון געצעלט און געפינט סעלמאַן אַ האַלב־הוילע, אַ צעשויבערטע ווי זי שטייט ביי אַ ני־דעריק ביימל און טרייסלט עס מיט אַלע כוחות: „מאַ־מאַ! מאַ־מאַ!" די מוטער טוליעט די קליינע צו זיך, באַרואיקט זי, שטילט זי איין:

— וואָס איז מיט דיר, מיין קינד? עס האָט זיך דיר עפּעס געחלומט? קום, טייערע, וועל איך זיך לייגן מיט דיר. איך וועל דיר עפּעס זינגען...

אינדערפרי, ווען גרינוואַלד ווייזט זיך ביי די סאַפּירס, ווייסן שוין די קינדער, אַז ער פאָרט אַוועק.ביים מיידעלע זענען די שעלמיש־שוואַרצע אויגן ברייט אָפן, מען זעט, זי איז שטאַרק צו־פרידן, אַנאַטאָל זאָגט פון יוצא־וועגן:

— איז פאָרט איר, הייסט־עס, קיין ניו־יאָרק? אַז מען האָט אַ קינד — גיט ער צו, ווי אַ דערוואַקסענער — קאָן מען לאַנג דערפון נישט זיין צעשיידט...

יהודית ווענדעט זיך צום לערער:

— קומט, מר. גרינוואַלד, וועל איך אייך אַ ביסל באַגלייטן.

ברודער און שוועסטער זאָגן אינאיינעם ווי אָפּגערעדט:

— „העוו עי פּלעזנט טריפּ!" (האָט אַן אָנגענעמע רייזע).

דאָס פּאָרל בראָדזשעט דורך באַקאַנטע שטעגן און סטעזשקעס. אַלץ איז דאָ דעם לערער היימיש־ליב און נאָענט. — אָט איז דאָס בערגל, וווּ ער האָט געזעסן מיט יהודיתן כמעט טעגלעך דעם זונ־פאַרגאַנג. אין יענעם וואַלד־ווינקל האָבן זיי בייגאַנד געקליבן בלו־מען און יאַגדעס. אויף אָט דעם פאַרבאָרגענעם וועגל זענען זיי געגאַנגען אין לבנה־נעכט זיך באָדן אין דער אָזערע...

זיי בראָדזשען און ער האָט אַ פאַרלאַנג, אַז דער וועג זאָל זיך ציען וואָס לענגער, אַז ער זאָל זיך שוין ענדיקן. צו מאָל טרעפן זיי אָן אַ שכנה־קעמפּערין. יהודית בלייבט שטיין און רעדט מיט איר לאַנג און פריינדלעך. איר קול איז רואיק און מעלאָדיש, ווי שטענדיק. און פאַרטרייבט ביי יענער דעם מינדעסטן חשד. זי דערציילט, אַז מר. גרינוואַלד פאָרט איצט צו זיין טאָכטער אויף באַזוך און זי פאַרענדיקט מיט איר זונס באַמערקונג, אַז מ'האָט אַ קינד. קען מען פון דעם נישט זיין צו לאַנג געשיידט...

דער לערער מישט זיך נישט אַריין אין שמועס. ער איז אומ־געדלודיק, דענערווירט. ער דרייט דאָס רענצל אין האַנט און באַ־טראַכט צעטראָגן זיינע שיך. אים גלייבט זיך קוים, אַז ער פאָרט טאַקע, אַז ער וועט נישט זען יהודיתן אַ וואָך און אפשר צוויי. און ווען זיי בלייבן ענדלעך אַליין, פרעגט ער:

— ווּעסט בּענקען, הביבי? — און ער ווערט רויט, ווי אַ יינגל, ביז אַריבּער די אויערן.

— געוויס! — קוקט זי אים גלייך אין די אויגן.

— פאַרוואָס־זשע לאָזטו מיך פאָרן?

— דו מוזט! — איז זי כמעט שטרענג — דו מוזט!

די לעצטע ווערטער באַרואיקן אים אַ ביסל. הייסט־עס, טראַכט ער, זי זעט די נויטווענדיקייט. ס'איז איר נישט אַלץ איינס...

יהודית רייסט אָן קליינע, ווייסע בלימעלעך, ווי שפּילקע־קעפּלעך, וואָס ווערן גערופן אין ענגליש „בייביס־ברעטה". זיי האַלטן אָן דעם דינעם, איידעלן אַראָמאַט אַפילו דעמאָלט, ווען זיי זענען שוין לאַנג אָפּגעריסן פון וואָרצל, און באַצירט מיט זיי די האָר, און אַ טייל לייגט זי אַריין גרינוואַלדן אין דער אויבערשטער קעשענע פון רעקל.

— זיי וועלן דיך דערמאָנען אין מיר! — ציטערט אויף אַ שמייכל אויף אירע שיינע ליפּן.

— איך וועל דיר שרייבן פון וועג — ברעכט זיך זיין קול — און דו ענטפער דירעקט קיין ניו־יאָרק — ער גיט איר אַן אַדרעס. ווּעסט עס טאָן?

— געוויס! — ענטפערט זי אינעם פריערדיקן טאָן. ער באַווונדערט איר האַלטונג. איז עס בלויז קילע קאָרעקטקייט און ליבּנסווירדיקייט, קלערט ער ווייַמוטיק, צי אונטער דעם אַלעמען באַהאַלט זיך עפּעס מער?

ביים „טויער" פון וואַלד וואַרט דער אויטאָבוס. זיי נעמען זיך אַרום. ער זאָגט:

— ס'וועלן זיין פאַר מיר שווערע טעג.

דער אויטאָבוס רירט זיך. ער זעט, זי איז זייער ערנסט און דאַכט זיך, אַ ביסעלע אומעטיק...

די באַגעגעניש מיט לאהלען

דער וואַלד לויפט נאָך לאַנג נאָך דעם אויטאָבוס אויף ביידע זייטן שאָסיי־וועג. פון דער געדיכטעניש טוט דאָ און דאָרטן אַ פינטל אַ שטיקל דאַך, אַ שויב, אַ טייל פון אַ געצעלט. דער פרימאָרגן איז פול מיט פייגלשן געפלאַטער, מיט פריידיקן ליאַרם. ריחות פון פאַרשידענע געוויקסן שפּאַרן אין די אָפענע פענצטער. גרינוואַלד איז נאָך מיט זיין גאַנצן מהות אין וואַלד. ער שפּאַצירט נאָך מיט יהודיתן אויף די ווויל־באַקאַנטע סטעזשקעס און שטעגן. ער רעדט ווייטער מיט איר שטיקלעך, אָפּגעריסענע און באַהאַרצטע רייד ווי פריער. ער איז מיט אַנדערע ווערטער, אין דער בחינה פון אַן אַמפּוטירטן, וואָס האָט נאָך נישט „אויסגעפונען", אַז אים פעלט אַן אבר. נאָר ווען דער אויטאָבוס גיט זיך פּלוצים אַ קער אויפן אַס־פאַלט־טראַקט, נעמט אים אַרום אַ דערדריקנדיקער אומעט, אַן אומענדלעכער עלנט. ס'זענען דאָ מינוטן, איבערהויפּט ביי אַן אָפּ־שטעל, ווען ער מוז זיך שטאַרק באַהערשן נישט אַרויסצושפּרינגען פון וואָגן און לויפן צוריק...

און ווידעראַמאָל ווי אַ בעל־מום, וואָס זוכט מיטלען איינצושטעלן זיין צערודערטע עקזיסטענץ, פּיקן זיך ביי אים געדאַנקען, וועלכע דאַרפן אים טרייסטן און שטאַרקן, נעמלעך, אַז די שיידונג איז אפשר צום גוטן. ער וועט זיך איינאָרדענען אין ניו־יאָרק, נאָענט צו לאהלען, און עס וועט נעמען אַ סוף צו די פּלאָנטערנישן און קאָנפליקטן. אָבער די מעגלעכקייט, גענויער, די אוממעגלעכקייט פון צו זען די יונגע פרוי, וואַרפט אים אַריין, ווי שוין איינמאָל דערמאָנט, אין אַ פּאַניק, און דאָס לעבן, אָן איר, פאַרלירט, ביי אים יעדן ווערט און זין...

דער אויטאָבוס סקריפּעט, טרייסלט, איילט דורך שטעט און שטעטלעך, דערפער און מקומות, פון וועלכע דער לערער האָט

זעלטן געהערט. און פון דער גאַנצער סצענישער שיינקייט, פיל געריכט אין פאַמפלעטן פון דער רייזע־אַגענטור, בלייבן אין געדעכעניש דריטקלאַסיקע עס־פלעצער און סומנע וואַש־קעמערלעך...

די מיטפאָרער האָבן שוין געשלאָסן באַקאַנטשאַפט צווישן זיך. מען שמועסט וועגן פאַמיליע־ענינים, וועגן אַרבעט, וועגן ספאָרט. מען בייט זיך מיט אַדרעסן. ווער ס׳כאַפּט אַ דרעמל, און ווער ס׳איז פאַרטאָן, נישט געקוקט אויף דער ענגשאַפט — אין קאָרטנשפּיל...

גרינוואַלד זיצט אַן אָנגעווייטיקטער פון די רייד, פונעם איינטאָניקן קלאַפּן פון די רעדער. די חושים האָבן אָנגעווירן זייער שאַרפקייט, זייער סענסיוויטעט. עפּעס אַ גלייכגילט האָט פּלוצים אַראָפּגענידערט אויף אים, ווי ס׳טרעפט נישט זעלטן מיט איינעם, וואָס ג׳ייט דורך אַ סך ליידן און יסורים, און געפינט נישט קיין תרופה צו זיי...

וואָס נענטער ניו־יאָרק ווערט אין שטח, אַלץ ווייטער רוקן זיך אַוועק די געשעענישן פון די לעצטע חדשים. לפנים דאַכט זיך אים אַפילו, אַז נישט מיט אים האָבן געטראָפן די אַלע זאַכן. אין דער אמתן אָבער איז די ווונד פון שיידונג בלויז פאַרצויגן, ווי אַ גליאיקע קויל מיט אַ שיכט אַש, וואָס אַט לעשט זי זיך, און אַט פלאַמט זי ווידער אויף...

אין אַט דעם מאָדנעם געמיט־צושטאַנד באַגעגנט גרינוואַלד זיין טעכטערל. די באַגעגעניש קומט פאָר אין אַ קאָנדיטאָריי אויף בראָדוויי. זיי זיצן וויזאַווי ביי אַ טישל און בייסן צו. לאהלע איז פאַר די יאָרן אונטערגעוואַקסן. צו אירע גרויסע, ערנסטע אויגן איז צוגעקומען אַ נישט־קינדערשער אומעט. זי שווייגט ס׳רוב. גרינוואַלד גיט איר איבער אַ מתנה וואָס דאַרף געפעלן אַ פערצן יאָריק מיידל. זי נעמט צו דאָס געשאַנק אָן באַזונדערן אינטערעס. ער וויל איר דערציילן, ווי שטאַרק ער האָט געבענקט נאָך איר, נאָר פון איר ווייעט מיט אומצוטרוי און פרעמדקייט און צוימט לאַנג זיין צונג. ענדלעך האַלט ער נישט אויס און פרעגט:

— ווי גייט עס דיר אין לערנען, לאהלע?

זי באַטראַכט אים אַ ווייל מיט חידוש און ענטפערט קורץ און לאַקאָניש:

— ווי מען קאָן דערוואַרטן אונטער די אומשטענדן... — פון די געציילטע ווערטער הערט זיך אַרויס נישט סתם אַן ענטפער,

נייערט אַן אָנקלאַגע, אַן אָנקלאַגע וואָס טרעפט אים אין סאַמע האַרצן... דער לערער, צו וועמען עלטערן ווענדן זיך אָפט מיט דערציאונגס־פּראָבלעמען, קען זיך איצט נישט געבן קיין עצה מיט זיין אייגן קינד, וואָרום ס׳איז שווער, ביי אַזאַ פאַרהעלטעניש, צו פירן אַ שמועס וועגן עניני דיומא. ער פּרוווט אָנרירן ביי איר סטרונעס פון עבר:

— לאהלע, געדענקסט ווי מיר פלעגן ביידע שפּאַצירן אין פּאַרק אין דער שטאָט „ס״, און זיך דאָרטן שיפלען איבער דער קליינער אָזערע?

דאָס מיידל ציטערט אויף. עס פאַרשווינדט יעדער טראָפּן בלוט פון איר מראה. דאָס איז דאָך די שטאָט, וווּ עס איז צעשטערט געוואָרן איר היים, איר קינדערשע זיכערקייט, איר...

— איך בעט דיך, פּאַ — זאָגט זי זייער שטיל — דערמאָן נישט וואָס ס׳איז געווען...

היות, ווי דער היינט און דער נעכטן זענען ביי איר טאַבו, פּרוווט דער פאַרצערטער פאָטער אַ רעד טאָן וועגן דעם מאָרגן:

— וואָלסטו אפשר געוואָלט פאַרברענגען דעם קומענדיקן זו־מער ביי מיר אין „ש״. ס׳איז אַ ווונדערלעכע שטאָט! — בעט ער זיך כמעט ביי איר. — וואָס זאָגסטו, לאהלע?

— און איבערלאָזן דער מאַמען אַליין?

גרינוואַלד ראַנגלט זיך מיט דער מחיצה, וואָס צעשיידט אים פון זיין קינד. נישט אַנדערש, טראַכט זיך אים אומהיימלעך, ווי די לאַנגע בריוו צו איר האָבן נישט געהאַט קיין פּעולה. ער, ווי אַ סך פון זיין גלייכן, האָט געלייגט פיל געוויכט אויפן כּוח פון „לאָגאָס״. ער האָט פאַרגעסן, צי ס׳איז אים געווען פּיינלעך צו געדענקען, אַז מעשים בלייבן אפשר לענגער אין געדעכעניש, בפרט ביי אַ בר־נש אין די פאָרמאַטיווע יאָרן...

פאָטער און טאָכטער הייבן זיך גלייכצייטיק אויף פון טישל און לאָזן זיך שווייגנדיק צו דער טיר. איצט איז גרויס די געפאַר, די באַגעגעניש זאָל זיך ענדיקן מיט נאָך אַ שטאַרקערער אָפּפרעמ־דונג... גרינוואַלד נעמט זי אָן פאַרן אָרעם און פירט זי אַריבער די גאַס און פאַרקערעווען זיך צו „ראַדיאָ־סיטי״:

— ווילסט אפשר אַריינגיין, לאהלע?

ס׳איז געווען אַ געלונגענער אומבייט אין אָרט, ווו רייד זענען

לחלוטין איבעריק, און די האַלב־פינצטערניש וועקט אילוזיעס פון נאָענטקייט און שלום. אויפן עקראַן האָבן זיך אָבער, צו זיין ער־גערניש, אָפּגעשפּילט אַ פאַמיליע מעלאָדראַמע מיט די וויל־באַ־קאַנטע טריוויאַלן. דאָס מיידל ביי זיין זייט, האָט זיי אויפגענומען, צוליב פאַרשטענדלעכע סיבות, מיט טיפער עמאָציע. ווען אויפן לייוונט האָט געהאַט די אויבערהאַנט מידת־הרחמים, האָבן לאהלעס פינגער זיך געלאָזט אָפּזוכן, ביי אַ פאַרקערטער סיטואַציע, האָט זיי דער פאָטער שוין נישט געקענט געפינען...

אין אָוונט איז גרינוואַלד אַריין מיט זיין טעכטערל אין איינע פון די פאַרנעמסטע רעסטאָראַנען. — אים האָט זיך שטאַרק גע־וואָלט, אַז זיין באַזוך זאָל כאָטש ביי איר בלייבן אַן אָנגענעמע דערמאָנונג.

— דו עסט אַלע מאָל אין אַזוינע פּלעצער? — האָט זי טרוקן געפרעגט מיט אַ שמצל קנאה.

— ניין, נישט אַלע מאָל, אָבער היינט איז דאָך עפּעס אַנ־דערש... — האָט ער זי געגלעט מיט זיינע בליקן. אַ זייגער צען האָט ער זי אָפּגעפירט מיט אַ טעקסי אַהיים. פאַרן אַרויסשטייגן האָט ער אָפּגעמאַכט מיט איר ווען און ווו זיך ווידער צו טרעפן.

אַזוי איז אַוועק אַ וואָך.

גרינוואַלד האָט יעדן טאָג געהאַט מיטגענומען לאהלען אין טעאַטער, צו אַ קאָנצערט, צי אויף אַ שיף־עקסקורסיע. ער האָט איינגעהאַנדלט פאַר איר מלבושים, מיידלשע ציר־ און פוץ־אַרטיק־לען. ווען ער האָט באַמערקט אַ היימלעכע מינע ביי איר, האָבן זיך צעעפנט אַלע קוואַלן פון ליבשאַפט ביי אים. אין סך־הכל איז אָבער איר באַציאונג צום פאָטער געבליבן אומגעביטן.

ביי אַזאַ אָנגעשטרענגטער לאַגע, האָט זיך ביים לערער נאָך מער געשטאַרקט די בענקשאַפט צו יהודיתן. ער האָט עס אויסגע־דריקט אין זיין שרייבן צו איר, פאַרשווייגנדיק, נאַטירלעך, די מאָטיוון. די יונגע פרוי האָט, צו זיין חידוש זיך נאָכגעפרעגט שוין אין איר ערשטן בריוו, ווען ער קערט זיך אום קיין „ש". זי האָט אים אָבער געוואָרנט, אויב זיין קינד נייטיקט זיך איצט אין אים, קומט איר די פּריאָריטעט...

גרינוואַלד האָט נאָך געדאַרפט מאַכן אַ שיין פנים, ווי ס'ווערטל גייט, צום מיאוסן שפּיל, נעמלעך, הגם לאהלע וויל ער זאָל בלייבן,

וועט ער זיין צוריק פיל פריער ווי גערעכנט. ס׳איז, אגב, געווען אַ רמז פאַר איר (פאַר אים איז עס שוין לאַנג געווען אַן אומאָפּ־פרעגלעכער אמת...) אַז די פריינדשאַפט זייערע פאַרנעמט ביי אים דעם סאַמע אויבנאָן...

ביים אָפּפאָרן האָט גרינוואַלד פון דעסטוועגן געפרעגט זיין טעכטערל די זייער געגאַרטע פראַגע:

— לאהלע, וואָלסט געוואָלט איך זאָל זיך באַזעצן אין ניו־יאָרק, נישט ווייט פון דיר?

— פאַרוואָס נישט? — האָט זי געענטפערט קיל און רעזער־ווירט און באַלד אַריבער צו אַן אַנדער ענין.

אַ פּאָר טעג פאַר גרינוואַלדס אָנקומען אין וואַלד, האָט אַ שטור־רעם־ווינט אומגעוואָרפן געצעלטן, ביידלעך און אַפילו באַשעדיקט און צעשטערט אַ צאָל באַנגאַלאָוס, סאַפּירס בתוכם. די קעמפּערס זענען געווען פאַרהאַוועט מיט צוריקשטעלן און פאַרריכטן זייערע „היימען". יהודית האָט אַרויסגעהאָלפן איר זון אין דער אַרבעט, און דאָס קליינע מיידל דערביי האָט פאַרהילכט די לופט מיט איר גלעקלדיק קול.

דאָס פלוצימדיקע דערשיינען פונעם לערער, האָט ביי יעדן פון די דריי אַרויסגערופן אַן אַנדער רעאַקציע — בעת ביי יהודיתן איז געווען אויסגעגאָסן איבער איר גאַנצן פּנים אַן אָנגענעמע איי־בערראַשונג און אָפענע פרייד, האָט זיך ביי אַנאַטאָלן געמערקט פאַרווירטקייט, אַנטוישונג, און טרערן פון קינדערשן אומגליק ביי — סעלמאַן...

גרינוואַלד האָט געביסן די ליפּן ביז ווייטיק. ער האָט אַראָפּ־געוואָרפן פון זיך דאָס רעקל, און גענומען אינאיינעם מיט די איי־בעריקע אונטערשפּאַרן און באַפעסטיקן דאָס שאָקלדיקע ווינאָרט...

איינמאָל אין אַ נאַכט...

סוף אויגוסט האָט זיך אַליעזר גרינוואַלד אומגעקערט אין שטאָט. ס׳זענען געבליבן גֿעציילטע טעג צו דער דערעפֿנונג פֿון די שולן. אויפֿן לערער האָט געוואַרט די אומאָנגענעמע און פֿיינלעכע עובֿדה צו דערמאָנען מינדלעך (טעלעפֿאָניש) די עלטערן אין זייער חובֿ ממשיך־צו־זיין די יידישע דערציאונג פֿון זייערע קינדער. שריפֿטלעך איז דאָס שוין געטאָן געוואָרן מיט וואָכן פֿריער. מ׳האָט קיינמאָל נישט געקענט וויסן אויף זיכער, וויפֿל און וועלכע תּלמי־דים וועלן זיך אָפּרופֿן. מ׳האָט אַלץ געדאַרפֿט אָנהייבן פֿון „בראשית״.

גרינוואַלד איז געווען טיף גערירט ווען ער האָט זיך ווידער באַגעגנט מיט זיין יונגער חבֿרה. ער, ווי יעדער יידישער לערער, האָט באַטראַכט יעדן טאָג פֿון איר שול־באַזוך פֿאַר אַ „נס״. נישט נאָר האָט „סקול״ און גאַס אַוועקגעריסן, כּידוע, דאָס קליינוואַרג, אויך די היים איז אָפֿט געווען אַ מכשול, ס׳איז רעכט געווען ביי טאַטע־מאַמע צו שטעלן העכער די מוזיק און טאַנץ־לעקציע פֿאַרן יידישן לימוד, און נישט זעלטן אים אָן אַ סיבה אויסלאָזן. און ביי אַ געלעגנהייט נאָך טענות האָבן, פֿאַרוואָס ס׳קינד האָט אַזוי ווייניק דערגרייכט אין לערנען.

דער לערער איז יענעם אָנהייב שול־זמן געווען באַזונדערס נידערגעשלאָגן. זיין מי־פֿולע רייזע קיין ניו־יאָרק האָט מיט גאָר־נישט פֿאַרבעסערט זיין מערכה ביים טעכטערל. ס׳איז אַלץ געבליבן ווי געווען. ד. ה. לאַנגע, עמאָציאָנעלע בריוו פֿון אים, און קורצע, זאַכלעכע, כּמעט סטערעאָטיפּישע ענטפֿערס פֿון איר. דערצו האָט זיך יהודיתן נישט געוואָלט שיידן מיטן וואַלד. דער „אינדיאַנער זומער״ האָט דאָרטן געוועלטיקט מיט אַלע ליבלעכקייטן און חנען — דיביימער און קוסטעס האָבן געגליט מיט פֿאַרבן פֿון זונפֿאַרגאַנג. די טעג זענען געווען לויטער־וואַרעמע און שאַרף־קילע, פֿאַרחלומ־

טע — די נעכט. אָבער דער קעמפּ־שטח איז געווען פּוסט און פאַר־לאָזט. די באַוווינער זענען זיך צעלאָפן מיט דער דערעפענונג פון די „פּאָבליק סקולס״ (פאָלק־שולן).

יהודית האָט אָפּגעשיקט די קינד׳ער צום פאָטער אין שטאָט אַריין. זי איז געווען צופרידן, וואָס דער טעלעפאָן און די פּאָסט צירקולירן נישט נאָך „לייבאָר דעי״. די איינציקע פאַרבינדונג מיט אַ מענטשן איז געווען דער לערער. זי האָט אים אָפּגעוואָרט שפּעט אין אָוונט ביי דער איינזאַם־געוואָרענער באַן־סטאַציע, ווו דער צוג איז שטיין־געבליבן בלויז דעמאָלט, ווען ער האָט געדאַרפט אַראָפּלאָזן אַ פּאַסאַזשיר...

גרינוואַלד איז אָנגעקומען פון שול אַ מידער, אַן אויסגעשעפּ־טער און ס׳רוב אַ נישט־אויפגעלייגטער. ער האָט שווייגנדיק גע־שפּאַנט ביי דער זייט פון דער יונגער פרוי אויף די שטילע, פינצ־טערע שטעגן און וועגלעך אַלץ טיפער אין וואַלד. די צעצווייגטעביימער האָבן זיך געצייכנט אין דער חשכות אין מוראדיקע גראָ־טעסקע געשטאַלטן. איבער די גראָבנס און אָפּגרונטן האָבן זיך אומגעטראָגן געדיכטע מחנות פייער־פליגן, ס׳האָט זיך געהערט דאָס אָן סופיקע און אומהיימלעכע קוואַקען פון די אָקסנפרעש. ס׳האָט זיך געדאַכט, אומעטום לויערן בייזע כוחות, אַז באַלד וועט פון די געדיכטעניש אַרויסשפּרינגען אַ וואַלד־גזלן, אַ גאָרגלשניי־דער. מ׳האָט דאָ געקאָנט באַגיין די גרעסטע רציחה, און אַ פויגל זאָל נישט אַ פּיפּס טאָן...

דאָס פּאָרל איז ענדלעך אַריין אין דעם שוין איצט פאַרקלענערטן וווינאָרט. עס האָט מער אויסגעזען ווי אַ פּשוט ביידל און איז געווען שוואַך באַלויכטן פון אַ קעראָסין־לאָמפּ. דער טיש איז געווען גע־גרייט. יהודית האָט אַוועקגעשטעלט דעם אָוונט־מאָלצייט און ביידע האָבן שווייגנדיק געגעסן.

— וואָס טוסטו דאָ אַ גאַנצן טאָג? — האָט גרינוואַלד פּלוצים איבערגעריסן די שטילקייט. זיין קול האָט געקלונגען מיט שטיקלעך פאָראיבל. דאָס צוויי שעהדיקע פאָרן האָט זיך געלייגט שווער אויף אים.

זי האָט אויפגעהויבן אויף אים אירע גאָלדיק־ברוינע אויגן פול מיט פאַרוואונדערונג:

— איך האָב דאָ אַ סך וואָס צו טאָן? — האָט זי געערדעט מיט

קינדערשער תמימות. — איך שפּאַציר אום גאַנצע שטונדן צווישן די ביימער, איבער די זאַמד־בערג, ביי דער אָזערע. איך קוק זיך צו צו די אַלע מינים בלומען, וועלכע קומען אויף אין אַט דער צייט פון יאָר. איך באַטראַכט די וואַנדערנדיקע מחנות פייגל אָפּ־פליען, און אוודאי יענע, וועלכע בלייבן ווינטערן אין וואַלד. דו וועסט זיין איבערראַשט, גרינוואַלד — האָט זי אַזש אויסגעשריען אַן אַנטציקטע — ווי איך האָב זיך אויסגעלערנט זיי צו דערקענען!... אָבער פאַרוואָס מיר ווילט זיך דאָס טאָן, ווייס איך נישט... — האָט זי פאַרענדיקט מיט אַ שולדיקער מינע.

ביים לערער לאָזט נאָך די אָנגעשטרענגטקייט. ער ווערט באַ־הערשט פון אַן אומענדלעך טיפער פרייד. ער זאָגט שטיל און באַ־האַרצט:

— דו ווייסט נישט פאַרוואָס, יהודית? דאָס איז דערפאַר — רעדט ער שוין אין איר טאָן — ווייל דו ביסט אַ וואַלד־נימפע! וואָס זאָג איך אַ וואַלד־נימפע? — דו ביסט די מלכה פון וואַלד!... הערסט? די מלכה פון וואַלד!... — אַ גליקלעכער שמייכל צעגיסט זיך איבער איר איידל־צאַרטן אָוואַלן געזיכט, און זי פאַלט אים אַריין אין די אָרעמס.

איינמאָל אין אַן אָוונט, ווען גרינוואַלד איז אַראָפּ אויף דער סטאַנציע, האָט ער, צו זיין גרויסן חידוש, יהודיתן נישט געפונען. ער האָט זיך אומגעדולדיק אומגעדרייט ביים פינצטערן אָפּשטעל־הייזל. און ווען ס׳איז אַוועק אַ האַלבע שעה און זי האָט זיך נישט געוויזן, האָט אים אָנגעכאַפּט אַ שרעק, אַז אַן אומגליק האָט גע־טראָפן מיט איר. ער האָט זיך געלאָזט אין וואַלד מיט אָנגעשפּיצטע אויגן און אויערן, און איז אָפּט פאַרקראָכן אין די זאַמדן, צי צו־ריקגעקומען צו די רעלסן. דער דמיון האָט נישט אויפגעהערט צו מאָלן געשעענישן מיט דער יונגער פרוי, איינע גרוילעכער פון דער צווייטער. נאָך אַ לאַנגן אומבלאָנדזשען האָט ער ענדלעך באַ־מערקט ליכט אין איר פענצטער. ער האָט פאַרהאַלטן זיינע טריט. פון ביידל האָט זיך געטראָגן סאַפּירס אויפגערעגטע שטימע. זיין אומגעריכטער וויזיט האָט נישט צוגעזאָגט קיין גוטס. קאָנטיק, ס׳איז צו אים דערגאַנגען עפּעס פון זיין פרויס אַפּערע...

— ווו איז עס געהערט געוואָרן — האָט ער געדונערט — אַז אַ באַלעבאָסטע זאָל איבערלאָזן איר היים און פאַמיליע, און

בלייבן שטעקן אַליין אין אַ ווילדערניש? די קעמפּערס האָבן דיך אויסגעקליבן צו היטן דעם וואַלד? וואָס האָסטו מורא — איז נישט געווען קיין גרענעץ צו זיין חוזקן — די ביימער וועלן אַנטלויפן?...

פון אָט די דאָזיקע קלאָץ־קשיות האָט מען לכתחילה נישט געקענט דרינגען, אַז ער פאַרדעכטיקט זי אין ראָמאַנטישער נטיות, און ווען אַפילו יאָ, וואָלט ער עס פאַר זייטיקע נישט צוגעגעבן.

שלום סאַפּיר איז געקומען קיין אַמעריקע מיט אַ „יחוס בריוו" פון זיין אוקראַינער שטעטל. ער האָט דאָרטן געשמט פאַר אַן עילוי. דער אָרטיקער רב האָט פאַראויסגעזאָגט, אַז פון אים וועט אויס־וואַקסן אַ „טיפע כלי", אַ גאון בישראל. דערצו האָט ער געהאַט אַ הדרת־פנים — אַ הויכן, לומדישן שטערן, שאַרפע, דורכדרינגענ־דיקע בליקן, אַ באַפעלערישן טאָן. נאָר אויפן וועג צו גאונות איז ביי אים עפּעס קאַליע געוואָרן, ס'האָט זיך עפּעס פאַרלוירן. פאַר־בליבן איז זיין גדלות, זיין פאַרגלויבטקייט אין זיך...

— נעם, פּאַק זיך גלייך איין און מיר וועלן פאָרן אַהיים! — האָט ער באַפוילן.

יהודית האָט נישט געענטפערט. זי האָט געהאַלטן אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ איבער אַ בוך כלומרשט פאַרטיפט אין לייענען. סאַפּיר האָט נערוועז אומגעשפּאַנט איןביידל, זיך אָפּגעשטעלט הינטער איר רוקן, און האָט מיט ביטול אַריינגעבליקט אינעם שריפט, אַ ביטול, מיטגעבראַכט נאָך פון טאַטנס הויז, צום גאַנצן ווייבערשן מין...

פלוצים האָבן זיך זיינע בלוילעכע אויגן העל צעלויכטן. ער האָט אַן עפן געטאָן די טיר און אַריינגענומען די האַק, מיט וועל־כער אַנאַטאָל צעשפּאַלט קלעצער פאַרן קעמפּ־פייער. ער האָט זי אַ פּאָר מאָל אַראָפּגעלאָזט אויפן ברעג טיש, וועלנדיק אָפּציען זיין פרוי פונעם בוך, צי זי פּשוט אָנשרעקן.

יהודית האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ס'האָט זיך נישט געמערקט קיין מוסקול־באַוועגונג ביי איר. זי איז געזעסן אויסער־לעך רואיק, געלאַסן, אַפילו געמיטלעך, ווי דער תוכן פון בוך וואָלט זי באַצויבערט. דאָס ליכט פון קעראָסין־לאָמפּ איז געפאַלן אויף איר שטערן און אויף אַ טייל פון אירע ווייכע קאַשטאַנען־האָר מיט אַ קופּערלעכן אָפּגלאַנץ. זי האָט איצט דערמאָנט אין די קלאַסישע פּאָרטרעטן, געמאָלן פון די אַמאָליקע מייסטערס.

סאַפּירן האָט איר רואיקייט דענערווירט. ער האָט חשק געהאַט אַרויסצורייסן דאָס ביכל און עס אַרויסשליידערן אין דרויסן, נאָר באַגלייך מיט דעם ווונטש האָבן זיך אין אים געראַיעט אויך אַנדערע טונקעלע באַגערן...

— דו ווייסט כאָטש, וואָס דער ענגלישער קעניג, הענרי דער אַכטער, האָט געטאָן מיט זיינע אומטרייע ווייבער? — האָט ער זיך אומהיימלעך צעלאַכט.

די יונגע פרוי האָט דערשפּירט די שאַרף פון דער האַק אויף איר נאַקן.

— און וואָס האָט ער געטאָן מיט זיינע טרייע ווייבער? — האָט זי געפרעגט פון בוך אַרויס, אָן אַ ציטער אין איר קול. ניין, ס'איז מער נישט געווען דאָס גרויסע קינד, וואָס ווערט נתפעל פון אַ בלימל, פון אַ פויגל, פון אַ זונפאַרגאַנג, נייערט אַ געניטע פרוי וועלכע קאָן די שוואַכקייטן פון איר מאַן און ווייסט אויך ווי אים אָפּצוצאַלן פאַר אומרעכטן און פאַר גרינגשעצן זי...

סאַפּיר האָט זי נישט געהערט. ער האָט אַוועקגעלייגט דעם געפּערלעכן משחית אויפן טיש, לעבן זיך, און ווייטער געצויגן זיינע סאַדיסטישע רעיונות:

— איך קאָן דיך אַריינוואַרפן אין אַ „רעווין" (גרוב) און זאָלן די וואַלד־שטשערעס דיך דאָרטן פאַרענדיקן.

— און ווי וועסטו זיך פאַרענטפערן פאַר די קינדער? — האָט זי גלייכגילטיק געפרעגט, גלייך נישט וועגן איר וואָלטן די רייד געווען.

ער האָט זי ווידער נישט געהערט. און ווייטער געפירט דעם מאָנאָלאָג:

— דיין גליק איז אָבער, וואָס איך האָב ביי דיר קיינעם נישט געפונען. אין אונדזערע ספרים ווערט געשריבן — האָט דער בר־סמכא שוין מער גערעדט צו זיך אַליין: — „על פי שנים עדות יקום דבר". און איך האָב אַפילו נישט קיין איין עדות. — ער האָט זיך ספּאָנטאַן אַ הייב געטאָן פון שטול און איר צוגעוואָרפן: — ווילסט טאַקע בלייבן דאָ? — בלייב זיך דיר!...

ער האָט זיך גענומען עסקן מיט דעם אויטאָ און איז אין עטלעכע מינוט שפּעטער פאַרשוווּנדן פון וואַלד.

גרינוואַלד, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין דער פינצ־

טער,ביים פענצטער, און האָט צוגעזען די שרעקלעך־אויפטרייס־לענדיקע סצענע, איז מיט וואַקלדיקע טריט אַריין איןביידל. ער איז געווען בלייך, צעטראָגן און באַדעקט מיט אַ קאַלטן שווייס. נישט בעסער האָט אויסגעקוקט יהודית. די לאַנגע פּיינפולע שטונדן, די אַרויפגעצווונגענע אויף זיך סבלנות, האָבן געהאַט זייער ווירקונג. זי האָט אויסגעשטרעקט אירע ציטערנדיקע הענט צום לערער און זיך היסטעריש צעוויינט...

„ווער וועט געדענקען
דעם צער פון דעם לערער?״

די מעגלעכקייט, אַז די דייטשן קאָנען אַרויסשיקן פון זייערע סובמאַרינען צעשטער־באָמבעס אויף אַמעריקאַנער שטעט, האָט בשעתו שטאַרק אויפגעטרייסלט די היגע באַפעלקערונג. מ׳האָט ספּאָנטאַן גענומען בויען טיפע שוץ־קעלערן (שעלטערס) מיט די נייטיקע הצטרכותן. עס האָבן זיך געשאַפן פרייוויליקע קאָמאַנדעס פון נאַכט־שומרים, וועלכע האָבן געדאַרפט האַלטן אַן אויג נישט נאָר אויף די הויכע ספערן, נייערט נאָך מער אויף דער ערד, ווען די שטאָט געפינט זיך אין טאָטאַלער פאַרטונקלונג. דער „רויטער קרייץ״ האָט געעפנט צענדליקער סטאַנציעס, ווו מען האָט געלערנט וואָלונטאָרן ווי צו געבן די ערשטע הילף, ווי צו דערמינטערן דורך קינסטלעכן אָטעמען. מ׳האָט אינסטרואירט די „פּאָבליק סקולס״ צו פּראַקטיצירן אָפּט מיט די קינדער די מידה פון פאָרזיכט. קורץ, אויך אויף דער זייט פונעם אַטלאַנטיק האָט אַ ווייע געטאָן מיט די גרוילן פון קריג.

היות, ווי ביי די יידישע שולן זענען נישט געווען קיין שעל־טערס, האָט דער רעגירונגס־באַאַמטער אָנגעוויזן ווי זיך נוהג צו זיין בעת אַן אַלאַרם־רוף, ווי אַזוי אַראָפּצופירן די תלמידים פון די העכערע שטאָקן, אויסמיידנדיק פענצטער און גלעזערנע טירן, צו אַ נאָענטן קעלער, אָדער לכל הפחות, צו אַ נידעריקן גאָרן.

צו די אומצאָליקע דאגות, וואָס די לערערשאַפט האָט דעמאָלט געהאַט, זענען צוגעקומען שפּאָגל נייע — קינדער האָבן אויסגעפעלט צום לערנען, אַנדערע זענען אינגאַנצן אַרויסגעפאַלן פון די שולן. עס איז שווער געווען איינצומאָנען דעם שכר לימוד, און ווי אַ פּועל־יוצא דערפון, האָבן די לערערס נישט געקראָגן זייערע שכירות,

וועלכע מען האָט אין „ש" אין די בעסטע יאָרן נישט געצאָלט פּינקטלעך...

אָט די סיבות האָבן אַרויסגערופן אַ נייטיקייט פאַר אָפטע זיצונגען ביי די לאָקאַלע שולן, ביי דער „צענטראַלע", ביים פּעדאַגאָגישן ראַט. די לערערס האָבן זיך נאָכן לערנען אומגעטראָגן איבער דער עיר הבירה מידע, פאַרהאַוועטע, פאַרזאָרגטע, און נישט זעלטן זיך אומגעקערט אַהיים שפּעט נאָך האַלבער נאַכט.

אליעזר גרינוואַלדן האָט זיך באַזונדערס איינגעקריצט אין זכרון איינע אַזאַ מסיבה. ס'איז געווען אַ פּראָסטיקער פעברואַר אָוונט. ער האָט ערשט געהאַט דערגרייכט, נאָך אַ שעהדיקער שלעפּעניש מיטן געפּאַקטן טראַמוויי, דעם „לייסעום", און שוין אין קאָרידאָר האָבן זיך דערהערט אויפגערעגטע שטימען, וואָס האָבן זיך מיט זיין אַריינקום ספּאָנטאַן איבערגעריסן, ווי דער מדובר וואָלט געהאַט אַ שייכות צו אים. ער האָט זיך נערוועז אַרומגעקוקט און זיך אָנגעטראָפן מיט צבי פייגינס בליקן, אין וועלכע ס'איז נאָך נישט געווען פאַרוואַשט דער אומפריינדלעכער גלימער. דער מיטלשול דירעקטאָר איז געזעסן, ווי ביי אַלע אַזעלכע אסיפות, מיט די אָנפירער פון דער באַוועגונג און זיך צוגעהערט צו די באַריכטן. ס'איז אָנגעגאַנגען אַ שטילע קאָנקורענץ צווישן די שולן, ווער וועמען ס'וועט איבערשטייגן אין צאָל תלמידים, גרעסערע אויפטואונגען, אין לערערישע קוואַליפיקאַציעס. ווען אַ פאַרוואַלטער האָט מיטגעטיילט וועגן אַ וויכטיקער געשעעניש אין זיין שול, האָט פייגין, אָדער זיינער אַ ידיד, געוווסט ווי צו דיסקאָנטירן פון יענעמס גדולה מיט אַ זייטיקער פראַגע, בפרט ווען דער אָנגעהעריקער לערער האָט אויסגעפּעלט, צי פאַרשפּעטיקט צו דער זיצונג...

צבי פייגין, וואָס האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט באַזונדערע פּעדאַגאָגישע פעאיקייטן, האָט אַריינגעקראָגן די דירעקטאָרשטעל, ווי ס'איז שוין אַמאָל דערמאָנט געוואָרן, דורך פּאַרטלען געבאָרגט ביים תנ"כישן אַבשלום, דאָס הייסט, מיט חניפה און ווילברודערשאַפט מיט וועמען מען דאַרף. ער האָט שטענדיק מאַניפּולירט אַזוי, אַז טענות און שטראָפּרייד זאָלן זיין געווענדעט צום צד שכנגד, און אַז ער, ווי די מיטל־שול, זענען נישט נאָר הייבו הך, נאָר שטייען בכלל אויסערן גבול פון קריטיק...

אַ האַלבע שעה פאַר גרינוואַלדס אָנקומען, האָט זיין פאַרזיצער,

פּאָול בערג, דערציילט באריכות וועגן דער „מענדעלע שול", ווען בר־סלה האָט זי פּאַרלאָזן און מיט אים די טוער. וויפל מי און אַרבעט דער נייער לערער האָט אַריינגעלייגט זי צו רעהאַביליטירן, מיט וויפל טאַקט ער האָט צוריקגעווונען די פּאַרוואַלטער — און ועל כולם, איז יענער אַזש אַריינגעפאַלן אין אַראַטאַריע: — זיינע לעקציעס נעמען שטאַרק אויס און ציען צו אַ גרויסן עולם. ער איז... — בערג האָט נאָך נישט באַוויזן צו ענדיקן זיינע רייד, ווי דער מיטל־שול־דירעקטאָר האָט זיך געמאָלדן צום וואָרט:

— וואָס רעכנט איר צו טאָן מיט אייער שול־לאָקאַל, חבר בערג? ס'איז דאָך אַן אמתע פּאַסטקע, טאָמער ווערט, חלילה, אַ בהלה, ווי מען קאָן עס איצט דערוואַרטן, זענען די קינדער אין גרויס סכנה. און נאָך אַ זאַך וויל איך וויסן — האָט ער ממשיך געווען מיט תקיפות — ווי באַלד גרינוואַלד איז אַזאַ איבערגעגעבע־נער לערער, ווי איר שילדערט אים, פאַרוואָס האָט ער דעם ענין שוין לאַנג נישט אַוועקגעשטעלט אויפן סדר־היום?

דער אמת איז געווען, אַז די „מענדעלע שול" האָט זיך נישט געפונען אין אַן ערגערן צושטאַנד ווי די אַנדערע אין שטאָט. אָבער פּייגינבען איז שוין אַפילו דעמאָלט געווען באַקאַנט די דעמאַגאָגישע קונץ, נעמלעך, — ווען מען חזרט איבער אַ שקר אָפט, הייבט ער אָן צו קלינגען ווי אַן אַקסיאָמע. בקיצור. אָנשטאָט זיך צו פאַר־נעמען מיט בערגס באַריכט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ וויכוח, צי דאָס וווינאָרט פון „זיין" שול איז יאָ, אָדער נישט פּאַסיק. ס'האָבן זיך, ווי געוויינלעך, געשאָפן צדדים, און אַ נייער שטראָם רייד האָט פאַרפלייצט דעם זאַל. אומזיסט האָט דער פאָרזיצער, סעם פעדער, זיך געבייזערט, געקלאַפּט אין טיש מיטן קליינעם הענטל און גע־פאָדערט אָרדנונג. ווער ווייסט ווי לאַנג דער עסק וואָלט זיך פאַרצויגן, ווען דער לערער וויזט זיך נישט אין יענער מינוט.

ווען גרינוואַלד האָט זיך אָפּגעזוכט אַ פּלאַץ אין דער פּלוצים־געוואָרענער שטילקייט, און געוואָלט דערגיין ביי זיינע חברים די סיבה פונעם אויפברויז, האָט זיך ווידער אַן עפן געטאָן די טיר און ס'האָט זיך, צו אַלעמענס איבעררעשונג, אַריינגעשטעלט בערנאַרד שלאָסמאַן. הגם דער לעצטער האָט נישט פאַרנומען קיין שום אַמט אין „צענטראַלן קאָמיטעט", איז ער פון דעסטוועגן פאַררעכנט געווען פאַר איינעם פון אירע סאַמע וויכטיקסטע מיטגלידער. ער

האָט זיך ערשט געהאַט אומגעקערט פון פלאָרידע. ער איז געווען פאַרברוינט, אַזש רויטלעך. די גרויסע, ליכטיקע אויגן האָבן באַטראַכט דעם פאַרהאַוועטן עולם מיט אַ שעלמיש שמייכעלע. מ׳האָט אים צוגעשטעלט אַ שטול און פעדער האָט אים, פון זיין אויבנאָן, עפנטלעך באַגריסט.

דער דירעקטאָר האָט זיך צוגעזעצט צו אים און ביידע האָבן זיך פאַרטאָן אין אַ שטילן שמועס. פייגין האָט אָבער געהאַלטן, בעת־מעשה, אַן אַנגעשפּיצטן אויער אויף בערגן, וועמענס באַריכט ער האָט צעריבן מיט זייטיקע טענות. ער האָט געוווסט, אַז יענער וועט עס אים, דאָס מאָל נישט פאַרשווייגן, האָט ער צוגעגרייט דעם גאַסט פאַר יעדער עווענטואַליטעט.

נאָר דער גאַסט האָט נישט געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט. ער האָט געגעבן אַ צייכן דעם פאָרזיצער, און זיך טאַקע גלייך אויפגעשטעלט. זיין פולער, אויסגערוטער גוף האָט זיך געריסן פון די פאַרקנעפּלטע בגדים. ס׳איז געווען אַ סך שרייענדיקער דיסאַנאַנץ צווישן אים, דעם אייגנטימער פון אַ קייט „לאָונדרימאַטס”, און די מידע, ס׳רוב פאַרדאגהטע גראָסערילייט, פאַבריק־אַרבעטער און אינשורענס־אַגענטן.

— חברים! — האָט ער אָנגעהויבן — זאָל זיך אייך נישט דאַכטן, באשר כ׳בין געווען ווייט אַוועק פון אייך, ווייס איך נישט פון אייערע פּראָבלעמען. צו מיר איז אַפילו דערגאַנגען וועגן דער גרויסער עוולה, וואָס מען באַגייט קעגן די קינדער פון דער „מענדעלע שול”, און וואָס מען וויל מיט שיינע ריידעלעך אויפן חשבון פון איר לערער — פאַרגלעטן... — וואָס ווייטער ער האָט געברייעט, אַלץ שאַרפער האָט זיך געמערקט אַן איבערבייט אין בערגן. נישט מחמת אומזיכערקייט אין זיין אַרויסגעזאָגטער מיינונג, נאָר גיכער פון נישט וועלן אַריינפאַלן אין אומגנאָד ביי דער גרויסער שישקע. ער האָט איצט אַרויפגעקוקט צו יענעם מיט שמן־זיתדיקע בליקן, וואָס האָבן שטאַרק דענערווירט דעם, בדרך־כלל, סבלנותדיקן גריבוואַלדן. ווען ער האָט באַקומען די געלעגנהייט, האָט ער געזאָגט:

— איך קאָן מיר לייכט פאָרשטעלן — איז דער לערער געווען פול מיט סאַרקאַזם — ווי חבר שלאָסמאַן האָט זיך גענומען צום האַרצן דעם ביטערן גורל פון אונדזערע קינדער. ער האָט מער ווי צוויי חדשים נישט געקענט איינזיצן אין מיאַמי ביטש, און איז

געקומען צו פליען אונדז מדריך צו זיין, אויב נישט אין די לימו־דים, איז, לכל הפחות, אין געטריישאַפט צו אונדזערע תלמידים. דער אמת איז, אויב בייטן די שול־דירות, וואָלטן עס אַלע שולן געדאַרפט טאָן. אויף דעם קאָנען עדות זאָגן די לערערס — האָט ער אָנגעוויזן אויף זיינע חברים. — הלוואי קאָנען מיר עס דורכפירן נישט צוליב דער שרעק פאַר די נאַציס, וואָס איז מער שרעק ווי עפּעס אַנדערש, ווי פאַר דער אייגענער טובה וועגן...

ס׳וואָלט זיכער אויסגעבראָכן אַ סקאַנדאַל, ווען די לערער (מיט איין אויסנאַם), וואָלטן נישט אַרויסגעוויזן אָפענע הסכמה און אַ קאָנטיקע צופרידנקייט מיט זייער קאָלעגעס אַרויסטריט. זיי האָבן פיל באַדייטנדיק געשוויגן און געוואַרט מיט אומגעדולד אויפן סוף פון דער זיצונג...

דער פאָרזיצער האָט עס באַמערקט און הגם אַליין אַ טעמפּע־ראַמענטפולער בר־נש, אָבער מיט גרויס אחריות פאַר דעם וויל־זיין פון די שולן, האָט ער, ווי דער פוסק־אחרון, געגעבן גערעכט, ווי דער רב אינעם באַקאַנטן וויץ, ביידע צדדים. איינעם פאַר אָנווייזן די דעפעקטן, דעם אַנדערן — פאַר דערמאָנען, אַז ס׳איז נישט קיין פאַראיינצלטער פאַל, נאָר אַ צרות רבים...

ביים אַרויסגאַנג האָט זיך טייל לערער אָנגעטראָפן מיט זייערע פרויען, וועלכע האָבן געהאַט אַ צונויפקום אין אַן אַנדער צימער. צווישן זיי האָט זיך געפונען יהודית. זי האָט זיך שטום איבערגע־קוקט מיט גרינוואַלדן און זיך געווענדעט צום לערער מרגליות:

— וואָס זייט איר אַלע אַזוי צעטראָגן?

— אָ, מיר האָבן היינט געהאַט אַ ביסל צער...

בתיה, זיין פרוי, האָט זיך אַריינגעמישט:

— בלויז היינט? און בלויז אַ ביסל? זאָג מיר נאָר, מיין מאַן, ווער וועט עס געדענקען דעם צער פונעם לערער?

דער וויכוח

צבי פייגין האָט זיך געגלעט די געקרייזלטע פּאַטילניצע און מיט די קליינע, גרוילעכע אייגעלעך באַטראַכט זיינע קאָלעגן. ער האָט געוויגן אין דער מחשבה זייער גייסטיקן אינווענטאַר, פּאַכ־קענטשאַפט און פעאיקייטן און געוואָלט דערגיין, ווער פונעם צענדליק לערער, וואָס איז געזעסן פאַר אים, איז מסוגל צו ווערן דער מכשול, פינקטלעכער, ווער איז צווישן זיי דער פּאָטענציעלער ריוואַל פון זיין שטעלע.

דעם מיטל־שול דירעקטאָר איז בכלל נישט געווען צום האַרצן די אָפטע אַסיפות פונעם לערער־ראַט, וואָרום דאָ האָבן אים געפעלט די קאַרפּן־קעפּ פון דער באַוועגונג, אויף וועלכע ער האָט זיך גע־קאָנט אָנשפּאַרן. די לערערשאַפט האָט צו גוט געוווסט, ווי ס׳איז שוין דערמאָנט געוואָרן, ווי אַזוי ער איז דערגאַנגען צו זיין גדולה. ער האָט זיך געפילט אומבאַקוועם צווישן איר. ס׳רוב מדריכים האָבן באַטראַכט זייער אַרבעט פאַר אַ וויכטיקער שליחות, צייטנווייז אַפי־לו פאַר אַן עבודת־קודש, און ממילא האָט אַזאַ בר־נש געוועקט ביי זיי אומצוטרוי און פאַרדאַכט...

פייגין האָט אונטערגעאיילט די זיצונג. און ווי אויף להכעיס, האָט זי זיך היינט פאַרצויגן, מ׳האָט זי פאַררופן צוליב ריין־פּראַ־פעסיאָנעלע צוועקן, און זי איז פּלוצים אַריבער (אין אַ נאָווינע!) אויפן ענין חינוך, און ס׳האָט זיך דאָס מאָל צעפלאַקערט אַ וויכוח וועגן זיין תוכן.

— קיינער פון אונדז איז, דאַכט זיך, נישט צופרידן מיט די רעזולטאַטן פון אונדזער אַרבעט, און דאָס איז גראָד גוט, — האָט מרגליות גערעדט האַלב־שפּאַסיק אויף זיין שטייגער. — און לפי דעתי, דאַרף מען זיך דערגראָבן צו די סיבות, וועלכע זענען זיי גורם — ער האָט נישט דערוואַרט, פאַרשטייט זיך, מ׳זאָל זיך טאַקע

גלייך נעמען אויסגעפינען די סיבות, נאָר אים האָט פאַרדראָסן פייגינס איילעניש.

— חבר מרגליות! — איר זייט שוין אַ לערער אַ היפּש ביסל יאָרן, האָט איר זיך ערשט איצט געכאַפּט אויף אונדזערע דע־פעקטן? — האָט זיך אָפּגערופן קאַרלין, איינער פון די ערשטע לערער אין „ש״. — נישט שוין־זשע דאַרפן מיר זיך טאַקע לאָזן באַאיינפלוסן פון דער גאַס? — ער האָט אין זינען געהאַט די רע־ליגיעזע טענדענצן, וועלכע האָבן זיך גענומען ווייזן, צוליבן חורבן פונעם אייראָפּעאישן יידנטום, אין היגן יידישן לעבן, אין דער יידישער פּרעסע.

— שעמט אייך נישט מיט דער גאַס, חבר קאַרלין! — האָט מרגליות דערווידערט. — דאָס ווערטל „קול המון בקול שדי!״ איז גאָרנישט אַזוי אויסן וועג. — והשנית, מ׳האָט שוין גישט איינמאָל רעווידירט דעם לערן־פּראָגראַם.

— מ׳האָט רעווידירט, און מען איז געבליבן ביים אַלטן. — האָט געזאָגט אליעזר גרינוואַלד. — טוט אַן עפן אונדזערס אַ טעקסט בוך און איר וועט גלייך באַמערקן די סתירות צווישן הלכה און מעשה. בעת מיר באַוווּנדערן, למשל, פּרצעס אַ ייד, וואָס לאָזט זיין שמייסן ביז בלוט פאַר נישט וועלן זיין בגלוי ראש, צי ווען מיר ברענגען אַרויס די קדושה פון שבת, און די פייערלעכקייט פון די ימים טובים — מוז זיך שאַפן ביים תלמיד דער איינדרוק, ווי להבדיל, ביים רשע פון דער הגדה, אַז ס׳האָט נישט קיין שייך צו אים אַליין — „לכם ולא לו!״ מען דאַרף זיך נישט איינרעדן — האָט ער ווייטער געטענהט — אַז דער מסירת נפש אין דער פרור־מער וועלט וועט שוין ממילא באַווירקן דאָס שול־קינד צו מעשים־טובים. דער תלמיד נייטיקט זיך אין אַ מוסר־השכל אין זיין איי־גענער סביבה, ד. ה. אין דער סביבה פון דער וועלטלעכער שול, כדי ס׳זאָל האָבן איף אים אַ פּעולה...

— וואָס איז אייער עצה? — האָט אים פייגין איבערגעריסן מיט אומגעדולד. ער האָט דערשפּירט אין יענעמס רייד אַ געפאַר, „קראַמאַלע״. ער אונטערגראָבט דאָך די סאַמע יסודות פון דער סעקולערער שול!

— וואָס ווילט איר, חבר גרינוואַלד, מיר זאָלן אָנטאָן יאַר־

מעלקעס און פירן אונדזערע שילער אין בית מדרש אַריין? — האָט רובין שוין צו פלאַטשיק באַנומען דעם חברס אויסזעצונגען.

דעם פאָרזיצער האָט הנאה געטאָן, וואָס דער מדובר איז אַראָפּ אַ פּאָר שטאַפּלען נידעריקער. ער האָט איצט געזען אַ מעגלעכקייט צו פאַרענדיקן די זיצונג, און ער האָט אינעם זעלביקן טאָן מוסיף געווען:

— לפי גרינוואַלדס דעה, וואָלטן מיר געדאַרפט מבטל־זיין אונדזער קוריקולום און שליסן די שולן..

— רעדט נישט קיין שטותים! — האָט זיך מרגליות איינגע־שטעלט פאַר זיין חבר. — נישט ער האָט אַזוינס געזאָגט און נישט ער האָט אַזוינס געמיינט.

— חברים! דאָ ווערט נישט גערעדט וועגן אויפגעבן, נאָר וועגן צוגעבן, דערגאַנצן! — האָט גרינוואַלד געזאָגט מיט האַרץ — איר זעט דאָך ווי אונדזערע שולן דאַרן איין, ווי קינדער פאַלן אָפּ — דאַרפן מיר עס לאָזן אין אַזאַ צושטאַנד? אמת, איך האָב נישט קיין תרופה, נאָר אפשר וועט זי קומען, אויב מיר וועלן דער־זען די סכנה אין איר פולער ערנסטקייט...

— אַזאַ ענין — האָט פייגין ווידער געלאָזט הערן זיין קול — דאַרף פאַרהאַנדלט ווערן אויף אַ שולן־קאָנפערענץ. — מיר צערייבן צייט אומזיסט...

— ס׳וועגדט זיך וועמעס צייט! — האָט מרגליות געקוקט אויף אים מיט חוזק. — אַזאַ קאָמפּלירצטער און דעליקאַטער ענין, ווי חינוך, האָט פיינט גרויסע מסיבות. דאָס איז באמת אַן אַרבעט פאַר ספּעציאַליסטן. די קאָנפערענץ דאַרף אָבער וויסן, — האָט מרגליות באַטאָנט, — אַז די לערערשאַפט וויל און פאָדערט אַ רע־וויזיע, כ׳מיין אַ גרינטלעכע רעוויזיע...

באַלד זענען אויך אַנדערע לערער געוואָרן אַריינגעצויגן אינעם וויכוח. ס׳איז גיכער געווען אַ מין חשבון־הנפש. ביי יעדן פון זיי האָבן זיך אָנגעקליבן ספקות. די טאָג־טעגלעכע דערפאַרונג האָט געלערנט עפּעס אַנדערש, ווי ס׳האָט אָנגעוויזן דער פּראָגראַם־הלי־מוד. מ׳האָט מורא געהאַט נישט נאָר זיך קאָמפּראָמיטירן פאַרן צענטראַל־קאָמיטעט, נאָר אַפילו איין לערער פאַרן אַנדערן האָט אויסבאַהאַלטן, צי פאַרשוויגן די אמתן מערכה פון די שולן...

בעת די לערער ווי אַ רבים, האָבן געזוכט תכלית אין לערנען,

פשוטו־כמשמעו, זענען דאָס רוב שול־טוער געווען אויסן די עפּנט־לעכע אַרויסטריטן פון די תלמידים. מ׳האָט געשאַצט אַ שול לפי דער גערעכטיקייט פון איר כאָר און טאַנץ־גרופּע. מ׳האָט זיך גרויס־געהאַלטן מיט די דעקלאַמאַטאָרישע פעאיקייטן פון די קינדער. מיט אַ געלונגענעם איינאַקטער, וואָס זיי האָבן דורכגעפירט. זעלטן האָט אַ שול־טוער באַזוכט אַ קלאַס, און ווען ער האָט עס יאָ געטאָן, האָט ער אָפּט אַרויסגעטראָגן פון דאָרטן אַ מטושטשן איינדרוק: — אָדער ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ מאָדנער התפעלות פון אַ זאַץ, אָנגעשריבן פון אַ קינד אויפן טאָוול, צי ער איז געווען אַנטוישט, וואָס מען רעדט מיטן תלמיד אַ „יוראָפּשן" יידיש.

הגם פייגין האָט זיך געמאַכט, ווי דער גאַנצער עסק גייט אים נישט אָן, האָבן אים פונדעסטוועגן די אַרויסגעזאָגטע דעות דאָך פאַרטשעפּעט. ער איז געווען אין דער בחינה פון יענעם מין צי־ניקער, וועלכער איז טאַקע מבטל מענטשן, אָבער ווען ער שטויסט זיך אָן אויף אמתער אויפריכטיקייט, אויף ריינעם אידעאַליזם, דער־פילט ער אָן אָפּשיי צו זייערע טרעגער. ער האָט איצט ווינציקער געקוקט אויפן זייגער און געוואַרט מיט בייגער אויפן אויסגאַנג פונעם וויכוח.

ער האָט זיך אָבער נישט דערוואַרט, וואָרום אין צימער האָט זיך פּלוצים באַוויזן בערנאַרד שלאָסמאַן, איינער פון די שליסל־לייט פון דער „צענטראַלע". פייגין האָט פאַרלאָזן זיין אויבנאָן און איז אים אַנטקעגן געגאַנגען. ער האָט אים געוואָלט באַזעצן לעבן זיך. נאָר יענער האָט אים עפּעס שטיל איינגערוימט. פייגין האָט זיך צו אַלעמענס חידוש לאַנג געווערט און ענדלעך נאָכגעגעבן. זיי זענען ביינאַנד אַרויס, און שוין ביי דער טיר, האָט ער געלאָזט וויסן זיינע קאָלעגן, אַז די זיצונג איז געשלאָסן.

די לערער האָבן זיך פיל־באַדייטנדיק איבערגעקוקט און ביטער געשמייכלט. עס האָט זיך ביי זיי אויסגעלאָזן מיטאַמאָל די רייד, אָבער מען איז געבליבן זיצן אויף די ערטער. הגם מ׳איז געווען פאַרשידן אין כאַראַקטער און צעטיילט אין דער דעה, האָט זיי אָבער איין זאַך פאַראייניקט, בייערט — דער עלנט; זיי האָבן אַלע געהאַט דאָס אומהיימלעכע געפיל, אַז קיינער דאַרף זיי נישט, קיינער בייטיקט זיך נישט אין זיי...

ס׳האָט זיך אָנגערוקט דער בין־השמשות — שאָטנס האָבן זיך

געלייגט אויף די ווענט, אויף די טישן. פון די שטיקלעך אָפענע פענצטער האָבן זיך אַריינגעריסן, אינאיינעם מיטן גרילצן פון די פאַרביילויפנדיקע טראַמווייען, ראַדיאָ־קלאַנגען פון „ראָק ענד ראָל". ס'איז ביי קיינעם נישט געווען קיין פאַרלאַנג אָנצוצינדן ליכט. אַ לערער האָט פאַרצויגן אַ ניגון, געהערט, צי אפשר אַליין גע־זונגען אַמאָל אין שטעטלשן קלויז. אַנדערע האָבן אונטערגעכאַפּט, געוואָלט פאַרהילכן, פאַרווישן די פרעמדע, ווולגאַרע טענער.

מיט אַמאָל האָט זיך רובין אויפגעכאַפּט פון אָרט, זיך שנעל אָפּגעזעגנט און פאַרשוווּנדן, אַנדערע לערער האָבן נאָכגעפאָלגט. צום סוף זענען אַרויס גרינוואַלד מיט זיין חבר מרגליות. ווען זיי זענען פאַרביי דעם קליינעם אָפּיס פון דער געביידע, האָבן זיי באַמערקט פייגינען מיט זיין ידיד. אויפן טיש זענען געשטאַנען פלע־שער וויין און שנאַפּס, און ביידע האָבן אויסגעזען שטאַרק בגילו־פינדיק. דער ערשטער האָט זיך צוגעשאַרט צו דער טיר. ער האָט געפּלאָנטער מיט דער צונג:

— אייך שטייט נישט אָן זיך צו חברן מיט מיר, האָ? איז וואָס ווילט איר? נו, גייט, גייט, צעטראָגט עס איבער דער שטאָט...

די צוויי האָבן נישט געענטפערט. זיי זענען געווען בלאַס, דע־נערווירט. ס'האָט זיך זיי געוואָלט אים זאָגן אַ גוט וואָרט און נישט געקענט.

שלאָסמאַן האָט מיט אַ צעפלאַמט פּנים געווונקען צו זיי, אַז זיי זאָלן אַריינקומען. די לערער זענען אָפּגעטראָטן און מיט שטילע טריט אַרויס אין גאַס...

יצחק און בתיה מרגליות

אליעזר גרינוואַלדס נאָענטסטע פריינד, חוץ יהודיתן, זענען, אָן ספק, געווען, יצחק און בתיה מרגליות. די צוויי האָבן געשמט אין „ש״ פאַר אַן אידעאַל, פאַר אַ מוסטער פּאָרל. דער געראָטענער זיווג איז אָבער געווען פאַרטונקלט, בעיקר ביי בתיהן, צוליב דער בענקשאַפט נאָך אַ קינד. און איר זעקס־פוסיקער מאַן, ווען זי האָט גערופן פאַרצויגן „איציקל״, איז עס פאַר איר געוואָרן.

מרגליות האָט טאַקע געהאַט אין זיך אַ היפּש ביסל „קינדיש־קייט״, אויב מיר פאַרשטייען מיט אָט דעם טערמין — תמימות, צוטרוי, גלויבן. בעת זיין באַזילבערטער אָוואַלן קאָפּ האָט אפשר געקאָנט וועקן אַ פאַרדאַכט, אַז ער איז אַן ערנסט־מיושבדיקער פּעדאַגאָג, האָבן די אויגן, מילד־שמייכלענדיקע און גוטמוטיק־שטיפערישע אָפן געלייקנט אין דעם. ער האָט, ווי געוויינלעך, שטאַרק אויסגענומען ביי מענטשן, איבערהויפּט ביים קליינוואַרג, ד. ה. ביי זיינע תלמידים. פאַר זיי איז ער געווען נישט נאָר לערער און מדריך, נאָר אויך חבר, צו אים זענען זיי אָפט געקומען מיט זייערע קינדערשע פאַנטאַזיעס, דאגות און קריוודעס, און די יוגנטלעכע פון דער מיטלשול — מיט זייערע אידעאָלאָגישע ספקות גאָט־זוכעניש און ליבע־אַוואַנטורעס...

אָט דאָס „זעמל־מעל״, ווי ער האָט זיי גערופן, זענען געווען קינדער פון די מזרח־אייראָפּעאישע אימיגראַנטן, ס׳רוב טאַקע פון שול־טוער אידעאַליסטן, ביי וועמען מ׳האָט אין די היימען גערעדט, פאַרשטייט זיך, יידיש, געלייענט אַ יידישע צייטונג און געקויפט אַ יידיש בוך. מען האָט בשעתו געמיינט, אַז די הדרכה פון דער וועלטלעכער שול איז מער צוגעפּאַסט פאַר דעם היי־געבוירענעם קונדס, און וועט העלפן אויספורעמען פון אים אַ נאַציאָנאַל־אָריענ־

טירטן יידן, מיט אַ חוש פאַר אַ העכערן יושר און מיטן חלום פון וועלט־אויסלייזונג לפי דעם חזיון פון די נביאים.

די שול־אידעאָלאָגן האָבן אין יענער ליכטיקער תקופה פאַראויסגעזען די מעגלעכקייט פון אַ גאַנצער סעקולערער דערציאונג, מיט פולער, צי טיילווייזער, פינאַנציעלער הילף מצד דעם שטאַט. אַרויסגערופן האָט אַזאַ האָפענונג פון איין זייט — דזשאָן דוּאיס באַקאַנטע טעאָריע פון „קולטור פלוראַליזם", וואָס איז, דאַכט זיך, איבערגעטייטשט געוואָרן פון די ערשטע אַ ביסעלע צו סוביעקטיוו. און פון דער צווייטער זייט — האָבן זיך דערטראָגן ווילדע גרויסן פונעם שכנותדיקן לאַנד, קאַנאַדע, געגנטער, פון דער קוויבעק פּראַווינץ, ווו ס'איז געווען אַ שטאַרקער דראַנג ביי אַ טייל פון דער יידישער געזעלשאַפט פאַר אַן אייגענעם שול־סיסטעם אויף יידיש.

יצחק מרגליות האָט געשטאַמט פון אַ שטעטל אין בעסאַראַביע. ער איז געקומען גאָר יונג קיין ווינניפּעג, צו יענער צייט — אַן עיר ואם בישראל, האָט דאָרטן שטודירט אין אוניווערסיטעט, דאָרטן חתונה געהאַט, און האָט מיטגעבראַכט קיין „ש" אַ סך פון דער דאָרטיקער עכטער פאָלקסטימלעכקייט און פשטות. פאַר די אַכצן יאָר לערנען אין די וועלטלעכע שולן, האָט ער זיך אָפּגעשפּאַרט אַ דאָפּלטן פאַרמעגן, בעמלעך — אַ ביבליאָטעק, אפשר די גרעסטע פּריוואַט־ביבליאָטעק אין דער מיטל־מערבדיקער שטאַט, פון ווערטיקע ביכער און ספרים, וועלכע האָבן ביי אים פאַרנומען גאַנצע חדרים אָנגעפּראָפּט ביז דער סטעליע און — אַ קאַפּריזנע נירן־קראַנקהייט, וואָס נישט ער, נישט בתיה, האָבן פאַר אַ לאַנגער צייט געקאָנט באַנעמען איר פולע ערנסטקייט...

אָט דער אומפאַסיקער „צווילינג" האָט גורם געווען צו אָפּטע באַזוכער. ווער עס איז געקומען מעיין צו זיין אַ ניי בוך, און ווער מבקר־חולה זיין דעם לערער, וועלכער האָט זיך מער געפונען אין דער היים, ווי אין שול. בתיה האָט דעמאָלט איבערגענומען די הענגעמאָניע איבער די קלאַסן. זי האָט שוין געוווּסט, ווי צו פאַרטרעטן איר מאַן. בעת ער האָט אַפילו געלערנט, איז זי געזעסן צוגלייך מיט די יינגערע קינדער. זיי אייגעשטילט מיט אירע גוטע, ווייכע, מאַמעשע אויגן, זיי איינגערוימט ליבלעכע ווערטער, זיי זאָלן פאָלגן און נישט אויפרעגן דעם לערער. זי האָט איציקלען

אָפּט אַרויסגעשיקט אינעם דערבייאיקן „לאָנטשעאָן", ער זאָל אָפּ־כאַפּן דעם אָטעם, ער זאָל זיך מיט עפּעס דערקוויקן דאָס האַרץ...

בתיה האָט נישט געהאַט, וואָס מ'רופט, אַן אייגן־פּערזענלעך לעבן, ווי די השגחה האָט צוגעטיילט יעדן מענטשן. ס'איז געווען אויסגעפּילט יעדע שעה אין טאָג מיט איר מאַנס אינטערעסן, פּראָב־לעמען און קאַפּריזן. אויף וויפל ס'איז געווען אין איר רשות, האָט זי אַפילו צוגעקליבן פאַר אים פריינד, אים דערווייטערט פון אַזוינע, וועלכע האָבן אים געקאָנט צערודערן, דענערווירן...

הגם גרינוואַלד האָט זיך באַקאַנט מיט מרגליותן אויף אַ שול־קאָנפערענץ, איז אָבער די ידידות צווישן זיי געגערט און פאַרטיפט געוואָרן צו דאַנק בתיהן. זי האָט שוין אין די ערשטע חדשים פון יענעמס אָנקומען אין „ש", באַמערקט זיין שווער געמיט און פאַרלוירנקייט, און זי האָט אים מקרב געווען, אים אָפט פאַרבעטן צום שבת־יום־טוב טיש, און בכלל אַרויסגעוויזן אַ סך פאַר־שטענדעניש. די צוויי לערער האָבן זיך שטאַרק אונטערשיידט אין כאַראַקטער. בעת מרגליות איז געווען צוגעלאָזן, אָפנהאַרציק, באַרעדעוודיק, האָט זיך זיין חבר געהאַלטן דיסקרעט און רעזער־ווירט, און קאַרג אויפן וואָרט. און אויב ס'האָט זיי פאָרט געצויגן איינס צום אַנדערן, איז עס געווען מער אַ פּועל־יוצא פונעם ענ־לעכן טראַכטן און פילן בנוגע אַ סך פראַגן און פראָבלעמען אין יידישן לעבן. דער עיקר — וועגן דעם עתיד פון זייער שול, ד. ה. צי וועט איר גייסטיקער און דערציערישער תוכן שטאַרקן דעם קשר פונעם יונגן דור צום פאָלק...

ס'איז געווען פאַר גרינוואַלדן אַ נחת־רוח צו פאַרברענגען מיט די מרגליותעס אין זייער היים. די שטילע פרייד איז אָבער אָפט באַגלייט געווען פון אַ נאָגנדיקער דערמאָנונג, אַז זיין אייגענע היים איז צעשטערט און זיין טעכטערל איז דערווייטערט. ער האָט זיך צייטנווייז געפילט שולדיק, נאָר אין וואָס עס באַשטייט זיין שולד האָט ער נישט געוווּסט.

איינמאָל האָט בתיה אַ זאָג געטאָן צו אים:

— גרינוואַלד, מיר זענען שטאַרק באַזאָרגט וועגן אייך...

— וועגן מיר? — האָט זיך דער לערער געוווּנדערט. — פאַרוואָס זאָלט איר עס זיין?

— דאַכט זיך, עס ווערט ערגעץ דערמאָנט אין אונדזערע

ספרים — האָט אַריינגעשטעלט מרגליות, — אַז ס׳איז נישט גוט צו זיין אַליין...

— מה היום מיומים? וואָס עפּעס פּלוצים? — האָט גרינוואַלד אומעטיק געשמייכלט. — ווו האָב איך דען צייט צו זיין אַליין?

— מען איז בפירוש אַליין — האָט בתיה אַרויסגעזאָגט איר נאַיווע סברה — ווען מ׳האָט נישט וועמען צו זאָגן אַ „גוטע נאַכט".

און ווען גרינוואַלד האָט פאַרשעמט געשוויגן, האָט זי אים אַ גלעט געטאָן מיט אירע ווייכע טונקעלע אויגן, ווי זי טוט עס אין קלאַס מיטן אומרואיקן קליינוואַרג: — זאָגט מיר, חבר גרינוואַלד, די מרס. סאַפּיר געפעלט אייך?

ביים לערער האָט זיך דער קאַליר אין דער מראה אַ פּאַר מאָל געביטן. ער האָט נישט גלייך געענטפערט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיינע פריינד, און מעגלעך אויך אַנדערע, ווייסן פון זיינע פאַרהעלטעניישן מיט דער יונגער פרוי...

— און אַז זי געפעלט מיר, איז וואָס? — האָט זיין קול נישט פאַרהוילן דעם האַרבן טאָן.

— זי איז זייער אַ שיינע פרוי! — האָט די באַלעבאָסטע צוגעגעבן. — אָבער זי איז נישט די איינציקע... — האָט זי ערגעץ געצילט.

ביי די ווערטער, ווי אָפּגעמאַכט פון פריער, האָט זיך דערהערט אַ קלונג און עס זענען אַריין אין הויז דער העברעאישער לערער נחמיה באראד און זיין שוועסטער נינאַ. ס׳איז אויף אַ ווייל געוואָרן אַן אויפרודער. דער מכניס־אורח האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אָרט און האָט אַנטקעגנגעטראָגן די געסט זיין גרויסע, אָפענע האַנט און צעשטראַלטע אויגן. ער האָט אַלעמען באַזעצט און גלייך פאַרפירט אַ שמועס מיט זיי וועגן עניני דיומא.

גרינוואַלד האָט, ווי ביי יעדער נייער קאָנטשאַפט, ס׳רוב געשוויגן. ער איז געווען מער נייגעריק צו הערן, צו אָבסערווירן. אים האָט אימפּאָנירט דאָס איידעלע און ביז גאָר ראַפינירטע געשטאַלט פון די געקומענע. אים איז פּלוצים איינגעפאַלן — הגם מ׳איז צעטיילט אין צוויי, אָפט אומפאַרייִנדלעכע מחנות, טיילט דער הייִנטיקער העברעאישער און יידישער לערער כמעט דעם זעלביקן גורל. (ווי ס׳איז געווען דער מצב פונעם ערשטן, פאַרן אויפקום פון מדינת ישראל).

אומבאַמערקט איז דער מדובר אַריבער אויף דער שטעלונג פון דער ענגלישער אַרבעטער־רעגירונג לגבי דעם יידישן ישוב אין פּאַלעסטינע, ווי ס׳לאַנד האָט דעמאָלט געהייסן ביי דער וועלט. באַראַד האָט מיט צער אָנגעוויזן, ווען ס׳קומט צו יידן, איז נישטאָ קיין וועזנטלעכער חילוק צווישן אַן אַרבעטער־מלוכה און די אַנדערע.

— צי מיינט איר טאַקע, אַז אַ גערעכטע עקאָנאָמיע וועט אויס־היילן „זייער" שנאה צו אונדז?

מרגליות האָט זיך נישט געלאָזט אויסלעשן די לעצטע האָפנונג:

— אַ גערעכטע עקאָנאָמיע וועט אויך ברענגען, מיט דער צייט, אַ גערעכטע באַציאונג צו מענטשן און פעלקער, יידן בתוכם.

בתיה האָט צוגעשטעלט פרישן כּיבוד און געוווּנקען צום מאַן, ער זאָל זיך אַ קער טאָן צו מער היימישע ענינים. אָבער יענער האָט עס נישט געמערקט. ער האָט געזוכט מיט אַלע כּוחות צו „אַנטקרויינען" בעווינען און ראַטעווען דעם כּבוד און פּרעסטיזש פון דער „לייבאָר־פּאַרטיי".

שפּעט אין אָוונט, ווען די באַראַדס האָבן זיך אָפּגעזעגנט און זענען אַוועק, האָט זיך בתיה געווענדט מיט פאַרדרוס צו גרינוואַלדן:

— פאַרוואָס האָט איר זיך נישט נעענטער באַקאַנט מיט נינאַ באַראַד?

— ס׳איז עפּעס נישט אויסגעקומען — האָט ער זיך שוואַך פאַרענטפערט.

— גייט, איר זייט אַ ישיבה־בחור! — האָט זי אים געמוסרט. עס זיצט פאַר אייך אַ שיינע, יונגע, אינטערעסאַנטע פרוי און איר הערט זיך צו שעהן־לאַנג, צו אַ שמועס וועגן דעם רשע בעווין. און אפשר איז עס אינגאַנצן דיין שולד, איציקל... — האָט זי געקוקט אַ ברוגזע אויפן מאַן.

— מיין שולד? — איך אויף זיין אָרט וואָלט בעסער פאַר־בראַכט מיט נינאַן — האָט מרגליות געזאָגט זייער ערנסט. — פאַרוואָס האָט איר עס טאַקע נישט געטאָן? — האָט ער אָנגעשטעלט אויפן חבר זיין פאַרחידושטן בליק.

גרינוואַלד האָט אַ רגע נאָכגעטראַכט און אים געפרעגט אין אַ לייכטערן טאָן:

— זאָגט מיר, חבר מרגליות, וואָס געשעט, ווען מען קוקט צו לאַנג אין דער זון, זעט מען שפּעטער עפּעס אַנדערש?

אויפן חברס ליכטיקן פּנים האָט זיך צעלייגט אַ ברייטער שמייכל, און ער האָט זיך אָפּגערופן צו זיין פרוי:

— בתיה, האָסט געכאַפּט דעם רמז? נאָך אַזאַ יפת־תואר, ווי יהודית סאַפּיר איז — קאָן אים אימיצער געפעלן?

בתיה האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געזאָגט אַ רעזיגנירטע:

— ווער קען אייך, מאַנסבילן, פאַרשטיין?... — און זי איז אַוועק צו זיך אין צימער...

ביים דענקמאָל פֿון קלאַרענס דעראָו

די פֿאַרהעלטענישן צווישן אליעזר גרינוואַלדן און יהודיתן זענען געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ שווערער, אָנגעשטרענגטער. הגם איר מאַן און קינדער האָבן זיך שוין געהאַט צוגעוווינט זי זאָל אויספֿעלן ביים טיש, זיי זאָלן זיך אַליין באַדינען, האָט די יונגע פֿרוי געדאַרפֿט פֿונדעסטוועגן אויסזוכן נייע תּירוצים פֿאַר איר טעגלעכן פֿאַרשווינדן אויף לאַנגע שעהן פֿון דער היים.

מר. כאַפּיר האָט זיך נישט געבייטיקט אין קיינעם. ער איז געווען אַן אַגענט פֿון לעבנס־פֿאַרזיכערונג אין דער „מעטראָפּאָליטען", און אין זיין פֿרייער צייט געווען פֿאַרמוהט אין — מאַטעמאַטישע פֿאָרמולעס, ווי אַמאָל אין דער ישיבה, להבדיל, איבער אַ האַרבע סוגיא. אָט די נטיה איז דערגאַנגען ביי אים צו אַ שגעון. ער האָט מיטגעטראָגן אומעטום פֿולע העפֿטלעך מיט צייכנס און ציפֿערן אין סאָבווייַ, ביי דער אַרבעט, אַפֿילו ווען ער איז געקומען צו גאַסט.

ווען ס'האָט זיך אָבער פֿאַרקליבן צו אים דער השד, אַז זיין פֿרוי איז אים אומטריי, איז ער אַריינגעפֿאַלן אין אַ פּעריאָדישער וואַכיקייט. ער איז דעמאָלט געוואָרן צודרינגלעך, זי געפֿאַרשט, געעפֿנט אירע בריוו, גענישטערט אין אירע האַנט־בייטלען, קורץ — פֿאַרביטערט אַפֿילו די מינוטן, וואָס ער האָט זי יאָ געזען...

יהודית איז דעמאָלט געווען, ביי אירע באַגעגענישן מיטן לערער, צערודערט, דענערוווירט. איר האָט זיך כסדר געדאַכט, אַז מען קוקט איר נאָך, מען פֿאָלגט זי נאָך, אַז אין איין ליאַדן טאָג וועט מען איבערברעכן גרינוואַלדס טיר און זי געפֿינען אין אַ קאָמפּראָמיטירנדיקן צושטאַנד. זי האָט גענומען בייטן דאָס טרעף־אָרט, די צייט. דער „ראַנדעוווּ" איז אָפֿט געוואָרן אַן אָפּקומעניש, אויסגעפֿילט מיט קריוודעס, טענות און טרערן. און ביים שיידן

זיך, איז דער לערער געבליבן, נאָך אַזויגע סצענעס, מיטן דער־דריקנדיקן געפיל, אַז ס׳איז געקומען אַ סוף צו דער אָפּגעציטער־טער פריינדשאַפט...

אָנהייב פרילינג, האָט זיך די יונגע פרוי אָנגעהויבן גרייטן אין וואַלד אַריין. און ווי דער דרויסן, האָט זיך אויך איר געמיט געלייטערט, באַרואיקט. זי האָט געבענקט נאָך די לאַנגע שפּאַצירן צווישן די ביימער, נאָכן סודותדיקן שורשען פון די בלעטער. און דער עיקר — נאָך דער איינזאַמקייט, נאָך דער אַליינקייט, ווייט פון נייגעריקע בליקן...

זי איז שוין באַצייטנס געווען איבערוועלטיקט פון די דער־וואַרטונגען, גלייך זי וואָלט זיך געקליבן אַהין צום ערשטן מאָל. זי האָט געגעדס מיט נאָסטאַלגיע צו גרינוואַלדן וועגן איר היים־שטאָט, באָריסאָוו, ערגעץ טיף אין רוסלאַנד, וואָס איז אַרומגע־רינגלט מיט סאָסנאָווע וועלדער, ווו זי איז געבוירן און האָט פאַרבראַכט איר קינדהייט. איר פאָטער, אַן ערשטער גילדע סוחר, האָט דאָרטן געהאַט אַ טיפּאָגראַפיע און אַ בוך־בינדעריי. און ביי אים האָט מען געדרוקט און געבונדן נישט נאָר טעקסט־ביכער פאַר די געגנטלעכע רעגירונגס־שולן, נאָר אויך פלוג־בלעטלעך און בראָשורן קעגן דעם צאַר און זיין כנופיא, אַרויסגעגעבן פון די אָרטיקע רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך. וואָרים איר פאָטער, נאָאום דאַווידאָוויטש רובינאָוו, אַ מיטלוווקסיקער, צאַרט־געבויטער מאַנצ־ביל, אָן דעם מינדעסטן פּאָליטישן „פלעק" ביי „נאַטשאַלסטוואָ", האָט אויך געהערט בשתיקה, ווי געווייגלעך, צו דער חברה...

דאָס קליין מיידל האָט זיך גאַנץ פרי אויסגעלערנט לייענען. זי פלעגט שלעפּן ביכער פון טאַטנס ווערקשטאַט אין וואַלד, און האָט זיך גאָר פרי באַקענט מיט אַ טייל רוסישע קלאַסיקער, באַ־זונדערס טאָקע מיט זייערע פּאָעטישע שאַפונגען, וועלכע מ׳האָט געקאָנט רעציטירן, צי אויסזינגען, מעלות געירשנטע פון דער מוטער. הגם די צוויי עלטערע שוועסטער און די צוויי יינגערע ברידערלעך האָבן געשמט אין דער קליינער יידישער קאָלאָניע מיט זייער חן און גראַטנקייט, האָט זיי דאָס מיטלסטע קינד איבער־געשטיגן אין די דערמאָנטע קוואַליפיקאַציעס. ס׳איז געווען אַ נחת־רוח פאַרן אויג און אויער צו אָבסערווירן דאָס קופּער־ברוין געלאָקט מיידעלע און צו הערן זי רעדן מיטן אַקצענט פון די טיפע רוסישע

„גובערניעס״, וואָס איז ביי איר, אגב, פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג, אַפילו ווען דער דיבור איז יידיש אָדער ענגליש.

ווען מ׳האָט ענדלעך אויפגעדעקט איר פּאָטערס אומלעגאַלע מעשים, האָט מען קאָנפיסקירט זיין טיפּאָגראַפיע און בוך־בינדעריי, און אים פאַרמשפּט אויף לאַנג־יאָריקער תפיסה. ער איז דעמאָלט אויף אַ ניסימדיקן אופן עוקר־געווען פון שטאָט, און איז דורך פאַר־שידענע וועגן און אומוועגן אָנגעקומען צו אַ ברודער אין „ש״.

די פרוי רובינאָוו איז מיטאַמאָל אַראָפּ פון איר גדולה. זי האָט זיך געשיידט מיט דער „ניאַניאַ״, אויף וועמעס הענט אירע קינדער זענען אויפגעצויגן געוואָרן. זי האָט פאַרקויפט איר באַקוועמע היים מיטן טייערן מעבל און איז אַריבערגעפאָרן מיט אירע בני־בית צו קרובים אין אַ שטעטל אין וואָלין. דאָרטן האָט זי דורכגעמאַכט די עניים־קשים, וואָס איז באַשערט דעם יורד, ביז זי האָט לסוף דערהאַלטן די שיפסקאַרטן פונעם מאַן אין אַמעריקע.

ווען די רובינאָווס האָבן זיך באַזעצט אין דער מיטל־מערבדיקער שטאָט, איז דאָס יידישע לעבן דאָרט, ווי אין די גרויסע צענטערן בכלל, געווען אָנגעהויכט, כידוע, מיט אימיגראַנטישער פאָלקס־טימלעכקייט. עס זענען ערשט נישט לאַנג אויפגעקומען פּראָטער־נאַלע און קעגנזייטיקע הילף־חברות. מ׳האָט געבויט פאַר־יוניאָנס, קולטור־אינסטיטוציעס, קינדער־שולן. דער פּאָטער, וואָס האָט זיך שוין גערופן נחום רובין האָט דערפילט, ווי ס׳ווערטל גייט, דעם דופק פון דער צייט, און האָט געפּרוווט מהנה־זיין זיינע „פּאַרגוי־אישטע״ קינדער מיט אַ יידישער דערציאונג. געפּרוווט האָט ער מיט אַלע, נאָר איינגעגעבן האָט זיך אים מיט איינער — מיט יהודיתן...

— איך האָב זיך זייער גערן געלערנט אין דער יידישער שול! — האָט די יונגע פרוי דערציילט, און אויף איר קליינעם מויל האָט זיך געוויזן אַ שמייכל.

גרינוואַלד האָט פּאַרזיכטיק אַריינגעשטעלט:

— דאַרפסט עס אפשר פאַרדאַנקען דעם לערער?

— האָסט געטראָפן! — האָט זי אויפגעלויכטן, — עס איז געווען אַן אינטערעסאַנטער לערער און מענטש. און איך האָב שוין דעמאָלט געהאַט אַ פּאַרגעפיל, — האָט זי זיך פאַררויטלט — אַז כ׳וועל אַזאַ איינעם באַגעגענען אין מיין לעבן...

— איז ווי ביסטו אַריינגעפאַלן צו „אים״? — האָט ער גע־

קוקט אומעטיק אין אַ זייט, נישט דערמאָנענדיק דעם נאָמען פון איר מאַן.

— ס'איז געווען ביי אונדז אַ פולע שטוב מיט קינדער, — האָט איר אויך אַרומגענומען אַן אומעט — איך בין געווען די יינגסטע פון די מיידלעך, קוים זעכצן. האָט ער זיך גראָד פאַרקוקט אויף מיר. לויט די יאָרן האָט ער געקאָנט זיין מיין פאָטער — האָט זי אַ זיפץ געטאָן. — ער האָט מיך איינגערעדט, ער וועט מיך נעמען קיין פּאַריז, קיין רוים. ער וועט מיר ווייזן די שווייץ, די סקאַנדינאַווישע לענדער. איך האָב דעמאָלט נישט געטראַכט אין טערמינען פון הייראַט, פון פאַמיליע־בונד. איך האָב אים געזען אין דער ראָל פון אַן עלטערן קאָמפּאַניאָן אויף אַ לוסטרייזע איבער דער וועלט...

— האָסט זי טאַקע אָנגעקוקט, די וועלט?

— נישט די וועלט און נישט אים! נאָך דער התונה בין איך אומעטום געגאַנגען אַליין. ער האָט געקראַנקט, צו אַלע מאָל געהאַט, אַ מאַניע, ווי דו ווייסט שוין, צו די האָר־שפּאַלטנדיקע פאָרמולעס זיינע.... — איז זי מיטאַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן.

גרינוואַלד האָט דערשפּירט אין אירע רייד טיפערע סיבות פאַר איר אַרט אויפפיר... דער מדובר איז פאַרגעקומען אויף איינער פון זייערע לאַנגע שפּאַצירן אין דושעקסאָן־פּאַרק. ס'איז געווען אַ וואָכע־דיק־וואָלקנדיקער טאָג. ס'ביסל באַזוכער, דאָ און דאָרט, ס'רוב עלטערע לייט, איז געווען פאַרטאָן מיט די טויבן, מיט די וועווערקעס. די באַפליגלטע ברואימלעך האָבן פון גרויס תענוג געוואָרקעט, גע־פּיקט די ברעקלעך מאַרצעפּאַנעס גלייך פון דער האַנט. און די פלינקע, לייכט־באַפעלצטע היהלעך האָבן געעפנט, צו דער הנאה פון זייערע שפייזער, די פיסטאַשן, מיט דאַנקשאַפט אין די גלאַנ־ציקע אייגעלעך.

דאָס פּאָרל איז שטיין געבליבן פאַר „קלאַרענס דעראָוס מאָנו־מענט". דער דענקמאָל ווייזט אים אין זיין פולן וווּקס — איינפאַך, באַשיידן, ווי ער איז געווען אין לעבן. אַ פּאָר שפּאַן ווייטער, אויפן בריקל, הינטער וועלכן ס'איילט אַ שטראָמיק וואַסערל אויפן וועג צום גראַנדיעזן „לעיק מישיגען", האָט מען בשעתו צעוואָרפן, לויטן ווונטש פונעם געאַכפּערטן יוריסט, „אַפּיקורס" און קעמפער פאַר

אַקאַדעמישער פּרייזהייט אין די הויכשולן פון דער אָפּגעשטאַנענער „סאוטה" (דרום) — זיין ערדישן נשאר — דאָס אַש...

— היינט איז עס שוין געשיכטע — האָט דער לערער געזאָגט פּאַרקלערט, — אָבער דעמאָלט האָט זיך געפּאָדערט אַ היפּש ביסל מוט צו קנעלן אין יענע מקומות אַ קאַפּיטל דאַרווין...

— איך האָב דאַרוויניען געגלויבט אויפן וואָרט — האָט יהודית סאַרקאַסטיש באַמערקט — כאָטש כ'האָב דעם גרויסן ענגלענדער נישט געלייענט, וואָרים ביי אונדז האָט יאָרן־לאַנג געהויזט דער באַווייז! — אַן אַרכאַאישע בריאה, וואָס איז נישט דערגאַנגען צום מין מענטש אויפן עוואָלוציע־לייטער, און זי האָט מיר פאַר־ביטערט דאָס לעבן!...

— וועמען מיינסטו, חביבי?

— „זיין" מוטער. די אַלטע האָט מיטגעבראַכט פון איר אוקראַ־איניש שטעטל אַלע אָבערגלויבנס, פאַראורטיילן און מעשיות וועגן שדים און מכשפות. איך האָב ביי איר קיין אַנדער נאָמען נישט געהאַט ווי די „לילית" — האָט איר קול זיך געבראָכן. זי האָט געלויערט איבער מיר, ווי אַ געשפּענסט, געהיט מיין יעדן טראָט. לאַכן און זינגען האָבן ביי איר געהייסן — חציפות! און דאָס סאַמע ערגסטע איז געווען — „ער" האָט עס נישט געאַרט, אדרבא. ער האָט געהאַט אַן אומזיסטן שומר, וואָס האָט אים יעדע נאַכט אָפּגע־געבן אַ ראַפּאָרט...

— און דו האָסט געשוויגן?

— כ'האָב אַזוי לאַנג געשוויגן און געליטן, ביז —

— ביז וואָס?

— ביז כ'האָב גענומען טאָן זאַכן פאַרבאָרגן, — האָט זיך ביי איר אַרויסגעכאַפּט, — וואָס זאָלן באַרעכטיקן מיין צונאָמען...

גרינוואַלד האָט דערפילט אַ הוילקייט ביים האַרצן. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין אַ דערבייאיקער באַנק און זי מער נישט געהערט.

די יונגע פרוי האָט באַמערקט דעם איבערבייט אין אים. זי איז פּלוצים געוואָרן פול מיט אומרו:

— קום, לאָמיר גיין! — האָט זי כמעט געשעפּטשעט. — מיר דאַכט זיך, אַז אימיצער האָט אונדז דערקאָנט...

דער ריס

די דריטע וואָך אין יוני האָבן זיך די שולן געשלאָסן. ס׳רוב לערער איז אין גיכן זיך צעפאָרן. די מרגליותעס זענען אַוועק, „אַזש״ קיין קאַליפאָרניע, און אליעזר גרינוואַלד האָט נאָכגעפאָלגט יהודיתן אין וואַלד, ווו זי האָט געלאָזט אויפשטעלן, ווי יעדן זומער, אַ באַנגאַלאָו מיט אַ מינימום שטאָטישער באַקוועמלעכקייט.

דער לערער האָט זיך דאָס מאָל געדונגען אַ צימער נישט ווייט פון דער קלענער באַן־סטאַנציע,ביים אַריינגאַנג אין וואַלד. אין זײַנע פענצטער האָבן אַריינגעקוקט אַלטע, געדיכט־באַוואָקסענע ביימער מיט אַרויסגעשפּאַרטע קנאָכן באַהאַנגען מיט מאָך און אים דער־מאָנט אין אַן עדה זקנים, זיידעס, וועלכע זענען אים געקומען וואָרענען, צי אפשר שטראָפן פאַר אָפּגעטוענע אָדער קומענדיקע הטאים...

ס׳האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז אויך סאַפיר האָט געקראָגן זײַן וואַקאַציע אין יענער צייט, און ער האָט, חוץ זיך חקרענען אין די פאָרמולעס און חשבונות, געהאַלטן אַ וואַך אויג אויף זײַן פּרוי. אים האָבן אַרויסגעהאָלפן די קינדער, מיט וועלכע ער האָט זיך פאַרשטאַנען אויפן ווונק. און יהודית האָט זיך געפונען דעם גאַנצן טאָג אין אַ קלעם. ערשט שפּעט אין דער נאַכט, ווען אַלע זענען געשלאָפן, האָט זי זיך אַרויסגעשלײַכט פונעם ווױן־אָרט און זיך געאײַלט צום אומגעדולדיקן און אויסגעבענקטן לערער אין זײַן באַהעלטעניש...

גרינוואַלד איז געווען בשעתו אין דער בחינה פון יענעם בר־נש, וואָס קאָן זיך שוין נישט באַגיין אָן דעם טעגלעכן נאַר־קאָטישן איינשפּריץ, הגם ער ווייס, אַז עס גראָבט אונטער זײַן געזונט. יהודית האָט ביי אים אויך פאַרנומען ס׳אָרט פונעם אָפּ־

געפרעמדטן טעכטערל, און זי איז בכלל געוואָרן די אַקס, אַרום וועלכער ס'האָט זיך געדרייט זיין לעבן.

איינמאָל אין אַ נאַכט איז זי געקומען שפּעטער ווי געוויינלעך. דער לערער האָט אומגעשפּאַנט, ווי אַ צערייצטע חיה אין אַ שטייג. ער איז עטלעכע מאָל אַרויס איר אַנטקעגן, און נישט געפינענדיק זי, איז ער געלאָפן צוריק, אפשר האָט ער זי אויסגעמיטן אין דער שטאָק פינצטערניש און זי וואַרט אויף אים אין זיין צימערל.

ווען זי האָט זיך ענדלעך באַוויזן, איז ער געווען אויסגעשעפּט, נידערגעשלאָגן. אים זענען געקראָכן אין קאָפּ די אומהיימלעכסטע מחשבות, אַשטייגער — איר מודה זיין זיך אויף זינדיקע שפּיצלעך לגבי איר מאַן, ווי ס'איז שוין דערמאָנט געוואָרן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל. און אַז זי טוט עס אפשר איצט אויך צו אים. אָבער ווי נאָר ער האָט זי דערפילט אין זיינע אָרעמס, זענען אַלע ספיקות צערונען...

— פאַרוואָס אַזוי שפּעט, חביבי?

— פרעג מיך נישט! — האָט זי דערווידערט, — דו ווייסט דאָך, כ'האָב פליכטן צו „אים", צו די קינדער. — און נאָך אַ רגע שווייגן, האָט זי צוגעגעבן מיט ביטערניש. — מען שפּיאָנירט מיר נאָך... איך האָב נישט קיין פרייע מינוט... קום, לאָמיר אַרויס פון דאַנען... האָט זי גערעדט אָפּגעריסן. — איך קאָן נישט פאַרטראָגן די פיר ווענט...

זיי זענען געגאַנגען פּאַמעלעך און פאַרטראַכט אין דער ריכ־טונג פון דער אָזיערע. אַן אומגעהערטע שטילקייט האָט געהויערט איבערן וואַלד. פון אויבן האָבן די שטערן פרידלעך און תמימותדיק שימערירט, געפינקלט, געטרייסט. ס'האָט זיך געדאַכט, די פּלאַנעטן זענען נישט באַזעצט פון גאַזן, פון וואולקאַנישן שטויב, פון תהומיקע קראַטערס — נייערט דאָרטן הערשט אַן איז'ילישע שלווה, די געחלומטע שלימות... גרינוואַלדן האָט זיך צום ווייפלטן מאָל גע־טראַכט דער אַלטער אמת, אַז פאַרן מענטש איז נישטאָ קיין אַנטלויף — אויב אומרו און ליידן איז זיין גורל — וועלן זיי אים פאַרפאָלגן אומעטום...

זיי האָבן אַרויפגעקלעטערט אויף אַ זאַמד־באַרג, פון וואַנען ס'האָט זיך אַנטפּלעקט דאָס אומענדלעכע וואַסער אייבגעהילט אין אַ געדיכטער פינצטערניש. אויפן האָריזאָנט האָבן זיך געצונדן

פייערלעך. אַ שיף האָט געשניטן אין מרחקים און האָט אַפּט אויפגעטרייסלט די נאַכט מיט אַ ציטערדיק־פאַרבענקטן רופן. לינקס האָבן זיך געצייכנט די קאָנטורן פון דער עיר־הבירה, וועלכע ער האָט נישט לאַנג פאַרלאָזן. פאַר די קאַרגע צוויי יאָר, זייט ער האָט באַטראָטן אירע ד' אמות, האָט ער זיך דאָרטן געראַנגלט, נישט נאָר מיט שול־פּראָבלעמען, שול־טועה, עסקנים פון דער באַוועגונג, ווי אין אַנדערע שטעט, נאָר ער האָט יעדן ליאָדן טאָג באַגעגנט מיט שרעק און אַנגסטן — טאָמער וועט ער פאַרלירן די יונגע פרוי. און ווי אומגלויבלעך ס'זאָל נישט קלינגען — אויך נישט אויפגעהערט צו זוכן אַן אויסוועג, ווי זיך צו באַפרייען פון איר...

— לאָמיר זיך דאָ צושפּאַרן — האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן זאַמד. ער האָט דערשנאַפּט אין איר טאָן, אַז זי וויל אים עפּעס זאָגן, נאָר זי איז זיך שטאַרק מיישב, ווי אַזוי עס צו פאָרמולירן.

— איך וועל אויף אַ פּאָר טעג אַוועק פון וואַלד... — האָט זי ענדלעך איבערגעריסן דאָס שווייגן.

— וואָס הייסט? — האָט ער נישט פאַרשטאַנען. — פאַרוואָס?

— ס'קומט פאָר אַ קאָנפערענץ פון די „מעטראָפּאָליטען"־אַגענטן, אַ פּאָר הונדערט מייל פון דאַנען.

— וואָס זשע גייט עס דיך אָן, חביבי? — האָט ער דערפילט אַ קנויל אין דער קעל.

— „ער" וויל איך זאָל מיטפאָרן.

— און דו דאַרפסט נישט וועלן?

— ס'לוינט זיך נישט צו קריגן וועגן דעם...

— מיט אים, צי מיט מיר?

— מיט ביידן! — איז זי געווען אומגעדולדיק די אויסזיכט אויף אַן אומבייט פונעם טעגלעכן רוטין, דאָס באַגעגעניש פון נייע מענטשן אין אַ נייער סביבה, האָט זי גערעגט, געהייטערט.

— האָסט דאָך אַזוי גערן דעם וואַלד — האָט גרינוואַלד אַרויסגעשטעלט די שטאַרקסטע קאָרט. — איבערהויפּט אין דער צייט פון יאָר.

ער איז געווען אי פאַרשעמט, אי עס האָט אים געבייזערט, וואָס ער דאַרף אָנקומען צו אַזוינע ראיות.

— איך בין דיר אויך גערן און... — זי האָט נישט פאַרענדיקט.

זי האָט אים געגלעט די האַנט און געוואָלט אים אין עפּעס איבערצייגן, וואָס איז איר מיט ווערטער שווער געווען.

— דאָס איז נישט גענוג! האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון אָרט. אים האָט זיך ווייִמוטיק דערמאָנט איינעם תלמודישן ווערטל: „טענו בחיטים והודה לו בשעורים" (ער פאָדערט פון אים ווייץ און ער איז אים מודה אויף גערשטן). ס'איז געווען אימפּולסיוו, נישט באַרעכנט. ער האָט געאײַלט באַרג אַראָפּ ווי געטריבן פון בייטשן. ערגעץ אין אים האָט געטליעט אַ האָפענונג, אמת, אַ שוואַכע, אַז דער הײַנטיקער ריס וועט זיי ביידן אויסלייזן פון אומזיסטע ליידן אין מאַטערנישן... ער איז אָן אָטעם אַרײַן צו זיך אין שטיבל, און נישט געקוקט אויף דער שפּעטער שעה, זיך גענומען פּאַקן, און מיט יעדן אײַנגעפּאַקטן הפץ געשפּירט, ווי ער וואָלט אויסגעפּירט אַ שטראָף איבער איר, איבער — זיך. אין דעם מצב פון פיזישער מידקייט און גײַסטיקער קאָנפוזיע, האָט אים אַלע ווײַלע פאַרכאַפּט אָט אַ כוואַליע פון דערלייכטערונג, אָט אַ דערדריקנדיקע משא פון חרטה. און די גאַנצע צײַט איז זײַן אויער געהאָנגען אויף דער טיר, אויף די פענצטער, טאָמער וועט זי פּאָרט קומען מיט אַ געביטענער דעה.

אָבער זי איז נישט געקומען...

גרינוואַלד איז שפּעטער געשטאַנען אויף דער קליינער, איינזאַמער סטאַנציע און געוואַרט אויפן צוג. אַ גרויסער סומנער באַגינען איז געהאָנגען איבערן וואַלד. די ביימער, פייכט פון טוי, האָט זיך געדאַכט, טרויערן מיט אים אויף דער אומגעריכטער שיידונג. לאַסט־אויטאָס באַלאָדן מיט קעסטלעך מילך, מיט גרודעס אייז האָבן זיך גערוקט טיפער אין קעמפּ. באַלד וועט יהודית אויפשטיין, וועט אַרויס פאַר דער טיר זיך עסקן ביים אייזקאַסטן און נעמען צוגרייטן דעם פרישטיק. און עס וועט זיך גיך צעטראָגן דער דופטיקער אַראָמאַט פון איר פריש־פאַרבריטער קאַווע. און שכנים־קעמפּערס וועלן, ווי אַלע מאָל, באַוווּנדערן איר בריהשקייט, איר שיינקייט, איר...

דער לערער האָט געטריבן פון זיך די געדאַנקען, און ווי אויף להכעיס האָט דער כוח־הדמיון געמאָלן פאַר אים די יונגע פרוי אין די העל'סטע פאַרבן. ער האָט פאַרדריקט די ציין, אַ כאַפּ געטאָן דעם וואַליז און איז אַרײַן אין וואַגאָן פון דער עלעק־

טרישער באַן, וואָס האָט שוין געהאַלטן ביים אָפּגיין, און נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט זיך אומצוקוקן, איז דער וואַלד געווען ווייט הינטער אים...

גרינוואַלד האָט אין זיין פאַרצווייפלונג נישט אויפגעהערט צו קלערן — ווו ער זאָל אַהינטאָן דעם רעשט פון זומער, און אים איז פּלוצים איינגעפאַלן, אַז דאָס גלייכסטע אָרט פאַר אים וואָלט איצט געווען אין דער קינדער־קאָלאָניע פונעם אָרדן, ווו ס׳ווילט איצט דער הויפּט ממונה פון די שולן, אפשר וועט ער פועלן מ׳זאָל אים טראַנספערירן אין אַן אַנדערע שטאָט. און זיין שווערע דילע־מע וועט זיין פאַרענטפערט... די המצאה איז אים אַזוי געפעלן, אַז ער איז אַפילו מונטערער געוואָרן.

אָנקומענדיק אין האָטעל, ווו ער איז איינגעשטאַנען זייט זיין אויפהאַלט אין „ש״, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אַ געשפּאַנטער אויפן געלעגער און איז גלייך פאַרזונקען אין אַן אומרואיקן שלאָף. — נאַכט און טאָג האָבן זיך נאָכאַנאַנדיק געביטן. ער האָט געזען יהודיתעס געשטאַלט פאַרטרויערט הינטער טונקעלע שלייערן און באַלד אַ צעשטראַלטע איבעם בלענד פון דער אויפגייענ־דיקער זון. און איןביידע זעענישן האָבן ביימער, הויכע, דינע, געבויגן זייערע נאַקעטע צווייגן, ווי אבלים — נידעריק צו דער ערד...

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען פאַרנאַכט. ער איז געבליבן ליגן און לאַנג אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און ס׳האָט זיך אים ביטער געטראַכט, אַז דער מענטש איז זיך אַליין דער ערגסטער שונא, און ס׳איז אים שווער געווען זיך צו דער־קלערן — צי ער באַדויערט בכלל זיין קאָנטשאַפט מיט דער יונגער פרוי, אָדער אים פאַרדריסט אויף דעם אומפאַרמיידלעכן ריס...

אַ באַגעגעניש

אליעזר גרינוואַלד האָט זיך אַרומגעדרייט אין קינדער־קעמפּ ווי אַ פרעמדער, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער. ער האָט זיך אומעטום אָנגעשטויסן אויף באַקאַנטע, אויף לערער. נאָר אין דער מחשבה איז ער נאָך אַלץ געווען אין וואַלד און געזען פאַר זיך יהודיתן. ער האָט זי געדאַנקלעך נאָכגעפּאָלגט יעדע שעה פון טאָג. געגנוי גע־ווּסט, וואָס זי טוט און וווּהין זי גייט, און ס׳האַרץ האָט בעת־מעשה געגנאָגט אַ שאַרפע בענקשאַפט, אַ טיפער טרויער. ער האָט גע־האָפט, אַז מיט דער צייט וועט ער זיך באַרואיקן. נאָר געשען איז דאָס פאַרקערטע. די ווייט האָט אָפּט פאַרטושט און פאַרבלאַסט די קריוודעס צו איר, און די יונגע פרוי האָט זיך געוויזן צו אים אין די ליבלעכסטע אַספּעקטן.

אין אַזעלכע מינוטן איז גרינוואַלד גרייט געווען צו שרייבן צו איר און בעטן פאַרגעבונג, נאָר ס׳האָט נישט גענומען לאַנג און אין אים האָבן ווידער אויפגעטויכט אירע שפּיציקע אָנצוהערענישן, איר מאָדנער אויפפיר. און ער האָט מיט רוגזה אָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס פּאַפּיר. ער האָט געזוכט, ווי טייל מענטשן, זיך צו פאַרגעסן אין נייע באַקאַנטשאַפטן, און ער איז דערמיט גורם געווען צו פאַרשיי־דענע פּלאָנטערנישן און נייע יסורים...

אַזאַ דילעמאַ האָט זיך געשאַפן פון זיין באַגעגעניש מיט ציליאַ מילבויער, די שוועסטער פון אַ באַקאַנטן מוזיקער. זי איז געווען אומגעוויינלעך באַגאַבט. זי האָט געשפּילט פּיאַנע און אויף אַנדערע אינסטרומענטן. זי האָט געגעבן פּריוואַטע לעקציעס און האָט זיך עפּעס נישט געקענט דערשלאָגן צו אַ העכערן מעמד אינעם מוזיקאַ־לישן וועלטל. סיבות האָבן נישט געפעלט. דאָס מיידל האָט געטראָגן אויף אירע שמאָלע אַקסל אירע דריי צענדליק יאָר ווי אַ שווערע משׂא, און די אייגעלעך, גרוילעכע, שטייענדיקע, האָבן געקוקט אַפּאַ־לאָגעטיש אויף מענטשן, ווי זי וואָלט געבעטן מחילה, וואָס אויך זי דרייט זיך אַרום אויף גאָטס ערד. זי האָט גערעדט ווינציק,

דערצו מיט אַ שטענדיקן פֿאַרדאַכט, אַז זי ווערט נישט געהערט. זי האָט זיך געשאַדט ביי דער זייט פֿונעם לערער מיטן געפֿיל, אַז ער קאָן זי אַ ליאַדע מינוט איבערלאָזן און נישט ווערן...

זי איז געווען גערעכט! גרינוואַלדן איז געווען דערווידער איר אייסזען, איר שפּלות, איר באַנעם. אומווילעך האָט ער געמאַכט פֿאַר־גלייכן צווישן איר און יהודיתן, און זיך געערגערט. הגם ער האָט זיך נישט געקענט באַפֿרייען פֿון אַ טיפֿן מיטלייד צו איר, האָט ער גערעדט, מעשה־מדריך, צום עלטערן מיידל האַרבע רייד, אַרויס־צורהבן, משמעות, ביי איר פּראָטעסט, צי אַפֿילו בייזקייט. נאָר יענע האָט בלויז געשמייכלט, געשמייכלט און זיך געטוליעט צו אים.

איין מאָל אין אַ רעגנדיקן אָוונט, ווען דער עולם איז געווען פֿאַרקליבן אין דער קאַסינאָ, האָט זיך גרינוואַלד פּלוצים געכאַפּט, אַז ציליאַ האָט זיך פֿון מיטאָג אָן נישט געוויזן. ער האָט אַרומגעפֿירט זיינע בליקן איבערן גרויסן זאַל און נישט געפֿינענדיק זי אויך איצט, האָט ער לייכטער אָפּגעאָטעמט. ער איז אַרויס אין דרויסן און זיך אַוועקגעלאָזט איבער די שמאָלע סטעזשקעס אַרום דעם קעמפּ. דער רעגן האָט שוין געהאַט אויפֿגעהערט. אין דער לופֿט איז אָבער געהאָנגען אַ געדיכטער נעפּל, ווי אַ פֿאָרהאַנג, און באַ־שווערט דעם גאַנג. די שטילקייט, די געזעמלעך ביימער דאָ און דאָרטן, האָבן דעם לערער ווידער פֿאַרטראָגן צו יהודיתן אין וואַלד. ער האָט זי געזען אַציינד זיצן ביי דער באַנגאַלאָו מיט אַ בלימל אין די געקרויזטע האָר, און די פֿלאַמען פֿון שייטער זיך שפּיגלען אין אירע גאָלדיק־סודותדיקע אויגן, אומטאַנצן אויף איר איידל געפֿאַר־רעמט פּנים...

פּלוצים האָבן זיך צו אים דערטראָגן רוישיק־כאַאָטישע טענער פֿונעם קינדער־פּאַוויליאָן. ער האָט זיך האַסטיק אַ לאָז געטאָן אַהין און האָט אויף די שפּיצפֿינגער געעפֿנט די טיר. פֿונעם באַלקן ביי דער בינע איז געפֿאַלן די שיין פֿון אַן איינציקן רעפֿלעקטאָר אויף ציליאַס הויכער פֿריזור אויף אַן אופֿן, אַז איר גוף איז געבליבן האַלב אין שאָטן. און די פֿינגער — לאַנגע, דינע, איידעלע, האָבן זיך אומגעוואָרפֿן בערוועז איבער די קלאַווישן פֿון דער פּיאַנאָ און ס'האָט זיך געדאַכט, זיי באַוועגן זיך פֿון זייער אייגענעם אימפּעט און לויכטן מיט זייער אייגענעם ליכט...

גרינוואַלד איז געשטאַנען אַן אויפֿגערודערטער אינעם לייזיקן,

כמעט פינצטערן פּאַוויליאָן, ווו ראַוועלס וואַלסעט זיבן אין צאַל האָבן זיך געטראָגן, ווי שוואַרצע פייגל, וואָס זאָגן אָן דעם אָנקום פון שטורעם. און אין עפּילאָג — ווי ווייך־וואָרקנדיקע, ליריש־סענטימענטאַלע טויבן, וועלכע טרייסטן און באַרואיקן... דער לערער האָט געוואַרט ביז זי האָט געענדיקט. צייליאַ האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול, געקוקט אויף אים, דאַכט זיך, נישט געזען. זי האָט געהאַלטן פאַרריסן דעם קאָפּ, גאָרנישט לויט איר טבע, ווי זי וואָלט אים דערמיט געוויזן, אַז עס איז דאָ אַ ווינקעלע, ווו זי איז מייסטערין. און זי איז מיט שווייגנדיקע טריט אַרויס אין דרויסן.

— איר שפּילט שיין, צייליאַ! — האָט גרינוואַלד געזאָגט מיט געפיל.

דאָס מיידל האָט אים באַטראַכט מיט דאַנקשאַפט און אים גענומען אונטערן אָרעם. זיי זענען לאַנג געגאַנגען ביז זיי זענען צוגעקומען צום צימער, וועלכן זי האָט געטיילט מיט אַן אַנדער פרוי. עס איז געווען פאַר צען. קיינער האָט זיך דאָרטן נישט געפונען. זי האָט אים אונטערגערוקט אין דער חשכות אַ שטול, און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זיינע קני. ער האָט נישט דערוווּסט. אין אים האָבן זיך געראַנגלט אַן אַ שיעור געדאַנקען, און מער פון אַלץ — די מאָדנע אייגנאַרטיקייט — אויב ער וועט ברעכן די פיזישע טריישאַפט צו יהודיתן, וועט ער זיך מער נישט קענען אומקערן צו איר.

צייליאַ האָט דערשפּאַט דעם איבערבייט אין אים. זי האָט עס אויסגעטייטשט ווי איר איז געפעלן. און אויסגעהונגערט נאָך מאַנסבילשע צערטלעכקייט, האָט זי זיך געדריקט צו אים ווי אַ שויס־קעצל און געמרוקעט פאַר תענוג. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז זי געלעגן אויסגעצויגן אויפן בעט. איר דין — אויסגעצערטער קערפּער האָט נישט געוועקט ביים לערער קיין לוסט, נאָר גיכער מיטלייד, רחמנות. אין איין הרף־עין האָבן זיך דורכגעטראָגן אין זיין דמיון די וווּנדערלעך ציטערדיקע און עקזאַלטירטע פרייד בעת זיינע פאַרהעלטעניש מיט יהודיתן. ער האָט זיך דערפילט שולדיק, דערדריקט, אומבאַהאָלפן. ער האָט זיך שטום אַרויסגעמאַכט פון אירע לאַנגע, שפּיציקע פינגער, וועלכע האָבן אים ערשט אַזוי באַצויבערט מיט זייער שפּילן, און זענען אַצינד געווען פאַר אים ווי צוואַנגען, און זיך געלאָזט צו דער טיר.

דאָס מיידל איז אַראָפּגעשפּרונגען פון געלעגער, נישט ווי

אַ נעבעכדיק קעצל, נייערט ווי אַ ווילדע וועלפּין, אים פאַרלאָפן דעם וועג און אים גענומען קלאַפּן מיט ביידע קליינע פויסטן איבער דער ברוסט:

— איר זייט אַ שלעכטער מענטש! — איר זייט ברוטאַל! — האָט זי געשריען נישט מיט איר קול. — איר האָט נישט קיין פּונק מענטשלעכקייט אין זיך! — און זי האָט זיך צעכליפּעט ווי אַ קינד...

גרינוואַלד האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ער האָט פאַרלוירן געגלעט איר קאָפּ. זי געזוכט אייגנעמען, איינשטילן. אין דרויסן האָבן זיך דערהערט טריט. ציליאַ האָט שנעל אָנגעצונדן ליכט, אָפּגעווישט די טרערן און געבראַכט דאָס צימער אין אָרדנונג.

די אָריינגעקומענע האָט פאַרדעכטיק באַטראַכט דעם פרעמדן און זיך געווענדט צום מיידל:

— „ווהאט איי דאול איווינינג, אַר מייבי אים וואָזנ׳ט סאָ דואל אָפטער אָל?״ (וואָס פאַראַ לאַנגווייליקער אָוונט; און אפשר איז ער גאָרנישט געווען אַזוי לאַנגווייליק?) — האָט זי אַ פּינטל געטאָן צו יענער מיט אַן אויג.

— באַקאָנט זיך, רייטשל גלעסער מיט מר. גרינוואַלדן, מיינער אַ פריינד. — האָט ציליאַ געזאָגט געלאַסן און אין גאַנצן באַהערשט. רייטשל האָט אַ נייג געטאָן דעם קאָפּ צום לערער און זיך פאַרנומען מיט שטוביקע קלייניקייטן.

גריגוואַלד האָט זיך שנעל אָפּגעזעגנט מיט ביידע פרויען און איז אַרויס. ער האָט געשפּאַנט גיך און זיך אָפּט אומגעקוקט. ווי אימיצער וואָלט זיך געיאָגט נאָך אים. ער האָט געהאַט אַן אויסטערליש געפיל, אַז דאָס היינטיקע פאַרליפּעניש מיטן מיידל איז נאָך נישט פאַר־ענדיקט.

אויף מאָרגן איז ציליאַ נישט געקומען צום פרישטיק. איר שכנה, וואָס איז געזעסן ביי אַן אַנדער טיש, האָט אים באַגריסט פון דער ווייטנס, און אים שפּעטער דערציילט, אַז יענע האָט געהאַט אַן אומ־רואיקע נאַכט.

— „שי דיזוירווס איי ליטל העפּינעס, פּור סאול!״ (זי איז באַ־רעכטיקט צו אַ ביסל פרייד! אָרעמע נשמה!) — האָט זי גערעדט אין אַ טאָן, ווי ער איז עס מחויב צוצושטעלן דאָס ביסל „העפּינעס״:

— צו וואָס דערציילט איר עס מיר? — האָט זיך גרינוואַלד אויפגערעגט, און גאָרנישט גאַלאַנט צוגעגעבן: — פאַרוואָס מיינט איר, אַז מיר דאַרף עס אינטערעסירן?

— אויב איר זייט אירער אַ פריינד...

ער האָט געקנייטשט מיט די אַקסלען און נישט געענטפערט.

— גייט פונדעסטוועגן אַריין צו איר, — האָט זי נישט אָפּ־געלאָזן. — עס וועט איר שטאַרק דערפרייען.

ציליא האָט אים אָפּגים, דערוואַרט. זי איז געווען פאַרקאָמט, צוגעפודערט, די ליפּן צוגעפאַרבט.

— זייער פיין פון אייך מיך צו קומען געוויר ווערן.

— אַזאַ חולה זייט איר?

— אַצינד שוין נישט „אַזאַ" — האָט זי דין געשמייכלט.

— איך קלייב זיך היינט אין וועג אַריין. — האָט ער געזאָגט דעצידירט. — און...

— וואָס פאַר אַ צופאַל — האָט זי אויסגערופן מיט פרייד. — אויך איך פאָר היינט אַהיים.

— און איך האָב געמיינט, אַז איר — נו מילא — זאָל זיין אַזוי — איר פאָרט אַוודאי קיין ניו־יאָרק? — האָט ער זיך איבער־געלאָזט כאָטש אַ קליינע טרייסט.

— וואָס עפּעס קיין ניו־יאָרק? — האָט זיך דאָס מיידל כלו־מרשט געוווּנדערט. — מיין שטאָט געפינט זיך ביי די ברעגן פונעם שיינעם לייק (אָזערע) מישיגען. — האָט זי נישט אָראָפּגענומען פון אים אירע גרויע אייגעלעך.

אמת, גרינוואַלד האָט געקאָנט אָפּוואַרטן אַ טאָג, צי צוויי און זיין זיכער, אַז ער וועט נישט האָבן קיין אומגעוווּנטשענע באַגלייטער, נאָר ער האָט געוואָלט, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, איר באַווייזן, אַז אירע אומגעלומפּערטע שטיק וועלן אים נישט אָפּ־שרעקן. פונדעסטוועגן ווען ער איז אַריין אין אויטאָבוס און דאָרטן זי נישט געפונען, האָט עס אים שטאַרק הנאה געטאָן, אָבער נישט אויף לאַנג! וואָרום דער וואָגן האָט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט און האָט אויפגענומען נאָך אַ פּאַסאַזשיר. איידער ציליאַ האָט באַשטיגן דאָס לעצטע טרעפּל האָט זי זיך גוט אַרומגעקוקט. אַלע פּלעצער זענען געווען באַזעצט. זי האָט זיך דורכגעשטופּט צום בלייך־געוואָרענעם לערער און פיל־מיינענדיק באַמערקט:

— דאָס לעבן איז פול מיט איבערראַשונגען, נישט אמת?

גרינוואַלד האָט איר אָפּגעגעבן זיין אָרט און זיך פאַרטיפט אין אַ צייטונג...

ציליאַ מילבויער

די פּופּציק מייל מיטן אויטאָבוס פונעם קינדער קעמפּ קיין ניו־יאָרק, ווו אליעזר גרינוואַלד האָט געדאַרפט נעמען דעם עראָ־פּלאַן קיין „ש״, איז געווען אַן אמתע אָפּקומעניש.

נישט נאָר ער האָט געמוזט שטיין די גאַנצע צייט אינעם געפּאַקטן וואַגאָן, נאָר זיין אומגעווינטשענע באַגלייטערין, ציליאַ מילבויער, וועלכע ער האָט אָפּגעגעבן זיין אָרט, האָט אים נישט אָפּגעלאָזן פון אויג. זי האָט טאַקע, ווי פריער, ס׳רוב געשוויגן, נאָר אירע מאָנענדיקע בליקן, איר פּיינלעכער אויסדרוק אויפן גע־פּאַלענעם פּנים, די אומגעוויינלעך־לאַנגע און באַוועגלעכע פינגער, אַלץ אין איר האָט געזוכט אויפצוּוועקן אין אים מיטלייד, איינ־זעעניש...

דער לערער האָט געמאַכט אַן איילקן סך־הכל פון זיינע דריי וואָכן אין קעמפּ, און איז געקומען צו דער טרויעריקער מסקנא, אַז נישט ער האָט דאָרטן געפונען די געגאַרטע רו, נישט ער האָט אויסגעפירט זיין ווונטש זיך צו טרעפן מיטן שולן־דירעקטאָר וועגן בייטן זיין שטעל, כאָטש ער האָט אַזאַ געלעגנהייט געהאַט. און דאָך האָט ער געהאַט אַ נעפּלדיקן פאַרלאַנג, אַז עפּעס אַ מכשול זאָל נישט דערלאָזן זיין אומקער אין „ש״, הגם דאָס וואָלט אים פאַרשאַפט אַן אַ שיעור יסורים און עגמת נפש...

אָנקומענדיק אין ניו־יאָרק האָט ציליאַ פאָרזיכטיק באַמערקט:

— ס׳וואָלט געווען גוט צו פאַרבלייבן דאָ אַ פּאָר טעג, ווי מיינט איר? — האָט זי געקוקט אויף אים מיט געבעט. — איר וואָלט אויך געהאַט די געלעגנהייט צו זען אייער טעכטערל...

ער האָט זי אַ רגע באַטראַכט מיט אויפגעריסענע אויגן און מיט אַ היפּשער מאָס רוגזה:

— פאַר אייך איז גאָרנישט פאַרהוילן...

— פאַרוואָס זאָל עס זיין? — האָט זי געערעדט בנעימותדיק. — איך בין דאָך אייער...

— וואָס זענט איר מיר?

— כ׳מיין, — האָט זי געזוכט ס׳פּאַסיקע וואָרט. — נו, זאָל זיין אַ — פריינדין!

— און איך דאַרף עס נישט וועלן? — איז ער געווען אויפגערעגט. ער האָט געהאַלטן דעם וואַליז אין האַנט און גערופן אַ טאַקסי.

— ביי אַנדערע נעמט עס אַ ביסל לענגער! — האָט דאָס מיידל געזאָגט געלאַסן, און איז אויך אַריין אין דער אָפּגעשטעלטער טאַקסי. זי האָט אַריינגעשטופּט דעם שאָפער אַן אַדרעס, און באַמערקנדיק הידוש ביים לערער, האָט זי מוסיף געווען: — איך קום אָפּט קיין ניו־יאָרק. ס׳איז באמת מיין צווייטע היים. — האָט זי זיך ווי פאַרענטפערט. — ווי איר ווייסט מסתמא, וווינט דאָ מיין ברודער און ער איז אַצינד מיט זיין פרוי אויף וואַקאַציע אין אייראָפּע...

— צוליב וואָס דאַרף איך עס וויסן? — האָט ער זיך אַלץ נישט געוואָלט איינגעמען.

— אפשר נישט! — איז זי געווען פול מיט הכנעה. — ער האָט אַ סטודיאָ־אַפּאַרטמענט. אויב איר ווילט...

— כ׳וויל נישט! — האָט גרינוואַלד זי האַסטיק איבערגעשלאָגן. ציליאַ האָט אָבער דערשנאַפּט, נישט אַזוי אין די פּאָר ווערטער, ווי אינעם טאָן, אַ גלייכגילט, אַן אַפּאַטיע. זי האָט מער נישט גערעדט, נאָר ווען די טאַקסי איז שטיין געבליבן, איז דער לערער אַרויס נאָך איר.

דער אַפּאַרטמענט האָט זיך געפונען אויפן צווייטן שטאָק אין דער סאַמע מיט פון מאַנהעטן. די צוויי און אַ האַלב צימערן זענען געווען היימלעך, געמיטלעך און אַנגענעם מעבלירט. גרינוואַלד איז געשטאַנען אַ פאַרקלערטער ביים פענצטער. די עיר הבירה, וואָס האָט אים אַמאָל פאַרכאַפּט, באַרוישט און אַנטציקט, האָט אים אַצינד געלאָזן קאַלט. אים האָט זיך אומאויפהערלעך געטראַכט, אַז ער דאַרף זיך וואָס שנעלער אָפּטראָגן פון דאַנען, און דאָך האָט ער זיך נישט גערירט פון אָרט.

— זעצט זיך צו, גרינוואַלד. — האָט ער דערהערט ציליאַס רואיק קול.

גרינוואַלד האָט זיך רעזיגנירט אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך.

אין אָוונט האָט ער אָנגעקלונגען לאהלען. ס׳איז געווען אַ קורצער שמועס און ס׳רוב פון אים טאַקע אַליין. ער האָט געפּרוּווט ווירקן אויף איר, זי זאָל כאָטש אויף אַ שטיקל צייט אַריבערפאָרן צו אים קיין „ש״, נאָר פון יענער זייט דראָט איז דער ענטפער געווען איינגעהאַלטן און קיל. דאָס האָט שושנה אים אויף ס׳ניי געוויזן, דורכן טעכטערל, אירע שאַרפע נעגל...

ווען ער האָט זיך באַוויזן שפּעטער אויבן, איז דער אָוונטמאָלצייט געווען פאַרטיק. אויפן טיש האָבן געברענט ליכט. ס׳האָט געפינקלט אַ פלאַש וויין. דאָס מיידל האָט אַפילו געקראָגן פון ערגעץ בלומען. מען האָט געקאָנט מיינען, אַ יונג פּאָרל האָט זיך ערשט אומגעקערט פונעם האָניק־חודש אַהיים...

ציליאַ האָט אים באַגעגנט מיט אַ פאַרבענקטן שמייכל פון אַ פאַרליבטער פרוי. זי האָט אים דערלאַנגט דאָס עסן און זיך בעת־מעשה געערגערט, וואָס זיין וואָליז איז נישט אויסגעפּאַקט. זי האָט איבּ אַ פּאָר מאָל דערמאָנט, נאָר יענער האָט געשוויגן, געקוקט אַ פאַרלוירענער אין דער נאַכט און — געשוויגן. ס׳איז אַוועק אַ שעה און מער. דאָס מיידל האָט צוריקגעשטעלט דאָס געשיר, געמאַכט אָרדנונג אין צימער, און גענומען גרייטן, איינע פון די סאָפאָס אויף נאַכטלעגער. זי איז אַריין אין די פּידזשאַמעס פאַר אים אין די אויגן און זיך אויסגעצויגן אויפן בעט. און זעענדיק, אַז דער יונג רירט זיך נישט פון אָרט, האָט זי זיך מיט אַ געבייזער אַ וואָרף געטאָן צו דער פּיאַנע. און באַלד איז די לופט פאַרהילכט געוואָרן פון אַ משוגעדיקער קאַקאָפאָניע, אין וועלכער ס׳האָבן זיך געמישט טענער פון בראַמס אונגאַרישן טאַנץ און פון גווירשווינס „פּאָרגי און בעס״, מיט עפּעס אַ דזשאַז־גרילצעניש, וואָס האָט געלעכערט דעם קאָפּ. אָט די „פּאַפּורי״ האָט אָנגעהאַלטן לאַנגע מינוטן, ביז זי האָט זיך ענדלעך אַ מידע צוריקגעלייגט און אויסגעלאָשן דאָס ליכט...

דער לערער האָט אַוועקגענומען די האַנטפלאַכן פון די אויערן. זיין פּנים איז געווען צעקרימט. ער איז געזעסן אויף דער קעגנאיבערדיקער סאָפאַ ביים פענצטער און געביסן די נעגל. דער הימל האָט זיך געוואָלקנט און בליצן, ווי פייערווערק האָבן זיך אָן

אויפהער געצונדן. ס׳האָט אַ קנאַל געטאָן אַ דונער און אַ רעגן איז אַראָפּ מיט אַן אומגעצוימטער קראַפט. אין דער נידער האָט זיך גאָרנישט געביטן. דער ים מיט ליכטער האָט זיך נישט געמי־נערט. דער פאַרקער איז נישט קלענער געוואָרן. ס׳האָט זיך געדאַכט, די ריזיקע שטאָט איז נישט באַווירקט פון די נאַטור־כוחות און איז נישט גערירט פון מענטשנס עלנט און צער...

גרינוואַלד האָט זיך געזוכט צו ראַטעווען, ווי דער תנכ׳ישער זינדער אין די „קרנות־המזבח”, דאָס הייסט, אין דער אילוזיע, אַז נאָך נישט אַלץ איז פאַרלוירן. נאָר לאַהלעס אומפּאַסיקע רייד, זיין אָפּגעפרעמדקייט פון דער אייגענער משפחה און דער ריס מיט יהודיתן, האָבן געטריבן יעדע טרייסט. דערצו האָבן אין אים גראָד אַצינד אויפגעטויכט לאַנג־אָפּגעטאָענע עוולות, אמתע און גע־דאַכטע, וועלכע זענען אויסגעוואַקסן, אין אָט דער שפּעטער נאַכט־שעה, צו אַן אומגעלומפּערטער הייך. ער האָט זיך מיט געוואַלד אָפּגעריסן פונעם לאָקנדיקן פענצטער און פאַרמאַכט די אויגן, נאָר ער האָט נישט געקענט איינשלאָפן. דאָס מיידל קעגנאיבער איז, קאָנטיק, אויך געווען וואַך. ווען ער איז פאַרבײַגעגאַנגען, האָבן זיך מיטאַמאָל אַ שטרעק געטאָן צו אים אַ פּאָר דינע, ציטערנדיקע אָרעמס, ווי זיי וואָלטן שוין לאַנג געוואָרט אויף דער געלעגנהייט, און אים מיט אייפער צוגעצויגן צו זיך...

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען גרויסער טאָג. ציליאַ האָט זיך געעסקט אין קיך. זי איז צוגעקומען צום געלעגער מיט אַ ליכטיקן שמייכל פון אַ יונגער באַלעבאָסטע און אים אויס־געגרעכנט, וואָס זי גרייט אויף פרישטיק. זי האָט צוגעטראָגן אירע ליפּן צו זיינע און אים אַריינגערוימט ליבלעכע ווערטער. זי האָט געוואָלט אַליין אויספּאַקן זיין וואַליז, נאָר זיין ניכטערער קוק האָט זי אָפּגעשטעלט. זי האָט הכנעהדיק געזאָגט:

— גיי וואַש זיך איין — איז זי אַריבער אויף „דו”. — דער פרישטיק איז באַלד פאַרטיק.

גרינוואַלד איז געווען שאָקירט פון איר האַלטונג, פון אירע רייד. זי האָט עס אַרויסגעזען פון זיין אומהיימלעך שווייגן, טון אויסמיידן איר בליק. זי האָט געשפּירט מיט אַלע חושים, אַז באַלד וועט זיך אַראָפּגליטשן ביי אים אַ זאָג, וואָס וועט אַ סוף מאַכן פון יעדער האָפנונג...

דאָס מיידל האָט מיט מאַמעשע הענט אויפגעשניטן פאַר אים די זעמל, אַרויסגעקראָגן פון דאָרטן דעם ווייכן טייל און זאָרגעוודיק באַשמירט דאָס אויסגעהוילענע מיט פוטער. זי האָט עס באַלייגט מיט קעז און באַגאָסן מיט מאַלינע־זאַפט אויפן זעלביקן אופן, ווי גרינוואַלד האָט עס געגעסן אין קעמפּ. ציליאַ האָט אים אָפּגעקאַכט די אייער, געדענקענדיק וויפל מינוטן זיי דאַרפן בלייבן אין הייס וואַסער און אים דערלאַנגט אָפענע אין אַ שעלכל. זי האָט זיך געמיט, די קאַווע זאָל זיין לויט זיין גוסט און געשמאַק, קורץ, זי האָט אַלץ געטאָן, לפי איר ווייבערישער בטיה, אָפּצוציען און ווייכער מאַכן דעם „גזר־דין", וואָס האָט געלויערט אויף איר. ביים לערער זענען דאָס וואָרט, ווי דער ביסן, געבליבן שטעקן אין קעל. ער האָט געהאַט אַ געפיל ענלעך צו דודס, ווען מען האָט אים געבראַכט וואַסער פון שונאס קוואַל, איינשטעלנדיק דערביי ס'אייגענע לעבן. ער איז געווען בלאַס, אָן אַ טראָפּן בלוט אין דער מראה. ער האָט געזאָגט מיט אָן אַ שיעור מילדקייט:

— איר האָט אַ גוט האַרץ, ציליאַ, אָבער...

— אָבער מיט אַ מיאוס פנים! נו, זאָג עס אָפן, אָן קונצן! — און אירע קליינע אייגעלעך האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן.

— איך האָב געוואָלט בלויז זאָגן, — האָט ער געזוכט אַן אויסוועג פונעם פּלאָנטער. — אַז איך בין נישט פריי... און —

— איך ווייס עס! — דאָס מיידל האָט געוווּסט אַ סך מער, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. — און נאָך אַ שטער — האָבן זיך שוין שדימלעך צעשפּילט ביי איר. — איז דיין פאַרהעלטעניש מיט דזשודי סאַפּיר.

ביים דערמאָנען יהודיתס נאָמען, האָט גרינוואַלד מיטאַמאָל פאַרלאָזן זיין גאַנצע רואיקייט, ווי ס'וואָלט אים אַ גראַבל געטאָן אויף אַן אייטערדיקער וווּנד. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אָרט, אויפגעהויבן זיין נישט־געעפנטן באַגאַזש, און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר...

אין שטענדיקן געראַנגל

די דערעפענונג פון דער „מענדעלע" שול, ווי פון אַלע אַנדערע יידיש־סעקולאַרע שולן אין שטאָט, האָבן יענעם זמן באַגעגנט אַ סך אַנדערע שוועריקייטן.

אין פלוג האָט עס נישט געדאַרפט זיין אַזוי, ווארום ס'איז דעמאָלט געווען אַ גינסטיקער קלימאַט פאַרן יידישן חינוך פון אַלע שאַטירונגען.

די יידישע וועלט איז, מיטן אויפקום פון מדינת ישראל, געווען אַרומגעכאַפט פון אַ זעלטן־דערהויבענער פרייד. טייל עלטערן האָבן ערשט דעמאָלט „אַנטדעקט" אַ יידיש לאַנד און אַ לשון — עברית. די צוויי באַגריפן זענען שנעל באַהויכט געוואָרן פון אַ פאַרכטיקן צויבער, פון אַ מיסטישן חן...

אמת, אין דער „מענעדעלע" שול האָבן ארץ ישראל און העברעאיש אַלעמאָל פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט איגעם סדר־הלימוד. אָבער יענע עלטערן האָבן אין גרויסן אויפרודער, פאַרבויגן די פאַקטן און באַשטאַנען, אַז בלויז אין די אויסדריקלעכע „היברו־סקולס" ווערן די אָביעקטן געלערנט, און קינדער האָבן גענומען אָפּפאַלן.

צווישן די לעצטע האָט זיך אויך געפונען יהודיתס מיידעלע, סעלמאַ. גרינוואַלד האָט געהאַט אַ גוטן תירוץ זיך כאָטש שריפטלעך פאַרבינדן מיט איר מוטער. און נישט געקוקט אויף דער שאַרפער בענקשאַפט צו דער יונגער פרוי, האָט ער עס אָפּגעלייגט פון טאָג צו טאָג מיט דער האָפנונג, אַז ער וועט זיך מיט איר טרעפן פערזענלעך. און ווען אַזאַ געלעגנהייט האָט זיך פאָרט נישט בעוויזן, האָט דער לערער פאַרוואָרפן אַלע עטיקעטן און זי אָפּגערופן אויפן טעלעפאָן.

— הביבי, וואָס מאַכסטו? — האָט זיך זיין קול געבראָכן. —

מיר מוזן זיך זען, — האָט ער געזוכט ס׳פּאַסיקע וואָרט — צום שנעלסטן...

— ס׳איז אוממעגלעך — האָט זי גענוצט אַ פּרויען־נאָמען פאַר אים, ווי אַ סימן, אַז זי איז נישט אַליין אין הויז.

— איך מוז דיר מאָרגן זען, הביבי! — האָט ער גערעדט מיט שטילן צער. — עס איז זייער וויכטיק!

— כ׳בין מאָרגן פאַרנומען! — האָט זי זיך געפּרוווט אַרויס־דרייען. און איז באַלד אַריבער אין אַ פליסטערן: — צווישן אונדז איז אַלץ געענדיקט! אָפּגעווישט! פאַרגעסן!...

— קאָנסטו פאַרגעסן? קאָן איך פאַרגעסן? — האָט ער דער־פילט אַ קנויל אין האַלדז.

— יאָ! — איז זי געוועזן האַרב און דעצידירט. — איך מוז איצט אויפהענגען דאָס...

— אויב דו מוזט, טו עס! נאָר צוערשט זאָג מיר צו, אַז מאָרגן טרעפן מיר זיך... — און ער האָט אָנגעגעבן די צייט און דאָס אָרט.

— אפשר! — האָט זי איילִיק אָפּגעשניטן, ווי אימיצער וואָלט זיך דערנענטערט צום טעלעפאָן.

ס׳איז געווען אַ שווערע נאַכט פאַר גרינוואַלדן. הגם דאָס אויער האָט נאָך געגלעט דער קלאַנג פון איר שטים, וואָס ער האָט וואָכן־לאַנג נישט געהערט, האָט אים אָבער איר וואַקלדיקער צוזאָג באַאומרואיקט, געשראָקן. ער האָט זיך, צוליב זיין פאַרהעלטעניש מיט איר, דערווייטערט פון אַלעמען, און די יונגע פרוי איז בהדרגה־דיק געוואָרן, ווי ס׳איז שוין דערמאָנט געוואָרן, דער צענטער פון זיינע אינטערעסן, געדאַנקען, פון זיין גאַנץ לייב־און־לעבן. און זיין גאַנצע מי זיך צו באַפרייען פון איר, איז, ווי באַקאַנט, געווען לאָבוד...

אויף מאָרגן האָט גרינוואַלד געוואַרט אויפן באַשטימטן אָרט, געוואַרט מיט אומגעדולד, מיט ספקות. האָט געקוקט אויפן האַנט־זייגערל, האָט געעקבערט מיטן מידן בליק די ווייט. און ווען ער האָט אויפגעגעבן אַלע האָפענונגען — האָט זי זיך באַוויזן. ער האָט זי נאָך דערקאַנט פון מהלך־רב. ס׳איז געווען עפּעס אין איר גאַנג, אין איר באַוועגונג, וואָס האָט זי אויסגעטיילט פונעם גרויסן עולם. ס׳האָט זיך אים שטענדיק געדאַכט, אַז ס׳איז פאַראַן ריטם, האַרמאָניע, ניין, מער! — מוזיק, אין איר טראָט. ער פלעגט זי

ביים שיידן זיך, לאַנג אָבסערווירן. ביז זי איז פֿאַרשווּנדן פֿון אויג...

— האַללאָ, הביבי! — האָט דער לערער אויסגערופֿן מיט פֿרייד.

— כ'בין געקומען בלויז אויף אַ פּאָר מינוט. — האָט זי גע־האַלטן אירע גאָלדיק־ברוינע אויגן אין אַ זייט. — בלויז אויף אַ פּאָר מינוט. — זי איז געווען קאַלט, אומצוטריטלעך, אַפֿילו פֿײַנטלעך.

— פֿאַרוואָס, יהודית? — האָט ער אומזיסט געזוכט איר האַנט.

— אַט אין יענער נאַכט, ווען דו ביסט, אָן אַ סיבה, פֿאַרשווּנדן, האָסטו איבערגעריסן אַלע פֿעדים מיט מיר...

— ס'איז געווען דערבײַ אַ גוטע כּוונה... — האָבן זײַנע רייד געקלונגען נישט צו איבערצייגעוודיק.

אַ סאַרקאַסטיש שמייכעלע האָט אויפֿגעטויכט אויף איר לענג־לעך געזיכט:

— ס'איז פֿאַראַן, ווי דו ווייסט, אַ ווערטל, אַז גוטע כּוונות פֿירן אין גיהנום אַרײַן...

— כ'ווייס עס! — האָט ער זיך מודה געווען. — כ'האָב פֿאַר־זוכט דעם טעם דערפֿון...

— אַט די רייד ווילן צו גאָרנישט פֿירן. — האָט די ביטערניש זי נישט אָפּגעלאָזן. און פּלוצים האָבן זיך אַ ריס געטאָן נאָך שאַרפֿערע ווערטער: — איך בין אַ פֿאַרהייראַטע פֿרוי און אַ מאַמע פֿון קינדער. וואָס ווילסטו פֿון מיר?...

— איך וויל איצט גאָרנישט פֿון דיר! — ער האָט נישט גע־האַט קיין טראָפּן בלוט אין דער מראה. און ער האָט זיך, אַ פֿאַר־שעמטער, צוגעשפּאַרט אויף אַ באַנק.

אין פּאַרק זענען יענעם פֿאַרמיטאָג געווען ווייניק מענטשן. די האַרבסטיקע זון האָט, ווי אַ כלומרשטדיקער פֿרײַנד אי געגלעט, אי דורכגענומען מיט אַ בייסיקער קילקייט. אַ ווינטל האָט גע־שאָקלט די געלב־רויטלעכע בלעטער אויף די ביימער. מחנות טויבן האָבן זיך געזאַמלט אַרום אַן אײַנזאַמען זקן און גיך געקליבן צעוואָרפֿענע קערנער. באַקאַנטע פּאַרק־סצענעס, וועלכע האָבן אַצינד באַקומען אַ וויכטיקן באַדייט, און געוועקט זכרונות פֿון שלווהדיקע, אינטים־רירנדיקע באַגעגענישן אויפֿן זעלביקן אָרט. יהודית האָט

זיך אויך צוגעזעצט. זי האָט לאַנג געשוויגן און מיט אַמאָל אַ פרעג געטאָן:

— וואָס האָסטו געטאָן די גאַנצע צייט פון דיין אַנטלויפעניש?

ער האָט זיך קוים געקענט באַהערשן:

— איך... איך האָב געבענקט נאָך דיר...

— פאַרוואָס האָסטו נישט געענטפערט אויף מיינע בריוו? —

— בריוו? — ווּהין האָסטו זיי דען געשיקט? — איז גרינוואַלד געווען פול מיט חידוש.

די יונגע פרוי האָט אים פאַרשנדיק באַטראַכט:

— דיין שטענדיקער אַדרעס אין ניו־יאָרק, ווי דו האָסט אָפּט באַמערקט, איז דאָך די „וואַי".

— כ'בין געווען געציילטע טעג אין ניו־יאָרק...

— און די איבעריקע צייט?

— אין אַ קינדער־קעמפּ. — האָט ער שטיל גערעדט. — ביסט גערעכט, יהודית! כ'בין אַנטלאָפן פון דיר. כ'האָב דיך און זיך געוואָלט באַפרייען, צוליב סיבות, וואָס דו האָסט ערשט דערמאָנט, נאָר...

— האָסט דאָך אַמאָל געזאָגט, אַז מ'קען נישט אַנטלויפן פון אייגענעם גורל...

גרינוואַלד האָט געהאַלטן אירע לאַנגע, דינע, איידעלע פינגער און זיי געקושט:

— אַציַנד ווייס איך עס אויף זיכער...!

דאָס פּאָרל האָט זיך שווייגנדיק אויפגעהויבן און פאַרלאָזט דעם פּאַרק.

גרינוואַלד איז אין אָוונט, נאָכן לערנען, געפאָרן צו אַ לערע־רישע אַסיפה, ווו מען האָט געזאָלט אויפנעמען די נייע פּראָבלעמען, וואָס די געשעעניש אין יידישן לעבן האָבן גורם געווען. ער איז געווען, נאָך דער באַגעגעניש מיט יהודיתן, אין אַ מער געהייטערטן געמיט. שפּעטער אָבער האָט זיך אין אים דאָס „באַרויק־מיטל", ווי ביי אַ ספּאַראַדישן חולה, אויסגעוועפּט, און די שול־זאָרגן זענען אים ווידער באַפאַלן...

אין זאַל איז געווען פאַרקליבן אַ צענדליק לערער. און הגם יעדער פון זיי איז געווען טיף דורכגענומען פון די הערצישע

מעשים אין קליינעם לאַנד אויף יענער זייט ימים, האָבן זיי זיך געשפּירט ווי פאַרגעסענע מהותנים אויף דער גרויסער שמחה, וואָרום ס'האָבן זיך שוין געהאַט דערטראָגן האָפּערדיקע שמועות וועגן „שלילת־הגלות" און צו אַלץ, וואָס דער טערמין איז מחויב און להיפוך צום הייגטיקן איינשטעל אין מדינת ישראל, האָבן זיך דעמאָלט געמערקט נטיות, אין געוויסע קרייזן, דאָרטן „אַריבער־צושפּרינגען" די נאָך־תנ"כישע תקופות.

די מסיבה האָט זיך אין איר דורכשמועס געהאַלטן פונדעסט־וועגן געצוימט. נישט צופיל איבערגעטראָטן דעם גבול, וואָס די אָרגאַניזאַציע, די אויפהאַלטערין פון די שולן, האָט באַשטימט אין איר לערן־פּראָגראַם און מען איז מערערע מאָל געקומען צו דער מסקנא: היות ווי יידישע ישובים זענען דאָ און וועלן נאָך לאַנגע יאָרן זיין, מחוץ דער מדינה, האָט די יידיש־וועלטלעכע שול אַ זכות־הקיום און אירע לערער — אַ וויכטיקע שליחות, נישט נאָר פאַרן ווילזיין פון די תפוצות, נאָר אויך פאַר די אינטערעסן פון דער יידישער מדינה. און פאַרענדיקט האָט מען, ווי דער שטייגער איז, מיטן בטחון, נעמלעך, אַז די נעגאַציע אין ישראל צום יידיש־פאָלקישן אוצר וועט פאַריבער, און דאָס לשון־הקודשים וועט געפינען אַ מקום־מנוחה אין לאַנד פון לשון־קדוש, ווי איר ערשטער נשיא האָט די צווייטע שוועסטער באַצייכנט. און כאָטש די מסקנות זענען געווען לאָגישע און גערעכטע און זיך געלייגט, ווי מען זאָגט, אויפן שכל, זענען די לערער אַוועק פון דער אַסיפה מיט אַן אומזיכערן געפיל. ס'האָט זיך נישט אויפגעהערט צו טראַכטן, אַז גראָד יידיש טיילט דעם שווערן גורל פון אונדזער אומה אויף דער וועלט און נישט דווקא ביי פרעמדע, נייערט נאָך מער ביי אייגענע. בעת פאַר דער עלטערער שוועסטער האָבן אַפילו גויים פיעטעט און דרך־ארץ...

ס'איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט. אין דער ווייטער הייך האָט זיך די פולע לבנה געראַנגלט מיט געדיכטע וואָלקנס. אָט איז איר געלונגען זיך צו באַפרייען פון איין פינצטערער תפיסה, און באַלד איז זי פאַרכאַפּט געוואָרן אין אַ נייער געפאַנגשאַפט...

דער מנין לערער איז געשטאַנען אַ ווײַלע אין דרויסן, ווי זייערע טאַטעס און זיידעס ביים מחדש זיין די לבנה, און געזען אין איר גערנגל אַ סימבאָלישן מיין...

ווען אַ חבר שטאַרבט...

דער לערער, יצחק מרגליות, האָט בשתיקה באַנייט ביי דער שול־אָרגאַניזאַציע זיין „אינשורענס־פּאָליסי" (לעבנס־פאַרזיכערונג), וועלכע ער האָט, צוליב פאַרשידענע סיבות, אויפגעגעבן מיט אַ צייט צוריק. זיין פרוי, בתיה, האָט דערפון נישט געטאָרט וויסן. ער האָט לעצטנס פאַרהוילן בכלל פאַר איר אַ סך זאַכן, למשל, זיין געזונט־צושטאַנד.

דער יונגער פרוי, איז, פאַרשטייט זיך, געווען באַקאַנט, נאָך לאַנג פאַר איר חתונה מיטן זעקס פוסיקן „גבר", אַז ער איז אַ חולה־מסוכן. אויף דעם האָבן עדות געזאָגט זיין געלבלעך־בלאַס געזיכט און דער קינדיש־צעשראָקענער בליק אין די גרויסע, אויפגעריסענע אויגן. ער האָט געליטן, ווי שוין אַמאָל דערמאָנט, פון אַ נירן־חולאת. ס'איז געווען אַ פּלוגתא ביי די דאָקטוירים צי אַן אָפּעראַציע איז דער ענטפער, אָדער אַ רואיק לעבן, אַ געהעריקע דיעטע און מע־דיקאַמענטן וועלן פאַרלענגערן זיינע יאָרן.

בתיה, וואָס האָט קיין קינדער נישט געהאַט, האָט פאַרווענדעט איר מוטערלעכע זאָרג און צערטלעכקייט אויף איר איציקלען, ווי זי האָט אים ליב געהאַט צו רופן. ס'האָט זיך נישט איינמאָל געדאַכט, אַז די צווייטע השערה האָט זיך באַרעכטיקט. אמת, מרגליות פלעגט אָפּט אָפּליגן אין בעט אַ טאָג, צי אַפילו אַ וואָך. עס האָט זיך דעמאָלט אַ ווייז געטאָן דער הויז־דאָקטאָר אַליין. און אויך אין דער באַגלייטונג פון אַן אוראָלאָג. ס'איז אויף אַ ווײַלע געוואָרן אַן אויפרודער אין שטוב, און גיך האָט זיך עס איינגעשטילט, און דאָס לעבן איז ווידער אַוועק מיטן געוויינלעכן טעמפּ...

בתיה האָט זיך צוגעוווינט, אָבער נישט שלום געמאַכט מיט אָט דעם מצב. טיף אין איר האָט זיך דער אַנגסט געגראָבן, ווי אַן ערד־וואָרעם. לעצטנס איז ער שאַרפער געוואָרן, איר געהאַלטן

וואָך אין די נעכט, אויסגעזויגן אירע כוחות. מרגליות איז שוין איצט הדשים נישט אַרויס פון שטוב. מענטשן האָבן אים אַלץ ווייניקער באַזוכט. די דאָקטוירים האָבן זיך מיאש געווען. ס׳איז מער נישט געווען קיין רפואה פאַר אים...

אין יענע שווערע טעג איז אליעזר גרינוואַלד אָפּגעזעסן לאַנגע שעהן — אין די וואָכן און אין די שבתים, ביים חולהס בעט. דעם חברס ערנסטע קראַנקהייט האָט פאַרשטופּט אין אַ ווינקל זייגע אייגענע פּראָבלעמען און דאָגות. מרגליות, ער האָט ווינציק גער רעדט, נאָר געקוקט צעשטרייט אויף די צעוואָרפענע צייטונגען און זשורנאַלן אויף זיין געלעגער, אויפן גאַסט, געעפנט און פאַרמאַכט די קליינע ראַדיאָ לעבן זיך. און ווען דער ווייטיק האָט אים שטאַר־קער אַ נעם געטאָן, האָט ער זיך אַנגעכאַפּט ביי די ברעגן פון צוקאָפּן און פאַרדריקט די ציין...

איינמאָל אין אַ שבת פאַרנאַכט, בתיה האָט זיך געהאַט צוגע־לייגט אין אַן אַנדער צימער. דער גאַסט האָט עפּעס פאַרגעלייענט פאַרן חבר. ער האָט מינוטנווייז איבערגעריסן, מיינענדיק, אַז עס פאַלט שווער דאָס לייענען אויפן חולה. נאָר יענער האָט אים מיט אַ נייג פון פינגער געבעטן ממשיך צו זיין. פּלוצים האָט ער געעפנט ברייט די אויגן און אים אַ צייכן געגעבן, ער זאָל זיך אַראָפּבייגן צו אים. זיין קול האָט געציטערט:

— זאָגט מיר, גרינוואַלד, וואָס וועט טאַקע זיין דער תכלית פון אונדזער אַרבעט? — ס׳איז קלאָר געווען, אַז אָט דער ענין איז אים געלעגן די גאַנצע צייט אויפן האַרצן. און ווען די ווייטיקן האָבן אים נאָכגעלאָזן, איז ער געקומען צום אויסדרוק. די פראַגע איז געווען אַן אומגעריכטע, און גרינוואַלד האָט אויף איר נישט געקענט גלייך ענטפערן. ער האָט זיך נאָר געוווּנדערט, וואָס אין אַזאַ צושטאַנד איז יענער מסוגל צו טראַכטן וועגן איר. ער האָט אים באַטראַכט מיט גרויס ליבשאַפט:

— אונדזערע קדמונים, ווי איר ווייסט, האָבן אפשר געאַרבעט ביי שווערערע תנאים. — האָט ער אויך גערעדט שטיל און געוואָלט אים און זיך טרייסטן. — און זיי האָבן זיך נישט מיאש געווען.

— ביי שווערע, אָבער נישט שווערערע — האָט דער חולה דערוווּדערט. — דעמאָלט איז דער שונא ס׳רוב געווען אַ דרויסנ־

דיקער און זייגע מיטלען — אומגעהובלטע, פּרימיטיווע, אָבער היינט? — האָט ער געקוקט אויף אים קינדיש־פאַרצערט.

— נישט בלויז אַ דרויסנדיקער — איז גרינוואַלד געווען דורכ־געגומען, הן פּגיעה הבדס לצגע, הן פונעם אַנגערירטן ענין. — קענען וועמען, מיינט איר, האָבן געצאָרנט דער תשבי, עמוס צי הושע, אויב נישט קעגן די אייגענע? — און ער האָט צוגעגעבן מיט אומעט: — אוודאי דינען היינט די טעכנישע דערפינדונגען דער אַסימילאַציע — אָבער ס'האָט אויך געקאָנט זיין פאַרקערט...

מרגליותעס גוטע אויגן האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ רויכל:

— ס'האָט געקאָנט! נאָר די מנהיגים טראַכטן אַנדערש. זיי האַמעווען יעדן פּרוו לטובת יידיש, און זענען פול מיט פינצטערע נביאות...

גרינוואַלד האָט עס אוודאי אַליין אויך געוווּסט. ער האָט אָבער געוואָלט אַ ביסל גרינגער מאַכן דעם חברס געמיט:

— וועגן יידן, יידישקייט און יידיש, איז שווער צו זאָגן נביאות, און די וואָס האָבן עס געפּרוווט, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר נאַראָנים...

דער שמועס צווישן די חברים וואָלט אַרויסגערופן אַ סקעפּטישן און אפשר אַ ציניש שמייכל ביי אַ זייטיקן, וואָרום איינער איז געווען אַ נוטה־למות, דער צווייטער — געפירט פון אילוזיעס, אילוזיעס, וועלכע זענען אפשר באַרעכטיקט אין שווערע צייטן, און טראָגן, פון דעסטוועגן אין זיך, אויב מען מעג זיך אַזוי אויסדריקן, קערנדלעך רעאַליטעטן...

— אונדזער לשון איז געגליכן צום דזשאַקאַראַנדע־בוים, וואָס מ'האָט אַמאָל געבראַכט אַהער פון בראַזיל און אים באַזעצט אין דרום־פלאָרידע. — האָט גרינוואַלד געזוכט צו באַקרעפטיקן זיין נמשל. — ער האָט אַ סך שונאים, דער בוים! דער הוראַגאַן לאָזט אים אָפּט קרוע־בלוע, און די תושבים — געוווּנט צו די הויכע, שלאַנקע פּאַלמעס, האָבן זעלטן אַ גוט וואָרט פאַר אים. זיי קאָנען נישט פאַרטראָגן די הויפנס בלעטער, וואָס ער וואַרפט פון זיך אַראָפּ צוויי מאָל אין יאָר. ער איז פאַר זיי אימיגראַנטיש־פרעמד, רחמנא־ליצלן, אין דער דאָרטיקער טאָפּאָגראַפיע, הגם אין די היצן שיצן זיי זיך אין זיין געדיכטן שאָטן, קורץ און שלעכט! — האָט דער חבר ממשיך געווען. — די לייט האָקן און זעגן אָרום זיינע ברייטע,

מעכטיקע צווייגן, מיט דער האָפענונג. אַז די צייט וועט שוין טאָן דאָס איבעריקע...

אָבער אַ מערקווירדיקע זאַך געשעט מיט דעם בוים — איז גרינוואַלד האָפערדיקער געוואָרן — עס גייען אַוועק אַ פּאָר מאָנאַטן, און פון די אַמפּוטירטע אָרעמס נעמען שפּראָצן גרינע שטענגלעך, ריטלעך, וועלכע ווערן מיט יעדן טאָג קרעפטיקער, דיקער און זיי באַדעקן זיך מיט פרישע, יונגע בלעטער. און איידער וואָס־ווען וואַקסט ווידער אויס, צום וווּנדער און געבייזער פון זיינע שוואַרץ־זעער — אַ גרינע קרוין איבער זיין קאָפּ. אפנים אַז דער בוים האָט נאָך געהוג יניקה אין זיינע טיפע וואָרצלען...

אַ שמייכל טויכט אויף אויף אַ רגע אויפן חולהס בלייכע ליפן און — ווערט נישט. די מינוטן ציען זיך לאַנג און ביידע חברים שווייגן. פון אַ פענצטער ברעכט זיך דורך אַ שטראַלעכל, ווי אַ פינגער פון דער פאַרגייענדיקער זון, און באַרירט דאָס בעט. מען האָט דעם איינדרוק ווי זי, די זון, זעגנט זיך איצט נישט נאָר מיטן טאָג, נאָר אויך מיטן גוסטדיקן לערער.

יצחק מרגליות איז אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט, וואָס לעשט זיך און פלעמלט אויף, און ווערט ענדלעך פאַרלאָשן. נאָך איידער דער חבר האָט אַן אויסגעטרייסלטער, באַטראָטן די שוועל פון בתיהס חדר, האָט זי געעפנט די אויגן און איז אַראָפּגעשפרונגען פון געלעגער. זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום מאַן און באַלד גענומען רופן היסטעריש דעם דאָקטאָר טעלעפאָניש.

בתיה איז ווידער צוגעקומען צו דעם אַזוי געליבטן מענטשן, לאַנג און שטאַר אים באַטראַכט, ווי איר וואָלט זיך נישט געגלויבט, אַז דאָס אומגליק איז טאַקע געשען. און אַ שטומער, אומבאַהאָל־פענער טרויער האָט אַראָפּגעווייַנט פון איר...

אויף מאָרגן איז געווען די לויה. דעם נפטר האָט מען געבראַכט אין שול־צענטער, דאָרטן האָט זיך פאַרקליבן אַ גרויסער עולם עלטערן, לערער, מיטלשול־קינדער. ס'איז אָנגעגאַנגען אַ מדובר, פאַר און נאָך די הספדים, נישט אַזוי וועגן דעם פאַרשטאָרבענעם, ווי וועגן דער אַלמנה — „ווי וועט זי דורכטראָגן די קאַטאַסטראָפע?" לייט האָבן אַרויסגעזאָגט פאַרשידענע דעות, אָבער כמעט אַלע זענען געקומען צו דער זעלביקער מסקנא, נעמלעך, אַז פאַר דער יונגער פרוי האָט דאָס לעבן פאַרלוירן יעדן ווערט...

אַן עלטערע דאַמע, איינפאַך און נעט געקליידעט, וועלכע קיינער האָט דאָ נישט געקענט, און איז אודאי צופעליק פאַרגאַנגען אַהער, האָט זיך אָפּגערופן ערנסט און מיט אַן אומפאַרשטענדלעכער זיכערקייט:

— זי וועט צום יאָר ווידער חתונה האָבן!...

ס'איז געווען אַזוי אומגעריכט, אומגעלומפּערט. די ווערטער האָבן, אין יענער רגע, געקלונגען אַזוי אומברחמנותדיק, אַפילו גרויזאַם, אַז דאָס בינטל מענטשן דערביי, האָט זיך אָפּגערוקט מיט רוגזה פון דער פרעמדער. יענע האָט זיך נישט געפילט גע־טראָפן. אירע מידע, רויטלעכע אויגן, אונטערגעבעט מיט קישעלעך, האָבן געקוקט דרייסט אויף אַלעמען און מער שוין גאָרנישט געזאָגט...

אַ באַבערדלטער ייד האָט נצחונדיק דערציילט, אַז לויט דער אלמנהס ווונטש, ווערט דער נפטר באַערדיקט אין אַ טלית. ער האָט געהאַלטן אַ תהילימל אין האַנט און כסדר איבערגעחזרט דאָס קאַפּיטל א׳.

פאָרנדיק פון בית עלמין, האָט זיך גרינוואַלדן געהאַלטן אין איין באַמבלען אין קאָפּ דודס קלאָג־ליד: „... צר לי עליך, יהונתן, נעמת לי מאד...״

באשערטקייט

בתיה מרגליות האָט זיך געפונען אין די שבעה־טעג, ווי אויך וואָכן שפּעטער, ביי אירע נאָענטסטע פריינד, די שוין אַמאָל דער־מאָנטע, די צווייגס.

ס׳איז געווען די גלייכסטע זאַך, די אַלמנה זאָל פאַרלאָזן איר אַלטמאָדישע דירה אין אָרעמסטן טייל פון שטאָט, וווּ זי האָט אָפּגעלעבט גאַנצע אַכצן יאָר מיט איר קראַנקן מאַן. ס׳האָט זיך דאָרטן געשפּירט דער פריקרער־זיסלעכער גערוך פון די כלערליי רפואות. נאָך ערגער! ס׳האָט זיך איר אַלץ געדאַכט, אַז זי הערט זיין — מיט פיין דורכגענומען קול — זיך אַרומגעטראָגן אין די נעכט, איבער די חדרים...

איבעריקנס, איז איר וווינונג שנעל אָפּגעליידיקט געוואָרן. מ׳האָט אויספאַרקויפט די שטוביקע חפצים, און דעם סאַמע עיקר — די פולע שראַנקען ביכער און ספרים, דער איינציקער פאַרמעג, וואָס מרגליות האָט אָפּגעשפּאָרט אין זיין גאַנצער לערערישער קאַריערע, האָט מען אָפּגעגעבן דער „ביוראָ פאַר יידישער דער־ציאונג" מיטן תנאי, אַז אין איר התבותדיקער ביבליאָטעק־זאַל זאָל מען איינשטעלן אַ באַזונדערן פליגל אויפן נפטרס נאָמען.

צווייגס ווויל־איינגעאָרדנטער אַפּאַרטמענט איז איצט געוואָרן אַ זאַמל־אָרט, וווּ מען פלעגט אָפט קומען אין די אָוונטן מנחם־אבל זיין די אלמנה. די באַלעבאָסטע, אַניוטאַ, האָט צו איר אַרויסגעוויזן אַ סך פאַרשטענדעניש און איידל־מוטיקייט. זי האָט אויפגענומען די באַזוכער בסבר פנים יפות. און מיט איר ווייבערישער פילעוור־דיקייט אויפגעכאַפּט, ווי אַן אַנטענע, יעדן מדובר, און ווען די רייד האָבן זיך צו לאַנג פאַרהאַלטן אויפן נפטר, אויפטרייסלענדיק דערמיט בתיהס שווער געמיט, האָט זי זיי טאַקט־פול אַ ווענד געטאָן אויף עפּעס אַנדערש...

צווישן די אַריינגייער איז אויך געווען איינער אַ בען ווינקלער, אַ מיטל־יאָריקער מאַנסביל, מיט אַ גרווילעך־אומעטיקן פּרצוף־פּנים. זיינע טונקעלע גלעזער אויף דער דיקלעכער נאָז האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט אָט דעם איינדרוק. עס זענען אומגעגאַנגען שמועות, אַז מיט אַ יאָר־צענדליק צוריק האָט ער איבערגעלעבט אַ משפּחה־מינדער־יאָריקע קינדער. ער האָט אויפגעגעבן זיין שוך־געשעפט
אין ניו־יאָרק אין פאַרלאָזט די שטאָט. אין „ש" האָט ער זיך פאַר־
אין ניו־יאָרק און פאַרלאָזט די שטאָט. אין „ש" האָט ער זיך פאַר־
נומען מיט דער זעלביקער טואונג, געוווינט ערגעץ אין אַ האָטעל־צימער און געוווייכט פון געזעלשאַפט. ווען און ביי וועלכע אומשטענדן ער האָט זיך באַקאַנט מיט מרגליותן איז געבליבן נישט אויפגעקלערט. ווינקלער פלעגט זיך, בעת די מסיבות, אַריינשאַרן אין מוזיק־קאַמער און דאָרטן פאַרבלייבן ביז דער עולם איז זיך צעגאַנגען. דער אמת איז, ער האָט קיינעם נישט אויסגעפעלט און מען פלעגט אין אים לחלוטין פאַרגעסן. פונדעסטוועגן איז קאָנטיק געווען, אַז ער ווערט פון אימיצן געמוטיקט צו קומען. שפּעטער האָט מען אים געזומען זען אַלץ אָפטער ביים טיש און טאַקע אויבנאָן, אויפן אָרט, וווּ מרגליות איז יאָרן־לאַנג געזעסן...

אליעזר גרינוואַלדן האָט דער שינוי געערגערט און אַפילו באַליידיקט. אַוודאי איז אים נישט איינגעפאַלן צו דיקטירן, וווּ מ'זאָל באַזעצן דעם בר־נש, נאָר פאַריבל האָט ער סיי־ווי געהאַט אויף אַניוטאַן. הגם איר כוונה איז אים פאַר קלאָר געווען, האָט ער אָבער געהאַלטן איר האַנדלונג פאַר פריצייטיק, באַזונדערס ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז זי מאַרקירט אויס, דאָס פּאָרל זאָל זיך טרעפן אויך אויסער איר הויז. דער לערער האָט ביי אַ געלעגנהייט אַ רעד געטאָן מיט בתיהן וועגן אַריבערפאָרן אויף אַ שטיקל צייט צו איר שוועסטער אין קאַליפאָרניע, אַ נסיעה, פון וועלכער זי האָט אָפט געטרוימט אַמאָל צו מאַכן מיט איר מאַן.

— וואָס איז. איר ווילט פּטור ווערן פון מיר? — האָט זי כלומרשט געשפּאַסט.

— חס־ושלום! — האָט דער לערער דערווידערט. — וואָס פאַלט אייך איין? איר וועט דאָרטן האָבן אַ בעסערע מעגלעכקייט צו קומען צו די כוחות.

— ווער דאַרף זיי איצט, מיינע כוחות? — האָבן זי טרערן געשטיקט.

— איר דאַרפט זיי! — האָט גרינוואַלד גערעדט ערנסט און מיט ישוב־הדעת.

בתיה האָט זיך געפונען אין אַ פאַרלעגנהייט. אירע צוויי נאָענט־סטע פריינד, אַניוטאַ און גרינוואַלד, האָבן — יעדער אויף אַן אַנדער אופן — זיך געזאָרגט וועגן איר. זי איז געווען צו נידערגעשלאָגן גלייך צו באַנעמען, וואָס די ערשטע איז אויסן. און ווען זי האָט אויך זיך אויף דעם געכאַפּט, האָט זי איינגעוויליקט צו באַזוכן די שוועסטער....

אַיפּן וואָקזאַל איז געווען פאַרקליבן אַ היפּשע צאָל באַקאַנטע. טייל האָט געהאַלטן פאַר נייטיק מיטצובריינגען עפּעס פאַר דער אַלמנה אויף איר פּיר־טאָגיקער יאַזדע.

גרינוואַלד האָט אומזיסט געזוכט ווינקלערן צווישן די באַגלייטערס. ס׳איז געווען פאַרשטענדלעך, אַז ער וואָלט זיך געפילט דאָרט איבעריק. און אפשר האָט ער זיך נישט געוויזן, ווייל ער איז געווען, לויט זיין דעה, געקריוודעט. ווען אימיצער האָט זיך נאָכ־געפרעגט אויף אים ביי אַניוטאַן, האָט זי גלייכגילטיק געהויבן די קליינע אַקסלען און פאַרדעכטיקט געשוויגן...

בתיה איז אַריין אין צוג און פאַרנומען איר באַשטימטן אָרט. די עטלעכע וואָכן פון זיין כסדר אַרומגערינגלט פון מענטשן, האָבן זי געהאַלטן אין שפּאַנונג. זי איז אָפּט אומגעגאַנגען, ווי אין אַ טראַנס, און קלאָר נישט געוווּסט, וואָס מיט איר טוט זיך. בלייבנ־דיק איצט אַליין אין וואַגאָן איז איר מיטאַמאָל באַפאַלן אַ שאַרפער עלנט. זי האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויפן אָנשפּאַר פון זיץ און איר האָט זיך געדאַכט, די רעדער קלאַפּן אויס איר נאָכאַנאַנדיקע פראַגע: „וואָס וועט ווייטער זיין? וואָס וועט ווייטער זיין?... אירע בליקן האָבן לאַנג אומגעבלאָנדזשעט אין חלל און זענען געבליבן הענגען אין גרויס חידוש, אין צווייטן ווינקל.

בען ווינקלער האָט זיך דערנענטערט צו איר. פונעם גרווילעד־סומנעם פנים האָט זיך איצט דורכגעבראָכן אַ שמייכל, ווי אַ שטראַל זון פון אונטער שווערע וואָלקנס. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין וואַליז אויף דער מעטאַלענער פּאָליצע און זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר. מ׳האָט באַשיינפּערלעך געזען, אַז אַ געניטע האַנט האָט אַלץ פריער

אויספלאָנירט. צו בתיהס פאַרוווּנדערונג איז צוגעקומען אַן אומ־קלאָרער פּאַרדראָס, ווי ער וואָלט זי, רחמנא־לצלן, פאַרפאַלגט.
זי האָט אַזש אויסגעשריען:

— וואָס טוט איר דאָ, מר. ווינקלער?

ווינקלער האָט דערוואַרט די פראַגע, האָט ער בנעימותדיק געענטפערט:

— כ'האָב קרובים אין דער „מלאכים־שטאָט", און כ'האָב זיך פאַרבענקט נאָך זיי...

זיין לעפּישער תירוץ האָט זי אויפגערעגט:

— נו, פאָרט מען צו זיי! — האָט זי דראַסטיש און בייזלעך אויסגערופן. אָבער באַמערקנדיק זיין פאַרלוירנקייט, האָט זי שוין אַ ביסל ווייכער צוגעגעבן:

— איר האָט געקאָנט כאָטש מודיע זיין, אַז...

— גלייבט מיר, בתיה — האָט ער זיך פאַרענטפערט — כ'האָב זיך נישט געקענט באַשליסן ביזן לעצטן טאָג. — און ווייטער גע־זאָגט אין זעלביקן טאָן: — איך וועל אייך נישט זיין אין וועג...

בתיה האָט נישט געענטפערט. אין משך פון דער רייזע האָט זיך ווינקלער אַרויסגעוויזן פאַר אַ נוצלעכן קאָמפּאַניאָן. ער האָט דערפילט איר יעדן פאַרלאַנג און זי שטיל באַדינט. ווען ער האָט זיך אָבער דערלויבט אויף עפּעס אַ פריייקייט מיט איר, האָט איר אַ שלאָג געטאָן דאָס בלוט אין פּנים און זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון פּלאַץ און איז פאַרשוווּנדן אויף לאַנגע מינוטן אין די אַנדערע וואַגאָנען, און פון די אויגן איז דעמאָלט נישט אָפּגעטראָטן דאָס בלייך־אויסגעצערט געשטאַלט פון איר מאַן, ווי ער האָט אויסגעזען אין די לעצטע טעג פון זיין שווערער קראַנקהייט.

בען ווינקלער האָט זיך געדולדיק צוגעפּאַסט צו אירע אומהיימ־לעכע שטימונגען. ער איז נישט געווען גענאַרט ביי זיך. ער האָט געוווּסט, ער קען זיך נישט פאַרגלייכן מיט מרגליותן. נאָר איין פּאָרצוג האָט ער איבער אים. ער לעבט! און וויפל מעלות־טובות יענער זאָל האָבן געהאַט, האָט ער זיי מיטגענומען מיט זיך. די צייט, האָט ער ווייטער רעזאָנירט, איז אַ מאַדים אויף שכחה, און די פאַרבליבענע קערבּלדלעך אין זכרון וועלן, מיט דער צייט, (אוי, די צייט!) האָבן אַזאַ האַפט, ווי דאָס ליכט ביי שקיעת־החמה...

דערצו האָט דער יונג באַמערקט ביי בתיהן, ווי סתירותדיק עס

זאָל נישט קלינגען, אַ פֿאַרבאָרגענע תשוקה נאָך צערטלעכקייט, נאָך נאָענטקייט, וועלכע זי האָט, צוליב פֿאַרשטענדלעכע טעמים, גע־האַלטן אין צוים. זי איז דווקא דערפֿאַר געשטיגן ביי אים אין חשיבות. איר טריי זיין צו יענעמס אָנדענק איז געווען אַ מין באַוואָרעניש, אַז זי וועט אויך אים זיין איבערגעגעבן, אויב זייער פֿריינדשאַפֿט וועט פֿירן צו עפּעס מער...

אין די לאַנגע נאַכט־שעהן, ווען דער צוג האָט זיך רעשיק און רוישיק געטראָגן איבער אַ פֿינצטערער וועלט און נישט דערלאָזט דעם שלאָף צו באַרוען די מידע גלידער, האָט ער נישט איינמאָל געחלומט וועגן אַריבערצופֿירן זיין שוך־געשעפֿט, ווען מען וועט דאַרפֿן, אין דער נייער שטאָט, און צוריקשטעלן אַ היים פֿאַר זיך, וועלכע איז אַזוי אומברחמנותדיק חרוב געוואָרן. אָבער איין בליק אויף זיין פֿאַראַבלטער, פֿאַרצערטער און אין זיך איינגעשלאָסענער שכנה, און פֿון זיינע חלומות איז קיין זכר נישט געבליבן...

ווען די באַן איז ענדלעך אָנגעקומען אין לאָס־אַנדזשעלעס, האָבן אויפֿן וואָקזאַל געוואַרט דער אַלמנהס שוועסטער און שוואָגער. בתּיה האָט זיך געזעגנט מיט איר באַגלייטער. און ווען ער האָט זי האַנט־דרוק און סודותדיקן בליק, האָט ווינקלער פּלוצים באַנומען, אַז די פֿיר טעג אין צוג האָבן אויפֿגעטאָן מער פֿאַר זיין התקרבות מיט איר, ווי חדשים אין שטאָט, און ער איז געווען דאַנקפֿול דעם גורל, און יענער קליינער פּרוי אין ווייטן „ש“, פֿאַר צונויפֿפֿירן, אין פֿלוג, צוויי עלנטע מענטשן אויף אַזאַ אומגעריכטן אופֿן...

אין אַ שטורעמדיקער נאַכט

אליעזר גרינוואַלד האָט זיך געפונען אין יענע טעג אין אַ געדריקטן מצב־רוח. דער טויט פון אַ נאָענטן מענטשן נעמט אויך אַוועק אַ שטיק פונעם אייגענעם לעבן. אים האָבן אויסגעפעלט מרגליות, בתיה און זייער באַשיידענע היים, ווו ער האָט אָפט פאַרבראַכט שטילע, געמיטלעכע און אָנגענעמע שעהן. ער האָט זיך געפילט עפּעס זיכערער, ווייסנדיק, אַז אין דער זעלביקער שטאָט הויזט אַ חבר, וואָס איז פאַראינטערעסירט אין אים, אין זיין מעמד, אין זיין וווילזיין. און אויך ער, גרינוואַלד האָט נישט פאַרפעלט אַ טאָג, דאַכט זיך, ער זאָל נישט אָנקלינגען זיין קאָלעגע, אויב ער האָט אים נישט געקענט זען פערזענלעך.

דער לעצטער האָט נאָך נישט באַוויזן צו קומען צו זיך פונעם אומגליק, ווי אַן אַנדער געשעעניש האָט אים טיף אויפגעטרייסלט.

אין אָוגוסט האָט אים יהודית טעלעפאָנירט פון אַ באַקאַנטן שפּיטאָל. ער האָט נישט באַלד דערקאָנט איר קול. פון איר ציטערדיקן פליסטערן האָט ער זיך דערוווּסט, אַז זי דאַרף אויף דער עצה פון די דאָקטוירים דורכמאַכן אַן אָפּעראַציע. ס'איז נישט געווען אינגאַנצן קיין איבערראַשונג פאַר אים. זי האָט זיך אָפט באַקלאָגט פאַר אים אויף ווייטיקן אין דער לינקער זייט פון קאָפּ. ס'איז אָן כפק געווען אַ פועל־יוצא פון איר אומנאָרמאַלן לעבן. די באַשטענדיקע שרעק טאָמער וועט מען דערגיין פון איר פאַרהעלטעניש מיט גרינוואַלדן האָט בהדרגהדיק געווירקט אויף אירע נערוון, אונטערגעגראָבן איר געזונט. אַן עקס־רעי האָט געוויזן, אַז אין אַן אַרטעריע, וואָס פירט צום מוח האָט זיך פאַרמירט אַ בלוט־גליווער, וועלכן מען מוז גלייך באַזייטיקן. די אָפּעראַציע איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַן ערנסטע. ס'איז געווען אַ געפאַר, זי זאָל, חלילה, טיילווייז פאַראַליזירט ווערן...

יהודית, וואָס האָט זיך באַצויגן בדרך־כלל, לייכטמוטיק, שוין

אַ ביסל צו לייכטמוטיק, צו אירע פיזישע ליידן, האָט ביי אירע בני בית נישט אַרויסגערופן קיין שום פֿאַרדאַכט, אַפילו דעמאָלט. ווען זי האָט געגומען אַלץ אָפטער באַזוכן דעם שפּיטאָל. און ווען זי איז דאָרטן געבליבן איבער נאַכט און אויך לענגער, האָט עס געהייסן, אַז זי דאַרף דורכגיין אַן אַלזייטיקע אונטערזוכונג, אָדער ווי מען רופט עס אויפן היגן לשון: „עי פיזיקל טשעק־אָפּ".

צו יענער צייט האָט איר זון, אַנאַטאָל, געהאַלטן ביים פֿאַר־ענדיקן דעם יורידישן פֿאַקולטעט און איז געווען פֿאַרקנסט צו אַ סטודענטין פֿונעם זעלביקן לערן־אַנשטאַלט. און דאָס טעכטערל, סעלמאַ, האָט נישט געקוקט אויף אירע פֿופֿצן יאָר, גראַדואירט „הײַ־סקול", און איז געווען פֿאַרכאַפּט פֿון אומצייליקע פּלענער און פּראָיעקטן. אוודאי זענען די קינדער געווען צוגעבונדן צו דער מוטער, אָבער שוין נישט מער, צוליב די דערמאָנטע סיבות, מיט יענעם אייפֿער, ווי פֿריער. און וואָס איז שייך איר מיסטיש־געביגטן מאַן, סעם סאַפּיר, איז ער, געבנדיק זיין רשות אויף דער אָפּע־ראַציע, אַרויס פֿון שפּיטאָל מיט דער זיכערקייט, אַז זיין פֿרוי וועט איצט געמשפּט ווערן פֿון די העכערע כוחות פֿאַר אירע זינד לגבי אים און לגבי איר הויזגעזינד...

גרינוואַלד האָט זיך אומגעדרייט אַ פֿאַרלוירענער אַרום רחבות־דיקן בנין וואָס האָט אויסגעזען איצט אין זיינע אויגן, ווי אַ גרויס געפֿענגעניש. מ'האָט נישט צוגעלאָזט צום חולה, און אויף זיינע טעלעפֿאָנישע און פֿערזענלעכע אָנפֿראַגעס, האָט מען אים אָפּגע־פֿטרט מיט אַ רוטינעם ענטפֿער. ער האָט ענדלעך אַוועקגע־איילט אין שול, און איז גערן געווען, ווען די לימודים האָבן זיך געענדיקט. דאָס קלייגוואַרג האָט געהאַט גיך דערשנאַפּט דעם לערערס צעטראָגנקייט און אים מזסה־געווען מיט טומל און גע־פּילדער, און נאָך שווערער געמאַכט זיין געמיט...

ס'איז שוין געווען גוט טונקל, ווען גרינוואַלד האָט ווידער דערגרייכט דעם שפּיטאָל. די יונגע פֿרוי ביים אינפֿאָרמאַציע־טיש האָט אים דערקענט. זי האָט אים געפֿרעגט מיט אַ כמו שמייכל:

— איר זענט דאָך נישט איר מאַן, אָדער אַ ברודער, זענט איר? — און ווען ער האָט נישט גלייך געענטפֿערט, האָט זי צוגעגעבן: — אין אַ טאָג, צי צוויי, וועט מען וויסן מער וועגן איר צושטאַנד.

ביים טויער האָט זיך דער לערער אָנגעשטויסן אויף אָנאָטאָל מיט זיין שוועסטער. די צוויי האָבן זיך האַסטיק אָפּגעקערט אין אַ זייט מיט אַזאַ שׂנאה, אַזש ער האָט דערפילט אַ הוילקייט ביים האַרץ. ער האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק קעגנאיבער דעם לינקן פליגל פון שפיטאָל און אַרויפגעבליקט מיט בענקשאַפט צום פענצטער, ווו ער האָט זיך משער־געווען, אַז יהודית דאַרף זיך געפינען. ער האָט אָבער לאַנג נישט געקענט איינזיצן. דער אומבאַקאַנטער אויסגאַנג פון דער אָפּעראַציע האָט אים געמאַ־טערט, אים אומגעטריבן ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אויף מאָרגן האָט ער נישט אויסגעהאַלטן, און האָט זיך אַריינ־געכאַפּט צו איר אין דער פּאַלאַטע. ער האָט זי קוים דערקאַנט. פּוגעם באַנדאַזשירטן קאָפּ און פּנים האָבן אַרויסגעקוקט צוויי גידע. צאַנקנדיקע אויגן. זיי האָבן אויף אַ רגע אויפגעפלעמלט מיט איבעראַשונג, און זיך באַלד פאַרשעמט אויסגעלאָשן, וואָס ער זעט זי אין אַזאַ צושטאַנד...

— איך בין אַריין בלויז אויף אַ מינוט — האָט אַלץ אין אים געטרויערט...

ס'איז איר געווען שווער צו רעדן. זי האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ פאַרהוילענעם שניט ביים האַלדז און מיטן פינגער געפירט איבערן ווייטן טוך צום שיידל.

אַ קראַנקן־שוועסטער איז אָנגעקומען און דערזעענדיק גרינ־וואַלדן, האָט זי מיט פאַרשטיקטן געבייזער אויסגערופן:

— איר האָט דאָ נישט קיין רעכט צו זיין!..

— איך ווייס עס! — האָט ער אַ גלעט געטאָן דער חולהס האַנט און האָט זיך אָפּגעטראָגן.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט מען יהודיתן אויסגעשריבן פון שפּיטאָל. היות, ווי ס'איז שוין געווען אָנהויב יוני האָט מען זי געבראַכט אויף אָפּרו און דערהוילונג אין וואַלד, ווו זי האָט יעדעס יאָר געזומערט, און ווו יעדער קוסט און שטעג איז איר געווען באַקאַנט און ליב.

אויך גרינוואַלד האָט געביטן, ווי געווייגלעך צוליב איר, זיין ווינאָרט. ער האָט זיך געדונגען ביי אַן אַלטן, צוריקגעצויגענעם וואַלד־שומר אַ צימער, און זיך געטראָפן מיט יהודיתן דיסקרעט. אָט די מערקווירדיקע פרוי האָט זיך שנעל רעהאַביליטירט און

איז געקומען צוריק צו די כוחות. זי האָט פאַרמאַגט אין זיך עפּעס פון דער אַרומיקער פּלאָרע, וואָס האָט זיך איצט געהאַלטן אין באַנייען, אין אויפבליען. ס'איז פאַרשווונדן ביי יהודיתן דאָס מינדעסטע קנייטשעלע פון פּנים, אין די טונקל־סודותדיקע אויגן האָט זיך ווידער באַוויזן דער גאָלדיקער אָפּגלאַנץ, און איר גאַנג, וואָס דער לערער האָט אַזוי שטאַרק באַוואונדערט, האָט צוריק געקראָגן דעם זיגעווודיקן ריטם. ווען נישט דער ווייטיק אַמאָל אין שלייף, איבערהויפּט אין אַ ווינטיקן צי קילערן וועטער, וואָלט מען פאַרגעסן, אַז זי איז קראַנק געווען.

איין טאָג, האָט דאָס פּאָרל שפּאַצירט לענגאויס דעם זאַמד־ברעג. דער הימל איז געווען קלאָר, לויטער און לאַזור־בלוי, ווי פון ווייטנס — דאָס וואַסער. ס'האָט זיך נישט געזען קיין איינציק וואָלקנדל, גלייך אַן אומזיכטיקע האַנט וואָלט זיי ערגעץ פאַר־נומען. די צוויי האָבן, ווי אָפּגערעדט, געהאַלטן פאַרריסן די קעפּ צו דער זון און געפילט אויף זייערע אויגן־דעקלעך איר ליבלעך־וואַרעמען באַריר, און בעת־מעשה נישט אויפגעהערט צו שפּאַסן, זיך צו ווילצלען, און נישט באַמערקט, אַז זיי זענען פאַרגאַנגען צו ווייט, אַז דאָס זאַמד האָט זיך אויסגעלאָזן, ווי פון פאָרנט און ביי דער זייט, זענען פּלוצים אויסגעוואַקסן שפּיציקע פעלדזן, גריבער, ראָוון מיט וואַסער...

ווען זיי האָבן זיך אַ קער געטאָן אויף צוריק, האָט זיי באַ־געגנט אַ וואַרעם ווינטל אָנגעזאָפּט מיט פייכטקייט אויפן האַרי־זאָנט האָט זיך מיט אַמאָל באַוזעצט אַן אינדזל־כמאַרעלע, וואָס איז געוואָרן מיט יעדער רגע אַלץ גרעסער און געדיכטער, און ביז מ'האָט זיך אומגעקוקט איז פון דער זון נישט געבליבן קיין זכר...

דאָס פּאָרל האָט זיך איצט געאיילט אין קעמפּ און מיט אומרו באַטראַכט די אויפגעברויזטע ים־אָזיערע און די פינצטערע הייך, ווו בליצן, באַגלייט פון קראַכנדיקע דונערן, האָבן, ווי אילומי־נירטע שלאַנגען, זיך קאָנוולסיוו געוואָרפן איינער אויפן אַנדערן. ס'האָט עגדלעך אַ פּאַל געטאָן אַ שלאַקסרעגן מיט אַזאַ קראַפט, ווי אַלע פאַרבאָרגענע קוואַלן וואָלטן זיך אויבן געעפנט...

די צוויי האָבן געפונען אַ באַהעלטעניש צווישן די פעלדזן, האָפנדיק, אַז דער שטורעם, ווי עס טרעפט נישט זעלטן זומער,

וועט גיך אַריבער. אָבער דער ווינט האָט זיך משתתף געווען מיט רעגן און גענומען אַריינבייטשן אין זייער מקום־מקלט — יהודית האָט געציטערט פון קעלט און געהאַלטן דעם קאָפּ צווישן די הענט־פלאַכן. איר הבר איז געווען פאַרצווייפלט. ער האָט נישט געוווסט, ווי זי צו באַשיצן. ער האָט זיך געשטעלט און געזעצט אין פאַרשידענע פּאָזיציעס, כדי מיט זיין קערפּער זי צו פאַרשטעלן פון רעגן, נאָר עס האָט ווינציק געהאָלפן...

ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט. אין דער נאַס־געדיכטער פינצטערניש האָט זיך געטראָגן דער געוואָי פון די כוואַליעס, און דער שוים פון דער ווייטנס האָט דערמאָנט אין צעשטערטע, אויפגעריסענע זעגל־שיפן. ס'האָט זיך זיי געדאַכט, זיי הערן הילפסרופן פון זינקנדיקע שיפס־לייט. און אפשר איז עס געווען זייער אייגענער שטומער געבעט נאָך הילף...

פּלוצים האָט אַ באַטעריע־לעמפּל אַ שפּיזל געטאָן אויפן פּאָרל. דער וואַלד־וועכטער האָט זיך געהויבן ווי אַ סאַרנע, איבער די פעלדזן אויף זיין מיטן־נאַכטיקן פּאַטרול. ער איז געווען באַהאָנגען מיט אַ שווערן רעגן־מאַנטל און ברייטן הוט, און אויפן אַקסל האָט זיך אים געבאָמבלט אַ רענצל מיט קלייניקייטן פון „ערשטער הילף”. ער האָט אַרויפגעוואָרפן אויף דער פרוי זיין אויבער־בגד, געגעבן ביידן אַ טרונק פון זיין פלאַש קאָניאַק, און זיי מיט אַ קירצערן וועג צוריק געבראַכט אין קעמפּ. יהודית האָט זיך שנעל אָפּגעזעגנט מיטן לערער, און זיך אָנגעטראָפן מיט סעלמאַן ביי דער באָנגאַלאָו.

— „ווער וואָר יו, מאָדהער?” (וווּ ביסטו געווען, מוטער?) — האָבן טרערן זי געשטיקט.

— „אַי וואָס סטרענדער אָן דהי ראָקס.” (כ'בין פאַרהאַלטן געוואָרן ביי די פעלדזן).

— „עלאָן?” (אַליין?) — האָט זי פאַרדעכטיקט זיך אַרומגעקוקט אין דעם הושך.

די מוטער האָט נישט געענטפערט. זי האָט זיך איילים איבערגעטאָן און איז אַריין אין בעט.

דאָס מיידל האָט איר צוגעטראָגן הייסע טיי מיט לימענע.

— דו היטסט נישט אָפּ דיין געזונט, מאַמע! — האָט זי זי באַטראַכט מיט זאָרג.

— „נאָנסענס״! — האָט יענע אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. זי האָט פאַמעלעך געזופּט פון גלאָז און פּלוצים געביטן דעם טאָן:
— און אפשר ביסטו גערעכט. כ׳וועל זיך מוזן נעמען אין די הענט אַריין.
— האָסט עפּעס פאַרקלערט אַ פּלאַן, מאַמע?
— יאָ, אָבער איצט איז נישט די צייט צו רעדן וועגן אים.
— ווען וועט יאָ זיין די צייט? — איז סעלמאַ געווען גייגעריק.
די מוטער האָט געזאָגט שטיל, פאַרטראַכט:
— דו וועסט זיין פון די ערשטע אים צו וויסן... — און זי האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט...

ס'איז ווי אַ פינגער פון גאָט...!

אין די שול־קרייזן האָט זיך, ווי אַ בליץ, דורכגעטראָגן די שמועה, אַז צבי פייגין, דער דירעקטאָר פון דער מיטל־שול, האָט רעזיגנירט און פאַרלאָזט די שטאָט. עס איז געווען מער חידוש ווי באַדויערן. אדרבא, ווי נעמט עס אַן איינגעוואָרצלטער, גוט־סיטואירטער מענטש און נאָך דערצו אַ פאָטער פון צוויי מינ־דעריאָריקע קינדער און טוט אָפּ אַזאַ נאַרישקייט?

דער מיטל־וווקסיקער בר־נש מיט די שפּיציק־גרויליקע איי־געלעך האָט זיך אַרויסגעדרייט פון אַ גראַדן ענטפער. ער האָט זיך געגלעט, ווי זיין שטייגער איז געווען, די געקרייזלטע פּאָטיל־ניצע און געהיימניספול געשמייכלט...

פייגין האָט שוין געהאַט אַ צייט באַמערקט, ווי טייל אָנפירער פון דער שול־באַוועגונג, קוקט אַריבער מיט נאָסטאַלגיע צום ציוניסטישן אַרבעטער־פליגל, וואָס איז זיך, נאָכן בסימדיקן אויפקום פון מדינת ישראל, שטאַרק צעוואָקסן. ער האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז אַן זיי, די קאַרפּן־קעפּ, וועט ער זיך לאַנג נישט האַלטן אויף זיין שטעל, האָט ער זיך שטילערהייט איבערגעשריבן מיטן שול־צענטער פון יענער ריכטונג, און מען האָט אים פון דאָרטן צוגעזאָגט אַן ענלעכן פּאָסטן אויפן קומענדיקן זמן אין אַ גרויסער שטאָט, אין פּענסילוואַניע.

דער דירעקטאָר, וואָס איז שוין געווען די לעצטע חדשים, אין דער מחשבה, מער אויפן נייעם אָרט, ווי ביי זיך אין שול, האָט פאַרנאַכלעסיקט אַ היפּש ביסל פון זיין אַרבעט, איבעריקנס, האָט ער זיך נישט געפילט, לויט זיין מיינונג, מחויב איבערצולאָזן אַן אָפּגעשיילט עפּעלע זיין ממלא־מקום, וועלכער וועט געוויס זיין איינער פון די היגע לערער. די תלמידים ווידער, דערשפּירנדיק דעם קלימאַט אַרום דער מיטל־שול, האָבן גענומען אויספּעלן

אַפּט צום לערנען. קורץ און שלעכט, ווען מען האָט געהאַלטן ביים סוף זמן, איז כמעט קיינער נישט געבליבן אין די קלאַסן...

און עס האָבן זיך דעמאָלט אָנגעהויבן לאַנגע באַראַטונגען ביי דער קאָמיסיע, וועמען אָנצושטעלן אויף פייגינס אָרט. היות ווי מען האָט זיך נישט געקאָנט אייניקן אויף איינעם, האָט מען באַשטימט אַ דירעקטאָריום פון דריי.

דער פּאַרזיצער, פייגינס אַ ידיד, האָט איבערגעבנדיק דעם באַשלוס די דריי לערער, זיך דערמאָנט בעת־מעשה אינעם משל, נעמלעך: — „דער שוואַן, דער העכט און דער ראַק". און האָט דערביי שטאַרק הנאה געהאַט...

די דריי חברים האָבן אויסגעהערט זיינע רייד אין שטיל־שווייגן. און הגם דער רמז, אַז מען דאַרף אַ גאַנצן מזומן אויף אויסצופילן דעם איין ליידיק־געוואָרענעם שטול, האָט פאַרשעמט און באַליידיקט, האָבן זיי דאָך צוגעשטימט, למען־השלום, צום פּסק־דין פון דער קאָמיסיע. — און עס האָט זיך טאַקע גיך אַרויס־געוויזן, אַז גערעכט איז געווען דער פּיפּיק־שלויאיקער פּאַרזיצער, וואָרום יעדער פון די דריי האָט געצויגן אין אַן אַנדער ריכטונג, דאָס הייסט, האָט אויסגעטייטשט דעם לערן־פּראָגראַם לפי זיין איינזען. די חילוקי־דעות האָבן געפירט צו אַן אָפענעם קריג, וואָס האָט נישט צוגעגעבן קיין געזונט דער שול. מען האָט ווי עס איז דורכגעשטופּט דאָס יאָר, און צום נייעם סעמעסטער, האָט מען שוין באַשטימט איינעם אויפן דירעקטאָר־אַמט.

אליעזר גרינוואַלדן האָט זיך נישט געשמייכלט פון דער בהירה. עס זענען געווען פאַרמישט צופיל זייטיקע כוונות אינעם אויסוואַל ביי דער קאָמיסיע, וועלכע האָבן גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט פּעדאַגאָגישער פאַך־קענטעניש, וויסן אָדער אידעאַליזם, אַ סימן טאַקע, פייגין אַליין!

גרינוואַלד האָט דערפאַר איבערגענומען די פאַראַנטוואָרט־לעכקייט מיט אַ שווער האַרץ. ער האָט געדאַרפט ביישטיין די נעגאַציע פון די באַזייטיקטע לערער. עס איז אויך געווען אַ האַרבע עבודה צוריק צו געווינען די תלמידים און אַריינברענגען האַרמאָניע אין דער פאַרוואַלטונג. עס זענען אַוועק עטלעכע אָנגעשטרענגטע חדשים און די אַרבעט אין און אַרום דער מיטל־שול האָט זיך ענדלעך איינגעשטעלט. און דאָ האָט זיך איבערגעחזרט אַ וויל־

באַקאַנטער פּזמון: לייט, וועלכע האָבן זיך פריער פאַרכליניעט פאַר פייגינען, האָבן אים אַצינד אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, און האָבן שוין געהאַט אַ פולן קאַרב מיט לויב פאַרן נייעם דירעקטאָר...

ווען גרינוואַלד האָט איבערגעגעבן די נייעס יהודיתן, האָט ער נישט געפונען ביי איר קיין שמץ פרייד. זי האָט געפרוווט אַ שמייכל טאָן, אָבער אירע טונקל־גאָלדיקע אויגן זענען געווען פאַרצויגן מיט אַן אומעט. ער האָט זיך שנעל אויף עפּעס אָנגעשטויסן:

— ביסט אוודאי היינט געווען ביים דאָקטאָר, חביבי?

זי האָט שטום געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— נו, וואָס האָט ער געזאָגט?

זי האָט שטיל געענטפערט:

— איך וועל מוזן בייטן דעם קלימאַט!

דער לערער איז בלייך געוואָרן:

— וואָס הייסט? — האָט ער זי באַטראַכט מיט שטוינונג.

— ער מיינט, אַז בלויז אַ וואַרעמער קלימאַט קאָן מיר העלפן...

— וווהין וועסטו דען פאָרן, חביבי? — איז ער געווען אויסער זיך.

— איך ווייס נאָך נישט, מעגלעך קיין קאַליפאָרניע, אָדער קיין...

— דו רעכנסט דאָך נישט צו פאָרן אַליין?

— ווי דען אַנדערש? — האָט זי גערעדט פאַרקלערט. — אַנאַטאָל קלייבט זיך אין גיכן צו הייראַטן, סעלמאַ איז ערשט אַריין אין קאָלעדזש, און „ער״, — זי האָט קיינמאָל נישט אָנגערופן איר מאַנס נאָמען פאַרן לערער. — וועט זיך סיי ווי נישט רירן פון אָרט.

— נישט זיי מיין איך...

— וועמען דען?

גרינוואַלד האָט געפרעגט מיט צער:

— און וואָס וועט ווערן פון אונדז, חביבי? וועגן אונדז טראַכטסטו גאָרנישט?

— וואָס זאָל איך טראַכטן? דו האָסט אַצינד אַ גוטע פּאָזיציע. איך קען נישט דערוואַרטן, דו זאָלסט זי אויפגעבן צוליב מיר...

די לעצטע באַמערקונג האָט אים שאָקירט און וויי געטאָן.

אמת, ער האָט זיך אומגעטראָגן מיט גרויסאַרטיקע פּלענער בנוגע דער מיטל־שול, אָבער נישט מיט זיי האָבן זיך זיינע געדאַנקען איצט פאַרנומען. ער איז געווען טיף באַזאָרגט וועגן איר געזונט, וועגן איר געפּאַלענעם געמיט...

— נו, וועט זיין אַן אַנדער שטעלע. — האָט ער זי באַרואיקט. — נישט דאָס איז דער עיקר.

— דו וועסט אַוועקוואַרפן ברויט, ווי מיין מאַמע פלעגט זאָגן, און גיין זוכן ברעקלעך? ווו האָסטו די גאַראַנטיע, אַז דו וועסט דאָרטן געפינען אַרבעט?

— איך האָב נישט, אָבער דיין געזונט איז בילכער.

טרערן האָבן זי געשטיקט. זי האָט לאַנג געשוויגן. זי האָט געהאַלטן זיין האַנט אין אירער. עס איז קאָנטיק געווען, זי האָט אים נאָך עפּעס צו זאָגן, נאָר געפינט נישט דאָס פּאַסיקע וואָרט.

— וואָס דריקט דיך, חביבי? זאָג, איך בעט דיך!

— איך קען מער נישט פירן אַזאַ לעבן — איך קען נישט! — און באַמערקנדיק זיין פאַרלוירנקייט, האָט זי שטיל און דעציזירנדיק צוגעגעבן: — איך האָב באַשלאָסן אַרויסצוקריגן פון „אים" אַ גט...

דער שנעלער איבערגאַנג פון שאָטן, ביין, פון פינצטערניש צו ליכט, האָט גרינוואַלדן אַרויסגעשלאָגן פון גלייכוואָג. ער איז געווען אויסגעשעפּט. ער האָט פאַרזיכטיק געפרעגט:

— ביסט טאַקע גרייט אויף אַזאַ שריט, חביבי?

— געוויס! — האָט זי אויסגערופן מיט פאַרשטאַרקטער זיכערקייט, ווי זיין טריישאַפט און אַלטרואיזם וואָלט פאַרטריבן אַלע אירע ספקות.

ווען די ערשטע איבעררואַשונג איז אַריבער, האָט זיך דער לערער ערשט געכאַפּט אין וואָס פאַר אַ קלעם ער געפינט זיך. ווי אַזוי וועט ער באַרעכטיקן זיין האַנדלונג פאַר זיין קאָמיסיע. און וואָס פאַר אַ תירוץ ער וועט אָנגעבן אין „שול־צענטער"? אויב פייגין האָט אויפגעוועקט צו זיך חשד און אומצוטרוי, וועט זיין פאַרלאָזן דעם פּאָסטן, נאָך איין יאָר אַרבעט, פּשוט אַרויסרופן געלעכטער. און היות ער איז איצט אויסן אַ שול בלויז אין אַ וואַרעמען קלימאַט, און אַזאַ איז, לויט זיין וויסן, נישט בנמצא, וועט ער בלייבן אומבאַשעפטיקט. ער האָט דערפאַר אָפּגעלייגט זיין רע־

זיגנאַציע אויף שפּעטער, אפשר וועט עפּעס געשען אַ נס אין דער צווישנצייט.

אויף דער שולן־קאָנפערענץ, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אַ פּאָר וואָכן אַרום אין באָסטאָן, האָט גרינוואַלדס אַ תלמידה שטאַרק אויסגענומען מיט איר באַגריסונג. אַנשטאָט דעם באַקאַנטן נוסח, וואָס ווערט דאָס רוב צוגעגרייט פונעם לערער און ווערט געהערט ביי אַזוינע און ענלעכע מסיבות, האָט דאָס פּופּצן־יאָריק מיידל אַוועק־געלייגט אייגענע טענות, וועלכע האָבן איר, קאָנטיק, געטשעפּעט אַ לענגערע צייט. זי האָט, נעמלעך, געוואָלט וויסן, פאַרוואָס מוז זיך דור־קא געפינען די מיטל־שול, ווו זי לערנט, אין אַן אַלטער, אומפּאַסיקער דירה ?, פאַרוואָס שאַפט נישט די אָרגאַניזאַציע קיין גאַנצע שולן, ווו אַלע לימודים, אויך די אַלגעמיינע, זאָלן געלערנט ווערן אונטער איין דאַך ? פאַרוואָס באַמיען זיך נישט די שול־טוער צו ריידן אַ ריינערן יידיש, אָן אַנגליציזמען, און נאָך אַזוינע „פאַרוואָסן"...

די שול־פּאַרטרעטער האָבן זי אויסגעהערט, ווי מען הערט, אַ שטייגער, אויס אַ שקאָצעוואַט־געראָטן קינד, וועמענס רייד זענען געוואָרן גערעכטע, נאָר העלפן דערצו, מיינען זיי, קען מען נישט. אָבער די תלמידה האָט אַלץ איינס געמאַכט אַ רושם. מען האָט זיך נאָכ־געפרעגט אויף איר, אויף דער שול און ווי געווייינלעך אויפן לערער.

איידער די קאָנפערענץ האָט זיך געשלאָסן, איז צוגעקומען צו גרינוואַלדן בער צאַדיקאָוו, אַן אַלטער שול־טוער. ער האָט געשיינט פון פרייד:

— זי האָט „זיי" גוט אַריינגעזאָגט, אייער מיידל, אַ געזונט אויף איר קאָפּ! ליידער, ליידער, — האָט ער באַדויערט, — האָבן מיר נישט קיין סך אַזוינע קינדער.

זיי האָבן זיך צוגעזעצט און עס איז ווידער אַוועק אַ מדובר וועגן שולן און לערן־פּראָגראַם. גערעדט האָט מערסטנס צאַדיקאָוו און האָט אויסדערציילט פון זיין לאַנג־יאָריקער דערפאַרונג און פאַרענדיקט האָט ער מיט אַ זיפץ:

— איי, מיין ליבער חבר, מיר, ביי אונדז, האָבן נישט קיין מזל צו קיין לערער.

גרינוואַלדן האָט זיך ביטער געשמייכלט. ווען אַלץ איז גע־גאַנגען כשורה, איז עס, כידוע, געווען דער פאַרדינסט פון דער

פאַרוואַלטונג, אין פאַרקערטן פאַל, איז די שולד געפאַלן שטענדיק אויפן לערער. ער האָט אים איבערגעשלאָגן:

— אַ לערער קאָן זיך איינלעבן אין איין אָרט, און האָבן שוועריקייטן אין אַן אַנדערן. עס איז אַן אַלטער כלל! — אגב, פון וואַנען זייט איר אַ דעלעגאַט, צאַדיקאָוו?

— פונעם לאַנד פון אייביקן זומער! — האָט יענער געענטפערט מליצהדיק, און נישט אָן שטאָלץ.

— איר מיינט אוודאי לאָס־אַנדשעלעס? — האָט גרינוואַלד געפרעגט שטאַרק פאַראינטערעסירט.

— איך מיין דווקא פלאָרידע! — האָט צאַדיקאָ'ו אויסגערופן אין זעלביקן טאָן.

— אַזוי גאָר, פלאָרידע. — האָט דער לערער געזאָגט אַ פאַרטרוימטער, און עס האָט זיך געהערט אַ ציטער אין זיין קול. — איך האָב אַמאָל געלערנט אין דער „סאוטה"... (דרום).

— אפשר וואָלט איר אַצינד אויך געוועלן אַ בעלן? — איז צאַדיקאָוו געווען פול מיט נייגער.

— עס איז נישט קיין פראַגע פון בעלנות, — האָט גרינוואַלד גערעדט זייער ערנסט, — נאָר פון געזונט.

— אויב אַזוי, איז געזונט כנגד כולם! — האָט יענער פאַראַפראַזירט אַ באַקאַנט ווערטל, — איז וואָס זאָגט איר, חבר גרינוואַלד?

— איך וועל אייך שרייבן — און דער לערער האָט ביי אים גענומען דעם אַדרעס.

אויף מאָרגן, נאָך זיין אומקער קיין „ש" האָט זיך גרינוואַלד געטראָפן מיט יהודיתן און דערציילט פון זיין באַגעגעניש מיטן אַלטן טוער. אַ ליכט איז אויפגעגאַנגען אויף איר דין־אויסגעצערט פנים. זי האָט סודותדיק און פיל־באַדייטנדיק באַמערקט:

— מיין פריינד, עס איז ווי אַ פינגער פון גאָט!

צו אַ נײַ לעבן

יהודית האָט געדאַרפֿט אָנווענדן אַ סך המצאות, כדי איר האָר און געביטער זאָל נישט פֿאַרדעכטיקן, אַז זי קלייבט זיך צו פֿאַרלאָזן דאָס הויז.

דער אמת איז, אַז איר מאַן, שלום סאַפּיר, האָט שוין יאָרן־לאַנג נישט אַרויסגעוויזן צו איר קיין שום פּיזישן, און אוודאי נישט קיין אַנדער נטיה. און נישט דווקא דערפֿאַר, ווייל אַ צווייטע פֿרויען־צימער האָט אים פֿאַראינטערעסירט, ווייט דערפֿון!...

סאַפּיר האָט געהערט, ווי שוין דערמאָנט פֿריער, צו יענעם מין בר־נשן, וואָס האָט שטאַרק גענעראַליזירט דאָס תּלמודישע ווערטל: „נשים דעתן קלה...”, איבערהויפּט זייט ער האָט גענומען חושד זיין יהודיתן אין אומטרייַשאַפֿט. פֿאַר אים, דעם אַמאָליקן שטעטלשן פֿאַרוויגטן עילוי און מפֿונק, איז זי געווען אַ „טמא כלי”, צו וועלכער ער טאָר זיך נישט צורירן. איבעריקנס, איז ער שוין דעמאָלט געווען אין יענעם עלטער, ווען אָט די „זאַכן” פֿאַרנעמען נישט דעם אויבנאָן. אים האָבן שוין אויך נישט געאַרט די סיבות פֿון איר אָדער זיין אָפּפֿרעמדונג, נייערט אירע מעשים־תּעתּועים זאָלן נישט אַרויס אין דער עפֿנטלעכקייט, אַז דאָס לעבן אין הויז זאָל ווייטער אָנגיין, כאָטש לפֿנים וועגן, בסדר. נאָר טאָמער האָט זיך צו אים דערטראָגן, צי אויסגעדאַכט, אַז זיין פֿרוי האָט זיך מיט עפּעס קאָמפּראָמיטירט אין געזעלשאַפֿט, איז צו זיין צאָרן נישט געווען קיין גרענעץ. ס'איז אים דעמאָלט שווער געווען צו דערקענען. ער האָט מיט אַן אומהיימלעך־אויפֿגעלויכטענער מראה, ווי אַ פּראָקוראָר ביי אַן ענדלעך־געכאַפּטן פֿאַרברעכער, זי גענומען חוקר־ודורש זיין, און ווען? שפּעט אין דער נאַכט, ביים שאַרפֿן ליכט פֿון אַ שטיי־לאָמפּ, וואָס האָט צעטיילט די בעטן אין שלאָף־צימער,

ביי דער לויערנדיקער געפאַר, אַז די קינדער, אין אַנדערן חדר, זאָלן דערהערן...

יהודית האָט דערפאַר געמוזט פּלאַנירן איר אָפּפאָר אי דיסקרעט, אי ס'זאָל זיין „לעגיטים", דאָס הייסט, מיט דער צושטימונג און הילף פון טאָכטער און זון, וואָרום איר געזונט איז דאָך געווען אין סכנה. זי האָט זיך צוערשט פּאַרטרויט צו דער זעכצן־יאָריקער סעלמאַ, און געשען איז עס אויף אַזאַ אופן:

אין איין קאַלט־רעגנדיקן פרימאָרגן, אין חודש מאַי, פּאָטער און ברודער זענען שוין געהאַט אַוועק פון הויז. דאָס מיידל האָט זיך פאַרהאַלטן אַ ביסל לענגער. זי האָט באַמערקט, אַז די מוטער איז אומגעוויינלעך בלייך, טראָגט צו אָפט די האַנט צום לינקן שלייף, ווי זי וואָלט כלומרשט פאַרשאַרט פון דאָרטן אַ זשמוט האָר, און איר איידל־צאַרט פּנים קאָרטשעט זיך פון ווייטיק. סעלמאַ האָט אויסגערופן מיט אומרו:

— מאַ, וואָס איז מיט דיר? דו פילסט זיך נישט גוט?

— וואָס פאַלט דיר איין, מיין קינד? — האָט יהודית געפּרוּווט שמייכלען. — „אַי עס אָלרייט"! (אַלץ איז אין אָרדענונג!)

— מאָטהער, יו אַר נאָט!" (מוטער, דו פילסט זיך נישט גוט!)

— איז דאָס טעכטערל באַשטאַנען אויף אירס — פאַרוואָס גייסטו נישט אַריין צו אַ דאָקטאָר?

— מאַך נישט קיין אַלאַרם, סעלמאַ! — האָט די מוטער זי געזוכט איינצושטילן. — דאָס וועטער האָט אויף מיר אַ שלעכטע ווירקונג...

דאָס מיידל האָט זי אַרומגענומען.

— מאַ, כ'בעט דיר, זע אַ דאָקטאָר!

— כ'בין שוין ביי אים געווען, און נישט איין מאָל... — האָט יהודית שטיל צוגעגעבן. — ביסטו צופרידן?

— וואָס האָט ער געזאָגט? — האָט דאָס טעכטערל נישט אַראָפּ־גענומען די אויגן פון איר.

יהודית האָט אויסגענוצט דעם שעת־הכושר און איר יידישלעך אָפּגעענטפערט:

— וואָס זאָל ער זאָגן? ער איז זיכער. אַז דער היגער קלימאַט טויג נישט פאַר מיר...

סעלמאַ איז געווען פול מיט חידוש:

— ווי איז עס מעגלעך, מאַ, דו לעבסט דאָך שוין דאָ אַזוי פיל יאָרן?

די מוטער האָט אומעטיק אַ שמייכל געטאָן.

— וואָס וווּנדערסטו זיך אַזוי, מיין קינד? דו ווייסט דאָך, אַז כ׳האָב דורכגעמאַכט אַן אָפּעראַציע...

— יאָ, אָבער... — האָט זיך דאָס יונגע מיידל נישט געקענט אָריענטירן. — וווּהין וועסטו פאָרן און צו וועמען?

— אפשר קיין פלאָרידע אויף אַ קורצער צייט...

— זיכער, זיכער, מאַ, דו מוזט עס טאָן! — האָט דאָס טעכטערל שוין איבערגענומען די איניציאַטיוו. זי האָט פאַרמאָגט אין זיך אַ היפּש ביסל פון פאָטערס ביגאָטיזם. זי האָט אַ קוש געטאָן די מוטער און איז אַוועק אין סקול.

נאָכן לערנען האָט זי זיך געטראָפן מיטן ברודער אין „לאָר־אָפּיס". אַנאַטאָל איז נאָך לעת־עתה געווען אַ געהילפס אַדוואָקאַט. ס׳איז געווען אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך, די צוויי זאָלן זיך דורכ־שמועסן וועגן משפחה־פּראָבלעמען, ווי זיי וואָלטן געטראָגן די אחריות פאַר דער גאַנצקייט פון זייער היים, וואָרום זיי האָבן זיך גוט פאַרשטאַנען אויף די שוואַכקייטן, מילד גערעדט, פון די עלטערן. זיי האָט געשראָקן דעם פאָטערס אומגעצוימטער כעס, און זיי זענען געווען פול מיט אַנגסט פאַר די אומגעריכטע טאָונגען פון דער מוטער.

— „וועל וועל, וועל. סיס!" (נו, נו, נו, שוועסטערל!) — האָט זיך אַנאַטאָל דערפרייט מיט דער שוועסטער — „וואָט ברינגס יו היר?" (וואָס ברענגט דיך אַהער?).

— די מאַ איז ערנסט קראַנק! — איז סעלמאַ גלייך צוגע־גאַנגען צום ענין.

— ביסטו נישט אַ ביסל צו יונג צו זיין אַ דאָקטאָר? — האָט אַנאַטאָלן באַגלייט אַן איידעלער הומאָר. ער, ווי די שוועסטער, האָט געהאַט אַ טך אויסערלעכע ענלעכקייט אויף דער מוטער. הן אין אויסזען, הן אין האַלטונג.

— וויפל זי מאַסקירט נישט אירע ווייטיקן, העלפט עס נישט!

— איז דאָס מיידל געווען טיף באַזאָרגט. — זי וועט דאַרפן בייטן דעם קלימאַט!

— ווער האָט דאָס באַשלאָסן, — איז נאָך אַנאַטאָל געווען סקעפּטיש. — דו, צי דער דאָקטאָר?

— רוף אים אָפּ און איבערצייג זיך! — האָט סעלמאַ געעצהט.

דער יונגער אַדוואָקאַט, וואָס וואָלט מיט אַנדערע לייט און ביי אַנדערע אומשטענדן זיך נישט אונטערגעגעבן אַזוי גיך, האָט זיך געלאָזט פאַרבינדן מיטן נערוון־ספּעציאַליסט. און ווען יענער האָט וועריפיצירט מיט אַ שטרענגער זיכערקייט, שוין צו שטרענגער, אַז די מוטער בייטיקט זיך אין אַן איבערבייט, און ער רעקאָמענדירט, פון די ציווי סוב־טראָפּישע קלימאַטן אין לאַנד, — פלאָרידע, מחמת די לופט דאָרטן איז פריי פונעם מיזערנעם „פאָג און סמאָוג" צווילינג, האָבן די קינדער באַשלאָסן, אַז זי פאָרט אַהין...

(ס'האָט זיך גראָד אַזוי געמאַכט, אַז יהודית האָט יענעם טאָג, נאָך סעלמאַס אַוועקגיין, באַזוכט איר דאָקטאָר און אים „אומדירעקט" אָנגעוויזן אויף די אומגעוויינלעכע מעלות פונעם דערמאָנטן שטאַט...)

ברודער און שוועסטער האָבן אויך באַשלאָסן, היות ווי דער פאָטער וועט מאַכן סקאַנדאַלן און וועט נישט דערלאָזן צו דער רייזע, דאַרף דער מוטערס אָפּפאָר דורכגעפירט ווערן בשתיקה, און אים דאַרף מען שטעלן, נישט געקוקט אויף די קאָנסעקווענצן, פאַר אַ געשעענעם פאַקט...

יהודית האָט, פאַרשטייט זיך, פאַרשוויגן (דערוויילן) דעם צווייטן טייל פון איר פּלאַן, געמלעך, אַז די שיידונג האָט אויך אַ שייכות צו זייער פאָטער, וועמען זי באַטראַכט פאַרן מקור פון איר אומגליקלעכן לעבן. קורץ, די אָרעמע פרוי האָט נאָך געהאַט פאַר זיך אַ סך מכשולים ביי צוקומען, כדי צוריק צו געווינען איר געזונט און מנוחת־הנפש...

סאָפּיר האָט נישט געקוקט אויף זיין גאַנצער צעטראָגנקייט, דערשנאַפּט, אַז עפּעס קומט פאָר הינטער זיינע פּלייצעס. ער האָט צוערשט געמיינט, אַז יהודית קלייבט זיך שוין, ווי יעדן זומער, אין וואַלד אַריין. אָבער אירע הכנות דעמאָלט פלעגן דווקא זיין טומלדיקע, מיט אָנגעוואָרפענע פּעקלעך איבערן הויז, מיט דער געוויינלעכער אומאָרדנונג פון ערב דאַטשע. ער האָט דערפאַר געהאַלטן אַציינד אַ וואָך אויג אויף זיין היים, זי באַזוכט עטלעכע מאָל דורכן טאָג, און רעווידירט יעדן חפץ, וואָס האָט אַרויסגערופן ביי אים אַ חשד...

יהודית האָט זיך געדאַרפט קליגן נישט נאָר ווו צו באַהאַלטן איר איינגעפּאַקטן באַגאַזש, נאָר אויך ווי צו באַרעכטיקן פּאַרן טעכטערל, וואָס האָט איר אַרויסגעהאָלפן אין דער אַרבעט, דעם טראַנספּאָרט פון טייערן געפעס און די קאָלעקציע זעלטענע ביכער, מיט וועלכע זי האָט זיך נישט געוואָלט, צי נישט געקענט שיידן...

— וואָס שלעפּסטו מיט אַזוי פיל זאַכן? — האָט זי סעלמאַ פּאַרדעכטיקט אָנגעקוקט.

— ס׳איז מיר אַ שאָד זיי איבערצולאָזן — האָט די מוטער גערעדט מיט נאָסטאַלגיע. — דער פּאַ וועט דאָך שפּעטער אויסלאָדן אויף זיי זיין גאַנצן כעס...

— און וואָס איז ביי דיר בכלל די איילעניש, מאַ? — האָט זיך סעלמאַ דערמאָנט צו פרעגן. — פאַרוואָס זאָלסטו נישט פאַר־ברענגען מיט אונדז דעם זומער אין וואַלד?

יהודית איז געווען צוגעגרייט אויף אַזאַ פראַגע:

— מייגסטו איך וואָלט עס נישט וועלן, מיין קינד? — האָט זי געענטפערט מיט אומעט. — כ׳האָב געהערט, ס׳איז גרינגער און ביליקער זיך איינצואָרדענען אין פלאָרידע זומער, איידער די טוריסטיק הייבט זיך אָן. דערצו — האָט זיך ביי איר געשטאַרקט דער אומעט. — ווער ווייסט, צי כ׳וועל שפּעטער האָבן אַ מעגלעכקייט זיך אַרויסצורייסן...

מוטער און טאָכטער, האָבן געהאַלטן דעם באַגאַזש און דאָס געפּאַק פאַרהוילן אונטן אין קעלער, וווהין סאַפיר האָט קיין מאָל נישט איבערגעטראָטן די שוועל. זיי האָבן אָפּגעטשאַטשעוועט אויף אַ גינסטיקער צייט, ווען יענער איז נישט געווען אין הויז, און האָבן אַרויסגעשיקט די קאַרגאָ אויפן באַשטימטן אַדרעס.

אויף מאָרגן איז פונעם זעלביקן הויז אָפּגעפאָרן אַ טאַקסי מיט יהודיתן צום פלי־פעלד, אין דער באַגלייטונג פון אירע צוויי קינ־דער. אַנאַטאָל און סעלמאַ האָבן געגעבן עצות דער מוטער, וועלכע איז געווען לויט זייער מיינונג, נאַיִוו און קינדיש אין אַ סך פּרטים, ווי זיך צו פירן אין אַ פרעמדער שטאָט און מיט וועמען זיך יאָ און נישט צו חברן. זיי האָבן נישט געווייגט כדי איר צו ווייזן אַ גוטן ביישפּיל. זיי האָבן סטאָיִש געוואַרט אויפן בריקל ביז דער עראָפּלאַן האָט זיך אויפגעהויבן און איז פאַרשוווּנדן אין די ווייטע הייכן...

אינהאַלט:

אויף פּראָבע 7
דער ערשטער אַרויספאָר ... 13
אין אַ שטעטל אין „יו־עס־איי" . 19
דער משפּט 27
„איך האָב געבעטן גאָט פאַר אייך" 33
ל א ה ל ע 39
צ י ט א 44
די אַוואַנטורע 51
ווי אַ פלאַטערל אַרום פייער .. 57
דער שול־אינספּעקטאָר ... 63
אין דיקסילאַנד 69
דער הויף 76
שפרה קאָרן 82
„אונדזער גאָלד און פערל" . 88
צוגאַסט ביי די לאַנדויס ... 95
דער רעוואָלט קעגן הויף .. 101
אַ באַזוך ביי די עלטערן .. 107
דאָס הויז מיטן גרינעם גאַניק 113
די פרוי און איר יינגעלע .. 119
„גיי אַרויס און לערן..." .. 125
ש י י ד ו נ ג 131
צ ו ר י ק ק ע ר 137
ד ע ר ב ר י ו ו 143
ווערא וואַשבוירן 148
אַ ווייטער אָפּרוף 154
ווען דער עלנט דריקט... ... 159
אין קעמפּ „ניטגעדייגעט" .. 164
אין אַ פלאָנטער 170
די פיל־פנימדיקע מינאַ ... 175
סאָניאַ באַגעגנט זיך מיט מינאַן 180
אַ ו ו ע ק ג ע פ אָ ר ן ... 185
אין „מאָרגנרויט" 190
זיי מיר מוחל תרצה ! ... 196
אין דער נייער שטאָט ... 201
אין אַ ווינטער־אָוונט 206
אין גאָמפּערס־פאַרק 213
„ווי אַ קליינע זון איבער ווייכע
לאַשטשנדיקע וואָלקנס" .. 219
אין ווילדן וואַלד אַליין ... 224
ו ו אַ ק אַ צ י ע 229
צער און בענקשאַפט 235
דער באַשלוס 241
די באַגעגעניש מיט לאהלען .. 246
איינמאָל אין אַ נאַכט... ... 251
„ווער וועט געדענקען דעם צער
פון לערער ?" 257
דער וויכוח 262
יצחק און בתיה מרגליות .. 267
ביים דענקמאָל פון קלארענס
דעראָו 273
דער ריס 278
אַ באַגעגעניש 283
ציליאַ מילבויער 288
אין שטענדיקן געראַנגל ... 293
ווען אַ חבר שטאַרבט 298
באַשערטקייט 303
אין אַ שטורעמדיקער נאַכט .. 308
ס׳איז ווי אַ פינגער פון גאָט...! 314
צו אַ נייַ לעבן 320